STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05456

EMUNE UN APIKORSES

Reuven Agushevits

Permanent preservation of this book was made possible
by Jean Sellinger
in memory of
Murray Sellinger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אמונה און אפיקורסות

אַ באַלייכטונג פון שטאַנדפונקט פון דער אידישער אמונה און
די שוועריגקייטען פאַרבונדען מיט אַפיקורסות, וועלכעס
שטיצט זיך הויפּטזעכליך אויף מאַטעריאַליזם, ווי אויך
די פּראָבלעמען פון אומענדליכקייט, פרייהייט פון
ווילען און אינטעראַקציע צווישען קערפּער
און באַוואוסטזיין

פון

ראובן אַגושעוויטש

מיט אַ פאָרוואָרט פון

דר. יקותיאל גינצבורג

פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין ישיבה־אוניווערזיטעט
און רעדאַקטאָר פון „סקריפּטאַ מאַטעמאַטיקאַ"

בית מסחר ספרים „פּרדס"

י. ז. בוכבינדער, נשיא

28 קאַנאַל סט.

ניו־יאָרק

Copyright, 1949, by
R. AGUSHEWITZ
Brooklyn, N. Y.

Printed in the United States of America by
The Shoulson Press, New York
255

רשימה פון די קאַפּיטלען

איינלייטונג 1

1) רעליגיע און אַטעאיזם 11

2) געטשענדינסט 18

3) אַלט-מאַטעריאַליזם 25

4) ניי-מאַטעריאַליזם 32

5) שפּינאָזעס מעטאַפיזיק 39

6) קראַפט אַלס אַן אייגענשאַפט פון שטאָף 58

7) פאַלשע ארגומענטען לטובת מאַטעריאַליזם 66

8) אומגעלונגענע פּרואוון צו אָבשלאָגען צענאָ'ס אַרגומענט
געגען אומענדליכער טיילבארקייט 73

9) די פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט 80

10) אַ פּרואוו אַריינצוברענגען אַביסעל ליכט אין די פּראָבלע-
לעמען פון אומענדליכקייט און באַוועגונג 90

11) פאַר די וויסענשאַפטען לוינט זיך בעסער אַ טעאיסטישע
געזעץ-הערשאַפט ווי אַ מאַטעריאַליסטישע 100

12) דעטערמיניזם און פרייהייט פון ווילען 110

13) וועגען דער פּשטות פון די מאַטעריאַליסטען 142

14) די רונדע עוואָלוציע — העראַקליטוס 149

15) די שאַפענדע עוואָלוציע — הענרי בערגסאָן 155

16) פּשטות אין מאָראַל — עטיקס פון די מאַטעריאַליסטען . . 170

17) די באַציהונג צווישען אונזער קערפּער און אונזער געדאַנק 184

אַן אינהאַלטס-פאַרצייכעניש קומט מיט יעדען קאַפּיטעל.

אַ וואָרט צום לעזער

אמונה לאָזט זיך גאַנץ גוט אָננעמען אַפילו ווען מען איז אַליין אין דעם ניט איבערצייגט. ווערען דאָך מערסטע זאַכען אָנגענומען — און מוזען אָנגענומען ווערען — בלויז אויף דעם סמך פון גלויבען. אַזוי נעמען מיר אָן אויפ'ן סמך פון גלויבען, אַז עס עקזיסטירען לענדער און שטעדט אין וועלכע מיר זיינען קיין מאָל ניט געווען, אָדער אַז עס זיינען פאָרגעקומען מלחמות וועלכע מיר האָבען קיין מאָל ניט געזעהן אד"ג. מיר געהען אין דעם אַזוי וויט, אַז בלויז אויפ'ן סמך פון גלויבען אַ דאָקטאָר נעמען מיר אויף זיך די שרעקליכסטע יסורים און לאָזען זיך מאַכען די געפערליכסטע אָפּעראַציעס.

אַנדערש איז אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אָבוואָרפען אַן אַלטען גלויבען. ווען עמיצער זאָל אייך זאָגען, אַז די שטאָדט תל אָביב האָט קיין מאָל ניט עקזיסטירט, וועט איר זיין וואָרט ניט אָננעמען, סיידען איר זאָלט גרינדליך פאָרשען און זיך איבערצייגען אַז עס איז אמת. דאָס גילט אודאי ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אמונה, וואָס איז באַפעסטיגט דורך טויזענטער יאָר טראַדיציע. און בפרט ווען מיט אָבוואָרפען אמונה וואַרפט מען אָב די בעסטע מתנה וואָס מענשען האָבען באַקומען: אין אמונה איז דאָ האָפנונג פאַר דעם דערשלאָגענעם און פאַרקריפּעלטען; אין אמונה געפינט אַ טרייסט דער עלענטער און דער באַ'עוול'טער; און אמונה גיט דעם עלטערען אַ געפיל פון נאָך ניט זיין אַן איבעריגער, פון נאָך קענען פּראָגרעסירען דורך פאַרגרעסערען דעם סטאָק פון מצוות.

עס איז דערפאַר אַן אומבעגרייפליכע לייכטזיניגקייט אָבצואוואָרפען אמונה אָהן אַ גרינדליכער פאָרשונג, און מיט דעם דאָזיגען בוך באָט זיך אָן דער מחבר צו העלפען אין דער דאָזיגער פאָרשונג.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך דאַנקען דר. יקותיאל גינצבורג פאַר דעם טיפען אינטערעס וואָס ער האָט גענומען אין דעם דאָזיגען בוך און פאַר זיינע באַלערענדע אָנמערקונגען אין די קאַפּיטלען וועגען אומענדליכקייט.

ר"א.

פאָרוואָרט

די אַלטע און שטענדיק נייע פראַגע, אויב רעליגיע און וויסענשאַפט זיינען זיך סותר אָדער ניט, האָט אין פאַרשידענע תקופות געקראָגען פאַרשידענע ענטפערס. עס איז געווען אַ צייט, — ווען וויסענשאַפט איז נאָך געווען יונג און נאַאיוו, — ווען דער ענטפער איז געווען: יאָ, זיי זיינען זיך סותר, און יעדע פון זיי קאָן געבויט ווערען נאָר אויפן חורבן פון דער צווייטער. אַ וויסענשאַפטסמאַן — האָט מען דאַמאָלס געדענקט — קאָן ניט זיין רעליגיעז, און רעליגיע קאָן ניט לעבען בשלום מיט וויסענשאַפט. דאָס רוב וויסענשאַפטלער זיינען טאַקע געווען אַנטי־רעליגיעז און רעליגיע האָט באַיקאָטירט און באַקעמפט די גאַנצע וויסענשאַפט אָדער געוויסע טיילען פון איר.

עס זיינען שטענדיג געווען אויסנאַמען אין ביידע מחנות, אַזעלכע וואָס האָבען געזוכט אַ פשרה: אַ וויסענשאַפטליכע באַגרינדונג פון רעליגיע אָדער רעליגיעזען הכשר פאַר וויסענשאַפט.

דער מחבר פון דעם וויכטיגען בוך „אמונה און אפיקורסות" פאַרטרעט אַן אידעע וואָס האָט אָנגעהויבען קלאָר ווערען אין די לעצטע יאָהרען, ווען וויסענשאַפט איז געוואָרען רייף גענוג צו ווערען אַליין אַן אָביעקט פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג — ווען עס ווערען געפאָרשט די גרעניצען פון וויסענשאַפט, איהרע יסודות, די ריכטיקייט אָדער אומריכטיקייט פון איהרע מעטאָדען, און די אינסטרומענטען, וועלכע ווערען אין איהר באַנוצט.

פון די דאָזיגע פאָרשונגען ווערט קלאָר, אַז דער נאַאיווער געדאַנק „ליכא מידי דלא רמיזא בוויסענשאַפט," דאָס הייסט, אַז אַלע ערפאַרונגען קענען באַהאַנדעלט ווערען דורך די מעטאָדען פון וויסענשאַפט — אַט דער געדאַנק איז אַ פאַלשער. עס איז דאָ אַ גאַנצע וועלט פון ערפאַרונגען וואָס זיינען ניט אונטערגעוואָרפען צו וויסענשאַפט און קאָנען ניט באַהאַנדעלט ווערען דורך איהר, אָדער דורך איהר אַליין.

אַט די גרויסע וועלט פון ערפאַהרונגען וואָס זיינען ניט דער אָביעקט פון וויסענשאַפט זיינען דער אָביעקט פון רעליגיע.

און אויב אַזוי קען קיין רייד ניט זיין וועגען אַ סתירה צווישען רעליגיע און וויסענשאַפט אָדער אַפילו וועגען אַ הסכמה צווישען זיי. אינדיווידועלע פאָרשער קענען אַמאָל געפינען אין זייער וויסענשאַפט אַן אינספּיראַציע פאַר רעליגיע — ווי עס באַווייזט די גרויסע צאָל פון פיזיקער און מאַטעמאַטיקער וואָס זיינען רעליגיעז געשטימט. אָבער דאָס מיינט ניט אַז רעליגיע

אַלס אַזעלכע נויטיגט זיך אין אַ הסכמה פון דער וויסענשאַפט — עס באַווייזט נאָר אַז עס איז ניטאָ קיין סתירה צווישען די צוויי.

עס איז ניטאָ קיין סתירה ווייל די פעלדער פון די צוויי גרויסע גייס־טיגע אַקטיוויטעטען זיינען ניט די זעלבע.

וויסענשאַפט איז באַגרענעצט. עס האָט צו טהאָן מיט ערפאַרונגען וואָס קענען דערגרייכט ווערען פון אונזערע חושים. וועגען און מעסטען און שאַצען זיינען די אָפּעראַציעס וואָס באַשטימען די גרענעצען פון וויסענשאַפט.

רעליגיע איז אונבאַגרענעצט. רעליגיע האָט צו טהאָן מיט זאַכען וואָס זיינען אויסער דעם קרייז פון די וויסענשאַפטען. די דערקענטעניש, אַז אויסער דעם קרייז פון וויסענשאַפט געפינט זיך אַ וועלט פון ערפאַרונגען וואָס ציט זיך אָהן איין ענד, איז דער אָנהויב פון רעליגיע. אַזוי שנעל ווי דער מענש דערגרייכט די פאַרשטענדניס אַז ער קען קיינמאָל ניט דער־גרייכען דעם ענד, אַז עס איז ניטאָ קיין ענד, אַז עס איז דאָ איין אומענד־ליכקייט — האָט ער אַריבער געשפּרייזט דעם גרעניץ פון וויסענשאַפט, און ער געפינט זיך שוין אויף דעם ערשטען שטאַפּעל פון רעליגיע.

דער מחבר האָט אויף דעם דאָזיגען אופן פאַנאַנדערגעטיילט וויסענשאַפט און רעליגיע איינע פון דער צווייטער, יעדע איז אַליין אַ בעל־הבית׳טע אויף איהר געביט. און זיי האָבען ניט קיין אורזאַכע צו פירען מלחמות איינע מיט דער צווייטער. דאָס מיינט אָבער ניט אַז עס קאָן ניט זיין קיין קאָאָפּע־ראַציע צווישען די צוויי, אַז איינע קאָן ניט לייען פון דער צווייטער כלים און אינסטרומענטען. — ווי עס פירט זיך צווישען בעל־הבית׳טעס. דער וויסענשאַפטסמאַן וואָס ווערט ענטציקט פון דער וואונדערבאַרער וועלט־אָרדנונג וואָס ער פאַרשט אויס, באַנוצט אָפט רעליגיעזע אויסדרוקען פאַר זיין ענטהוזיאַזם. דער רעליגיעזער דענקער מוז קאָנען און מוז נוצען אין זיין דענקען וויסענשאַפטליכע מעטאָדען, אָהן וועלכע זיין דענקען וואָלט געווען שוואַך און ניט איבערצייגענד. אַזוי אָרגאַניזירט דער רעליגיעזער דענקער זיינע אידעען אין דער פאָרם פון אקסיאָמען — זאַצען וואָס ווערען אָנגענו־מען אַלס זעלבסטפאַרשטענדליך — און זאַצען וואָס קאָנען באַווייזען ווערען אויף דעם יסוד פון די אַקסיאָמען. און, פאַרשטעהט זיך, אַז פּונקט ווי דער וויסענשאַפטסמאַן אַזוי מוז אויך דער רעליגיעזער דענקער אָנערקענען, אַז ניט אַלעס קען באַגריפען ווערען דורך אונזער מח.

אין דעם דאָזיגען בוך האָט דער געעהרטער מחבר באַוויזען אַז ער איז אַ מייסטער אין דעם מין רעליגיעז־וויסענשאַפטליכען דענקען און איך בין זיכער אַז אַלע ערנסטע לעזער וועלען האָבען די זעלבע הנאה פון זיין שטרענג לאָגישען דענקען און פון זיין גלענצענדער הסברה וואָס דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות האָט געהאַט.

יקותיאל גינצבורג.

דער דאָזיגער בוך איז געווידמעט דעם אָנדענקען פון אונזערע זעקס מיליאָן קדושים, צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויך געפונען מיינע צוויי שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס, וועמען די נאַצישע רשעים האָבען אומגעבראַכט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אידען פון סיסלעוויטש, גראָדנער גובערניע, פון וועלכע אַ טייל זיינען אויס־געשאָסען געוואָרען אין אַ דערבייאיגען וועלדעל, דעם 22־טען חשון תש״ג, און אַ טייל זיינען אומגעבראַכט געוואָרען אַביסעל שפּעטער אין די גאַז־אויוונס. תנצב״ה.

מיין עלטערע שוועסטער יענטע שבח
מיט איר פאַמיליע ע״ה

מיין אינגערע שוועסטער רבקה לאה ע״ה

די קהילות פון די דאָזיגע אַלע אידיש־רעדענדע שטעדט און שטעדטלעך זיינען אויסגעריסען געוואָרען מיטן וואָרצעל. אַלץ וואָס איז פון זיי געבליבען איז זייער אנדענקען, ד״ה זייער געשיכטע; און פונקט ווי קינדער האַלטען טייער דעם אנדענקען פון אַ מאַמען און זיי זוכען אויס אַלץ וואָס האָט מיט דעם צו טאָן, אַזוי האָבען מיר, די קינדער פון די דאָזיגע קהילות, באַדאַרפט אויסזוכען זייער געשיכטע. בין איך אָבער ניט קיין היסטאָריקער און עס האָבען מיר ניט געהאָלפען אַלע מיינע באַמיהונגען זיך צו דערגרונטעווען

צום קוואַל פונוואַנעט עס איז אַרויסגעפלאָסען דאָס אידישע סיסלעוויטש. אַלץ צו וואָס איך האָב זיך דערשלאָגען איז אַ דאַטום פון יאָר תק"ע (1809 אָדער 1810), אין וועלכען עס איז געדרוקט געוואָרען דער ספר „מראות הצובאות" להג"מ ר' משה זאב ב"ר אליעזר, און אויף וועלכען עס איז דאָ אַ הסכמה פון הרה"ג ר' יחזקאל „קצנאלנפוגין," אב"ד דק"ק סוויסלאָץ.*

מיט זיבען און פערציג יאָר שפּעטער, אין יאָר תרטו"ב, האָט שוין סיסלעוויטש געהאַט אַלס רב דעם באַרימטען גאון פון יענעם דור, ר' מאיר יונה שאַץ ז"ל, דער מחבר פון די ספרים: „שער החדש ופתח הדביר" אויפ'ן „עיטור", דער „הר המוריה" אויפן רמב"ם אין דיני קדשים, דער „מי השילוח" אויף די אגדות פון מסכת ברכות, און „פסח ליל שימורים" אויף דער הגדה של פסח. אויסער די דאָזיגע ספרים, וועלכע ער האָט באַוויזען צו פאַרעפענטליכען, זיינען געבליבען פון אים אין כתב יד, „צוגעגרייט צום דרוק . . . אַ קורצער פירוש אויף גאַנץ ירושלמי; אַ גרויסער ספר, אַ פירוש אויפן הלכות גדולות, וואָס ער האָט מחבר געווען נאָך זייענדיג ראב"ד פון בריסק דליטא; אַ ספר „מי השילוח," חידושי אגדות אויף סדר מועד; און נאָך פיל חידושי הלכות אויף גאַנץ ש"ס און שאלות ותשובות און הגהות אויפן ראַנד פון ש"ס און פון רי"ף און פון רא"ש און פון ר"ן און פון זוהר און תיקוני זוהר און אויפ'ן „מחזור כל בו".** ר' מאיר יונה איז נפטר געוואָרען

---

* סוויסלאָטש איז דער נאָמען וואָס סיסלעוויטש האָט געהייסען ביי די רוסען. עס דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז ר' יחזקאל ז"ל איז געווען דער דריטער זון פון דעם באַרימטען בריסקער רב ר' אברהם קאצענעלענבויגען ז"ל, וועלכער האָט געהאַט זיבען זין (זעה ז. 17 אין „דעת קדושים" פון אייזענשטאַט און ווינער) און וועלכער איז שוין אין יאָר תפ"ז געווען פאַרהייראַט, ווייל דער דאָזיגער יאָר ווערט אין אַלע קוועלען אָנגעגעבען אַלס דער דאַטום אין וועלכען ר' אברהם איז געקומען צו גאַסט צו זיין שווער אין ווילנע און ער איז דאָרט געוואָרען אַזוי ענטציקט פון דעם זיבען-יאָריגען עילוי, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען באַרימט אַלס דער ווילנער גאון ז"ל, אַז ער האָט אים מיטגענומען מיט זיך קיין קיידאַן. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז ר' יחזקאל האָט שוין אין יאָר תק"ע געמוזט זיין אַ זקן. דאָס זעהט מען אויך פון דעם, וואָס אויף דעם זעלבען ספר „מראות הצובאות" איז אויך דאָ אַ הסכמה פון בריסקער רב ר' אריה ליב ז"ל, וועלכער איז געווען אַ זון און אַ ממלא מקום פון ר' יחזקאל'ס ברודער ר' יוסף ז"ל. און היות ווי קיין אַנדער רבנות ווי סיסלעוויטשער האָט ר' יחזקאל נישט פאַרנומען — ווייל קיין אַנדער רבנות ווערט אין „דעת קדושים" ניט אָנגעגעבען — שיקט זיך אַז ער איז שוין דאַן געווען אַ לאַנגע צייט רב אין סיסלעוויטש, ווייל די ערשטע רבנות האָט מען געוועהנליך אָנגענומען אין דער יוגענט. אויך זעהט מען, אַז ר' יחזקאל איז דאַן געווען זעהר חשוב און באַרימט צווישען בני תורה, ווייל אַ חוץ דעם וואָס ר' משה זאב איז אַליין אויך געווען אַזאַ גדול בתורה אז ער איז געוואָרען אב"ד דק"ק ביאַליסטאָק, האָט ער נאָך געזוכט די הסכמה פון ר' יחזקאל'ן נאָך דעם ווי ער האָט שוין געהאַט די הסכמה פון דעם זעהר באַרימטען בריסקער רב. דאָס ווייזט ממילא אַז סיסלעוויטש האָט שוין דאַן פאַרמאָגט זעהר אַ חשוב'ע קהילה.

** זעה „הספד מר על ר' שמואל מאָליווער", געשריבען פון ר' מאיר יונה'ס זון, הרב הג' ר' מרדכי ז"ל, וועלכער איז אויך געווען רב אין סיסלעוויטש.

אין תרנ״א אָדער תרנ״ב,* און פון תרטו״ב ביז זיין פּטירה האָט ער אָנ־געהאַלטען סיסלעוויטשער רבנות — אויסער פאַר אַ געוויסער צייט אינצווי־שען, ווען ער איז געווען ראב״ד פון בריסק דליטא. דאָס ווייזט ווי ווייט חשוב סיסלעוויטשער קהילה איז שוין געווען אין יענער צייט; און דאָס זעהט מען אויך פון דעם שידוך צווישען סיסלעוויטש און בריסק דליטא, ווייל בריסקער רבנות איז דאַן געווען די חשוב'סטע אין גאַנצען געגענט.

און אָט וואָס ר' מאיר יונה אַליין שרייבט וועגען סיסלעוויטש אין זיין הקדמה צום „פתח הדביר," וועלכער איז געדרוקט געוואָרען אין תרל״ד: „דורשין בכבוד אכסניא, היא אנשי ק״ק סוויסלאָץ, אשר אנוכי יושב בקרבם משנת תרטו״ב, וכל מחסורי עליהם. והם עדה נכבדה, ובם מופלגי תורה ויראי ה', מחזיקי תורה, גם בבית מדרשם אוצר מלא ספרים חדשים וגם ישנים".

די „מופלגי תורה" פון יאָר תרל״ד האָב איך שוין מסתמא ניט געקענט. איך האָב זיך נאָר אָנגעהערט איבער די לומדות פון מיין זיידען ר' חיים שמואל ע״ה (דער פאָטער פון מיין מוטער, רחל ע״ה), וועגען וועמענס גרויסקייט אַלטע אידען פלעגען דערצעהלען מעשה'לעך און וועלכער האָט געהאַט דעם זכות, אַז אין אַלטען בית המדרש, וואו ר' מאיר יונה האָט גע־דאַווענט, האָט מען אויף אים געוואָרפט מיט חזרת הש״ץ.** אויך האָב איך שפּעטער געהערט וועגען ר' ברוך עין, וועלכער האָט געלעבט די לעצטע צייט אין אמדור. אַז ר' ברוך איז געווען פון די סיסלעוויטשער מופלגי תורה פון ר' מאיר יונה'ס צייטען זאָגט עדות זיין ספר, מיטן טיטול, „דבר מצוה, בענין מנין תרי״ג מצוות וביאור דברי הרמב״ם בספר המצוות וי״ד

---

* אין דעם דערמאָנטען ספר „הספד מר" שרייבט ר' מרדכי: „אלו השבעה גאונים גדולים וצדיקים תמימים המפורסמים בדור הזה שנעדרו ממנו בשבעה שנים הללו... הראשון היה... מוה״ר מאיר יונה". ר' שמואל מאָליווער, וועמען ער רעכענט דעם לעצטען פון די זיבען, איז נפטר געוואָרען אין י״א סיון ה'תרנ״ח. ר' מאיר יונה איז אלזאָ נפטר געוואָרען מיט אַרום זיבען יאָר פאַר דעם דאָזיגען דאַטום. אין יאָר תר״ן האָט נאָך ר' מאיר יונה געדרוקט זיין „הר המוריה".

** דאָס האָט מיר איבערגעגעבען ר' דוד ברעשקאָווסקי, איינער פון די עלטערע סיס־לעוויטשער אידען, וועלכער איז אַ שמש אין דער שול „בית ישראל," וועסט 93־טע סטריט, נ. י. אויף ר' דוד'ס עדות־זאָגען קען מען זיך פאַרלאָזען, ווייל ער איז שוין דאַן קיין קטן ניט געווען, און פון זיידענ'ס פּטירה איז נאָך ניט אַריבער קיין זעכציג יאָר, „עד שיתין שנין מידכיר" (כתובות כ':). בכלל בין איך זעהר צופרידען וואָס איך האָב זוכה געווען צו קענען ר' דוד'ן פון דער נאָהענטען, ווייל אין אים שפּיגלען זיך אָב די סיסלעוויטשער יראי ה', וואָס ר' מאיר יונה דערמאָנט. ווייזט אויס, אַז ר' דוד האַלט שטאַרק פון דער מימרא, „לא איברי סיהרא אלא לגירסא" (עירובין סה:), זיצט ער אַלע נאַכט ביז אַרום צוויי אַזייגער איבער אַ משניות, נאָר פונדעסטוועגען האַלט ער זיך נישט פאַר קיין תלמיד חכם, וואָס ער זאָל נישט טאָרען פאַסטען (תענית יא): פאַסט ער בה״ב, פאַסט ער אַלע ערב ראש חודש (יכ״ק) און ער פאַסט בכלל ביי יעדער געלעגענ־הייט. ער פלעגט פאַסטען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, האָט אָבער די צווייטע פרוי זיינע אָנגעשטאַנען און האָט עס מבטל געווען.

שרשים אשר השריש, מאת ברוך ב״ר אליהו עין מסוויסלאץ, וואַרשע, תרמ״ד״. כדי אָבצושאַצען ר׳ ברוכ׳ס גאונות וועט זיין גענוג צו דערמאָנען פאָלגענדען פאַקט: ווען סיסלעוויטש האָט אָבגעברענט, אין זומער פון תר״ע, און עס איז פאַרברענט געוואָרען דער אַלטער בית המדרש מיט דעם „אוצר מלא ספרים חדשים וגם ישנים״, איז ר׳ ברוך געקומען צו הילף מיט אַ מתנה פון איבער פינף הונדערט פאַרשיידענע ווערטהפולע ספרים. מיין עלטערער ברודער ר׳ יהודה לייב איז דאַן געוועזן דער גבאי פון די ספרים אין אַלטען בית מדרש און ער האָט זיי באַדאַרפט נומערירען. איז אָבער מיין ברודער אויך אַ גרויסער למדן (ער איז היינט דער רבי פון חברה ש״ס אין „שומרי אמונה״ פון בארא־פאַרק) און ער האָט ליב מעיין זיין אין ספרים. איז ער געוואָרען נשתומם געפינענדיג ר׳ ברוכ׳ס ספרים אַלע פול מיט זיינע גאונישע הגהות. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס האָט אַרויס־גערופען התפעלות ביי אַלע סיסלעוויטשער לומדים — און פאַרגעסט ניט אַז דאָס איז נאָר געוועזן אַ טייל פון ר׳ ברוכ׳ס ספרים.

ר׳ משה זלמן רובינשטיין ז״ל, ווען איך האָב נאָך זוכה געוועזן צו קענען, האָט אודאי, לויט זיין עלטער, אויך געמוזט זיין פון די מופלגי תורה פון תרל״ד. וועגען ר׳ משה זלמנ׳ס לומדות און צדקות זיינען אין שטעדטעל אַרומגעגאַנגען לעגענדעס, וועלכע איך האָב אויסגעפונען אַלס ניט ריכטיג — אָבער דער דאָזיגער פאַקט גופא ווייזט ווי גרויס ער איז געוועזן.* ר׳ משה זלמן איז אויף דער עלטער געזעסען און געלערענט יומם ולילה אין אמסטיוועווען בית מדרש. דאָרט האָט אויך געדאַווענט און געלערענט מיין רבי ר׳ משה דוד ע״ה, וועלכער איז געוועזן דער גרעסטער מלמד פון שטעדטעל און וועלכער איז געוועזן שטאַרק באַהאווענט אין ראשונים און אחרונים.

אין נייעם בית מדרש האָבען ווידער געדאַווענט עטליכע מוסמכים: ר׳ דוד מייזעל — אַ מענש מיט אַן אָפענעם קאָפּ — און שמואל מעלשיינקערס ביידע איידימס, ר׳ מאיר ליבוש און ר׳ אברהם אלקאניצקי.** דאָרט האָט

---

* אין נויאָרק געפינט זיך זיינס אַן אייניקעל, וועלכע איז פאַרהייראַט צו אברהם עין, דער סעקרעטאַר פון „הילף פאַר סיסלעוויטשער לאַנדסלייט.״ אברהם עין איז אויך אַ קרוב פון ר׳ ברוך עין. צו דער זעלבער פאַמיליע האָט אויך געהערט דער גרוי־סער בארא־פאַרקער תלמיד חכם און משכיל ר׳ זאב עין ע״ה, וועלכער איז מיט דריי און אַ האַלב יאָר צוריק נפטר געוואָרען אין באָראָ־פאַרק. זיין עלטערער ברודער, ר׳ משה עין, וועמען איך האָב געטראָפען ביי אַ גמרא, האָט מיר געגעבען וויכטיגע אינפאָרמאַציע און דעם שלשלת היוחסין פון זיין קרוב ר׳ ברוך עין.

** ר׳ שמואל מעלשיינקער אַליין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ טיפּ וואָס דאַרף דערמאָנט ווערען. אַ איד אַ מושלם בכל המעלות, האָט ער אַלע זיינע השלמות אָבגעגע־בען דעם נייעם בית מדרש, וועלכער האָט טאַקע דערפאַר אויך געהייסען שמואל׳ס בית מדרש: ער איז דאָרט געוועזן דער בעל־קריאה, דער ימים־נוראים׳דיגער בעל־תפילה, ער האָט דאָרט געלערענט משנייות פאַרן עולם און האָט געזעהן אַז דאָרט זאָלן זיצען

אויך געדאַוונט ר׳ שלמה בעלקין, דער פֿאָטער פֿון הרב דר. שמואל בעלקין, פּרעזידענט פֿון ישיבה אוניווערזיטעט. ר׳ שלמה בעלקין איז געווען באַקאַנט הויפּטזעכלעך אַלס קענער פֿון לשון קודש און לערעריי איז טאַקע געווען זיין פֿאַך; אָבער שוין זייענדיג אין די מיטעלע יאָרען, פֿאָרט ר׳ שלמה אַרויס אין סלאָנים און דאָרט נעמט ער סמיכה.

נאָר די גרעסטע צאָל לומדים פֿון שטעדטעל האָט זיך געפֿונען אין אַלטען בית מדרש. דאָרט האָט געדאַוונט ר׳ מרדכי סלוצקי (מאַטיע אסתר רחל׳ס), „אַ חכם און אַ סופר" וועלכער איז אַליין געווען אַ מחבר און ער האָט אויך באַאַרבייט און רעדאַגירט ספרים פֿון אַנדערע.* דאָס האָט אויך געטאָן ר׳ ישראל זעלצער, דער שמש פֿון בית מדרש. דער אַלטער בית מדרש האָט אויך פֿאַרמאָגט דעם גרעסטען מתמיד פֿון די שטעדטעלשע בעלי־בתים, ר׳ לייבע חייקעס, און דאָרט האָט אויך געדאַוונט ר׳ יאשע דרעטשינער, פֿאַר וועמען אַלע האָבען געהאַט גרויס דרך ארץ; אַפילו דער רב פֿון שטעדטעל, הרב הג׳ ר׳ יוסף ראָזין, וועלכער איז היינט רב הכולל פֿון פּאַסעאיק, האָט זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט זיינעם. פֿאַר דעם גרעסטען

און לערנען בחורים פֿון דער פּרעמד׳ס. ווען דער בית מדרש האָט אָבגעברענט האָט ער זיך איינגעשפּאַנט צו שוואַרצע אַרבעט (געווען אַ איד אַ גבר) און האָט געטראָגען שטיינער, ציגעל און ליים. פֿאַרשטעהט זיך אַז אויף זיינע פּלייצעס זיינען געלעגען אויך פֿיל אַנדערע קהל׳שע אַרבעטען און אַז אַלץ האָט ער געטאָן ניט פֿאַר עולם־הזה. עס דאַרף אויך צוגעגעבען ווערען, אַז ביי אונז איז ר׳ שמואל ניט געווען אַן אויסנאַם אין דעם דאָזיגען הינזיכט, ר׳ יוסף קאַצענעלענבויגען (יאָשקע גראָדזענקעס, אַן אָבשטאַמער פֿון דעם דערמאָנטען בריסקער רב ר׳ אברהם קאַצענעלענבויגען) האָט אויך אָבגעגעבען זיין לאַנגען לעבען פֿאַר אַרבעט לטובת דער תלמוד תורה, ציוניזם אד״ג; ער איז טאַקע געווען אויך אַ דעלעגאַט אויף איינעם פֿון די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסען. אויף מיין טאַטען ע״ה, וועלכער האָט געאַרבעט זעהר שווער אויף פּרנסה, האָט מען אויך אַרויפֿגעלעגט חשוב׳ע קהל־אַרבעט: גבאות פֿון אַלטען בית מדרש, פֿון מעות חיטים און פֿון צדקה גדולה (דער טאַטע ע״ה איז געווען זעהר אַ שטילער און באַשיידענער און קיין גביר איז ער אודאי ניט געווען — פֿון די פֿינף־זעקס רובעל אַ וואָך וואָס ער האָט פֿאַרדינט, פֿלעגט ער, ווי הלל אַמאָל, אַרום די העלפֿט אַוועקגעבען פֿאַר שכר לימוד — ווייס איך טאַקע ניט ווי קומט עס וואָס מען האָט אויף אים אַרויפֿגעלעגט אַזוינע חשוב׳ע גבאות׳ען). מיין טאַטענס אַ תלמיד אין קהל׳שע אַרבעט איז געווען ר׳ פֿייוועל לעוו (פֿייוועל דער גוראַל־ניק), האָט ער דערנאָך אויף זיך גענומען אַלע צרכי צבור. עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערען ר׳ מלך דער וואַלקער, אַ איד אַ צדיק, וועלכער האָט געטאָן, אַזוי צו זאָגען, די שוואַרצע אַלטרואיסטישע אַרבעט: האָט מבקר געווען חולאים (אַפילו אין דער צייט פֿון עפּידעמיעס, ווען דאָס איז געווען אַ גרויסע געפֿאַר) און אַזוי שווערע הערצער וועמען מען האָט באַדאַרפֿט טרייסטען; האָט ער געזעהן אַ אידען אַרבעטען אַרום הויז, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און מקיים געווען דעם „עזוב תעזוב."

* ר׳ מרדכי׳ס ספר איז קאַטאַלאָגירט אין דער ביבליאָטעק פֿון אידישען טעאָלאָגישען סעמינאַר, אונטער דעם טיטול: „אזהרות לחג השבועות, לרבינו אליהו הזקן, עם פירוש הידור זקן, הצאתי לאור, מחדש ומבואר, בשם הידור זקן, מרדכי סלוצקי מסוויסלאָץ. וואַרשע, תר״ס".

למדן פון בית מדרש איז געווען פאַררעכענט ר׳ ירחמיאל, וועלכער איז געזעסן אין מזרח שני, אויף דער זעלבער באַנק וואו עס איז געזעסן מיין טאַטע ע״ה.

וועגן מיין טאַטן וועל איך זיך דערלויבן איבערצוגעבן פאַל־גענדען פאַקט. זייענדיג אַמאָל אין ביאַליסטאָק בין איך אַריינגעגאַנ־גען אין אַ בית מדרש זיך צו ווײַ־זען מיט מיין כח זיך צו מפלפל זיין, וועלכען איך האָב געבראַכט ערשט פריש פון מירער ישיבה. זיך דער־וויסענדיג אַז איך בין אַ סיסלעוויי־טשער, פרעגט מיר איינער פון די עלטערע בעלי בתים — וועמענס בין איך פון סיסלעוויטש? אליה דעם האראָדנערס. — ר׳ אליה דעם האראָדנערם? הלואי קענסטו אין צען יאָר אַרום אַזוי ווי דיין טאַטע.

מיין טאַטע ר׳ אליה ז״ל

ב.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו באַשרייבען אונזער שטעדטעל, איבערהויפּט ווען פאַר מיר האָט עס שוין געטאָן מיין פריינד אברהם עין.* איך וועל דאָ

---

* זעה אברהם עינ׳ס, „דאָס שטעטעל סיסלעוויטש״, אין „ייווא בלעטער״ פון סעפּט.־אָקט. 1944, ווי אויך, „דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון סיסלעוויטש״, מאַי־יוני, 1945. איך האָב אברהם עינ׳ען אויפמערקזאָם געמאַכט אויף מאַנכע חסרונות, וועלכע ער וויל אַליין אַז איך זאָל דאָס ממלא זיין. אַזוי האָט ער, באַשרייבענדיג אַ חתונה אין סיסלעוויטש, פאַרפעלט צו דערמאָנען „די אָרעמע וועטשערע״, וועגן וועלכער אַמעריקאַנער אידען מעגען אודאי וויסען; די נאַכט פאַר דער חתונה פלעגט זיין אַ מנהג צו מאַכען אַ סעודה פאַר אָרעמע לייט — אַ סעודה וועלכע איז געווים ניט געווען ערגער, און מאַנכעס מאָל נאָך בעסער, ווי די סעודה וואָס מען פלעגט מאַכען אויף מאָרגען פאַר די מחותנים און געסט. פאַרגעסט ניט אַז מיט דער דאָזיגער סעודה האָט מען געזוכט ניט זיך אויסצופיינען פאַר אימיצען, נאָר אויסצונעמען ביים ריבונו של עולם, אַז וועמענס רצון עס הענגט דאָך אָב דער גאַנצער גליק פון דער יונגער פּאָר. האָט מען אויסער דער סעודה געטיילט פיינע נדבות די אָרעמע לייט. זיינען זיך צו דער סעודה צוזאַמענגעקומען אָרעמע לייט פון די אַרומיגע שטעדטלעך, צווישען וועלכע עס פלעגען זיך געפינען געוועהנליך אויך בדחנ׳ישע טאַלאַנטען, פרעהליכע קבצנים, וועלכע האָבען געוואָלט ווייזען וואָס זיי קענען און ממילא האָבען זיי דעם גאַנצען עולם שטאַרק משמח געווען. איך אַליין בין געווען

נאַר איבערגעבען די ערשטע דעראינערונג פון מיין לעבען — אַ דעראינערונג פון אַ שפּיל אין וועלכען מיין טאַטע אַליין האָט גענומען אנטייל און דערפאַר האָט עס געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק — וואָס פאַר אַ שפּיל?

ווי איר ווייסט, ווען עס האַלט ביים איבערזאָגען די גמרא איינציגווייז דאַרף דער בעסטער זאָגען ערשט. זיינען אָבער דאַן געווען צוויי בעסטע ביים טאַטען אין חדר, מיין עלטערער ברודער חיים שמואל און אַרקע דעם רב'ס (אַ זון פון סיסלעוויטשער רב הרב הג' ר' שניאור זלמן פינעס ז"ל), און עס איז קיין אַנדער עצה ניט געווען ווי נאָר צו וואַרפען גורל ווער פון די צוויי זאָל האָבען די זכיה צו זאָגען ערשט.

די דאָזיגע צוויי חברים האָבען זיך פאַרנומען אויף באַזונדערע וועגען. מיין ברודער חיים שמואל האָט צוטיילט זיינע כחות צווישען תורה און השכלה: ער האָט באַקומען סמיכה פון לידער ישיבה און אַ דיפּלאָמע פון אַ סעמי־נאַר אין ארץ ישראל; האָט געשטודירט כעמיע אין פּיטסבורג און איז צוריק אַריבער אויפן פעלד פון חינוך. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען מנהל פון דער גימנאַזיע אין פתח תקוה. דאַ־געגען, האָט אַרקע דעם רב'ס זיך פאַרנומען בלויז אויף דעם וועג פון תורה, וואו ער האָט זעהר שטאַרק מצליח געווען. אין סלאָבאָדקע איז ער שוין געווען באַרימט אַלס דער סיסלעוויטשער עילוי, איבער וועמען מען האָט זיך אנדערצעהלט מעשיות אויך אין אַנדערע ישיבות. און היינט ווערט ער באַטראַכט אַלס דער גרעסטער ראש ישיבה — דאָס איז דער גאון הדור ר' אהרון קאָטלער.

אַן אַנדער חבר פון מיין ברודער, הרב הג' ר' פּיוועל רובין ז"ל, האָט אויך אין לידע און אין פּאָניוועזש גע'שמ'ט אַלס אַן עילוי און אַלס אַ גדול בתורה. אומשטענדען האָבען אָבער געפירט ער זאָל זיך אָבשטעלען ביים זיידענס גאַרבאַרניעס, וואו עס איז אים באַשערט געווען צו פאַרבלייבען ווי „אַ פלעשעלע פאַרפיום אין אַ שמוציגען פּלאַץ." (סנהדרין קח)

צו אַזאַ „אָרעמע וועטשערע" אויף מיין ברודער'ס חתונה — איז דאָס געווען די בעסטע סעודה וואָס איך האָב ביז דאַן געהאַט, אַפילו בעסער ווי די סעודה פון „חברה לינה" אויף וועלכער מיין טאַטע פלעגט מיר אַמאָל מיטנעמען.

ער האָט אויך פאַרגעסען צו דערמאָנען פיל פון די צדקות אין סיסלעוויטש, ווי מעות חיטים, צדקה גדולה און הכנסת אורחים. גראָד איז מיר אויסגעקומען צו זעהן די דאָזיגע צדקות פון דער ערשטער האַנד: ווי געזאָגט, איז מיין טאַטע ע"ה געווען דער גבאי פון מעות חיטים און צדקה גדולה, און מיין רבי, ר' זעליג ע"ה (דער אליבודער מלמד), איז געווען דער גבאי פון הכנסת אורחים — האָב איך געזעהן אויף וואָס פאַר אַ פיינעם אופן די מנדבים האָבען געגעבען און אויף וואָס פאַר אַ פיינעם אופן די מקבלים האָבען באַקומען. איך האָב געזעהן ווי אָהן קיינע „אַפילס" האָבען סיסלעוויטשער בעלי בתים געבראַכט זייערעביישטייערונגען צו מעות חטים (געוועהנליך די זעלבע ביישטייערונג ווי פאַר אַ יאָרען) און איך האָב געזעהן וואָס פאַר א כבוד דער טאַטע האָט אָבגעגעבען די איידעלע פרעמדע אורחים, וועלכע זיינען געווען די מקבלים פון צדקה גדולה.

אויך מיינער אַ חבר האָט שטאַרק מצליח געווען אין תורה און איז געוואָרען אַ חשוב'ער ראש ישיבה. דאָס איז הרב הג' ר' שמעון לאַנג־באַרד, ראש ישיבה פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, וועלכער געפינט זיך היינט אין ישראל. ר' שמעון (אינגעלוויז באַקאַנט אַלס שמעון אריה'ס, אַן אייניקעל פון מיין רבי'ן ר' גדליה סענדער ע"ה) איז שטענדיג געווען בעסער פון מיר אין די חדרים און אין די ישיבות וואו מיר האָבען געלערענט צוזאַמען. פונקט אַזוי זיינען געווען בעסער פון מיר, אין פיל הינזיכטען, מיינע חברים יצחק אנצעוויטש, משה סלוצקי, שמעון וואַטניק און יהודה בעלקין ע"ה.

דער לעצטער איז געווען אַן עלטערער ברודער פון הרב דר. שמואל בעלקין. דר. בעלקין האָט שוין געהערט צו אַ אינגערער גרופּע, צו וועלכער עס דאַרפען צוגערעכענט ווערען מיין ברודער'ס קינדער: דר. אברהם יצחק אייגוס, מחבר פון דעם פּרעמירטן בוך “Rabbi Meir of Rothenburg,” הרב דר. יעקב דוב אייגוס, מחבר פון די טיפזיניגע ווערק Banner of Jerusalem און Modern Philosophy of Judaism און דער באַוואוסטער באָראָ־פּאַרקער מעדיקער און משכיל דר. חיים שמואל אייגוס. צו דער זעל־בער גרופּע דאַרף אויך צוגערעכענט ווערען מיין געוועזענער תלמיד, דער פיזיקער און משכיל דר. פייוועל פּאַנטער.

דאָס איז בלויז אַ קליינער חלק פון אינטעלעקטועלע פּרוכט וואָס איז אַרויסגעוואַקסען אויף דער בוימעלע מיט'ן נאָמען סיסלעוויטש — פּרוכט וואָס האָט זיך געפונען דירעקט אַרום מיר און פון וועלכע איך בין געווען אַן עד ראיה. איך מוז אָבער צוגעבען אַז אַרום מיר איז זעהר שיטערליך, ווייל איך האָב זיך זעהר ווייניג געפונען אין שטעדטעל און זעהר ווייניג האָב איך געקענט; * איך האָב אַפילו ניט געקענט אַלע חבירים פון מיין אינגערען ברודער יצחק דוב, וועלכער איז אָבגערוקט פון מיר אין גאַנצען מיט דריי יאָר (ער געפינט זיך איצט מיט זיין פרוי אין שכונת ברוכוב). און נעמענדיג אין באַטראַכט אַז סיסלעוויטש האָט פאַרנומען בלויז אַ קליין פּינטעלע אין דער מאַפּע פון אידישע שטעדט און שטעדטלעך וואו דער נאַצישער מאַנסטער האָט געבושעוועט קען מען זיך שוין מאַכען אַ השגה וואָס פאַר אַ גאַרטען אינטעלעקט די דאָזיגע ווילדע חיה האָט צוריהעט.

צו לעצט וויל איך אויך דערמאָנען מיין יונג־פאַרשטאָרבענעם ברודער שמאַי און זיין פרוי אסתר ע"ה, וועלכע האָבען עפּעס אַ חלק אין דער דאָ־זיגער אויסגאַבע.

---

* אַלס ביישפּיל וועל איך דאָ אָנגעבען בלויז דוד לואיס (לאָש), אַ באַרימטער לאָיער און דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער קאַנאַדער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וועגען וועמען איך קען נאָר רעדען ווי אַן עד מפּי עד, כאָטש לויט דער צייט וואָס מיר האָבען פאַרלאָזען סיסלעוויטש, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך אים שוין געמעגט קענען פּערזענליך.

איינלייטונג

די נסים פֿון אונזער קיום אין גלות. — די רפֿואה פֿאַר דער מכה. — די צרות און די גאולה זיינען אונז פֿאָראויסגעזאָגט געוואָרען. — דער נס פֿון אונזער גאולה. — דערקלערונגען פֿאַר אונזער קיום און פֿאַר אונזער גאולה. — זיי דערקלערען ניט אַלץ. — די דערקלערונגען פֿאַר אונזער קיום זיינען אַלע פֿאַרבונדען מיט דעם איינפֿלוס פֿון רעליגיע. — אידען האָבען איבערגעלעבט אַנדערע פֿעלקער וואָס האָבען זיך געפֿונען אין זייער לאַגע צוליב דעם וואָס זיי זיינען געווען רעליגיעזער. — צוליב אַ פֿאַלשער פֿילאָזאָפֿיע איז רעליגיע היינט ביי אידען שוואַכער ווי ביי אַנדערע.

א.

מענשען זיינען זיך נוהג, אַז ביים סוף פֿון אַ פּעריאָדע מאַכען זיי אַ חשבון: זיי טאַפּען איבער זייערע האַנדלונגען, זיי בישטערען אַדורך די געשעהענישען, וועהרענד דער דאָזיגער פּעריאָדע, און זיי זעהען פֿון דעם אַלעמען צו ציהען שלוסען אויף ווייטער. דאָס טהוט יעדער גוטער געשעפֿטסמאַן; ביים סוף יאָהר קוקט ער איבער די ביכער. מיר אידען האַלטען איצט ביים סוף פֿון זעהר אַ וויכטיגער פּעריאָדע אין אונזער פֿאָלק׳ס לעבען און דערפֿאַר דאַרפֿען מיר איבערקוקען אונזערע ביכער.

פֿאַרשטעהט זיך, אַז מיר ווילען דאָ ניט איבערגעהן אַלץ וואָס מיר האָבען געטאָן אָדער אַלץ וואָס האָט מיט אונז פּאַסירט אין אונזער לאַנגען גלות. מיר ווילען זיך דאָ נאָר אָפּשטעלען אויף דעם גרויסען נס וואָס איז מיט אונז געשעהן, דער נס וואָס מיר האָבען געקענט איבערלעבען אין מיטען פֿון אַזוי פֿיל פֿיינדליכע פֿעלקער און וואָס מיר זיינען ניט פֿאַרקריפּעלט געוואָרען, קערפּערליך אָדער גייסטיג, דורך די אַלע ענויים, וואָס מיר האָבען פֿון זיי געהאַט אויסצושטעהן. דער דאָזיגער נס איז געוויס דער גרעסטער אין דער געשיכטע פֿון דער מענשהייט; אַזאַ זאַך האָט מען נאָך קיינמאָל ביי קיין אַנדער פֿאָלק ניט געזעהן.

און איבערקוקענדיג אונזערע ביכער זעהען מיר, אַז ביי אונז האָט זיך דער דאָזיגער נס געהאַלטען אין איין איבער׳חזר׳ען — ביי אונז האָט פּאַסירט ניט איין נס אַזאַ, נאָר פֿיל אַזוינע נסים. ווי פֿיל מאָל האָט מען שוין אונז אָפּגעזאָגט דאָס לעבען? ווי פֿיל טויטליכע מכות און פֿאַרניכטענדע חורבונות האָבען מיר געהאַט אויסצושטעהן? אַ חורבן בית ראשון און אַ חורבן בית שני; אַ גזירת השמד פֿון די סיריער, פֿון די רוימער, פֿון די מחמדאַנער און

פון די קריסטליכע פעלקער אין מערב־ און אין מזרח־אייראָפּע.* אַט די דאָזיגע טויטליכע מכות זיינען אַלע געהיילט געוואָרען אויף אַ וואונדערליכען אופן און אָפט איז די רפואה געווען צוגעגרייט פאַר דער מכה.

אַזוי איז דער אידישער צענטער אין בבל שוין געווען צוגעגרייט נאָך איידער מיר זיינען אונטערגעגאַנגען אין ארץ ישראל. אַזוי איז דאָס אידישע ליכט אויף אַ וואונדערליכען אופן איבערגעטראָגען געוואָרען אין נאָרד־אַפריקע און אין מערב־אייראָפּע נאָך איידער זי האָט זיך אין גאַנצען אויסגעלאָשען אין בבל. אַזוי האָט דער אידענטום פון מזרח־אייראָפּע אָנגעהויבען אַרויסצוּווייזען זיין כוח נאָך איידער דער אידענטום פון מערב־אייראָפּע איז אין גאַנצען אָפּגעשוואַכט געוואָרען. און אַזוי איז אויך מיט׳ן חורבן פון אידענטום אין מזרח־אייראָפּע, וועלכער איז פאָרגעקומען פאַר אונזערע אויגען און מיט אונזערע אויגען האָבען מיר געזעהן, ווי אַזוי אויך דאָ איז פאַר אונז צוגעגרייט געוואָרן די רפואה פאַר דער מכה.

אונזער חורבן אין מזרח אייראָפּע איז נאָך זעהר פריש און עס זעהט אויס אַ חילול פאַר דעם כבוד פון אונזערע נאָהענטע, ווען מען פּרוּווט דערמאָנען עפּעס אַ שטיקעל טרייסט אין דעם דאָזיגען אומגליק אונזערען. נאָר פונדעסטוועגען טאָר מען ניט פאַרמאַכען אין גאַנצען די אויגען פאַר דעם שיין פון דער השגחה איבער אונז, וואָס ווייזט זיך אויך אין דער דאָזיגער פינסטערניש. מען מוז זיך שטעלען די פראַגע: וואָס וואָלט געווען ווען דער אומגליק וואָס האָט אונז איצט געטראָפען וואָלט חלילה פאַסירט בלויז מיט עטליכע צענדליג יאָר פריהער, ד״ה איידער מיר האָבען באַוויזען צו דערווערבען אַ פּאָזיציע אין ארץ ישראל און אויף דעם אַמעריקאַנעם קאָנטינענט? **

דער דאָזיגער שיין ווערט נאָך פיל ברייטער און קלערער, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט אַז אַזוינע שרעקליכע יסורים זיינען אונז פאָראויסגעזאָגט געוואָרען: ווערען זיי דאָך אַזוי בולט אָפּגעשפּיגעלט איןביידע „תוכחות״ פון דער תורה און אין דער פרשה „האזינו.״ און האָבען דאָך אונזערע נביאים גערעדט פאָראויס וועגען אַ צייט, ווען עס וועט בלייבען פון אונז „איינער פון אַ שטאָדט.״ און איז דאָך אויך אונזער תלמוד פול מיט די טראַגישע

---

* דר. ש. רבידוביץ זאָגט (אין מצודה ספר ה׳־ו תש״ח), אַז אין די דורות פון גלות איז כמעט ניט געווען איין דור וואָס האָט זיך ניט געזעהן אַלס דעם לעצטען.

** עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אין דעם זעלבען יאָר, 1881, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די שטאַרקע באַוועגונג נאָך ארץ ישראל פון די רוסישע אידען, האָט זיך אויך אָנגעהויבען אַזאַ באַוועגונג פון די תימנער אידען (זעה זייט 642 אין „מסעות ארץ ישראל״ פון אברהם יערי). פאַרשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע באַוועגונגען אין ביידע לענדער זיינען ניט געקומען פון דער זעלבער סיבה: אין רוסלאַנד איז עס געקומען צוליב די ערשטע פּאָגראָמען, בעת ביי אונזערע ברידער אין תימן איז עס געקומען דורך אַ מין „בת־קול,״ דורך אַ קלאַנג, אַז עס האָבען פאַסירט זאַכען וואָס ווייזען אויף דער גאולה.

שילדערונגען פון חבלי משיח — „זאָל ער קומען אָבער איך וויל אים ניט זעהן," איז גוט באַקאַנט דער אויסדרוק פון מאַנכע פון אונזערע חכמים.

ב.

פונקט אַזוי ווערט פאַר אונזערע אויגען מקוים דער צווייטער טייל פון דער פאַראויסזאָגונג, די פאַראויסזאָגונג פון ענדליכער גאולה וועלכע איז מיטגעגאַנגען כמעט מיט יעדער נבואה וועגען אונזערע יסודים אין גלות — דער צוזאָג אַז אונזערע יסורים וועלען ענדליך זיין חבלי משיח. און מען מוז צוגעבען אַז אויך די גאולה געהט ניט ביי אונז אַזוי פשוט, אַז אויך דאָ זעהען מיר מיט אונזערע אויגען אָפענע ניסים.

מיר שטעהען נאָך ניט ביים לעצטען אַקט פון דער גאולה־דראַמע און עס איז נאָך אַביסעל צו פריה צו מאַכען דעם סך־הכל. נאָר דאָך לאָזט זיך שוין זאָגען, אַז ווען מען זאָל צונויפנעמען די שטערונגען וואָס מיר האָבען ביז איצט שוין באַגעגענט אויף אונזער וועג וואָלטען מיר געהאַט פאַר זיך אַזאַ באַרג וואָס מיט אונזערע אייגענע שוואַכע כחות האָבען מיר ניט באַדאַרפט קענען אַריבערקומען. דערמאָנט אייך ווי פיל שרעק מיר האָבען געהאַט בלויז דאָס לעצטע יאָר, ווי פיל מאָל ווערענד דאָס יאָר האָבען שוין פיל פון אונז געקוקט מיט יאוש אויף דער גאַנצער זאַך: „געה און האַק דעם קאָפּ אָן אַ באַרג", האָט מיר איינער אַזאַ מיואש געזאָגט.

ווערענד דאָס לעצטע יאָר איז אונז באַפאַלען אַ שרעק און אַ יאוש ווען מיר האָבען געהערט די מעשים תעתועים פון דער פּאַלעסטינער רע־גירונג, ווי אַזוי זי טוט אַלץ אין דער וועלט צו מאַכען אוממעגליך אונזער תקומה: ווי אַזוי זי ענטוואָפּענט דער הגנה און גיט איבער די געווער צו די אַראַבער; ווי אַזוי זי לאָזט פונאַנדער דער וואַך ביים ירדן און לאָזט געהן די דאָזיגע אַראַבישע שומרים מיט זייער געווער; ווי אַזוי זי האָט אַריינגעבראַכט דעם ענגליש־אַראַבישען לעגיאָן פון עבר הירדן און גרייט אים צו אַלס דעם יורש פון לאַנד; ווי אַזוי זי האָט געעפענט דעם סירישען גרענעץ פאַר אַ גוט־באַוואָפּענטער באַנדע פון זיבען טויזענט פינף הונדערט מאַן, צווישען וועלכע עס געפינען זיך דייטשע נאַציס, פּוילישע אַנטיסע־מיטען, יוגאָסלאַווישע קאָלאַבאָריסטען און ענגלישע פאַשיסטען, ד"ה אַלץ אַזוינע וועלכע דאַרשטען אַזוי שטאַרק נאָך אידיש בלוט.

ווערענד דאָס לעצטע יאָר איז אונז באַפאַלען אַ שרעק און אַ יאוש ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט אַז דער באַשלוס פון ניין און צוואַנציגסטען נאָוועמבער, אויף וועלכען מיר האָבען זיך אַזוי פיל פאַרלאָזען, איז ניט מער ווי אויפען פּאַפּיר: מיר האָבען זיך דערוואוסט אַז די פאַראייניגטע נאַציאָנען קענען גאָר ניט טאָן — און די וואָס קענען ווילען גאָר ניט טאָן — צו אונטערשטיצען דעם דאָזיגען באַשלוס זייערען. מיר האָבען זיך דער־

וואוסט אַז ענגלאַנד האַלט אין איין ברעכען דעם דאַזיגען באַשלוס: לויט דעם דאַזיגען באַשלוס האָט זי באַדאַרפט אַבריינגען אַ פּאָרט פאַר פרייער אידישער אימיגראַציע, טוט זי גאָר פאַרקערט, זי היט אַלע וועגען אַז קיין אידישער אימיגראַנט זאָל זיך אַפילו בגניבה אין לאַנד ניט אַריינכאַפּען; לויט דעם דאַזיגען באַשלוס האָט ענגלאַנד באַדאַרפט מיטאַרבעטען מיט באַפולמעכטיגטע פון די פאַראייניגטע נאַציאָנען כדי צו פאַרמיידען אַ כאַאָס וואָס קען קומען נאָכן אויפגעבען דעם מאַנדאַט, טוט זי גאָר אַלץ וואָס זי קען צו שאַפען אין לאַנד וואָס מער כאַאָס. און ענדליך איז געקומען דער קלאַפּ מיט דעם וואָס אונזער אַמעריקע האָט פלוצלינג אין גאַנצען חרטה געהאַט אויף דעם דאַזיגען באַשלוס, וועלכען זי האָט אַליין געהאָלפען צושטאַנד ברענגען, און זי האָט אָנגעהויבען צו אַרבעטען מיט אַלע כחות אים צו מבטל זיין *

ווערענד דאָס לעצטע יאָר האָבען מיר אויך אַדורכגעטראָגען די גרויסע שרעק ווען דעם ערשטען טאָג וואָס ישראל האָט דערקלערט זיין אומאַבהענ־גיגקייט האָבען אויף אים אָנגעהויבען מאַרשירען פון אַלע זייטען פיינד־ליכע אַרמייען: אַרמייען וואָס זיינען געווען געשיקט פון פעלקער צווישען וועלכע ישראל איז בטל געוואָרען בשישים; אַרמייען וואָס זיינען געווען אויסגעשטאַט, מער אָדער ווייניגער, מיט מאָדערנע מלחמה־מכשירים — טאַנקען, עראָפּלאַנען און שווערע אַרטילעריע — מכשירים וואָס אונזערע קעמפער האָבען אין אונטערגרונד בשום אופן ניט געקענט אויסבאַהאַלטען.

און ווערענד דאָס לעצטע יאָר האָבען מיר אויך געהאַט די פיל שרעק פאַראורזאַכט דורך די פאַרשיידענע ענגלישע מאַנעוורעס, אין און אויסער דעם „זיכערהייטס־ראַט". געוויס קענען מיר זיך נאָך דערמאָנען די מרה שחורה'דיגע שטימונגען אונזערע, ווען מוצאי שבת פלעגט אונז דער ראַדיאָ איבערגעבען די נייעס, אַז ענגלאַנד איז ווידער געלונגען ניט צו דערלאָזען סאַנקציעס געגען די אָנגרייפענדע אַראַבישע נאַציאָנען; און געוויס געדענ־קען מיר נאָך אַלע ווי מיר האָבען זיך דערשראָקען איבער דעם ענגליש־אינספירירטען „בערנאַדאָטע פּלאַן", וועלכער האָט געזאָלט אונז באַרויבען פון דער מעגליכקייט פון אויפבוי און ממילא אויך פון עקזיסטענץ; און געוויס האָבען מיר נאָך ניט פאַרגעסען דער לעצטער ענגלישער מאַנעוורע מיט אירע עראָפּלאַנען איבער אונזערע פּאָזיציעס.

* מען קען געפינען אַ זכות אויף אונזער רעגירונג, איבערהויפט אויף פרעזידענט טרומאַן. עס שיקט זיך, אַז פרעזידענט טרומאַן איז געוועזען אַזוי שטאַרק געגען דער גרינדונג פון אַ אידישער מלוכה אין יענער צייט, ווייל ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם כאַאָס וואָס ענגלאַנד גרייט צו און ער האָט געוואָלט פּראָווען ראַטעווען דעם אידישען ישוב פון אַ טאָטאַלער פאַרניכטונג דורך אַן אַפּיטראָפּסות פון די פאַראייניגטע נאַציאָנען. ווען דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבען האָט ער דערפאַר שפּעטער געפּראָוועט דעם מיטעל פון באַלדיגער אָנערקענונג.

איינלייטונג

נאָר די ענגלישע מאַנעוורעס זיינען אַ וואונדערליכער קאַפּיטעל פאַר זיך. זיי ווייזען אַ מאָדנעם ספּעקטאַקעל ווי אַזוי ענגלאַנד, די מייסטער־שפּין, די קינצלערען אין פאַרפּלאָנטערען אַנדערע אין איר נעץ, האָט דאָ מיט אירע מאַנעוורעס זיך אַליין כסדר פאַרפּלאָנטערט; זי האָט זיך אַרויסגע־מאַנעווירט פון אַ פּונקט אין וועלכען זי רייסט זיך מיט אַלע כחות צוריק אַריינצוקומען. ניט אומזיסט זאָגען מיר אין תהילים: „דאַן וועט אונזער מויל אָנגעפּילט ווערען מיט געלעכטער.״

דאָ איז ניט דער פּלאַץ וועגען דעם מאריך צו זיין. עס וועט אָבער זיין גענוג אָנצואווייזען, אַז דער ווענדען זיך צו די פאַראייניגטע נאַציאָנען, די פאָדערונג צו שיקען אַ קאָמיסיע, און די כלומרשטע ענגלישע נייטראַ־ליטעט בשעת די פאַרהאַנדלונגען איבער חלוקה — זאַכען וועלכע זיינען אונז שטאַרק צונוץ געקומען — זיינען געוויס ניט געמיינט געוואָרען פאַר אונזער טובה וועגען. פּונקט אַזוי האָט מען ניט געמיינט אונזער טובה, ווען מען האָט געראָטען די אַראַבער צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, וואו אונזער הגנה האָט געשטעלט אַ פּוס. אויך דער ערשטער וואַפענשטילשטאַנד, וואָס איז געקומען דורך ענגלישער איניציאַטיווע, און וואָס איז געוויס געמיינט געוואָרען צו געבען די אַראַבער צייט אָבצוכאַפּען דעם אָטעם און אָנהויבען אַ נייעם מאַרש (האָט דאָך דער סירישער דעלעגאַט אַלקורי געזאָגט בפירוש, אַז עס איז גוט פאַר די אַראַבער), האָט זיך אויסגעלאָזען גאָר ניט שלעכט פאַר אונז. און פּונקט אַזוי האָט אונז קיין רעה ניט געטאָן די לעצטע ענג־לישע מאַנעוורעס פון שיקען אויסשפּיר־עראָפּלאַנען איבער אונזערע פּאָזי־ציעס.

צולעצט וועט אפשר ניט זיין אויסערען וועג צו דערמאָנען, אַז דער פאַקט וואָס אין גאַנצען האָבען מיר זיך געשטיצט אויף אַן הסכמה, וועלכע איז אונז געגעבען געוואָרען בלויז אויפן פּאַפּיר, דערמאָנט שטאַרק אַן דער מעשה, וואָס מיר האָבען אַמאָל געהערט וועגען אַ פּאַפּירענעם בריק, דורך וועלכען מיר וועלען דאַרפען אַדורכגעהן און וועלכער וועט זיך אַרויסווייזען שטאַרקער ווי דער אייזערנער בריק פון אונזערע שונאים. און פאַרגעסט ניט, אַז אויך דער דאָזיגער הסכמה האָבען מיר באַקומען ממש דורך אַ נס, ווייל מאַנכע פעלקער האָבען דאָך דערנאָך גלייך חרטה געהאַט און ביי יעדער געלעגענהייט האָבען זיי דערנאָך געשטימט אין היפוך צו דעם — עפּעס אַזוי ווי דער דאָזיגער הסכמה וואָלטען זיי געהאַט געגעבען אין אַ בייזער שעה פאַר זיי, כאילו כפאן שד.

ג.

זיינען דאָ אַזוינע וואָס גלויבען ניט אין קיין ניסים און זיי זוכען דאָס אַלץ צו דערקלערען על פּי פּשטות. קענען זיי געוויס ניט לייקענען, אַז

אונזער קיום אין גלות איז אויסערגעוועהנליך און אַז אונזער גאולה איז אויך וואונדערליך; אָבער זיי זאָגען, אַז עס זיינען דאָ פשוטע אורזאַכען סיי פאַר דער אויסערגעוועהנליכקייט פון אונזער קיום אין גלות און סיי פאַר דער וואונדערליכקייט פון אונזער גאולה. וואָס זיינען די אורזאַכען פאַר דער אויסערגעוועהנליכקייט פון אונזער קיום אין גלות?

איין אורזאַך, זאָגען זיי, איז טאַקע דאָס גופא, וואָס מען האָט אונז געהאַט צוגעזאָגט, אַז אונזערע צרות וועלען זיך ענדיגען מיט אַ וואונדערליכער גאולה. דאָס האָט אונז געגעבען דעם מוט סטאָאיש אַדורכצוטראָגען די גרעסטע צרות — דאָס האָט געווירקט, אַז יעדער גרויסער צרה האָבען מיר באַהאַנגען מיט האָפנונגען אויף גאולה; מיר האָבען געגלויבט אַז עס איז חבלי משיח. און דאָס האָט אונז צוגעשטעלט די וואָפען דורך וועלכע מיר האָבען געקענט אויסהאַלטען אין יעדער מלחמה — מחמת ווער זיך דען אימיצער אונטערגעבען ווען ער גלויבט אַז ער שטעהט ביים שוועל פון נצחון?

אַ צווייטע אורזאַך פאַר אונזער קיום איז דאָס, וואָס זינט פון חורבן בית ראשון האָבען מיר זיך קיין מאָל ניט געפונען קאָנצענטרירט אַלע אין איין לאַנד: „דער אויבערשטער האָט געטאָן אַ צדקה מיט די אידען, וואָס ער האָט זיי צושפּרייט צווישען די אומות" (פסחים פז). אויף אַזאַ אופן האָבען מיר געהאַט מערערע אידישע מחנות — און דערפאַר איז אידישקייט קיין מאָל ניט אונטערגעגאַנגען, ווייל ווען עשו איז געקומען אויף איין מחנה און האָט איר געשלאָגען זיינען געבליבען די אַנדערע מחנות לפליטה.

אַ דריטע אורזאַך פאַר אונזער קיום זאָל זיין דאָס, וואָס מיר זיינען געוועזען אַן אויסנאַם אין דעם הינזיכט פון צדקה; ביי קיין פאָלק האָט מען זיך איינער דעם אַנדערען ניט אַרויסגעהאָלפען אין אַן עת צרה אַזוי ווי ביי אונז אידען.* דערפאַר האָט דאָס אידישע פאָלק געקענט אויסהאַלטען אין

* וועגען דער אידישער מדה פון צדקה וועט זיין אינטערעסאַנט אַן עפּיזאָד וואָס חיים ליבערמאַן דערצעהלט פון זיין אייגענעם לעבען: „איך בין דעמאָלט נאָך קיין גאַנצע זעקס יאָר ניט אַלט געוועזן. און געלעבט האָבען מיר אין אַ דאָרף. נאָר אין אַ שעהנעם טאָג . . . זיינען אָנגעקומען „גרויסע לייט," מיט גלאַנציגע קנעפּלאַך אויף זייערע לאַנגע קליידער, מיט קאָקאַרדעס אויף די היטלען און מיט שווערדען ביי דער זייט . . . און מען האָט אונז אַרויסגעטריבען פון דאָרף: אידען טאָרען ניט וואוינען אין קיין דערפער . . . און אַזוי זיינען מיר פּלוצלינג, אַ גרויס הויזגעזינד, אַרויסגעריסען געוואָרען פון אַן אַלט־איינגעזעסענעם אָרט און זיינען אַריינגעוואָרפען געוואָרן אין שטעדטעל אַריין, אָהן פּרנסה, אויף הונגער. פופצען קינדער האָבען מיין טאַטע־מאַמע געהאַט צו שפּייזען. מיר האָבען געלעבט נאָר דערפון וואָס שטאָדט האָט צונויפגעמאַכט. יעדען פריהמאָרגען, ווען די מאַמע האָט געעפענט די טיר, האָט מען געפונען פאַר׳ן טיר ליגען: ברויט, קאַרטאָפעל, הערינג און ערב שבת איז אויך געלעגען חלה, פיש, פלייש. קיין מאָל האָבען מיר ניט געזעהן, קיין מאָל האָבען מיר ניט „געכאַפּט דעם גנב," וואָס פלעגט ביינאַכט ברענגען און אַוועקלעגען אונזער אויסקומעניש אויף אונזער שוועל. און ביז היינטיגען טאָג ווייסען מיר ניט ווער ס׳איז געוועזן דער פאַרזאָרגער.

איינלייטונג

אַן עת צרה גיכער ווי אַנדערע פעלקער: ווייל בעת אַנדערע פעלקער זיינען אָפט פאַרלוירען געגאַנגען אין געפאַנגשאַפט און שקלאַפעריי, פלעגען גע־פאַנגענע אידען געוועהנליך אויסגעלעזט ווערען און בלייבען צווישען אידען; און בעת ביי אַנדערע פעלקער זיינען די אויסגעוואָרצלטע מערסטענס אומ־געקומען, פלעגען זיי ביי אונז געפינען אַ ברידערליכע האַנד, וואָס האָט זיי געהאָלפען ערגעץ צוריק זיך איינצוואָרצלען.

אַ פערטע אורזאַך פאַר אונזער קיום אין גלות זאָל זיין דאָס, וואָס מיר זיינען געווען אַן אויסנאַם אין דעם הינזיכט פון תורה: נאָך מיט אַרום ניינצען הונדערט יאָר צוריק האָט דער כוהן גדול יהושע בן גמלא ביי אונז איינגעפירט אַלגעמיינע בילדונג; און ביי אונז האָט דער דאָזיגער איינפיר געאַרבעט אַזוי גוט, אַז עס איז ממש ניט געווען בנמצא אַ אידיש קינד, וואָס זאָל ניט האָבען געלערענט תורה.* און דער לערנען תורה האָט געוויס געווירקט שטאַרקער צו פאַרבינדען דעם אידען מיט זיין פאָלק, מיט זיין גלויבען און מיט אַלץ וואָס איז אידיש: ווייל לערנענדיג אידישע געשיכטע האָט דאָך דער איד געמוזט באַקומען אַ שטאַרקערען נאַציאָנאַלען געפיהל; און לערנענדיג אידישע רעליגיע און אידישע עטיק האָט דאָך דער איד געמוזט דענקען אַלס גוט און שלעכט נאָר דאָס וואָס איז גוט און שלעכט פון אידישען שטאַנדפונקט.

אַ פינפטע אורזאַך פאַר אונזער קיום זאָל ליגען אין די געוואוינהייטען און געפילען וואָס די תרי"ג מצוות האָבען אין אונז געשאַפען — געוואוינ־הייטען און געפיהלען וועלכע האָבען אין אונז אויפגעבויט צווישען אונזער וועלט און דער גויעשער וועלט אַ מחיצה וואָס מיר האָבען פסיכיש ניט געקענט אַריבערטרעטען. אַזוי, למשל, האָט דער ניט טאָרען עסען חזיר געשאַפען אין אונז געפיהלען פון עקעל סיי צום חזיר און סיי צו דעם וואָס עסט אָדער האָדעוועט דעם חזיר. די דאָזיגע מחיצה איז נאָך פאַר־גרעסערט געוואָרען דורך דער אוממענשליכער אויפפירונג וואָס די גוים האָבען צו אונז אַרויסגעוויזען, מחמת דורך דעם זיינען זיי געוואָרען נאָך מער אומווירדיג אין אונזערע אויגען.

דאָס איז בנוגע אונזער קיום. די וואונדער פון אונזער גאולה ווערען ווידער אַלע דערקלערט דורך איין זאַך — „אין ברירה": מיר קעמפפען מיטן רוקען צום וואַנד; מיר ווייסען אַז אַן דעם דאָזיגען קאַמף הענגט אָב דער לעצטער שאַנס פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס פרייע פאָלק; און מיר ווייסען אויך, אַז ווען מיר זאָלען פאַרלירען דעם דאָזיגען קאַמף איז אונזער לעבען גאָר ניט ווערט, זיינען מיר אַלע מאָל אין געפאַר צו

* אַלענפאַלס האָט אין די צייטען פון אביי און רב פפא ניט געקענט געמאָלט זיין אַז אַ אידיש קינד — אויב ער איז נאָר ניט געווען געפאַנגען צווישען גוים — זאָל ניט האָבען געלערענט וועניגסטענס חומש. זעה שבועות ה׳.

ווערן געוואָרפען פאַר משוגע'נע הינט אָדער אַלענפאַלס וועלען מיר בלייבען ווי שטויב געטראָטען אונטער די פיס פון ווילדע חזירים — האָבען מיר דערפאַר געמוזט אויפנעמען דעם דאָזיגען אומגלייכען קאַמף, און האָבען מיר דערפאַר געמוזט קעמפען אַזוי עקשנותדיג און אַרויסווייזען אַזעלכע וואונדערליכע גבורות.

דאַרף אָבער צוגעגעבען ווערען, אַז דער „כחי ועצם ידי" (מיין קראַפט און די שטאַרקייט פון מיין האַנד) דערקלערט דאָ ניט אַלץ: עס דער־קלערט ניט דער הסכמה פון די פאַראייניגטע נאַציאָנען, עס דערקלערט ניט דער פליטה פון די אַראַבער אד"ג.* אויך דאַרף צוגעגעבען ווערען, אַז ניט אַלע מאָל איז „אין ברירה" אַן אורזאַך פאַר מוט און שטאַרקייט. אַט איז עס ביי אונז גופא געווען אַן אורזאַך פאַר מוטלאָזיגקייט און שוואַכקייט: אייך נאַצי האָט געקענט פירען הונדערטער פון אונז צו דער שחיטה און מיר האָבען מערסטענס ניט געפּרואווט אים באַפאַלען און ענטוואָפענען, כאָטש מיר האָבען געוואוסט אַז מיר קענען דורך דעם דאָזיגען פּרואוו גאָר ניט פאַרלירען.

דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען די אַנגעגעבענע אורזאַכען פאַר אונזער קיום — זיי דערקלערען, אָבער זיי דערקלערען ניט אַלץ; אַלענפאַלס דערקלערען זיי ניט דעם פאַקט וואָס אונזערע נביאים און חכמים האָבען געקענט פאָראויסזאָגען סיי אונזערע שרעקליכע צרות און סיי אונזער וואונ־דערליכער גאולה. ווען אימיצער זאָל אייך פאָראויסזאָגען, אַז איר וועט דאַרפען אַדורכמאַכען אַ געפערליכען וועג, אויף וועלכען עס וועלען אויף אייך לויערען טויזענטער משחיתים, און אַז איר וועט פון דעם אַלעמען ניצול ווערען, איז אויב דאָס וועט ריכטיג מקוים ווערען וועט איר געוויס ניט אויפהערען צו באַוואונדערען דער זאַך, אַפילו ווען איר וועט אַלע מאָל באַמערקען דער סיבה פאַר וואָס עס איז אַזוי געשעהן.

ד.

ווען איר טראַכט זיך אַריין אין די אויבענדערמאָנטע אורזאַכען פאַר אונזער קיום זעהט איר, אַז זיי אַלע הענגען אָב אַן אמונה: מיר האָבען פאַרבונדען אַלע אונזערע גרויסע צרות מיט האָפנונגען אויף גאולה, ווייל מיר האָבען שטענדיג געגלויבט אין דער נבואה פון אונזערע נביאים און אין די ווערטער פון חז"ל. צושפּרייטקייט איבער פיל לענדער האָט גע־

---

* נאָך אַלעמען איז אַ מלחמה אין ארץ ישראל ניט קיין נייעס — האָבען דען שטענדיג כמעט אַלע תושבים פאַרלאָזען דאָס לאַנד? און דער וואונדער איז נאָך גרעסער וואָס די פליטה איז אַנגעגאַנגען אַפילו דאַן, ווען זיי האָבען זיך שוין געקענט איבערצייגען, אַז אידען זיינען ניט קיין גזלנים און אַז עס איז ניט גוט פאַר זיי אַליין.

איינלייטונג

האָלפֿען אונזער קיום, ווייל אומעטום, אונטער די שווערסטע אומשטענדען, האָבען מיר אָנגעהאַלטען אידישקייט (צושפּרייטקייט מיינט דאָך צושפּליטערט־קייט פון די כחות, וועלכעס ברענגט געוועהנליך פאַרניכטונג); מיר זיינען געווען גרויסע בעלי צדקה, מיר האָבען פיל געלערענט תורה און מיר האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אונזערע תרי"ג מצוות בכלל, אַלץ דערפאַר ווייל מיר האָבען אויסגעפאָלגט דאָס וואָס אונזער אמונה האָט פאַרלאַנגט.

דאָס מיינט, אַז אמונה איז די סיבה וואָס שטעהט הינטער אַלע סיבות פון אונזער קיום. און ניט נאָר הינטער, נאָר עס שטעהט אויך אין פראָנט פון זיי אַלע: האָבען דאָך אונזערע עלטערען אַרויסגעוויזען די גרעסטע גבורות טאָקע דאַן ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם העכסטען עיקר פון אמונה, וועגען קידוש השם, און האָבען זיי דאָך אויף זיך גענומען אַלע גירושים און אַלע גלותען נאָר כדי צו געפינען אַ שטיקעלע פלאַץ וואו צו קענען האַלטען אידישקייט. אמונה איז אַלזא געווען דירעקט דער גרעס־טער פאַקטאָר און אומדירעקט דער איינציגער אָפּענער פאַקטאָר פון אונזער קיום, ד"ה אַז די אָפּענע סיבה פאַר וואָס מיר אידען האָבען איבערגעלעבט אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אונזער לאַגע, איז דאָס וואָס מיר זיינען געווען שטאַרק רעליגיעז — רעליגיעזער פון די אַנדערע פעלקער.

מוז מען אָבער צוגעבען, אַז אין דער לעצטער צייט האָט זיך דאָס רעדעל איבערגעדרעהט, מיר זיינען געוואָרען וועניגער רעליגיעז ווי די מייסטע אַנדערע פעלקער, ביי אונז איז דער פּראָצענט פון אַטעאיסטען גרע־סער ווי ביי זיי — דאָס ווייזען אַלע סטאַטיסטיקס. פאַר וואָס איז עס אַזוי? ווען איר וועט פרעגען אַן „היינט־וועלטיגען" אידען, וועט ער עס נאַטיר־ליך דרש'ענען לשבח. ער וועט זאָגען, אַז עס נעמט זיך דערפון, וואָס אידען זיינען אַ פּראָגרעסיוו פאָלק, אַן עם חכם ונבון, און זיי אַקצעפּטירען דערפאַר גיכער פּראָגרעסיווע אידייען — אידייען וואָס שטיצען זיך גיכער אויף וויסנ־שאַפט.

איז ניט מעסטענדיג ווי ווייט עס גרייכט די פאַרשטענדיגקייט פון היינטיגען אידען, קען מען פונדעסטוועגען זאָגען מיט זיכערהייט, אַז דער דורכשניטליכער איד דאַרף ניט זיין ביכולת צו פונאַנדערקלייבען זיך אין דער פראַגע פון אמונה און אַטעאיזם, אַ פראַגע וועלכע פאָדערט פיל מער וויסען ווי דער דורכשניטליכער איד פאַרמאָגט — כדי צו פונאַנדערקלייבען זיך אין דער פראַגע פון אמונה און אַטעאיזם מוז מען וויסען די פילאָזאָפיעס פון ביידע; אַנדערש וויס מען ניט אַפילו וואָס אמונה איז און וואָס אַטע־איזם איז. די צרה מיט'ן היינטיגען אידען איז אָבער וואָס ער מיינט, אַז ער וויס דאָס אַלץ, אַז האָבענדיג אַמאָל געלערענט אין אַ חדר וויס ער שוין וואָס אמונה איז און זייענדיג אַביסעל באַקאַנט מיט דער פּאָפּולערער וויסענשאַפט וויס ער שוין וואָס אַטעאיזם איז.

וואָס איז דער פועל־יוצא דערפון? דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז אונזער „פאַרשטענדיגקייט" ווערט אַ חסרון אנשטאט אַ מעלה; צוליב אונזער איינגערעדטע פאַרשטענדיגקייט ציהען מיר שלוסען פון דאָס ביסעלע, וואָס מיר ווייסען, און מיר ווערען, אַזוי צו זאָגען, האַלבע אָדער פערטעל פילאָזאָפען. דאָס איז טאַקע די הויפט־אורזאַך פון אונזער אַטעאיזם — איז דאָך באַקאַנט דער אַלטער פילאָזאָפישער וואָרט, וועלכען העגעל ברענגט אין זיין „פילאָזאָפיע פון רעכט" (וועלכעס ווערט דאָ ציטירט פון אַן ענגלישער איבערזעצונג): „עס איז אַ באַרימטער מאמר, אַז אַ האַלבע פילאָזאָפיע פירט אַוועק פון ג־ט, בעת אַן אמתע פילאָזאָפיע פירט צו ג־ט".*

אין די קומענדע קאַפּיטלען וועלען מיר זעהן וואָס מיינט אַ „האַלבע פילאָזאָפיע", ווי אויך, פאַר וואָס אַ האַלבע פילאָזאָפיע פירט אַוועק פון ג־ט און פאַר וואָס אַן אמתע פילאָזאָפיע פירט צו ג־ט. אויך וועלען מיר זעהן וואָס מיינט אמונה און וואָס מיינט אַטעאיזם און אַז די אַטעאיסטישע אידייען זיינען ווייט ניט אַזוי פּראָגרעסיוו ווי זיי פּרעטענדירען צו זיין און אַז זייער פּרעטענזיע פון שטיצען זיך אויף וויסענשאַפט איז אויך אַ פאַלשע.

* זעה זייט 19 אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון S.W. Dyde וואו עס לייענט זיך:
"It is a celebrated saying that a half philosophy leads away from G-d, while a true philosophy leads to G-d.

ערשטער קאַפּיטעל

רעליגיע און אַטעאיזם

די פאַלשע פּרעטענזיע פון אַטעאיזם אַז עס שטיצט זיך אויף פּראָגרעסיווע אי־דייען. — אַז עס שטיצט זיך אויף וויסענשאַפט. — אַטעאיזם רוהט אויף אַן אומוויסענשאַפטליכען באָדען בעת רעליגיע רוהט אויף אַ וויסענשאַפטליכען באָדען. — דער חילוק צווישען רעליגיע און אַטעאיזם באַשטעהט אין גלויבען אין ג־ט און גלויבען אין נבואה. — ג־ט מיינט אַ כוח אַלס דער העכסטער מקור פון דער נאַטור. — מיר באַמערקען אין דער נאַטור אַ כוח פון צוזאַמענבינדען, פון פונאַנדערטיילען און פון אָנטרייבען צו פּראָגרעס. — די גבורה, די שנעלקייט און דער פאַרנעם פון דעם דאָזיגען כוח שטייגען אַריבער אונזער השגה — זייענדיג אומבאַגרייפבאַר מוז ער ממילא זיין אומבאַוואוסטבאַר אין זיין מהות און אין זיין מקור. — ווערט טאַקע אין אונזער אמונה אויפגענומען אַזאַ כוח אַלס דער העכסטער מקור פון דער נאַטור. — מאַנכע פילאָזאָפען זיינען אויך געקומען צו דער דאָזיגער מסקנא אָבער זייערע טעאָריעס זיינען אין היפוך צו דעם. — די מאַטעריאַליסטען און די געטשענדינער גלויבען אַז דער העכסטער מקור פון דער נאַטור איז באַוואוסט.

א.

אַטעאיזם איז נישט ערשט געבאָרען געוואָרען; אַטעאיזם איז שוין אַזוי אַלט ווי ניגסטענס ווי דעמאָקריטס אַטאָמיזם, ד״ה קרוב צו פופציג יובלען — איז פונוואַנעט נעמט זיך די הנחה, אַז אטעאיזם שטיצט זיך אויף פּראָגרעסיווע אידייען? אויף וואָס פאַר אַ גרונד קענען די אַטעאיסטען פּרע־טענדירען, אַז אַטעאיזם איז דאָס לעצטע וואָרט פון געדאַנק?

די דאָזיגע פּרעטענזיע רוהט אויף דעם גרונד, וואָס אַטעאיזם זאָל כלומרשט אונטערשטיצט ווערען דורך די מסקנות פון די וויסענשאַפטען, וועלכע זיינען דאָס לעצטע וואָרט פון געדאַנק. זעהט מען דערפאַר ווי יעדער אַטעאיסט גיט זיין ביסעלע אַטעאיזם איינגעסענדוויטשט אין וויסענשאַפט־ליכע מסקנות — אַט ווי זיין אַטעאיזם וואָלט טאַקע געפאָלגט פון די דאָזיגע וויסענשאַפטליכע מסקנות.

דאָס גיט שוין דעם אַטעאיסט ממילא אַ געלעגענהייט זיך צו פּוצען מיט פרעמדע פעדערען, מיט פעדערען פון די וויסענשאַפטס־לייט; דאָס

גיט אים שוין ממילא די מעגליכקייט צו שרייבן בייכיגע ביכער דורך וועלכע עס געלינגט אים אריינצוציהען אין זיין נעץ פיל לעזער וועמען עס לאקערט דער פאפולערער אופן פון די וויסענשאפטליכע קענטעניש. דאס דינט אים אלזא א טאפעלטען צוועק.

אויף וועלכען גרונד ווידער ווערט אטעאיזם פארבונדען מיט די מסקנות פון די וויסענשאפטען? אויף דעם גרונד וואס מאנכע זאכען און געשעע־נישען, וועלכע זיינען אמאל דורך טראדיציע צוגעשריבען געווארען צו א געטליכען כח ווערען דורך די וויסענשאפטען פארבונדען מיט א נאטיר־ליכען פרינציפ. דאס זאל פירען צום באשלוס, אז מען קען זיך אויף טרא־דיציע גאר ניט פארלאזען און אז די הנחה פון א געטליכען כח זאל זיין אין גאנצען איבעריג און פארפירעריש.

אט צו אזא באשלוס זיינען טאקע געקומען פיל וויסענשאפטסלייט, אי־בערהויפט די וועמען א געלונגענע ערפינדונג האט פארדרעהט דעם קאפ. צו אזא באשלוס זיינען אויך געקומען די סאציאליסטישע טעארעטיקער, וועל־כע האבען זיך געהאלטען פאר געוואלטיגע וויסענשאפטליכע מחדשים. און אט אויף דעם דאזיגען וועג איז דער אטעאיזם ממילא געווארען פאפולער ביי די ארבייטער מאסען, וועלכע האבען בלינד נאכגעפאלגט די סאציאליס־טישע טעארעטיקער.

די דאזיגע וויסענשאפטסלייט און די דאזיגע סאציאליסטישע טעארעטי־קער מאכען אבער א גרויסען טעות; זיי באמערקען ניט דעם וואלד צוליב די עטליכע ביימער; זיי זעהען ניט, אז גראד דער אטעאיזם רוהט אין זיין תוך אויף אומוויסענשאפטליכען באדען — בעת רעליגיע, אדער די אידישע אמונה, וויניגסטענס, רוהט פארקערט אויף א וויסענשאפטליכען באדען.

די וויסענשאפטליכע מעטאדע פאדערט, אז מען זאל ניט קומען צו א שלוס אהן גענעריגע באווייזען, און ווען עס פעלען אזוינע באווייזען זאל דער שלוס בלייבען הענגען, זאל די זאך בלייבען אין ספק. וויל אבער דער אטעאיזם פון דעם ניט וויסען, ער ציהט א שלוס וועגען עפעס וואס איז און מוז בלייבען אין ספק. און אין דעם פאלגט ער נאך די פוסטריט פון געטשענדינסט, מיט וועלכען ער געפינט זיך ממילא אויף א פרימיטי־ווירער שטופע פון מענשליכען געדאנק. כדי דאס צו באווייזען וועלען מיר דא גלייך צוטרעטען צום הויפט־חילוק צווישען אטעאיזם און רעליגיע.

ב.

רעליגיע באשטעהט פון צוויי עלעמענטען: (1) דער גלויבען אין ג־ט, (2) און דער גלויבען אין נבואה, וועלכעס דארף דערקלערען דעם שייכות צווישען ג־ט און דער וועלט. דער אטעאיסט גלויבט ניט אין ג־ט און

ממילא קען שוין פאַר אים ניט זיין קיין נבואה. דער הויפּט־חילוק צווישען רעליגיע און אַטעאיזם באַשטעהט אלזא אין גלויבען אין ג־ט. *

אין וואָס, ווידער, באַשטעהט דער גלויבען אין ג־ט, ד״ה וואָס מיינט ג־ט לויטן ריינעם רעליגיעזען שטאַנדפּונקט? עס מיינט אַן אומבאַוואוסטער כח, וואָס ווערט אויפגענומען אין פאַרבינדונג מיט פאַרשיידענע אַקטיוויטעטען וועלכע מיר באַמערקען אין דער נאַטור — אַט ווי מיר זאָגען עס אין שיר היחוד: „לא מצאנוהו ולא ידענוהו אך ממעשיו הכרנוהו״ (מיר האָבען אים ניט אויסגעפונען און מיר האָבען אים ניט געוואוסט נאָר פון זיינע טוהונגען האָבען מיר אים דערקענט).

מיט וועלכע אַקטיוויטעטען מז אויפגענומען ווערען אַן אומבאַוואוסטער כח? וועגען דעם איז שוין פיל געשריבען געוואָרען אין אַלע ליטעראַטורען און אויך אין אידיש האָט דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות פאַרעפענט־ליכט אַ בוך אונטער דעם נאָמען „פּרינציפּען״, אין וועלכען עס ווערען געמאָלען און קלאַסיפיצירט מערערע פון די דאָזיגע אַקטיוויטעטען. וועלען דאָ נאָר אָנגעגעבען ווערען מאַנכע ראשי פּרקים פון די הויפּט־קלאַסיפיקאַ־ציעס אין יענעם בוך — ראשי פרקים פון „איינהייט, פאַרשידענהייט און פּראָגרעס״.

אין שייכות מיט איינהייט וועט זיין גענוג דאָ צו דערמאָנען די אַקטיוויטעטען פון „צוזאַמענבונד״: פיזישער צוזאַמענבונד, וועלכער ווערט אויסגעדריקט דורך קלעביגקייט (cohension) און גראַוויטעט; ביאָלאָ־גישער צוזאַמענבונד, וועלכער ווערט אויסגעדריקט דורך דער צוזאַמענאַרבעט צווישען די טיילען אין אַ לעבענדען אָרגאַניזם; עפּיסטעמאָלאָגישער צוזאַ־מענבונד, וועלכער ווערט אויסגעדריקט דורך עמפינדליכען קאָנטאַקט, דורך דערקענטניס; און אינטעלעקטועלער צוזאַמענבונד, ד״ה דער צוזאַמענבונד צווישען קענטעניסען, וועלכער ווערט אויסגעדריקט דורך אַלגעמיינע באַ־גריפען, לאָגישע סיסטעמען, באַוואוסטזיניגען און אומבאַוואוסטזיניגען זכרון אד״ג.

אין שייכות מיט פאַרשידענהייט וועט זיין גענוג דאָ צו דערמאָנען די אַקטיוויטעטען פון „פונאַנדערטיילונג״: פיזישע פונאַנדערטיילונג, וועלכע ווערט אויסגעדריקט דורך הפסקות פון לעדיגקייט צווישען דאָס מאַטעריעלע שטאָף, ווי אויך דורך דעם וואָס דאָס דאָזיגע שטאָף טיילט זיך פונאַנדער אין פאַרשידענע עלעמענטען און אין פאַרשידענע פיזישע פאָרמען; ביאָלאָגישע פונאַנדערטיילונג, אַ דאַנק וועלכער בעלי חיים האַלטען זיך אין איין פּרוב־פּערען און אין איין ענדערען; און עפּיסטעמאָלאָגישע און אינטעלעקטועלע

* פאַרשטעהט זיך, אַז כדי צו באַווייזען דעם אמת פון אַ באַשטימטער רעליגיע, מוז באַוויזען ווערען דאָס אויך די נבואה מיט וועלכער זי איז פאַרבונדען איז אמת. אָבער דאָס וועט דאָ געפּרואווט ווערען שפּעטער, ווען דער אינהאַלט פון נבואה וועט קלערער באַ־שטימט ווערען.

פונאַנדערטיילונגען, אַ דאַנק וועלכע אונזערע געפיהלען און אונזערע מיי־נונגען שטעהען ניט אויף איין אָרט און זיי זיינען פאַרשיידען ביי באַזונדערע אינדיווידואַמס: „אַזוי ווי זייערע געזיכטער זיינען ניט גלייך איינע צו די אַנדערע אַזוי זיינען זייערע מיינונגען ניט גלייך איינע צו די אַנדערע״ (תנחומא, פנחס י׳).

צו מאַכען עס בקיצור, וועלען מיר אין שייכות מיט פראַגרעס בלויז דערמאָנען דעם פאַקט פון פראַגרעס־אַקטיוויטעט צווישען מענשען. דאָ זעהען מיר אַזוי בולט ווי פיל כח ווערט אָוועקגעלעגט אין דעם דראַנג אַריבער־צוזיגען אַנדערע, פונקט ווי אין דער באַמיהונג אַריבערצויאָגען זיך אַליין, צו ווערען אין דער צוקונפט עפּעס מער ווי אין דער געגענוואַרט. אויך זעהען מיר בולט ווי אין דעם דאָזיגען דראַנג ווערען מיר כסדר דורך עפּעס אַנגעטריבען, ווייל ווי נאָר מיר פּרובירען זיך אויף אַ מאָמענט אָבשטעלען אַזוי ווערען מיר גלייך געשמיסען מיט דער בייטש פון לאַנגווייליגקייט און מיר פיהלען ווי דער גאַנצער לעבען וואָלט געווען פוסט, אָהן אַ תכלית.

וועגען דעם אַלעמען איז, ווי געזאָגט, שוין געשריבען געוואָרען ערגעץ אַנדערש. דאָ וועט אָבער צוגעגעבען ווערען, אַז דורך אַט די דאָזיגע אַקטי־וויטעטען ווערט די עקזיסטענץ פון אַן אַקטיווען כח ממש אַנגעוויזען — ניט געדרונגען, מיט אַנדערע ווערטער: דער אַקטיווער כח ווערט באַמערקט דירעקט, דורך די דירעקט־באַמערקטע אַקטיוויטעטען, וועלכע זיינען דאָך בעצם ניט עפּעס אַנדערש ווי אַקטיווער כח.

ג.

זיינען מיר אומשטאַנד צו דערקענען אויך עפּעס וועגען דעם מהות פון דעם דאָזיגען אַקטיווען כח? קענען מיר זאָגען וואָס ער איז, ווי ער איז? אויך וועגען דעם איז דאָ אַנגעשריבען און אַנגעשפּעקולירט אָהן אַ שיעור, און פון דעם דאָזיגען באַרג קענען אָבגעקליבען ווערען אייניגע אַטריבוטען וועלכע אונזערע דערקענטעניש באַרעכטיגען אונז לכל הדעות צו צושרייבען דעם דאָזיגען כח.

אַזוי זיינען מיר באַרעכטיגט אים צו צושרייבען דעם אַטריבוט פון שנעלקייט, וועלכעס ווייזט זיך אַרויס פאַר אונז גאַנץ גענוג דורך דער שנעלקייט פון ליכט־שטראַלען — אַ שנעלקייט פון הונדערט זעקס און אַכציג טויזענט מייל אַ סעקונדע. אַזוי זיינען מיר באַרעכטיגט אים צו צושרייבען דעם אַטריבוט פון גבורה, וועלכעס איז פאַר אונז גאַנץ גענוג אילוסטרירט געוואָרען איבער הירָאָשימאַ און נאַגאַסאַקי. און אַזוי זיינען מיר באַרעכ־טיגט אים צו צושרייבען דעם אַטריבוט פון גרויסקייט (גרויסקייט אין כמות), ווייל ווי ווייט מיר קענען גרייכען מיטן גרעסטען טעלעסקאָפּ ווייזט זיך די הערשאַפט פון דעם דאָזיגען כח.

די דערקענטעניש פון די דאזיגע אטריבוטען בארעכטיגט אונז צו צו־געבען, אז דער מהות פון אקטיווען כח שטייגט איבער אונזער השגה: קיינער פון אונז קען אודאי ניט משיג זיין דער שנעלקייט פון א ליכט־שטראל, — ווי אזוי איז מעגליך, אז עפּעס זאל אדורכלויפען אזא גרויסען שטח אין אזא קליינער צייט, אדער ווי אזוי איז מעגליך, אז אין אזא קליינער צייט זאל עפּעס באווייזען צו האבען געווען אויף אלע פלעצער פון דעם דאזיגען גרויסען שטח. פונקט אזוי קען קיינער פון אונז ניט משיג זיין דעם פארנעם פון דער גבורה אין דער אוניווערסאלער שטאף, קעגען וועלכעס די אטאמישע באמבעלע איז דאך אודאי ניט מער ווי א טראפּען אין ים. און פונקט אזוי קען קיינער פון אונז ניט משיג זיין דעם כמות פון דעם דאזיגען כח — דאס קען אמבעסטען אילוסטרירט ווערען ווען מיר נעמען דעם דאזיגען כמות אין זיין קליינקייט:

ווייסען מיר דאך היינט אלע ווי קליין אן אטאם איז: אז אן אונץ פון דעם שווערסטען עלעמענט, אוראניום, ענטהאלט אומגעפער הונדערט טויזענד ביליאן אטאמען; אז אן אונץ פון דעם לייכטסטען עלעמענט, וואסער־שטאף, ענטהאלט אומגעפער צוואנציג מיליאן ביליאן אטאמען.* און אט אזוינע אטאמען באשטעהען דאך אויך פון טיילען מיט מחיצות פון לעדיגקייט אינצווישען, ד"ה אז אין אזא אומבאגרייפבארען קליינעם כמות מוז אויפגענומען ווערען דער אקטיווער כח, וועלכער דריקט זיך דארט אויס, ווי אומעטום, דורך צוזאמענבונד און פונאנדערטיילונג.

ד.

אויב דער אקטיווער כח וואס ווערט באמערקט איז פאר אונז אומבאוואוסט אין זיין מהות קענען מיר ממילא גאר ניט וויסען אויך וועגען זיין אבשטאם; קענען מיר ניט וויסען צי דער דאזיגער כח עקזיסטירט פון זיך אליין אדער ער האט איבער זיך עפּעס אן אנדער כח וואס האט אים איינגעאָרדענט. דאס מיינט, אז מיר ווייסען גאר ניט איבער דעם העכסטען מקור פון אקטיווען כח; מיר ווייסען בלויז, אז אזא מקור מוז עקזיסטירען (ווייל אפילו אויב אקטיווער כח עקזיסטירט פון זיך אליין איז ער דאך גופא דער העכסטער מקור) און אז ער מוז זיין כח.

אט דאס איז טאקע דער שטאנדפּונקט פון דער אידישער אמונה. ווייסען מיר דאך אלע, אז אין דער תורה ווערט ג־ט באצייכענט מיט די דאזיגע צוויי נעמען: „עקזיסטענץ" און „קראפט" (עלויקים). אויך ווייסען מיר אלע ווי די תורה זאגט אונז אן גלייך אין די עשרת הדברות: „לא תעשה

* New York Times Magazine, August 12, 1945.

לך פסל וכל תמונה" (פון ג־ט זאָלסטו זיך ניט מאַכען קיין געשטאַלט). און אין משנה תורה קומט דער דאָזיגער אָנזאָג נאָך שטרענגער: „ונשמרתם מאד לנפשותיכם, כי לא ראיתם כל תמונה ביום דבר ה' אליכם בחורב מתוך האש" (און איר זאָלט זיין זעהר געהיט צו אייערע זעלעס, ווייל איר האָט ניט געזעהן קיין געשטאַלט אין דעם טאָג וואָס ג־ט האָט צו אייך גערעדט אא"וו).

דאָס געפינען מיר אויך אין תלמוד. אַלס ביישפּיל וועט זיין גענוג דאָ צו דערמאָנען די ענטפערס וואָס רבן גמליאל האָט געגעבען די אַטעאיסטען, וועלכע האָבען בדרך הלצה געטענה'ט, אַז זיי ווייסען דאָס וואָס טוט זיך אויפן הימעל — „דאָס וואָס איז דאָ אויף דער ערד ווייסטו ניט, דאָס וואָס איז אויפן הימעל ווייסטו?... דאָס וואָס איז דאָ אין דיין מויל ווייסטו ניט, דאָס וואָס איז דאָ אין הימעל ווייסטו?". (סנהדרין לט). מען וועט באַמערקען, אַז די לאָגיק אין די דאָזיגע אַרגומענטען איז ממש די זעלבע ווי די וואָס איז דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרען: אויב דאָס וואָס ווערט באַמערקט איז פאַר אונז אומבאַוואוסט קענען מיר אודאי ניט וויסען דאָס וואָס איז איבער דעם.

אודאי איז אויך אמת, אַז סיי אין תלמוד און סיי אין די נביאים ווערען זעהר אָפט געמאָלען בילדער פון ג־ט און די דאָזיגע בילדער זיינען אַפילו מערסטענס אַנטראָפּאָמאָרפיש. אָבער מען זעהט גלייך, אַז די דאָזיגע בילדער זיינען נאָר אַ פאָרמע פון סטיל, „לשבר את האוזן": אין תלמוד ווערט דאָן געוועהנליך צוגעגעבען דאָס וואָרט „כביכול", וועלכער וויזט בפירוש, אַז דאָ האַנדעלט זיך בלויז וועגען אַ פּערזאָניפיקאַציע. בנוגע די נביאים, ווידער, איז דאָך דער גאַנצער סטיל זייערער פּערזאָניפיקאַציע און משל. נאָר פונדעסטוועגען פאַסירט אַמאָל, אַז אויך דער נביא דערשרעקט זיך אַליין פאַר זיין אייגענעם סטיל און ווען ער האָלט ביי אַ פּערזאָניפיקאַציע שרייט ער אויס: „אוי לי כי נדמיתי" (וועה איז מיר איך האָב זיך דאָך פאַר־משל'ט. (ישעיה ו).

ה.

מאַנכע פילאָזאָפען זיינען אויך געקומען צו דער מסקנא, אַז איבער דאָס וואָס איז באַוואוסט מוז זיין עפּעס וואָס איז אומבאַוואוסט. אָבער אין דעם קורס פון זייער פילאָזאָפירען דרעהען זיי אויס דעם דישעל און פאַר־קירעווען זיך פונקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג; זיי רעדען אַזוי ווי דער אומבאַוואוסטער וואָלט געווען באַוואוסט, אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדערען.

נעמט, למשל, הערבערט ספּענסער. איז ער געקומען צו דער מסקנא פון אַן אומבאַוואוסטען, וועלכער זאָל זיין די העכסטע אורזאַך פון דאָס וואָס

איז באַוואוסט. נאָר צו דער זעלבער צייט פילאָזאָפירט ער איבער דער נאַטור אַזוי ווי דער אומבאַוואוסטער וואָלט געשטאַנען אין גאַנצען אַן אַ זייט, ווי ער וואָלט גאָר ניט געהאַט קיין שייכות מיט דעם פּראָגרעסיווען גאַנג פון דער נאַטור — אָבער פונוואַנעט ווייס ער דאָס? פונוואַנעט ווייס ער אַז דער אומבאַוואוסטער איז אַזוי „דעאיסטיש”, אַז כאָטש ער איז די העכסטע אורזאַך פון דער נאַטור און ער דאַרף דערפאַר זיין ביכולת צו באַשטימען איר ריכטונג, מישט ער זיך פונדעסטוועגען ניט מער אין איר גאַנג?

אָדער נעמט דעם באַרימטען עמנואל קאַנט. איז ער אויך געקומען צום באַשלוס, אַז הינטער דאָס וואָס דערשיינט צו אונז מוז זיך געפינען עפּעס וואָס קען צו אונז ניט דערשיינען — הינטער דעם פענאָמען מוז זיין אַ „נאאומען”. אָבער כאָטש דער נאאומען איז אומבאַוואוסטבאַר ווייס פונדעסטוועגען קאַנט, אַז ער איז אויסער שטח, אויסער צייט און ממילא אויך אויסער אורזאַכליכקייט, וועלכעס איז ביי אים, פונקט ווי די אַנדערע „קאַטעגאָריעס”, פאַרבונדען מיט צייט — אָבער פונוואַנעט ווייס ער דאָס? *

אָדער לאָמיר געהן נאָך פריהער, צו שפּינאָזען. ווייס אויך שפּינאָזע, אַז עפּעס איז אומבאַוואוסט. אָבער כאָטש אומבאַוואוסט געהט ער דאָס גלייך באַשרייבען אַזוי ווי ער וואָלט דערביי געשטאַנען: עס איז אַן אומענדליכע סובסטאַנץ, וועלכעס דריקט זיך אויס דורך אַן אומענדליכער צאָל אַטריבוטען, פון וועלכע מיר ווייסען בלויז צוויי, שטח און אידייע; פון די איבעריגע אַטריבוטען קענען מיר אפילו קיין השגה ניט האָבען. אָבער דאָ פרעגט זיך, ווי אַזוי איז מעגליך צו באַשרייבען אַזוי ווייט דאָס פון וואָס מען קען ניט האָבען אפילו אַ השגה?

נאָר פונדעסטוועגען טוען די דאָזיגע פילאָזאָפען וועניגער זינדיגען אין דעם דאָזיגען הינזיכט ווי די וועלכע לאָזען אין גאַנצען ניט צו קיין אומבאַוואוסטען — אַט ווי למשל, די מאַטעריאַליסטען, וועלכע נעמען אָן, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט מוז זיין אַזוי ווי דאָס וואָס אונזערע חושים שטעלען אונז פאָר. אין דעם קומענדיגען קאַפּיטעל וועלען מיר זעהען אַז דער דאָזיגער געדאַנק פון באַוואוסטקייט איז טאַקע געווען דער הויפּט־פּרינציפּ פון געטשענדינסט, וועלכען אונזער אמונה איז געקומען צו באַקעמפען.

* דער דאָזיגער אומבאַרעכטיגטער וויסען פאַרפלאָנטערט אים טאַקע אין אַ נעץ פון ווידערשפּרוך, ווייל אויב אורזאַכליכקייט איז דאָ נאָר אין פענאָמען, ד"ה, עס איז נאָר עפּעס וואָס דערשיינט צו אונז און בעצם איז אַזאַ זאַך ניט בנמצא, דאַן קען דער נאאומען ניט זיין די אורזאַך פון פענאָמען, אַזוי ווי קאַנט וויל האָבען. אָבער וועגען דעם וועט אונז אויסקומען צו רעדען שפּעטער, אין אַ באַזונדער קאַפּיטעל וועגען קאַנטס פילאָזאָפיע.

צווייטער קאַפּיטעל

געטשענדינסט

פאַרשיידענע סאָרטען געטשענדינסטען. — זיי מוזען האָבען אַ צד השוה מיט וואָס זיי טיילען זיך אָפּ פון דער ריינער אידישער אמונה. — געטשענדינער זיינען געוועהנליך געוועזען פּאָליטעאיסטען אָבער דער צד השוה ליגט ניט אין כמות נאָר אין איכות. — דריי חילוקים בנוגע זייער איכות. — די געטשענדינער האָבען זייערע אָפּגעטער געמאָלען און באַשריבען זייערע נאַטורען און זייערע ביאָגראַ־פיעס. — זיי האָבען זיי צוגעשריבען אַנטראָפּאָרמאָרפישע מדות. — זיי האָבען זיי געדינט אויף שענדליכע אופנים. — בלויז דאָס ערשטע איז וועזענטליך אין געטשענטום און מיט דעם מוז זיך עס פונאַנדערטיילען פון דער אידישער אמונה. — די אַנדערע חילוקים פאָלגען פון דעם ערשטען.

א.

געטשען־דינסטען זיינען געווען פאַרשידענע סאָרטען. מען האָט גע־דינט צו ערדישע געגענשטאַנדען: צו דוממים, צו צמחים, צו חיות און צו מענשען (נאָך אין אונזערע צייטען זיינען די מיקאַדאָס געווען די אָפּי־ציעלע אָבגעטער פון די יאַפּאַנעזער). מען האָט געדינט צו הימעלשע קער־פּערס: צו דער זון, צו דער לבנה און צו די שטערען. מען האָט געדינט צו נאַטור דערשיינונגען: צום שטורעם ווינד, צום דונער און אפילו צו סע־זאָנען (תמוז). און מען האָט אויך געדינט צו גייסטיגע אָביעקטען: צו נשמות פון טויטע, צו גוטע און בייזע רוחות אד״ג. וואָס איז דער צד השוה צווישען די אַלע פאַרשיידענע סאָרטען געטשען־דינסטען — מיט וואָס טיי־לען זיי זיך אַלע אָב פון דער ריינער אידישער אמונה?

איז געוויינליך באַקאַנט דער חילוק צווישען מאָנאָטעאיזם און פּאָלי־טעאיזם: די געטשען־דינער האָבען געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון פיל אָבגעטער, בעת די אידישע אמונה האָט אויפגעטאָן, אַז עס עקזיסטירט בלויז איין ג־ט; ביי די געטשען־דינער זיינען די פונקציעס אין דער נאַטור געווען פאַרטיילט אין פיל הענד, בעת אידען האָבען אַריינגעבראַכט דער אידייע פון איין הערשאַפט איבער דער גאַנצער נאַטור.

איז אָבער אַ ספק צי דער דאָזיגער חילוק קען אָנגעווענדעט ווערען צו אַלע געטשענדינסטען. מאַנכע זיינען גאָר ניט געווען אַזוי פּאָליטעאיס־טיש. אין די גריכישע און רוימישע פּאַנטעאָנען, למשל, האָט גיכער געהערשט

געטשענדינסט

א מין „מאנאגעטשיזם" — איין געטש איז דארט דערהויבן געווארן צו א פאזיציע פון פולער הערשאפט איבער אלע אנדערע, אזוי, אז די אנדערע זיינען געווען ניט מער ווי זיינע בעאמטע, וועלכע האבן געדארפט אדורכ־פירן געוויסע פונקציעס. זייער פלאץ אין פאנטעאן איז דערפאר געווען גיכער פון משרתים, אדער „אב'מלאכים", ווי פון אבגעטער.

אמת, די דאזיגע אב'מלאכים האבן טאקע געהאט פולע אויטאנאמיע, זיי האבן געקענט טאן וואס זיי ווילן, און זיי האבן געקענט האנדלען אפילו געגען דעם ווילן פון זייער הער. אבער די דאזיגע אויטאנאמיע האט זיך ניט געגומען פון דער באגרענעצטער הערשאפט פון דעם אלמעכטיגן אבגאט, נאר פון דעם אנטראפאמארפיזם פון די געטשען־דינער — פון דעם וואס די געטשען־דינער האבן באקליידט זייערע געטשען מיט מענטשליכן פרייען ווילן. אין איינקלאנג מיט זיין פרייען ווילן האט א געטש געמוזט באזיצן די מעגליכקייט עובר צו זיין אפילו אויף די בפירושע אינסטרוק־ציעס פון זיין מעכטיגען בעל הבית. אבער פונקט ווי א מענשליכער ווידער־שפעניגער משרת איז ער דערפאר דערנאך ביטער באשטראפט געווארן — אט אזוי ווי עס געהט דארט אין דער לעגענדע מיט דעם אבגאט וואס האט געוואגט צו אנטפלעקן צו מענשען דעם סוד פון פייער.

אבער ווי עס זאל ניט זיין, איז דאס געוויס ניט דער גאנצער חילוק צווישען דער ריינער אידישער אמונה און דעם געטשען־דינסט. דאס איז אפילו ניט דער הויפט־חילוק, מחמת מאנאגעטשיזם איז פונקט אזוי געגען דער ריינער אידישער אמונה ווי פאליגעטשיזם; ווען מענשען זאלען באַ־זייטיגען אלע געטשען לטובת איין געטש — לטובת דעם בעל, למשל — וואלטען זיי געווען ניט קיין קלענערע „עובדי עבודה זרה" ווי ווען זיי וואלטען געדינט מערערע געטשען; זיי וואלטען סיי ווי עובר געווען אויף דעם בפירושען געבאט: „דו זאלסט זיך ניט מאכען קיין בילד און קיין געשטאלט".

דער הויפט־חילוק צווישען דער אידישער אמונה און דעם געטשען־דינסט ליגט ניט אלזא אין כמות נאר אין איכות; מיר אידען גלויבען אז ג־ט איז אין גאנצען פון אן אנדער נאטור ווי די וואס די געטשען־דינער האבען געגלויבט. איז וואס זיינען די חילוקים אין איכות און וואס איז צווישען די דאזיגע חילוקים דער הויפט־חילוק?

ב.

די חילוקים אין איכות זיינען פון דריי סארטען: (1) חילוקים אין עצם וועזען פון ג־ט, (2) חילוקים אין זיינע מדות, (3) און חילוקים אין אופן פון דינען אים:

דער עצם וועזען פון ג־ט איז לויט דער אידישער אמונה אומבאַוואוסט — אַזוי ווי עס איז באַוויזען געוואָרען אין פריהערדיגען קאַפּיטעל. דאַגעגען, האָבען די געטשען־דינער ניט נאָר געמאָלען דעם אויסזעהן פון זייערע אָבגעטער נאָר זיי האָבען אויך גענוי באַשריבען די נאַטורען און אפילו די ביאָגראַפיעס פון די דאָזיגע אָבגעטער.

די מדות פון ג־ט זיינען לויט דער אידישער אמונה אידעאַלע, אַזוינע וואָס שטעהען גאָר ניט דער ערך העכער פון אונזערע. דאַגעגען, האָבען די געטשען־דינער געוויינליך צוגעשריבען צו זייערע אָבגעטער די זעלבע מדות, וואָס זיי אַליין האָבען דאַן פּראַקטיצירט.

בנוגע דעם אופן פון דינען ג־ט, האָט די אידישע אמונה, פון איין זייט, אָבגעשאַפט די אַלע איבלען פון עבודה זרה — מענשליכע קרבנות, פאַרברענען קינדער, עפענטליכע זנות אד״ג — און פון דער צווייטער זייט האָט זי אַריינגעבראַכט די „מצוות מעשיות״, די געזעצען און דינים וועלכע מאַכען יעדען יחיד פאַר אַן אַקטיווען דינער סיי פון ג־ט און סיי פון דער געזעלשאַפט.

איז אין וועלכען פון די דאָזיגע דריי סאָרטען חילוקים ליגט דער הויפּט־חילוק — דער עלעמענט אויף וועלכען מען זאָל קענען זאָגען מיט זיכערהייט, אַז ער געהער זיך אַן נאָר מיט דער ריינער אידישער אמונה, אָדער, פאַרקערט, נאָר מיט דעם געטשענדינסט?

די חילוקים אין דעם אופן פון דינען ג־ט זיינען געוויס זעהר וויכטיג, אַזוי וויכטיג אַז אונזערע חכמים האָבען אויף זיי געשטעלט דעם טראָפּ און מיט זיי האָבען זיי זיך אָבגעגעבען פיל מער ווי מיט אַלע אַנדערע חילוקים: ווערט דאָך געטשענטום באַצייכענט דורך אונזערע חכמים מיט דעם נאָמען „עבודה זרה״ — אַ פרעמדער אַרט דינען, אַזאַ וואָס איז ניט אַזוי ווי דער אַרט דינען פון דער אידישער אמונה; און ווערט דאָך דער דאָזיגער עבודה זרה געווידמעט אַ גאַנצע מסכת אין תלמוד. אָבער די דאָזיגע וויכטיגקייט איז בלויז פון פּראַקטישען שטאַנדפונקט, פון דעם וואָס דער כאַראַקטער פון מענשען ווערט מער באַאיינפלוסט דורך דעם אופן ווי ער דינט ג־ט. פון טעאָרעטישען שטאַנדפונקט, דאַגעגען, האָבען אונזערע חכמים אין דעם געוויס ניט געפונען דעם הויפּט־חילוק צווישען דער אידישער אמונה און דעם געטשען־דינסט, מחמת דינען די אָבגעטער אויף דעם זעלבען אופן ווי די אידישע אמונה שרייבט פאָר צו דינען ג־ט איז דאָך לויטן תלמוד נאָך מער עבודה זרה ווי ווען מען דינט זיי אויף אַנדערע אופנים.*

---

* זעה סנהדרין ס: וואו עס ווערט געזאָגט, אַז דינען אַן אָפּגאָט אויף דעם זעלבען אופן ווי עס איז אָנגעגאַנגען די עבודה אין בית המקדש איז ערגער מיט דעם וואָס עס הייסט עבודה זרה אַפילו ווען די אָנהענגער פון דעם דאָזיגען אָפּגאָט דינען אים ניט אויף אַזאַ אופן, בעת דינען אַן אָפּגאָט אויף אַנדערע אופנים הייסט עבודה זרה נאָר דאַן ווען די אָנהענגער פון דעם דאָזיגען אָפּגאָט דינען אים אויף אַזאַ אופן.

דאָס זעלבע איז מיט די חילוקים אין די מדות. געוויס זיינען אויך די דאָזיגע חילוקים זעהר וויכטיג פון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, מחמת געוויס האָבען אויך די מדות פון ג־ט אַ גרויסען איינפלוס אויפן כאַראַקטער פון מענשען. אַזוי האָבען אידען שטענדיג געזוכט אויסצובעסערען זייערע מדות צוליב דעם וואָס זיי האָבען געשטרעבט זיי אויסצוגלייכען ווי ווייט מעגליך מיט די מדות פון רבונו של עולם: „אַזוי ווי ער איז דערבאַרעמדיג אַזוי זאָלסטו זיין דערבאַרעמדיג... אַזוי ווי ער באַקליידט נאַקעטע... אַזוי זאָלסטו באַקליידען נאַקעטע" אא"וו (זעה שבת קלג: און סוטה יד.). אָבער פונדעסטוועגען וועט קיינער ניט זאָגען, אַז אין דעם ליגט דער הויפּט־חילוק צווישען דער אידישער אמונה און דעם געטשען־דינסט, אַז אַן אָבגאָט צו וועלכען מען זאָל צושרייבען אידעאַלע מדות וועט מיט דעם אַליין ווערען אויס אָבגאָט, אַז די מיטריאַנער, למשל, זיינען ניט געווען קיין געטשען־דינער צוליב דעם וואָס זיי האָבען טאַקע צוגעשריבען צו זייער אָבגאָט אויס־געצייכענטע מדות.

בלייבען אַלזאָ ניט מער ווי די חילוקים אין עצם וועזען פון ג־ט, צווישען וועלכע עס מוז געזוכט ווערען דער הויפּט־חילוק. איז קיין ספק ניט, אַז דאָ מוז ער טאַקע געפונען ווערען — שוין צוליב דעם אַליין וואָס אַ חילוק אין עצם וועזען פון זאַכען מוז זיך דאָך געפינען אַלע מאָל, ווען די זאַכען זיינען דאָ און מוז ממילא זיין איינגעשלאָסען אין אַלע פאָרמען אונטער וועלכע די זאַכען דערשיינען: מוז אין דער אידישער אמונה אַלע מאָל זיך געפינען דער פאַרבאָט פון „לא תעשה לך כל פסל ותמונה", און וואו עס איז דאָ אַזאַ פאַרבאָט איז דאָ אַן עלעמענט פון דער אידישער אמונה;* מוז אין יעדער פאָרמע פון געטשען־דינסט זיין איינגעשלאָסען, פאַרקערט, אַן עלעמענט פון פסל ותמונה, און וואו נאָר מיר באַגעגענען אַזאַ עלעמענט באַגעגענען מיר אַן עלעמענט פון געטשען־דינסט.

ג.

אין ליכט פון דעם דאָזיגען הויפּט־חילוק ווערט פאַר אונזערע אויגען אויפגעדעקט דער קוואַל פונוואַנעט עס פליסט אַרויס דער גרעסטער טייל טעאָריע און פּראַקטיק פון געטשען־דינסט. מיר זעהען קלאָר ווי די הויפּט־כאַראַקטעריסטיקס אין אַלע פאָרמען פון געטשען־דינסט נעמען זיך פון דעם, וואָס דער געטשען־דינער האָט געפּרואווט זיך אויסמאָלען אַ בילד פון דאָס

* „דער וואָס לייקענט אין געטשענדינסט ווערט אָנגערופען אַ איד" (מסכת מגילה י"ג).

וואָס איז אומבאַוואוסט. דאָס האָט ערשטענס געפירט צום אַנימיזם, אָדער (ווי מען וואָלט עס ריכטיגער גערעדט רופען) צום פּאַנאַנטראָפּאָמאָרפיזם, צום גלויבען, אַז יעדער געגענשטאַנד באַזיצט אַ מענשען־עהנליכע נשמה. דאָס האָט צווייטענס געפירט צום מתים קולט, צום גלויבען, אַז די טויטע האָבען די זעלבע פאָדערונגען און זיינען באַשאַנקען מיט מער כחות ווי די לעבע־דיגע. און דאָס האָט ענדליך אויך געפירט צום פּאָליטעאיזם און צו די פאַרשיידענע פאָרמען עבודה זרה פון די שפּעטערדיגע געטשען־דינער — ווי אַזוי?

קודם פאַרשטעהט יעדער איינער, אַז אַ בילד וואָס מיר מאָלען זיך מוז קומען פון עפּעס וואָס איז אונז באַוואוסט, מחמת עפּעס וואָס מיר ווייסען ניט ווייסען מיר דאָך ניט ווי אַזוי צו מאָלען. אמת, מיר קענען זיך אויס־מאָלען אַ מין מאָנסטער וואָס מיר האָבען קיין מאָל ניט געזעהן — מיר קענען זיך אויסמאָלען אַ מענש מיט הערנער — אָבער אויך אין אַזאַ פאַל מאָלען מיר ניט באמת עפּעס וואָס מיר האָבען ניט געזעהן, נאָר מיר נעמען צוזאַמען עפּעס וואָס מיר האָבען געהאָט געזעהן באַזונדער.

איז ווי אַזוי קען דער געטשען־דינער זיך אויסמאָלען אַ בילד פון עפּעס וואָס איז אים אומבאַוואוסט? דאָס קען ער טאָן בלויז דורך באַקליידען דאָס אומבאַוואוסטע מיט אַ לבוש גענומען פון עפּעס וואָס איז אים באַוואוסט. דער בילד איז אַלזאָ נישט פון דאָס אומבאַוואוסטע נאָר פון עפּעס אַנדערש, פון דאָס באַוואוסטע.

און היות ווי מער פון אַלץ ווייס יעדער איינער וועגען זיך זעלבסט, קומט ווידער אויס, אַז ווען דער געטשען־דינער פּרואווט זיך אויסמאָלען אַ בילד פון דאָס אומבאַוואוסטע אין יעדער זאַך, מוז ער יעדער זאַך אויס־פילען מיט כאַראַקטער־שטריכען גענומען פון זיין אייגענער פּערזאָן: מוזען די דוממים, די צמחים און די בעלי חיים אים אויסקומען עהנליך צו זיך, צו מענשען; מוזען די טויטע פאַר אים ניט זיין פיל אַנדערש פון די לעבע־דיגע — נישט מער וואָס מען זעהט זיי ניט, וואָס זיי זיינען רואים ואינם נראים; מוז דער אַקטיווער כח, וואָס באַווייזט זיך אין דער נאַטור, אויס־געמאָלט ווערען ווי אַ כח פון אַ מענשען אַ בעל כח, אַ מענש וואָס איז ביכולת צו באַהערשען און לאָזען אין גאַנג דער גאַנצער נאַטור — און אָט פונדאַנעט נעמט זיך דער גאַנצער קלאָפּערגעצייג פון די עובדי עבודה זרה.

אויספילענדיג דעם בילד פון אַ מענשען, מוז ער עסען, טרינקען און זיך פּרוכפּערען; מוז ער באַזיצען אַ ווילען פאַר די דאָזיגע הצטרכותען, פּונקט ווי פאַר אַלע מעשים וואָס ער טהוט; מוז ער זיין צופרידען אָדער אומצופרידען, ווען זאַכען ווערען געטאָן אָדער ניט געטאָן אין אנקלאַנג מיט

זיין ווילן; מוז ער באַזיצען תאוה און כעס, אהבה און שנאה — מיט איין וואָרט, אַלע שוואַכקייטען און אַלע מדות פון אַ בשר ודם.*

דער פּרוכפּערען זיך ברענגט קינדער, וועלכע מוזען זיין פון זעלבען מין. אַזוי אַרום מוז זיך בילדען אַ גאַנצע פאַמיליע פון אָבגעטער, אַ פּאָלי־טעאיזם. און אויספילענדיג דעם דאָזיגען בילד מיט אַ פאַרגלייך צו אַ קעניגליכער פאַמיליע, וואָס הערשט איבער פיל לענדער (מחמת דער וואָס באַהערשט דער גאַנצער נאַטור האָט דאָך אַלע לענדער אונטער זיין הער־שאַפט), האָבען די דאָזיגע פּרינצען אָבגעטער געמוזט באַזעצט ווערען אין באַזונדערע לענדער, וואו יעדער איינער איז אין זיין לאַנד דער „בעל", דער לאָרד פון פּלאַץ. דער פּרוכפּערען זיך פון לאַנד'ס בעל מוז ווידער מיטברענגען דער אידייע, אַז מאַנכע מענשען פון פּלאַץ, די קעניגען און די העלדען, טוען פון אים אָבשטאַמען.

די פאַרשטעלונג, אַז די אָבגעטער מוזען האָבען אַ ווילען פאַר די מעשים וואָס זיי טוען, קען ווידער אָנווייזען אויף דעם אופן ווי יעדער אָבגאָט קען געדינט ווערען: דער וואָס ברענגט ליכטיגקייט דאַרף געדינט ווערען דורך פייער, דער וואָס פּראָדוצירט ווייַן דאַרף געדינט ווערען דורך שיכרות און אַזוי כסדר. פונדאַנען נעמען זיך די פאַרשיידענע אופנים פון דינען די אָבגעטער. דאָ האָבען מיר אויך דעם גרונד פאַר וואָס מאַנכע אָבגעטער זיינען געדינט געוואָרן אויף זעהר־שענדליכע אופנים, מחמת אין דער נאַטור געהען דאָך אָן אויך אַזוינע אַקטיוויטעטען.

ד.

היוצא מדברינו, אַז דער אַלגעמיינער און הויפּט־כאַראַקטער פון געט־שען־דינסט איז אַן אומבאַגרינדעטער גנאָסטיציזם, אַן איינרעדעניש, אַז מען ווייס דאָס וואָס איז אומבאַוואוסט. און אָט דער דאָזיגער איינרעדעניש, מיט די אַלע מיאוסע פאָלגען, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדען, איז די אידיי־שע אמונה געקומען באַקעמפען.

דאָס שטימט אייגענטליך מיט דער טעאָריע פון באַרימטען פאָרשער מאַקס מילער, אַז דער עוואָלוציאָנערער גאַנג אין רעליגיע געהט פון עפּעס, וואָס מען קען תופס זיין צו עפּעס, וואָס מען קען ניט תופס זיין. אין אנקלאַנג מיט מילערס טעאָריע, דאַרף דער שפּיץ פון דער דאָזיגער עוואָלוציע דער־פירען צו עפּעס, וואָס מען קען איבערהויפּט ניט תופס זיין, צו עפּעס וואָס

* די איינציגע שוואַכקייט וואָס די געטשען־דינער האָבען ניט צוגעשריבען צו זייערע אָפּגעטער איז שטערבליכקייט, מחמת טויט ווערט ניט אויפגענומען אַלס אַ וועזענטליכע אייגענשאַפט פון לעבען נאָר אַלס אַן אָנשיקעניש, וועלכע קומט פון דער האַנד פון די אָפּגעטער און דערפאַר דאַרף אַן אָפּגאָט אַליין פון דעם ניט ליידען.

איז אין גאַנצען אומבאַוואוסט; און דאָס מיינט ווידער, אַז דער שטאַנדפּונקט פון דער אידישער אמונה שטעלט פאַר די פּראָגרעסיוועסטע אידייע אין דעם דאָזיגען פעלד.

ווייטער וועלען מיר זעהן, אַז דער גאַנצער אויפטו פון אַטעאיזם איז צוריקצושלעפּען דעם געדאַנק צום שטאַנדפּונקט פון די געטשען־דינער און דערפאַר מוז דער אַטעאיזם אַרונטערגעזעצט ווערען פיל שטאפּלען נידעריגער אויפן לייטער פון פּראָגרעס.

דריטער קאַפּיטעל

אַלט-מאַטעריאַליזם

די קרובה׳שאַפט צווישען אַטעאיזם און מאַטעריאַליזם. — די קרובה׳שאַפט צווישען מאַטעריאַליזם און געטשענדינסט. — די געשיכטע פון מאַטעריאַליזם פאַנגט זיך אָן מיט דעמאָקריט׳ס מעטאַפיזיק. — זיין טעאָריע פון פאַלענדע אַטאָמען און זייערע צוזאַמענשטויסען אַלס די אורזאַך פון דעם ענטשטעהן און פאַרגעהן פון אַלע זאַכען. — די אַטאָמען אונטערשיידען זיך נאָר אין זייער גרויס און געוויכט און פון דעם נעמען זיך אַלע צוזאַמענשטויסען. — שוועריגקייטען מיט דער דאָזיגער הנחה. — עפּיקור און לוקרעטיוס וואַרפען אָפּ דעם אונטערשייד אין געוויכט און זיי שרייבען צו די צוזאַמענשטויסען צו אַ שטויס געקומען פון ערגעץ אַנדערש. — לוקרעטיוס גלייבט, אַז דער שטויס האָט געמוזט קומען פון אַ ווילענס איניציאַטיווע. — דאָס איז סותר דעם יסוד פון מאַטעריאַליזם.

א.

אַטעאיזם און מאַטעריאַליזם זיינען, פאַרשטעהט זיך, ניט קיין סינאָנימען. די צוויי זיינען אַפילו ניט ענג פאַרבונדען; אַן אַטעאיסט מוז ניט זיין אַ מאַטעריאַליסט. נעמט, למשל, דעם אויסגעשפּראָכענעם אַטעאיסט אַרטור שאָפּענהויער — איז ער גאָר געווען אַ קאַנטיאַנער, ד״ה ער האָט געהאַלטען, אַז שטח, צייט און ממילא אויך דאָס מאַטעריעלע שטאָף זיינען נאָר אונזערע אויסדאַכטעגישען, פאַרשטעלונגען, וואָס קומען בלויז פון אונזער געדאַנק און אויסער אונזער געדאַנק עקזיסטירען זיי גאָר ניט. דאָס איז אין היפּוך צום מאַטעריאַליזם, וואו שטח, צייט און מאַטעריעלע שטאָף זיינען גראָד די אויבערשטע פון שטויסעל; זייער עקזיסטענץ איז זיכער, אייביג, אומענדליך און נויטווענדיג.

אָבער אויב ניט קיין ענגע פאַרבינדונג, איז דאָך דאָ צווישען די צוויי אַ וועזענטליכע קרובהשאַפט — אַ מין איינזייטיגע פאַרבינדונג, וועלכעס מאַכט, אַז יעדער מאַטעריאַליסט זאָל מוזען זיין אַן אַטעאיסט. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער תוך פון אַטעאיזם איז צו לייקענען דעם אומבאַוואוסטבאַרען פון אמונה, און אין דעם קומט ער זיך צוזאַמען מיט דעם תוך פון מאַטעריאַליזם, וועלכעס איז די טעאָריע, אַז דאָס וואָס מיר נעמען אויף מיט אונזערע חושים (די מאַטעריע און אירע אייגענשאַפטען) איז דער העכסטער

מקור פון דער גאַנצער נאַטור און אַז קיין אומבאַוואוסטבאַרער איז ממילא ניטאָ.

אַט די דאָזיגע קרובה'שאַפט מיט אַטעאיזם מאַכט מאַטעריאַליזם זעהר עהנליך צו געטשען־דינסט — פּונקט ווי געטשען־דינסט אַזוי מוז אויך מאַטעריאַליזם באַקליידען דעם אומבאַוואוסטבאַרען מיט אַ לבוש געגומען פון דאָס וואָס איז באַוואוסט. דער אונטערשייד צווישען די צוויי ליגט נאָר אין פּלאַץ פונוואַנעט דער לבוש ווערט גענומען און ממילא אויך אין דער קוואַליטעט פון דעם דאָזיגען לבוש: די געטשען־דינער האָבען דעם לבוש גענומען פון דער מענשליכער נאַטור, בעת די מאַטעריאַליסטען האָבען אים גענומען פון דאָס שטאָף פון אַלץ, וואָס איז באַוואוסט. די ערשטע האָט געצויגען צו אַ לבוש, וואָס איז רייך אין פאַרבען און דערפאַר האָבען זיי געמוזט מוותר זיין אויף כמות; בעת די צווייטע האָט געצויגען צו אַ ברייטערען לבוש, האָבען זיי דערפאַר געמוזט מוותר זיין אויף איכות און זיי האָבען זיך באַגוגענט מיט דעם קאָלירלאָזען וואָרט „אייגענשאַפט".

צוליב דער דאָזיגער קרובה'שאַפט צווישען מאַטעריאַליזם און אַטעאיזם איז דאָס ערשטע אויך געוואָרען דער נביא פון דאָס צווייטע — מאַטעריאַליזם האָט אַריינגעפירט אַטעאיזם. מאַטעריאַליזם איז אויך געבליבען די הויפּט־פעסטונג פון אַטעאיזם: אַלע מאָל, ווען דאָס ערשטע איז שטאַרק זיצט ממילא פעסט אין זאַטעל אויך דאָס צווייטע און ווען דאָס ערשטע ווערט אָבגעשוואַכט לאָזט אויך דאָס צווייטע אַראָב די הענד. די געשיכטע פון אַטעאיזם איז דערפאַר הויפּטזכליך אַ געשיכטע פון מאַטעריאַליזם.

ב.

מאַטעריאַליזם האָט אַריינגעפירט אַטעאיזם אויף צוויי וועגען: (1) אויף דעם וועג פון לייקענען אין גאַנצען דער עקזיסטענץ פון אַן אַקטיווען כח, (2) און אויף דעם וועג פון לייקענען דער באַזונדערער עקזיסטענץ פון אַזאַ כח, פון דערקלערען אים אַלס אַן אייגענשאַפט פון דאָס מאַטעריעלע שטאָף. דער ערשטער וועג איז גענומען געוואָרען דורך די אַלטע מאַטעריאַליסטען; דער צווייטער וועג איז גענומען געוואָרען דורך די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען.

די געשיכטע פון מאַטעריאַליזם ווערט געוועהנליך אָנגעפאַנגען מיט די טעאָריעס פון די פילאָזאָפען פון דער יאָניער שולע — טהאַלעס, אַנאַקסימאַנדער און אנאקסימענעס.* דאַרף אָבער צוגעגעבען ווערען, אַז די דאָזיגע פילאָזאָפען האָבען נאָך בפירוש ניט געלייקענט דער עקזיסטענץ פון אַן אַקטיווען כח. לויט דער עדות פון אַריסטאָטעל, זאָלען זיי גאָר, פאַר־

* וועגען די דאָזיגע פילאָזאָפען זעה „די אַלט־גריכישע פילאָזאָפיע" פון ראובן אַגור־שעוויטש.

קערט, האָבען געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אַזאַ כח, אָדער אַזוינע כחות: „אַלע זאַכען זיינען פול מיט געטער, און דער מאַגנעט לעבט ווייל ער באַזיצט די קראַפט צו באַוועגען אייזען” — די דאָזיגע ווערטער שרייבט אַריסטאָטעל צו צום פאָטער פון דער יאָניער שולע, צו טהאַלעס פון מילעט. אויב אַזוי, שיקט זיך גיכער אַז די דאָזיגע פילאָזאָפען זיינען געווען אַני־מיסטען; זיי האָבען געגלויבט אַז אויך דוממים לעבען, נאָר אויף אַביסעל אַן אַנדער שטייגער ווי בעלי חיים.

דער אַטעאיזם ווייזט זיך שוין אָבער אין זיין פולסטען אויסדרוק ביי דעם יורש פון די יאָניער, דעמאָקריט פון אבדערא, וועלכער האָט שוין בפירוש געלייקענט דער עקזיסטענץ פון וועלכען עס איז אַקטיווען כח. לויט אים קומט אויס, אַז אַלץ וואָס געשעהט פאָלגט פון אַ פּאַסיווער טעטיגקייט, פון אַ ממילא׳דיגען פאַלען — ווי אַזוי?

די סובסטאַנץ פון אַלע זאַכען בעשטעהט פון אַטאָמען — אַזוינע אומ־זעהבאַרע און אומטיילבאַרע פיצעלעך מאַטעריע — וועלכע האַלטען אין איין פאַלען פון אויבען נאָך אונטען אין אַ דעקלאַזען שטח. די דאָזיגע אַטאָמען ווערען ניט באַהערשט פון קיין כח, ניט פון אַן אינערליכען און ניט פון אַן אויסערליכען. זיי באַזיצען ניט דערפאַר קיין קוואַליטעטען, מחמת יעדער קוואַליטעט איז אַן אינערליכער כח, וואָס מאַכט דער זאַך זיך אויפפירען אויף אַ געוויסען אופן. און זייענדיג אַלע אָהן קוואַליטעטען קענען זיי זיך ממילא ניט אונטערשיידען דורך פאַרשיידענע קוואַליטעטען — איז ווי אַזוי ווערען פון זיי אויפגעבילדעט די זאַכען וועלכע ווייזען אַרויס פאַרשיידענע קוואַליטעטען? פונוואַנען נעמען זיך די אַלע אונטערשיידען צווישען זאַכען און געשעענישען?

זיי נעמען זיך פון אונטערשיידען אין דער אויסערליכקייט פון די אַטאָ־מען — פון אונטערשיידען אין זייער פאָרמע, אין זייער גרויס און ממילא אויך אין זייער געוויכט (איך זאָג ממילא, ווייל דעם אונטערשייד פון געוויכט האָט דעמאָקריט פאַרבונדען מיט דעם אונטערשייד פון גרויס. דאָס וואָס איז גרעסער און האָט אין זיך מער שטאָף מוז ממילא זיין שווערער). הויפּט־זעכליך האָט ער אַלץ אָנגעהאנגען אן דעם אונטערשייד פון געוויכט — ווי אַזוי?

דער אונטערשייד פון געוויכט ווירקט, אַז פאַלענדיג זאָלען די אַטאָ־מען פאַלען איינע אויף די אַנדערע, די שווערערע אויף די לייכטערע. דאָס פאַראורזאַכט צוזאַמענשטויסען. די צוזאַמענשטויסען ווירקען, פון איין זייט, אַז די אַטאָמען זאָלען זיך צוזאַמענקלעבען און בילדען גרעסערע אָדער קלענערע קערפּערס, און פון דער צווייטער זייט, אַז די קערפּערס זאָלען צוריק פונאַנדערגעבראָכען ווערען. דאָס ברענגט געבורט און טויט פון די אַלע גרעסערע און קלענערע קערפּערס וואָס מיר זעהען.

די צוזאַמענשטויסען ווירקען אויך, אַז די אַטאָמען און די קערפּערס זאָלען געשטויסען ווערען אין פאַרשיידענע ריכטונגען. פונדאַנען נעמען זיך די פאַרשיידענע באַוועגונגען און די פאַרשיידענע וואונשען וואָס מיר דער־פאַרען; יעדער וואונש איז אַ שטויס אין אַ געוויסער ריכטונג, אַ שטויס וועלכער פאָלגט פון אַ צוזאַמענשטויס. און אויף אַזאַ אופן קענען בדוחק אויסגע׳פשט׳ט ווערען אַלע אַקטיוויטעטען און אַלע פאַרשיידענהייטען.

ג.

דאָס איז אין קורצען די דעמאָקריטישע מעטאַפיזיק, וועלכע ווערט באַטראַכט פון פילאָזאָפישע אויטאָריטעטען אַלס זעהר אויסגעהאַלטען פון מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפונקט — פון שטאַנדפונקט, „אַז מאַטעריע אַליין איז ווירקליך.״ * און עס איז טאַקע אמת, אַז אין מאַנכע הנחות איז דעמאָ־קריטס טעאָריע מאַטעריאַליסטיש אויסגעהאַלטענער ווי די טעאָריעס פון זיינע מאָדערנע חברים. אָבער פונדעסטוועגען איז אויך דאָ ניט שווער צו געפינען הנחות, וואָס זיינען ניט אויסגעהאַלטען אפילו פון מאַטעריאַליסטי־שען שטאַנדפונקט. דאָס קענען מיר זעהן עקזאַמינירענדיג די הנחות וואָס זיינען דאָ פאָרגעשטעלט געוואָרען.

קודם בנוגע די הנחות וואָס זיינען ביי דעמאָקריטען אויסגעהאַלטענער. איז אודאי מאַטעריאַליסטיש אויסגעהאַלטענער די דעמאָקריטישע הנחה, אַז די אַטאָמען טאָרען ניט באַזיצען קיין קוואַליטעטען, מחמת יעדע קוואַליטעט מוז אויפגענומען ווערען אַלס אַ ניט־מאַטעריעלע עקזיסטענץ, מעג זי זיין ווי שטייף פאַרבונדען מיט מאַטעריעלער שטאָף. דאָס איז דאָך אייגענטליך דער אונטערשייד צווישען קוואַנטיטעט און קוואַליטעט: קוואַנטיטעט האָט צו טאָן מיט דער עצם שטאָף פון אַ זאַך, מיט איר מאַטעריע, בעת קוואַ־ליטעט שטעלט מיט זיך פאָר אַלץ וואָס די זאַך דריקט אויס אַ חוץ איר עצם שטאָף.

אַזוי איז אויך מאַטעריאַליסטיש אויסגעהאַלטענער די דעמאָקריטישע הנחה, אַז דער פאַלען פון די אַטאָמען ווערט ניט אַדורכגעפירט דורך עפּעס

---

* דאָס זיינען די ווערטער פון בערטראַנד ראָסעל אין זיין הקדמה צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון אַלבערט לאַנגעס געשיכטע פון מאַטעריאַליזם: „די צוויי דאָגמען וועלכע בילדען דעם עצם פון מאַטעריאַליזם זיינען: ערשטענס, אַז מאַטעריע אַליין איז ווירקליך; צווייטענס, די הערשאַפט פון געזעץ.״ עס איז קלאָר אַז די דאָזיגע צווייטע דאָגמע נעמט זיך פון דעם וואָס די מאַטעריאַליסטען גלויבען, אַז עס איז ניטאָ קיין אומבאַוואוסטבאַרער, און אויב די געזעצען, וואָס מיר באַמערקען היינט, זאָלען ניט הערשען אייביג, וואָלט מען דאָך ניט געקענט אויסרעכענען וואָס אין דער צוקונפט וועט זיין און ממילא וואָלט עפּעס געהען אומבאַוואוסטבאַר.

אַ כח — אַ כח אין די אַטאָמען אָדער אויסער זיי — נאָר עס גערהט אָן ממילא. אַט די דאָזיגע הנחה פאָלגט פון דער ערשטער הנחה, מחמת אַפילו אַ כח אין די אַטאָמען קען אַנדערש ניט אויפגענומען ווערן ווי אַלס אַ קוואַליטעט אין זיי און ממילא אַלס אַ ניט־מאַטעריעלע עקזיסטענץ.

דאַגעגען איז אָבער דאָ אַ בפירושע סתירה צווישן די הנחות, אַז די אַטאָמען אונטערשיידן זיך אין זייער גרויס און אַז זיי זיינען פונדעסטוועגן אומטיילבאַר. דער אונטערשייד אין דער גרויס פון די אַטאָמען מוז מיינען, אַז דאָס שטאָף פון די גרעסערע אַטאָמען פאַרנעמט אַ גרעסערן שטח ווי דאָס שטאָף פון די קלענערע אַטאָמען — איז פאַר וואָס זאָל ניט קענען אָב־געהאַקט ווערן אַ שטיקל שטאָף פון די ערשטע אויף אַזוי ווייט, אַז עס זאָל אויסגעגליכט ווערן אין שטח מיט דאָס שטאָף פון די צווייטע?

דאָס לאָזט זיך אויפפאַסן בלויז דורך דער אידייע, אַז דאָס שטאָף אין די אַטאָמען איז אַזוי צוזאַמענגעהאַלטן, אַז עס קען בשום אופן ניט פונאַנדערגענומען ווערן. אָבער אויב אַזוי, וואָס האַלט דאָס שטאָף צוזאַ־מען? ווערט פאַר דעם ניט געפאָדערט עפּעס אַ כח — עפּעס וואָס דאַרף זיין אויסגעשלאָסן לויט דעם דעמאָקריטישן מאַטעריאַליזם?

און פונקט אַזוי ניט אויסגעהאַלטן פון זעלבן שטאַנדפּונקט איז די הנחה, אַז די אַטאָמען אונטערשיידן זיך אין זייער געוויכט. יעדער בר־דעת פאַרשטעהט, אַז אויב די אַטאָמען אונטערשיידן זיך ניט אין זייערע קוואַליטעטן דאַרפן זיי זיך אויך ניט אונטערשיידן אין זייער אַרט באַ־וועגן זיך און ממילא אויך ניט אין דער שנעלקייט פון זייער באַוועגן זיך פון אויבן נאָך אונטן.

דער תירוץ, אַז דער אונטערשייד אין געוויכט פון די אַטאָמען נעמט זיך פון דעם אונטערשייד אין זייער גרויס, איז אָן אומזיניגע פּלוידעריי און עס גלויבט זיך קוים, אַז עס איז אַרויסגעקומען פון דעמאָקריט׳ס מויל. מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער מאַטעמאַטיקער אויסצו׳חשבונ׳ען, אַז אויב די מאַטעריע באַזיצט ניט קיינע כחות, דאַרף מער מאַטעריע ניט באַזיצן מער כח ווי עס באַזיצט ווייניגער מאַטעריע און דאָס ערשטע דאַרף דערפאַר זיך ניט באַוועגן שנעלער ווי עס באַוועגט זיך דאָס צווייטע.

ד.

די לעצטע הנחה איז דערפאַר פאַרוואָרפן געוואָרן אפילו פון דעמאָ־קריטס נאָהענטע נאָכפאָלגער. עפּיקור און לוקרעטיוס האָבען שוין געהאַלטן, אַז די אַטאָמען אונטערשיידן זיך ניט אין זייער געוויכט. ווען מען זאָל זיי לאָזן אַליין וואָלטן די אַטאָמען דערפאַר געהאַלטן אין איין פאַלן אין אַ גלייכער ליניע, ניט קומענדיג קיין מאָל אין אַ צוזאַמענשטויס — נאָר וואָס

דען? מאַנכע אַטאָמען האָבען ווען עס איז געמוזט באַקומען אַ שטויס פון ערגעץ אַנדערש — אַ שטויס וועלכער האָט זיי אַראָבגעשלאָגען פון זייער ליניע און וועלכער האָט פאַראורזאַכט די אַלע נאָכקומענדע צוזאַמענשטויסען און אַלץ וואָס האָט פון דעם געמוזט פאָלגען, אַלץ לויט דער לערע פון דעמאַקריט.

איז איבעריג צו זאָגען ווי ווייט די דאָזיגע קאָנצעסיע איז אַן אָבנויג פון דער דעמאָקריטישער ליניע, ווי ווייט דער שטויסענדער פאַקטאָר ברעכט אַדורך דער וואַנד פון דער בלויז־מאַטעריאַליסטישער עקזיסטענץ און ווי ווייט די שטויסענדע אַקטיוויטעט פילט אויס דעם חלל פון דער אבסאָלוטער ממילא'דיגקייט. נאָר אַן אָבנויג אַליין שאַדט ניט; אַן אָבנויג קען מיינען אויסבעסערונג און פראָגרעס. נאָר וואָס מען וואָלט פונדעסטוועגען באַדאַרפט וויסען איז, פונוואַנעט קומט דער דאָזיגער שטויס?

איז עפיקור מאַכט וועגען דעם אין גאַנצען אַ שווייג. דאָס שטימט אַפילו מיט זיין פּראַקטישער פילאָזאָפיע, צו פאַרשען בלויז דאָס וואָס איז פּראַקטיש — צו פאַרשען, דאָס הייסט, בלויז דאָס וואָס לאָזט זיך פאַרשען. איז עס אפשר אַלס פּראַקטישער מאַקסים ניט שלעכט. מען מוז אָבער דערביי געדענקען, אַז דאָס וואָס לאָזט זיך ניט פאַרשען קען פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין סך־הכול פון דאָס וואָס לאָזט זיך פאַרשען און ווען מען לאָזט אויס דאָס ערשטע קען מען דאַן ניט דערגרייכען צו אַ פולען — דאָס הייסט צו אַ ריכטיגען — סך־הכול פון דאָס צווייטע. דאָס האָט עפיקור ניט געוואוסט אָדער ניט געוואָלט וויסען.

לוקרעטיוס, דאַגעגען, האָט שוין יאָ געפּרואווט געבען אַן ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע. אָבער הערט חידושים: ער האַלט, אַז אַזאַ שטויס האָט געקענט קומען פון אַזאַ סאָרט ווילענס איניציאַטיווע, וואָס מיר באַמערקען ביי מענשען אָדער אַנדערע העכערע בעלי חיים. מיט אַנדערע ווערטער: לוקרעטיוס גלויבט, אַז די דאָזיגע בעלי חיים באַזיצען אין זייער ווילען אַ כח פון איניציאַטיווע, אַ כח פון אָנפאַנגען אַ נייער טעטיגקייט — אַ כח וואָס מיר רופען פרייער ווילען — און דער דאָזיגער כח האָט געקענט אָנפאַנגען אַן אַנדער סאָרט באַוועגונג.*

ה.

ווען מאַנכע אודאי זאָגען, אַז די עקזיסטענץ פון אַ כח צו אָנפאַנגען אַ נייער טעטיגקייט איז ניט נאָר געגען דער דעמאָקריטישער הנחה, אַז קיין אוממאַטעריעלע כחות אָדער קוואַליטעטען עקזיסטירען ניט, נאָר עס שטימט

* זעה „די פּאָעמע פון לוקרעטיוס,“ קאַפּיטעל פינף, אין ערשטען בוך, פון אַלבערט לאַנגע'ס „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם.“

אויך ניט מיט דעמאָקריט׳ס ערשטען פּרינציפּ, „אַז פון גאָר ניט ענטשטעהט גאָר ניט״ — אַ פּרינציפּ וועלכער איז איבערגענומען געוואָרען פון אַלע מאַטעריאַליסטען און פאַר וועלכען לוקרעטיוס גופא לעגט איין וועלטען.

איז די דאָזיגע טענה אודאי אַ ריכטיגע — סיידען מען זאָל אָננעמען, אַז לוקרעטיוס האָט דעם דאָזיגען פּרינציפּ אויסגעטייטשט אויף דער ענט־שטעהונג פון סובסטאַנץ אָדער פאָרמע, אָבער ניט אויף דער ענטשטעהונג פון אַ קלענער מאָס טעטיגקייט, אַבוואָל דורך דער דאָזיגער טעטיגקייט ווערט ממילא פאַראורזאַכט אַן ענטשטעהונג פון נייע פאָרמען.

נאָר לאָמיר בעסער זוכען צו פאַרשטעהן דעם פולען מיין פון דער עצם הנחה, אַז דער ערשטער שטויס וואָס האָט געפירט צו די צוזאַמענשטויסען צווישען די אַטאָמען האָט געקענט קומען פון פרייען ווילען. דאָס קען אודאי ניט מיינען פון פרייען ווילען פון מענשען אָדער פון אַנדערע בעלי חיים, וועלכע זיינע דאָך אַליין אַ פּראָדוקט פון די צוזאַמענשטויסען צווישען די אַטאָמען און האָבען נאָך דערפאַר ניט געקענט עקזיסטירען ביים ערשטען שטויס, וואָס האָט געפירט צו די דאָזיגע צוזאַמענשטויסען. אָבער אויב ניט פון מענשען אָדער פון אַנדערע בעלי חיים, איז פון וועלכען אַנדער מקור האָט זיך דאָן גענומען פרייער ווילען?

די דאָזיגע פראַגע לאָזט איבער פאַר לוקרעטיוסען צוויי ברירות: (1) אָדער אָנצונעמען, אַז די אַטאָמען אַליין באַזיצען פרייען ווילען און זיינען, אַזוי צו זאָגען, אַליין בעלי חיים, (2) אָדער אָנצונעמען, אַז ביים ערשטען צוזאַמענשטויס פון די אַטאָמען האָט שוין עקזיסטירט עפּעס אַ חוץ די אַטאָמען, עפּעס וואָס באַזיצט דעם כח צו שטויסען די אַטאָמען אויף דעם וועג פון יצירה.

דאָס ערשטע איז דער וועג פון אַנימיזם, וועלכען לוקרעטיוס וואַרפט בפירוש אָב. אין זיין פאָעמע לאַכט לוקרעטיוס אויס דעם געדאַנק, אַז די איינצעלנע אַטאָמען זאָלען פאַרמאָגען לעבענס אייגענשאַפטען. בלייבט ניט מער ווי די צווייטע ברירה, ד״ה אַז אויך דער מאַטעריאַליסט לוקרעטיוס האָט זיך ניט געקענט באַגעהן אָהן דער עקזיסטענץ פון אַן אַקטיווען לעבענדען קדמון, וועלכער זאָל זיין די ערשטע אורזאַך פון דער וועלט׳ס באַשאַפונג.*

אַזוי זעהען מיר ווי די אַלטע מאַטעריאַליסטען זיינען אין גאַנצען אַדורכגעפאַלען אין דעם הינזיכט פון אַטעאיזם. ווייטער וועלען מיר זעהן צי זייערע חבירים, די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען, האָבען אין דעם דאָזיגען הינזיכט געהאַט מער הצלחה.

---

* עס לאָזט זיך זאָגען, אַז אויך עפּיקור האָט בינו לבין עצמו אָנגענומען די דאָזיגע הנחה און אַז דאָס איז טאַקע געווען די אורזאַך, וואָס ער האָט געעהרט די אָפּגעטער פון זיין לאַנד אַלס אייביג־לעבענדע און פּערפעקטע וועזענס. ער האָט נאָר גע׳טענה׳ט, אַז אַלס אַזעלכע מוזען זיי זיין אין גאַנצען גלייכגילטיג צו אַלץ וואָס געהט אָן אין דער וועלט.

פערטער קאַפּיטעל

ניי־מאַטעריאַליזם

ניוטאָנס געזעץ פון גראַוויטעט גיט אַ טויט־קלאַפּ דעם דעמאָקריטישען נוסח פון מאַטעריאַליזם. — די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען גלויבען שוין אין אַ כוח וואָס אַרבייט אין דאָס שטאָף. — זייער מאַטעריאַליזם באַשטעהט אין דעם וואָס זיי נעהמען אָן אַז שטאָף און קראַפט זיינען ניט מעגליך איינס אָהן דאָס אַנ־דערע. — זיי קענען דאָס ניט באַווייזען. — זיי דרינגען פון דעם וואָס אַזוינע דערשיינונגען ווי עלעקטריציטעט אָדער מאַגנעטיזם קענען מיר זיך ניט פאָר־שטעלען אָהן אַ סובסטאַנץ. — טעות׳ען אין דעם דאָזיגען פאַרגלייך. — בוכנער׳ס פּרואוו צו דערקלערען קראַפט און שטאָף אַלס צוויי אויסדרוקען פון דער זעל־ביגער עקזיסטענץ. — דאָס איז אַ נאָכמאַכונג פון שפּינאָזיזם.

א.

אין דער צווייטער העלפט פון זיבעצענטען יאָר־הונדערט האָט ניוטאָן פאַרעפענטליכט זיינע באַרימטע חשבונות, וועלכע האָבען פעסטגעשטעלט דעם געזעץ פון גראַוויטעט. פאַרשטעהט זיך, אַז דאַן האָט שוין מער קיין רייד ניט געקענט זיין פון אַ ממילא׳דיגען און כסדר׳דיגען פאַלען פון אַטאָמען. יעדער איינער האָט שוין דאַן געמוזט צוגעבען, אַז דער פאַלען פון זאַכען ווערט פאַראורזאַכט דורך אַ כח און אַז דורך דעם זעלבען כח ווערט עס אויך אַמאָל אָבגעשטעלט.

פונקט אַזוי האָט שוין יעדער איינער דאַן געוואוסט, אַז דער צוזאַ־מענקלעבען פון אַטאָמען נעמט זיך ניט פון אַן אויסערליכען דרוק, פאַר־אורזאַכט דורך אַ צוזאַמענשטויס, נאָר פון אַן אינערליכען כח, אָדער, ווי מען זאָגט עס היינט, פון אינערליכער ענערגיע. נאַטירליך האָט מען דאַן נאָך ניט געקענט אָבשאַצען דעם פאַרנעם פון דעם דאָזיגען כח, אַזוי ווי ער ווייזט זיך אַרויס אין אַטאָמישער קראַפט. אָבער ביסלעכווייז האָט מען אויך דאָס אָנגעהויבען זיך משער צו זיין, און אַ צייט פריהער אידער אַטאָ־מישע קראַפט איז ענטדעקט געוואָרען האָבען שוין וויסענשאַפט׳ס לייט אָנגעפאַנגען זיך צו נעהען אַ בייטעל פון דעם וואָס מען וועט קענען אויפטאָן ווען עס וועט געלינגען צו באַפרייען דער דאָזיגער באַהאַלטענער ענערגיע.

און פעסטשטעלענדיג דער עקזיסטענץ פון ענערגיע איז שוין, פאַר־שטעהט זיך, מער ניט געווען קיין גרונד פאַר וואָס מען זאָל זוכען צו פאַר־

דרעהען די פאַקטען, פאַר וואָס מען זאָל זיך צוריקהאַלטען פון אָנרופען יעדען קוואַל פון אַקטיוויטעט מיט זיין אמתען נאָמען, מיטן נאָמען כח אָדער ענערגיע. איז מען שוין דאַן מיט אַמאָל געוואָרען ענערגיע־באַוואוסטזיניג; איז יעדער אַרט אַקטיוויטעט דאַן באַצייכענט געוואָרען אַלס אַן אַרט ענער־גיע: כעמישע ענערגיע, עלעקטרישע ענערגיע, נערווען ענערגיע, היץ ענער־גיע, ליכט ענערגיע אא״וו. עס געהט שוין אין דעם אַזוי ווייט, אַז מאַנכע גלויבען היינט, אַז עס עקזיסטירט בלויז ענערגיע און אַז שטאָף זאָל דערפאַר אויך זיין בלויז אַ מין ענערגיע.

דאָס האָט נאַטירליך געגעבען אַ טויט־קלאַפּ דעם דעמאָקריטישען נוסח פון מאַטעריאַליזם; דאָס האָט געצוואונגען די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען צו בייטען זייער קאָליר און צו ענדערען זייער שפּראַך. היינטיגע מאַטעריא־ליסטען זאָגען שוין דערפאַר ניט, אַז עס עקזיסטירט בלויז שטאָף, נאָר אַז עס עקזיסטירט „שטאָף און קראַפט״.

ב.

איז ווי זעהט אויס דער מאַטעריאַליזם נאָך דער דאָזיגער מעטאַמאָר־פאָזע זיינער — נאָך דעם ווי ער לאָזט צו די עקזיסטענץ פון עפּעס אויסער מאַטעריע — קען ער נאָך אַלץ בלייבען אַזוי מאַטעריאַליסטיש און אַזוי אַטעאיסטיש ווי ער איז געוועזן אַמאָל, אונטער דעמאָקריטען, אָדער מוז ער אַביסעל נאָכגעבען בנוגע די דאָזיגע עיקרים?

כדי צו ענטפערען אויף דער דאָזיגער פראַגע דאַרפען מיר זיך בלויז דערמאָנען דער געדעכטער הנחה פון די אַמאָליגע מאַטעריאַליסטען, אַז אַ כח אָדער אַ קוואַליטעט אין דער מאַטעריע איז ניט דאָס זעלבע וואָס די מאַטעריע זעלבסט, און אַז די עקזיסטענץ פון אַזאַ כח מוז דערפאַר דערהערט ווערען אַלס אַן עקזיסטענץ פון עפּעס, וואָס איז ניט־מאַטעריע, אַלס אַן עקזיסטענץ פון אַ ניט־מאַטעריעלען וועזען. צולאָזענדיג דער עקזיסטענץ פון „קראַפט״ טוען די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען ממילא צולאָזען דער עקזיס־טענץ פון אַ ניט־מאַטעריעלען וועזען.

דאָס איז בנוגע מאַטעריאַליזם. פונקט אַזאַ צוריקשטויס דאַרף ביי זיי באַקומען דער אַטעאיזם. ווען די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען פּאַקען אַריין אין „קראַפט״ אַלע מינים ענערגיע טוען זיי ממילא באַקליידען דעם ניט־מאַטעריעלען וועזען מיט אַלע מינים כחות; און ווען זיי דערקלערען „קראַפט״ אַלס די אורזאַך פון אַלץ וואָס ענטשטעהט און אַלץ וואָס געשעהט גיבען זיי ממילא צו, אַז אַלע זאַכען און אַלע געשעענישען קומען פון דעם ניט־מאַטעריעלען וועזען.

דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפען האָבען

געוויינליך אויך אַ פּראַקטישע פילאָזאָפיע, אַ מאַטעריאַליסטיש־עטישע לערע, וואו זיי באַווייזען אייך מיט אותות ומופתים, אַז אונזערע מאָראַלישע געפיהלען זיינען ריכטיגע חשבונות פון דעם וואָס עס לוינט זיך — עס לוינט זיך צו געהן אין גוטע וועגען און אויסמיידען שלעכטע וועגען, מחמת גוטע וועגען פירען נאַטירליך צו מענשליכען גליק און שלעכטע וועגען פירען נאַטירליך צו מענשליכען אומגליק.

דאָס איז געווען די פילאָזאָפיע פון עפּיקור און לוקרעטיוס אַמאָל און דאָס איז אויך די פילאָזאָפיע פון די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען: „וואָס מיר רופען 'מאָראַליש פיהלען' נעמט זיך פון די געזעלשאַפטליכע אינסטינקטען אָדער געוואוינהייטען, וועלכע יעדע מענשליכע (אָדער חיה'שע) געזעלשאַפט ענטוויקעלט, און מוז ענטוויקלען, אויב עס זאָל ניט אומקומען דורך דער אייגענער אומפעהיגקייט.״ דאָס זיינען די ווערטער פון ל. בוכנער אין זיין „קראַפט און שטאָף״,* די מאַטעריאַליסטישע ביבעל פון דער צווייטער העלפט פון לעצטען יאָר־הונדערט.

די באַלוינונג פון גוטס פאַר גוטע מעשים און פון שלעכטס פאַר שלעכטע מעשים איז נישט עפּעס אַנדערש ווי דער אַלטער סיסטעם פון שכר ועונש, וועלכער פאַרנעמט אַזאַ וויכטיגען פּלאַץ אין יעדער אמונה — נישט מער, וואָס בעת אין יעדער אמונה ווערען שכר ועונש אויסגעטיילט דורך אַ כח פאַלגען זיי על פי מאַטעריאַליזם נאַטירליך. אָבער דער פאַלגען נאַטירלעך מוז דאָך ביי די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען מיינען אַ פאַלגען פון דער נאַטור פון דער מאַטעריע, ד״ה פון איר קוואַליטעט, ובכן, ווידער פון דעם אומ־מאַטעריעלען וועזען. דער אוממאַטעריעלער וועזען, וועלכער געהט אונטער דעם נאָמען „קראַפט״ מוז אַלזאָ אויך באַזיצען דעם כח און די מידה פון אויסטיילען שכר ועונש — איז מיט וואָס איז ער אַנדערש פון דעם אוממאַ־טעריעלען וועזען אין וועלכען עס גלויבען מאַמינים?

ג.

די הוספה פון „קראַפט״ צו שטאָף האָט אַלזאָ געפאָדערט, אַז די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען זאָלען זיך אָבזאָגען סיי פון ענגען מאַטעריאַליזם און סיי פון אַטעאיזם פון זייערע אַמאָליגע חבירים. זיינען זיי אָבער ניט גרייט צו ברענגען אַזאַ גרויסען קרבן און זיי פּרואווען זיך דערפאַר ראַטעווען דורך דער הנחה, אַז קראַפט און שטאָף שטעלען מיט זיך פאָר איין זאַך: „שטאָף און קראַפט זיינען פונאַנדערטיילבאַר נאָר אין געדאַנק; אין דער ווירקליכ־

* דאָרט, אין דעם קאַפּיטעל „מאָראַליטעט,״ וועלכער געפינט זיך ביים סוף פון בוך.

קייט זיינען זיי איינס." * אין דערווירקלעכקייט עקזיסטירט אַלזאָ נאָר שטאָף; און קראַפט איז שוין דאָ ממילא, מחמת עס איז איין זאַך מיט שטאָף.

עס איז קלאָר, אַז מיט דער דאָזיגער הנחה זוכען די מאָדערנע מאַטע־ריאַליסטען זיך אַרויפצוכאַפּען צוריק אויף דעם אויסגעטראָטענעם שליאַך פון די אַלטע מאַטעריאַליסטען — שטאָף באַזיצט ממילא קראַפט אָדער עס טוט זיך ממילא באַוועגען, פונקט ווי ביי די אַלטע מאַטעריאַליסטען זיינען די אַטאָמען ממילא געפאַלען פון אויבען נאָך אונטען.

איז אָבער דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישען „פאַלען" און „קראַפט", און אויב מען האָט נאָך געקענט אַמאָל אויפנעמען דעם פאַלען אַלס ממילא'די־גע דערשיינונג קען מען עס אָבער ניט טאָן מיט קראַפט: פאַלען ווערט געוויינליך אויפגענומען אַלס נעגאַטיווע דערשיינונג — אַ דערשיינונג וואָס פאָלגט פון דעם וואָס עס פעלט אַ כח — אַ זאַך האָט ניט קיין כח זיך צו האַלטען פאַלט זי; פאַלען האָט זיך דערפאַר גאַנץ גוט געלאָזט אויפנעמען ווי עס וואָלט אָנגעגאַנגען ממילא. אַנדערש איז אָבער מיט קראַפט. די אַקטיוויטעטען דורך וועלכע קראַפט ווייזט זיך אַרויס ווערען אויפגענומען אַלס פּאָזיטיווע דערשיינונגען; ווען מיר זעהען ווי אַ זאַך ציהט צו אָדער שטויסט אָב, מוזען מיר אין איר אויפנעמען אַ כח, וואָס טוט די דאָזיגע אַקטי־וויטעטען — איז ווי אַזוי קען מען זאָגען, אַז קראַפט געהט אָן ממילא, אַז פאַר דעם ווערט ניט געפאָדערט אַ באַזונדערע עקזיסטענץ?

אויסער דעם איז סתם נישט צו פאַרשטעהן ווי אַזוי מען נעמט זיך אונטער צו באַשטימען דאָס וואָס קראַפט איז אין דער ווירקליכקייט. נאָך אַלעמען ווערט קראַפט קיין מאָל ניט באַמערקט דורך אונזערע אויסערליכע חושים; געוויס וועט יעדער מאַטעריאַליסט צוגעבען, אַז ער האָט קיין מאָל קראַפט ניט געזעהן, געהערט אָדער אָנגעטאַפּט. אַלץ וואָס מיר וויסען דערפון איז דורכן געדאַנק — דער געדאַנק ברענגט עס אונז אַלס אורזאַך פון די באַמערקטע אַקטיוויטעטען — איז ווי אַזוי האָבען מיר אַ רעכט אין דעם געגען־צו־זאָגען אונזער געדאַנק, צו דערקלערען, אַז עס איז אין דער ווירקליכקייט אַנדערש ווי דער געדאַנק שטעלט עס אונז פאָר?

אמת, מיר ווייסען אַז אונזער געדאַנק קען מאַכען אַ טעות, אַז אַ זאַך קען אין דער ווירקליכקייט זיין אַנדערש ווי אונזער געדאַנק נעמט איר אויף. מיר זיינען דערפאַר שטענדיג באַרעכטיגט צו צווייפלען אין דעם, וואָס דער געדאַנק זאָגט אונז — שטענדיג, אַפילו ווען מיר ווייסען פון דער זאַך נאָר דורכן געדאַנק מעגען מיר אויך טראַכטען, אפשר איז די זאַך אין דער ווירקליכקייט ניט אַזוי ווי דער געדאַנק נעמט איר אויף. אָבער פונוואַנעט זאָלען מיר אין אַזאַ פאַל וויסען באַשטימט אַז די זאַך איז אין דער ווירקליכ־

* אַ ציטאַט פון א. מאַיער, געבראַכט פון בוכנער אין אָנפאַנג פון זיין „קראַפט און שטאָף."

קייט אַנדערש ווי דער געדאַנק נעמט איר אויף? און פונוואַנעט זאָלן מיר, נאָך מער, וויסען מיט וואָס זי איז אַנדערש, ד"ה ווי אַזוי זי איז אין דער ווירקליכקייט?

ד.

כאַפּען זיך, ווייזט אויס, די מאַטעריאַליסטען אַליין, אַז זיי האָבען דאָ ניט קיין ריכטיגע כלי־זיין מיט וואָס צו באַקעמפען דעם געדאַנק. פּרואווען זיי ביים געדאַנק גופא אויסבעטלען אַ באַשטעטיגונג אויף דער איינהייט פון קראַפט און שטאָף. טענה'ט בוכנער, אַז קראַפט און שטאָף מוזען זיין איינס, מחמת באַזונדער קענען זיי ניט עקזיסטירען, קענען זיי ניט פאַרגעשטעלט ווערען און קענען אויך ניט געדענקט ווערען:

„ניטאָ קראַפט אָהן שטאָף — ניטאָ שטאָף אָהן קראַפט. פאַר זיך אַליין איז איינס ניט מער מעגליך און ניט מער פאַרשטעלבאַר ווי דאָס אַנדערע. אויב מיר פּרואווען דענקען פון אַן עלעקטריציטעט, אַ מאַגנעטיזם, אַ וואָג, אַ היץ... אָהן די סובסטאַנצען אין וועלכע מיר האָבען באַמערקט דעם אויסדרוק פון די דאָזיגע קרעפטען... בלייבט אונז איבער גאָר־נישט, אויסער אַ לעדיגע אידייע, אַ וואָרט־צייכען, וועלכעס מיר קענען נאָר נוצען מיטן צוועק צו באַצייכענען און אָבטיילען אַ געוויסען קלאַס אָדער גרופּע פון מאַטעריעלע פענאָמענא."*

קען אָבער דער דאָזיגער ציטאַט אונז דינען אַלס מוסטער פאַר בוכנער'ס לייכטזיניגקייט ביים מאַכען הנחות און ברענגען באַווייזען. קודם הויבט ער דאָ אָן מיט אַ פּעסעל און ענדיגט מיט אַ קריגעל: די ביישפּילען אין דעם דאָזיגען ציטאַט באַווייזען, העכסטענס, אַז קראַפט אָהן שטאָף קענען מיר זיך ניט פאַרשטעלען אָדער דענקען — אָבער ניט, אַז עס קען אין דער ווירקליכקייט ניט עקזיסטירען. אויך גילטען די דאָזיגע באַווייזען נאָר פאַר קראַפט אָהן שטאָף — אָבער ניט פאַר שטאָף אָהן קראַפט.

אָבער לאָמיר שוין ווייניגסטענס זעהן וואָס איז וועגען דעם ניט קענען זיך פאַרשטעלען אָדער דענקען קראַפט אָהן שטאָף. איז אַפילו אמת, אַז מיר קענען זיך ניט פאַרשטעלען קראַפט אָהן שטאָף. אָבער פונקט אַזוי קענען מיר זיך אויך ניט פאַרשטעלען קראַפט אין שטאָף, מחמת מיר קענען זיך קראַפט איבערהויפּט ניט פאַרשטעלען — פאַר וואָס? ווייל אונזער פאַר־שטעלונג קען ניט מער ווי רעפּראָדוצירען אָדער אָבשפּיגלען דאָס וואָס מיר דערקענען מיט אונזערע חושים, און אַזוי ווי קראַפט דערקענען מיר דאָך ניט מיט אונזערע חושים קענען מיר עס ממילא אויך זיך ניט פאַרשטעלען.

* „קראַפט און שטאָף," ערשטער קאַפּיטעל.

און ווייל קראַפט קענען מיר זיך ניט פאָרשטעלן מוזען מיר יעדעס שטאָף זיך פאָרשטעלן ווי עס וואָלט געווען קראַפטלאָז. פון קראַפט דער־ווייסען מיר זיך גאַנץ באַזונדער דורך די פאָלגען פון דעם, דורך באַוועגונג, צוציהונג, אָבשטויסונג אד"ג.* דאָס איז אַלזאָ פונקט פאַרקערט ווי בוכנער וויל האָבען — ניט נאָר מיר קענען, נאָר מיר מוזען זיך פאָרשטעלן שטאָף אָהן קראַפט.

מחמת דעם זעלבען טעם מוזען מיר אויך דענקען קראַפט באַזונדער פון שטאָף, מחמת שטאָף נעמט דער געדאַנק איבער פון דער פאָרשטעלונג און ער דענקט עס דערפאַר אַזוי ווי ער נעמט עס איבער פון דער פאָרשטעלונג. דער דאָזיגער פאַקט ווערט אייגענטליך צוגעגעבען דורך די מאַטעריאַליסטען אַליין ווען זיי זאָגען, אַז קראַפט און שטאָף זיינען פונאַנדערטיילבאַר אין געדאַנק; דאָס מוז מיינען, אַז מיר דענקען די דאָזיגע זאַכען פונאַנדערגע־טיילט — קראַפט באַזונדער פון שטאָף און שטאָף באַזונדער פון קראַפט.

אָבער אויב אַזוי, וואָס איז מיט די ביישפּילען פון קראַפט וואָס בוכנער ברענגט — ווייזען זיי ניט באַשיינפּערליך אַז קראַפט אָהן שטאָף קען ניט געדענקט ווערען?

איז דער תירוץ: די ביישפּילען פון קראַפט וואָס בוכנער ברענגט שטעלען שוין ניט פאָר קיין ריינע קראַפט, נאָר קראַפט געמישט מיט שטאָף. עלעקטריציטעט, למשל, איז די ווירקונג פון קראַפט אויף די פּיצעלעך שטאָף וואָס מיר רופען עלעקטראָנען. פאַרשטעהט זיך, אַז אַלס אַזעלכעס קען עלעקטריציטעט ניט געדענקט ווערען אָהן דאָס שטאָף, וועלכעס נעמט אין דעם אַנטייל, מחמת אָהן דאָס שטאָף איז ווירקליך קיין עלעקטריציטעט ניטאָ. דאַגעגען, די אורזאַך פון עלעקטריציטעט — דאָס וואָס טרייבט די עלעקטראָנען זיי זאָלען זיך צוזאַמענקומען אָדער פונאַנדערלויפען — דאָס איז ריינע קראַפט און דאָס ווערט געדענקט באַזונדער.

ה.

נאָר לאָמיר שוין אַפילו אָננעמען אַז קראַפט און שטאָף קענען ניט עקזיסטירען באַזונדער. וועט עס נאָך אַלץ ניט מיינען, אַז קראַפט און שטאָף זיינען ווירקליך איינס — איינס אויף אַזוי ווייט, אַז דורך דער עקזיסטענץ פון שטאָף זאָל שוין קראַפט ממילא עקזיסטירען. פאַר דעם פאָדערט זיך אַ שפּינאָ־

* דאָס מיינט ניט אַז פון דער עקזיסטענץ פון קראַפט דערוויסען מיר זיך שטענדיג ערשט נאָכדעם ווי מיר האָבען באַמערקט די דאָזיגע פאָלגען. דורך אַ פאַרגלייך קענען מיר גאַנץ גוט אויסחשבונען אין פאָראויס די מעגליכקייט פון אַזוינע פאָלגען. למשל, ווען מיר באַמערקען אַ טויב פליהען נעמען מיר אָן אַז אַן אַנדער טויב באַזיצט אויך די זעלבע מעגליכקייט און אויף אַזאַ אופן ווייסען מיר פון קראַפט אין פאָראויס. אויף דעם זעלבען אופן — דורך אינדוקציע — ווייס יעדער איינער פון זיין אייגענער קראַפט.

זיסטישע איינהייט, אַן איינהייט דורך וועלכער קראַפט און שטאָף זאָלן אויפ־גענומען ווערען ניט מער ווי אַלס צוויי פאַרשיידענע אויסדרוקען פון דער זעלבער זאַך, אַז קראַפט זאָל זיין בעצם שטאָף און שטאָף זאָל זיין בעצם קראַפט.

איז כדי צו ראַטעווען זייער ליבלינג, דעם אַטעאיזם, זיינען די מאָדערנע מאַטעריאַליסטען גרייט צו געהן אויך אַזוי ווייט מיט דער איינהייט פון קראַפט און שטאָף. געפינען מיר אויך אַזאַ שטעל ביי בוכנערען: „אָבגע־זונדערט איינע פון דער אַנדערער ווערט יעדע איינע אַ לעדיגע אַבסטראַקציע אָדער אידייע, וועלכע נוצט בלויז צו ווייזען צוויי זייטען אָדער אויסדרוקען פון דער זעלבער עקזיסטענץ, די נאַטור פון וועלכער אין זיך זעלבסט איז אונז אומבאַוואוסט. קראַפט און שטאָף זיינען פונדאַמענטאַל די זעלבע זאַך באַטראַכט פון פאַרשיידענע שטאַנדפונקטען.״ *

וועט מען אָבער גלייך באַמערקען, אַז קיין העכטער שפינאָזיזם איז עס ניט — שוין צוליב דעם אַליין וואָס ביי שפינאָזען זיינען קראַפט און שטאָף ניט קיין פאַרשיידענע אויסדרוקען, נאָר פאַרשיידענע מאָדוסען אין דעם זעלבען אויסדרוק, שטח.** פאַרקערט, ווידער, געדאַנק, וועלכעס איז ביי שפי־נאָזען אַ פאַרשיידענער אויסדרוק, איז ביי די מאַטעריאַליסטען בלויז אַ מאָדוס פון קראַפט: „געדאַנק״, זאָגט מאָלעשאָט, „איז אַ באַוועגונג פון שטאָף.״***

דאָ האָבען מיר אַלזאָ בלויז אַ נאָכמאַכונג פון שפינאָזיזם. וועלען מיר אָבער באַלד זעהן, צי שפינאָזיזם לאָזט זיך נאָכמאַכען אויף אַזאַ אופן.

* גענומען פון דעם ערשטען קאַפּיטעל אין דער פופצענטער אויסגאַבע פון „קראַפט און שטאָף.״

** אַן אויסדרוק, אָדער אַן אַטריבוט, איז עפּעס וואָס באַזיצט אַן אומענדליכע עקזיס־טענץ, אַט ווי למשל עס איז ניטאָ קיין גרענעץ צו דער עקזיסטענץ פון שטח, ניט אין פלאַץ און ניט אין צייט. דאַגעגען זיינען די מאָדוסען באַגרענעצט סיי אין פלאַץ און סיי אין צייט; מיר קענען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלען אַז אַ קערפּער זאָל עקזיסטירען אין איין פלאַץ און ניט אין אַן אַנדער פלאַץ, אין איין צייט און ניט אין אַן נדער צייט.

*** „קראַפט און שטאָף,״ אין קאַפּיטעל מיטן נאָמען „געדאַנק.״

פינפטער קאַפּיטעל

שפּינאָזע'ס מעטאַפיזיק

די באַשולדיגונג געגען שפּינאָזען אַז זיין מעטאַפיזיק איז פול מיט לאָגישע פעלערען. — די אומזיניגקייט אין זיין הנחה אַז שטח און געדאַנק דריקען אויס איין און דעם זעלבן וועזען. — זיינע פיער באַווייזען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פּערפעקטען וועזען. — די לאָגישע פעלערען אין יעדען איינעם פון די דאָזיגע באַווייזען. — דער שליסעל צו שפּינאָזע'ס מעטאַפיזיק ליגט אין די פילאָזאָפישע שפּעקולאַציעס פון רענאַרד דעקאַרט. — דעקאַרט'ס זוכען פון אומצווייפעלהאַפטע אמת'ען. — יעדער איינער וואָס דענקט, ווייסט זיכער, אַז זיין געדאַנק עקזיסטירט. — די אידייע פון פּערפעקטקייט פאָדערט אָנצונעמען, אַז עס עקזיסטירט אַ פּערפעקטער וועזען. — פון אַזאַ וועזען מוזען פאָלגען אַלע עקזיסטירנדע געדאַנקען און דאָס שליסט אויס די מעגליכקייט פון פאַלשקייט אין געדאַנק. — פאַלשע געדאַנקען און פאַלשע דערקענטעגישען קומען נאָר פון אונזער פרייען ווילען און פון אומאָרדנונגען אין קערפּער. — שפּינאָזע שטעלט זיך אָפּ אויף דעקאַרט'ס באַווייזענער אידייע פון נויטווענדיגער עקזיסטענץ. — אַנאַליזירענדיג די פאַקטען פון דערפאַרונג, געפינט ער די עקזיסטענצען פון מאָדוס, אַטריבוט און סובסטאַנץ. — אַנאַליזירענדיג דעם באַגריף עקזיסטענץ און אויסשליסענדיג פון דאָרט יעדע ניט־עקזיסטענץ, באַקומט ער די אידייע פון אַ פּערפעקטען וועזען וואָס איז אויף קיין אופן ניט באַגרענעצט. — דאָס מוז זיין די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ, וועלכעס האָט עקזיסטענץ אין זיך זעלבסט. — די סובסטאַנץ מוז באַזיצען אַן אומענדלעכע צאָל אַטריבוטען, ווייל אַן ענדליכע צאָל איז באַגרענעצט. — שטח און געדאַנק זיינען אַטריבוטען פון דער סובסטאַנץ און זיי מוזען זיין אומענדליך אין דער צאָל פון זייערע מאָדוסען, ווייל אַנדערש וועלען זיי זיין פאַלשע אַטריבוטען פון דער סובסטאַנץ. — זיי מוזען זיין אומטיילבאַר, ווייל טיילען זיינען באַגרענעצט. — די מאָדוסען זיינען באַגרענעצט. — דער מענש איז אַ מאָדוס פון שטח און געדאַנק און דערפאַר איז ער אין דעם באַגרענעצט. — דאָס איז די אורזאַך פון פאַלשע דערקענטעגישען. — לויט דעם דאָזיגען אַנאַליז האָט זיך שפּינאָזע גערעכענט בלויז מיט דעם ווי אַ באַגריף לאָזט זיך דערהערען און דאָס פאַרענטפערט די לאָגישע קושיות אויף זיין מעטאַפיזיק. — דער אומטיילבאַרער שטח פון דעם ראַציאָנאַליסט שפּינאָזאַ איז ניט דער זעלבער וואָס מיר נעמען אויף מיט אונזערע חושים און דערפאַר קען ער אויסדריקען דעם זעלבען וועזען וואָס אידייע. — אין זיינע פיער באַווייזען זוכט שפּינאָזאַ נאָר אַרויסצוברענגען אַז בלויזע עקזיסטענץ ווערט דערהערט אַלס אומבאַגרענעצטע עקזיסטענץ. — די מאַטעריאַליסטען שטיצען זיך אין גאַנצען אויף אונזערע חושים, און דערפאַר קענען זיי ניט אָננעמען שפּינאָזע'ס מעטאַפיזיק.

אמונה און אפיקורסות

א.

שפּינאָזע איז באַקאַנט אַלס ראַציאָנאַליסט, אַלס פילאָזאָף וואָס צייכענט זיך אויס פון אַלע אַנדערע פילאָזאָפען מיט דעם, וואָס זיין פילאָזאָפיע געהט מער על פּי שכל.

און אודאי האָט ער דעם דאָזיגען טיטעל כשר פאַרדינט: מער ווי יעדער אַנדער פילאָזאָף האָט ער זיך באַמיהט צו געבען זיין פילאָזאָפיע אַ שטרענג לאָגישען אויסזעהן; זיין באַרימטע „עטיק" איז אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע פילאָזאָפישע ווערק מיט דעם וואָס זי האָט אַ פּנים פון אַ טעקסט־בוך אין געאָמעטריע, וואו די הנחות געהען געבונדען אין אַ קייט פון לאָגישען המשך, די וואָס קומען שפּעטער פאָלגען ממילא פון די וואָס קומען פריהער.

צו באַשולדיגען שפּינאָזען אין אומלאָגישקייט דאַרף דערפאַר זיין אַ דבר מן הנמנע, עפּעס וואָס גלויבט זיך גאָר ניט. און דאָך זיינען דאָ מאַנכע וואָס וואַרפען געגען אים דער דאָזיגער באַשולדיגונג. עס זיינען דאָ אַפילו אַזוינע, וואָס געפינען אומזין אָדער לאָגישע פעלערען אין מערסטע הנחות פון דעם מעטאַפיזישען טייל אין דער עטיק.

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָ איז ניט דער פּלאַץ זיך אויסצולעגען מיט שפּינאָזעס מעטאַפיזיק און מיט דער קריטיק איבער איר — קריטיק איבער וועלכער מען קען זיך געוויינליך שטאַרק דינגען. דאָ וועלען מיר זיך בלויז אָבשטעלען איבער אַ פּאָר הנחות, וועלכע זיינען די וויכטיגסטע אין זיין מעטאַפיזיק און וועלכע זעהען אויס מער אומגעלומפּערט ווי זיינע אַנדערע מעטאַפיזישע הנחות.

איינע אַזאַ הנחה איז די, וואָס מיר האָבען שוין דערמאָנט אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, אַז שטח און געדאַנק שטעלען פאָר צוויי אויסדרוקען פון דעם זעלבען וועזען. די דאָזיגע הנחה זעהט אויס זעהר אומזיניג: שטח ווערט אויפגענומען אַלס עפּעס וואָס איז; געדאַנק ווערט אויפגענומען אַלס עפּעס וואָס ווערט געטאָן. שטח און געדאַנק ווערען אַלזאָ אויפגענומען אַזוי פאַרשיידען ווי אַ סובסטאַנטיוו איז פון אַ ווערב, ווי די ערד איז פון אונזער געהן אויף איר — איז ווי אַזוי קענען די צוויי אויפגענומען ווערען אַלס איין וועזען?

די צווייטע הנחה אַזאַ איז די אויף וועלכער עס רוהט כמעט די גאַנצע שפּינאָזיסטישע מעטאַפיזיק — די הנחה, אַז עס מוז עקזיסטירען אַ פּערפעקטער וועזען, אַ וועזען וואָס איז אומענדליך אָדער אומבאַגרענעצט אין יעדען הינזיכט. אין דער דאָזיגער הנחה ליגט דער חסרון אין די באַווייזען, וועלכע זיינען פול מיט לאָגישע פעלערען. דאָ וועלען מיר זיך שוין דערפאַר מוזען אָבשטעלען און באַטראַכטען די באַווייזען, וועלכע געפינען זיך אין דער „עטיק" זאַץ 11.

שפינאָזעס מעטאַפיזיק

ב.

שפינאָזע ברענגט גאַנצע פיער באַווייזען פאַר דער דאָזיגער הנחה. וועלען די דאָזיגע באַווייזען דאָ איבערגעגעבן ווערען אין אַ פּאָפּולערער פאָרמע. דער וואָס וויל זיי זעהן ווערטערליך וועט זיי געפינען אין נאָטאַנ־זאָנס איבערזעצונג פון דער „עטיק".

קודם קומט דער באַוויז פון „קאַאוזאַ סואי", פון דעם וואָס אַ פּער־פעקטער וועזען מוז אַליין זיין די אורזאַך פון זיין עקזיסטענץ. דער באַוויז געהט אַזוי: אַזאַ וועזען קען ניט האָבען די אורזאַך פון זיין עקזיסטענץ אויסער אים, מחמת זייענדיג אומענדליך אין יעדען הינזיכט קען דאָך אויסער אים גאָר ניט זיין. ער מוז דערפאַר האָבען די אורזאַך פון זיין עקזיסטענץ אין אים גופא. און היות ווי דער כלל פון אורזאַכליכקייט פאָדערט דאָך, אַז דאָס וואָס האָט אַן אורזאַך צו עקזיסטירען זאָל מוזען עקזיסטירען, און היות ווי האָבענדיג די אורזאַך פון זיין עקזיסטענץ אין אים גופא, מוז דאָך דער פּערפעקטער וועזען שטענדיג האָבען אַן אורזאַך צו עקזיסטירען, מוז ממילא דער פּערפעקטער וועזען שטענדיג עקזיסטירען.

אין דעם דאָזיגען באַוויז ליגט אָבער דער לאָגישער פעלער אויבענ־אויף: פון דעם וואָס אַ פּערפעקטער וועזען קען ניט האָבען אַן אורזאַך פון זיין עקזיסטענץ אויסער אים, איז נאָך קיין באַוויז ניט, אַז ער מוז האָבען אַזאַ אורזאַך אין אים. עס איז מעגליך, אַז עס זאָל אין ערגעץ ניט זיין אַזאַ אורזאַך — ניט אין אים און ניט אויסער אים. און ניט האָבענדיג אַן אורזאַך פאַר זיין עקזיסטענץ זאָל ער טאַקע, לויט דער פאָדערונג פון אור־זאַכליכקייטס כלל, ניט עקזיסטירען.

אַ צווייטען באַוויז פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פּערפעקטען וועזען ברענגט שפינאָזע פון דעם וואָס עס קען ניט זיין קיין אורזאַך, אַז אַזאַ וועזען זאָל ניט עקזיסטירען: יעדע זאַך וואָס עקזיסטירט מוז האָבען אין זיך אָדער אויסער זיך אַן אורזאַך פאַר איר עקזיסטענץ, פונקט ווי יעדע זאַך וואָס עקזיסטירט ניט מוז האָבען אין זיך אָדער אויסער זיך אַן אורזאַך פאַר איר ניט־עקזיסטענץ. למשל, אַן עקזיסטירענדער מענש האָט דער אורזאַך פון זיין עקזיסטענץ אויסער אים, אין זיינע עלטערען. דאַגעגען, אַ פיער־קאַנטיגער קרייז האָט דער אורזאַך פון זיין ניט־עקזיסטענץ אין אים גופא; ער עקזיסטירט ניט, ווייל ער ענטהאַלט אין זיך אַ ווידערשפּרוך, ווייל זיין עקזיסטענץ איז אַ לאָגישער אומזין און איז דערפאַר אוממעגליך.

איצט, דער אומענדליכער וועזען קען ניט האָבען אויסער אים אַן אורזאַך פאַר ניט־עקזיסטענץ, מחמת זייענדיג אומענדליך קען דאָך אויסער אים גאָר ניט זיין. ער קען אויך ניט האָבען אַזאַ אורזאַך אין אים גופא, מחמת דאַן וואָלט ער דאָך קיין מאָל ניט עקזיסטירט און דאָס וואָס עקזיסטירט ניט קען דאָך קיין זאַך ניט פאַראורזאַכען. און ניט קענענדיג האָבען אין זיך אָדער

אויסער זיך אַן אורזאַך פאַר ניט־עקזיסטענץ מוז דער אומענדליכער וועזען עקזיסטירען.

איז דער דאָזיגער באַוויז נאָך פיל אומזיניגער ווי דער פריהערדיגער. ווען שפינאָזא וואָלט געדענקט דער לאָגיק פון דער גמרא וואָס ער האָט געלערענט אין זיין יוגענט, וואָלט ער גלייך אין אָנפאַנג פון דעם דאָזיגען באַוויז געפונען אַ תרתי דסתרי: אויב מען זאָגט, אַז כדי צו עקזיסטירען מוז אַ זאַך האָבען אַן אורזאַך, נעמט מען דאָך ממילא אָן, אַז אָהן אַן אורזאַך וועט די זאַך ניט עקזיסטירען, ד״ה אַז ניט־עקזיסטענץ וועט זיין אָהן אַן אורזאַך. און דאָס זעלבע פאַרקערט. אויב מען זאָגט אַז ניט־עקזיסטענץ פאָדערט אַן אורזאַך מוז מען ממילא אָננעמען, אַז אָהן אַן אורזאַך וועט זיין עקזיסטענץ, ד״ה אַז עקזיסטענץ פאָדערט ניט אַן אורזאַך.

ג.

דער דריטער באַוויז איז דער וואָס ווערט באַצייכענט דורך קאַנטען אַלס דער „קאָסמאָלאָגישער באַוויז״. ער פאַנגט זיך אָן מיט דעקאַרט׳ס „קאָגיטאָ ערגאָ סום״, איך דענק עקזיסטיר איך. פון דעם פאָלגט, אַז עפּעס מוז עקזיסטירען. זאָלן מיר אַפילו אָננעמען, אַז אַלע אונזערע דערקענטע־נישען און אַלע אונזערע אידייען זיינען ניט מער ווי חלומות און פּוסטע פאַנטאַזיעס, מוז פונדעסטוועגען עקזיסטירען דאָס חלום׳ען און דאָס פאַנטאַ־זירען גופא, ד״ה דער געדאַנק וואָס חלומ׳ט און פאַנטאַזירט.

וואָס זאָל אָבער זיין דער מהות פון דאָס וואָס עקזיסטירט? זיינען דאָ דריי ברירות אָנצונעמען: (1) אַז עס עקזיסטירט בלויז אומפערפעקטער וועזען, (2) אַז עס עקזיסטירט בלויז פערפעקטער וועזען, (3) און אַז עס עק־זיסטירען ביידע סאָרטען וועזענס. די ערשטע ברירה איז אויסגעשלאָסען, מחמת היות ווי דאָס וואָס עקזיסטירט האָט דאָך אין זיך מער מאַכט ווי דאָס וואָס עקזיסטירט ניט, איז אויב בלויז אומפערפעקטער וועזען זאָל עקזיס־טירען, וועט אויסקומען, אַז אומפערפעקטער וועזען האָט אין זיך מער מאַכט ווי פערפעקטער וועזען — עפּעס וואָס איז אַן אומזין. בלייבען דערפאַר ניט מער ווי די אַנדערע צוויי ברירות, לויט וועלכע עס קומט אויס, אַז פערפעקטער וועזען מוז אַלענפאַלס עקזיסטירען.

דער פערטער באַוויז געהט אויף דעם זעלבען וועג, נאָר ער לאָזט אויס דעם אַ פאָסטעריאָרי עלעמענט, דעם טייל וועלכער שטיצט זיך אויף אונ־זער דערפאַרונג, אַז עפּעס עקזיסטירט. ער פאַנגט זיך דערפאַר גלייך אָן פון דער הנחה, אַז עקזיסטענץ מיינט מאַכט; און היות ווי אַ פערפעקטען וועזען קען דאָך געוויס ניט פעלען קיין מאַכט, קען אים ממילא אויך ניט פעלען קיין עקזיסטענץ. דער דאָזיגער באַוויז איז באַקאַנט אין דער פילאָ־זאָפיע אַלס דער „אָנטאָלאָגישער באַוויז״, וועלכער ציהט נאָך זיין יחוס פון די אַלטע סקאָלאַסטיקער.

די לעצטע צוויי באַווייזן זיינען אַלזאָ ביידע באַזירט אויף דער הנחה, אַז עקזיסטענץ מיינט מאַכט — מוז ממילא עקזיסטירן דאָס אין וואָס עס ווערט דערהערט מאַכט און מוז ממילא מער עקזיסטירן דאָס אין וואָס עס ווערט דערהערט מער מאַכט. אָבער אויב אַזוי, וואָלט מען באַדאַרפט אויף דעם זעלבען אופן קענען דרינגען, אַז דער לייב האָט שוין געמוזט עקזיסטירן דאָ, ווען די אמיבא האָט אָנגעפאַנגען צו עקזיסטירן, באשר בכן, דער לייב באַזיצט דאָך מער מאַכט און ממילא מוז ער מער אָדער לענגער עקזיסטירן ווי די אַמיבא.

פיהלט שפינאָזע אַליין, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיג מיט דער הנחה אויף וועלכער עס זיינען באַזירט זיינע לעצטע צוויי באַווייזן און ער זוכט עס דערפאַר צו פאַרגלעטען מיט דער טענה, אַז אַן ענדליכער וועזען, וועל־כער עקזיסטירט דורך עפּעס אַנדערש, איז אין דעם דאָזיגען הינזיכט ניט גלייך צו אַן אומענדליכען וועזען, וועלכער עקזיסטירט דורך זיך זעלבסט. מיט דעם מוז ער מסתמא מיינען, אַז אַ וועזען וואָס עקזיסטירט דורך עפּעס אַנדערש מוז אָבהענגען מיט זיין עקזיסטענץ ניט אַן זיין אייגענער מאַכט, נאָר אַן עפּעס אַנדערש און דערפאַר קען פון דער מאָס פון זיין אייגענער מאַכט ניט געדרונגען ווערען די מאָס פון זיין עקזיסטענץ.

נאָר אפילו אַזוי בלייבט נאָך אַלץ די זעלבע קושיה: אויב עקזיסטענץ מיינט מאַכט, דאַרף אויסקומען, אַז דער שטאַרקערער מין, וואָס האָט באַקור־מען דורך עפּעס אַנדערש מער מאַכט, האָט ממילא אויך באַקומען מער עקזיסטענץ — איז פאַר וואָס עקזיסטירט דער מין אַמיבא לענגער פון פיל אַנדערע שטאַרקערע מינים, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו עקזיסטירן פיל שפּעטער און פון וועלכע עס איז שוין לאַנג קיין זכר ניטאָ?

וועט מען פיליכט זאָגען, אַז עקזיסטענץ איז אַ ספּעציעלער סאָרט מאַכט, אַ מאַכט צו עקזיסטירען, און אַז פון דעם דאָזיגען סאָרט מאַכט האָט דער מין אמיבא געקענט באַקומען מער ווי די אַנדערע מינים — כאָטש דאָס וואָס מיר פאַרשטעהען געוועהנליך אונטער דעם נאָמען מאַכט האָבען די אַנדערע מינים באַקומען מער. אָבער אויב דאָס זיינען צוויי סאָרטען מאַכט, און מען קען איין סאָרט פון דעם אַנדערען ניט דרינגען, דאַרף מען עס אויך ניט קענען דרינגען בנוגע דעם אומענדליכען וועזען.

די איינציגע זאַך וואָס מען קען אפשר זאָגען איז, אַז בנוגע דעם אומ־ענדליכען וועזען קען ניט זיין קיין חילוק צווישען איין סאָרט מאַכט און אַן אַנדערען, מחמת זייענדיג פּערפעקט מוז דער אומענדליכער וועזען אַרייננעמען אַלע סאָרטען מאַכט. אָבער אויב די אידייע פון פּערפעקטקייט זאָל אַריינגעמען דער מאַכט צו עקזיסטירען אַזוי ווי עס נעמט אַריין אַלע אַנדערע סאָרטען מאַכט, וואָלט עקזיסטענץ באַדאַרפט דערהערט ווערען דירעקט אין דער דאָזיגער אידייע, פּונקט ווי עס ווערט אין דעם דערהערט אַלע אַנדערע סאָרטען מאַכט — פּונקט ווי עס ווערט אין דעם דערהערט

גבורה, חכמה, גוטסקייט אד"ג — טאָ פאַר וואָס ווערט עקזיסטענץ ניט דערהערט דירעקט אין דער אידייע פון פערפעקטקייט? פאַר וואָס מוז עס דאָרט אַריינגעשמוגעלט ווערען אונטער דעם פאַרטוך פון מאַכט?

דאָס ווייזט, אַז עפּעס איז-דאָ ניט גלאַט, אַז עקזיסטענץ איז אַנדערש פון מאַכט און עס קען מיט מאַכט ניט מיטגעשלעפּט ווערען. די דאָזיגע אַנדערשקייט איז שפּעטער אויפגעדעקט געוואָרען דורך עמנואל קאַנט — און אַט אין וואָס עס באַשטעהט קאַנטס חילוק צווישען מאַכט און עקזיסטענץ: מאַכט איז אַ קוואַליטעט פון אַ זאַך, פון וועלכעס עס איז אַ טייל, און אין דער אידייע פון דער גאַנצער זאַך, אין וועלכער עס מוזען זיין איינבאַגריפען אַלע טיילען, מוז ממילא אויך זיין איינבאַגריפען איר מאַכט. דאַגעגען, איז עקזיסטענץ ניט קיין קוואַליטעט פון אַ זאַך נאָר אַ דערקלערונג איבער איר — ווען איך זאָג אַז די און די זאַך עקזיסטירט, דערקלער איך, אַז די און די זאַך, וואָס איך האָב אין מיין געדאַנק, געפינט זיך אויסער מיין געדאַנק — און אַזאַ דערקלערונג איז דאָך ניט קיין טייל פון דער עצם זאַך און איז ממילא ניט איינבאַגריפען אין באַגריף פון דער זאַך; אין געדאַנק קען איך גאַנץ גוט האָבען אַן אידייע פון פערפעקטקייט און אויסערן געדאַנק זאָל עס ניט עקזיסטירען.

ד.

איז וואָס איז טאַקע דער מער מיט שפּינאָזען, ווענען מען קען דאָך פאָרט ניט אָוועקמאַכען מיט דער האַנד? ווייזט זיך דאָך שפּינאָזע אַרויס אויף פיל וועגען אַ מייסטער אין לאָגיק — איז אַזוי ווי איז עס מעגליך, אַז דער דאָזיגער מייסטער זאָל מיט אַמאָל ווערען אַ פאַרטאַטש שבפאַרטאַטשעס? איז אין דעם אַלעמען ניטאָ עפּעס אַ „קעטש", עפּעס אַ תירוץ אויף די דאָזיגע אַלע קושיות? איז באמת ניט שווער צו געפינען אַ תירוץ אויף די דאָזיגע קושיות, ווען מען זוכט אין דעם הינטערגרונד פון שפּינאָזעס מעטאַפיזיק — אַ הינטערגרונד, וועלכער ליגט אין די פילאָזאָפישע שפּעקולאַציעס פון שפּינאָזעס פאָרגענגער, דער פראַנצויזישער פילאָזאָף רענאַרד דעקאַרט.

דעקאַרט (אַ שטערען אין דער רענעסאַנס עפּאָכע) האָט זיך פאָרגענומען צו געפינען פאַר דער פילאָזאָפיע פעסטע אַקסיאָמען, אמתען אויף וועלכע אַלע זאָלען מוזען מסכים זיין — אַט אַזוי ווי אַלע זיינען מסכים, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער.*

אָבער וואו זאָל מען אַזוינע אמתען געפינען? וועגען די מסקנות פון די פילאָזאָפען איז דאָך אָבגערעדט; אַזוינע מסקנות איבער וועלכע אַלע

* די פאָלגענדע פילאָזאָפישע שפּעקולאַציעס געפינט מען אין דעקאַרטס „געדאַנקען."

זאָלען מסכים זיין זיינען ניט בנמצא. אַפילו די וויסענשאַפטען אויף וועלכע די דאָזיגע מסקנות זיינען באַזירט, אַפילו די איינפאַכע קענטעניששען, וואָס מיר נעמען אויף מיט די חושים, זיינען ניט אַלע מאָל פאַרלעסליך, מחמת אויך די חושים טוען אונז אָפט נאַרען. אָט נאַרען זיי אונז אין די אילוזיעס, ווי, למשל, ווען די ריזיגע שטערען זעהען אונז אויס ווי קליינינקע פינטעלעך. און אָט באַקומען מיר דאָך כסדר אַזוינע פאַלשע קענטעניששען אין אונזערע חלומות — איז פונוואַנעט ווייסען מיר, אַז אויך אויף דער וואָך טוען מיר ניט חלום'ען, אַז דער שד'על וואָס נאַרט אונז ביי נאַכט נאַרט אונז אויך ניט ביי טאָג? און פונוואַנעט ווייסען מיר, אַז אונזער וואָך־זיין גופא איז נישט קיין נאַרעריי — דענקען מיר דען ניט אויך אין חלום אַז מיר זיינען וואָך?

אַלע אונזערע קענטעניששען ליגען אַלזאָ אונטער אַ שאָטען פון צווייפעל — אַלע אַ חוץ די קענטעניש, אַז עס עקזיסטירט מיין געדאַנק. אַפילו כדי מיר צו נאַרען מוז איך האָבען געדאַנק; און חלום, אילוזיע און צווייפעל זיינען דאָך אויך געדאַנק. דאָ האָב איך שוין אַלזאָ געפונען איין זיכערען אמת — מיין געדאַנק עקזיסטירט זיכער.

אונטערזוך איך מיין געדאַנק, געפין איך דאָרט אידייען און פאָרשטע־לונגען. קען ביי מיר אויך קיין ספק ניט זיין, אַז אין דעם מאָמענט עקזיס־טירען טאַקע אין מיין געדאַנק אַזוינע אידייען און אַזוינע פאָרשטעלונגען. די פראַגע איז נאָר, אויב איך קען זיך פאַרלאָזען אויף דעם, וואָס די אידייען און פאָרשטעלונגען ווילען האָבען, אַז דאָס וואָס זיי שטעלען פאָר עקזיסטירט אויך אויסערן געדאַנק — עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט.

אונטערזוך איך ווידער מיינע אידייען און פאָרשטעלונגען, געפין איך צווישען זיי איין אידייע וועגען וועלכער איך קען ניט צווייפלען, אַז דאָס וואָס זי שטעלט פאָר עקזיסטירט טאַקע אויך אויסערן געדאַנק. דאָס איז די אידייע פון אַ פערפעקטען וועזען, וועלכער מוז ווירקליך עקזיסטירען — און אָט פאַר וואָס:

יעדע אידייע מוז קומען פון אַ געדאַנק. אַן אידייע פון פערפעקטקייט מוז קומען פון אַ געדאַנק, וואָס האָט אין זיך פערפעקטקייט, מחמת פער־פעקטקייט קען דאָך ניט קומען פון אומפערפעקטייט — אומענדליכקייט קען קיין מאָל ניט פאָלגען פון ענדליכקייט. עס מוז דערפאַר עקזיסטירען אַ געדאַנק, וואָס האָט אין זיך פערפעקטקייט — אַ פערפעקטער געדאַנק. דאָס קען ניט זיין מיין אייגענער געדאַנק, מחמת פון דעם גופא וואָס איך צווייפעל און וואָס מען קען מיר נאַרען, זעה איך דאָך, אַז איך ווייס ניט אַלץ, אַז מיין געדאַנק איז ניט פערפעקט. אויסער מיין געדאַנק מוז דערפאַר עקזיסטי־רען אַ פערפעקטער געדאַנק, אַ פערפעקטער וועזען.

פאַרשטעהט זיך, אַז אַ פערפעקטער, אָדער אַן אומענדליכער, וועזען קען ניט זיין באַגרענעצט דורך עפּעס אַנדערש, וואָס זאָל עקזיסטירען אויסער אים. אַלץ וואָס עקזיסטירט מוז דערפאַר קומען פון אים. מיין גע־

דאַנק, אָדער מיין כח צו דערקענען עקזיסטירענדע זאַכען, מוז דער־פאַר אויך קומען פון אים. און היות ווי פון אים, אַלס פערפעקטער וועזען, קען דאָך קיין פאַלשקייט ניט קומען (מחמת פאַלשקייט מיינט דאָך דער היפוך פון דאָס וואָס עקזיסטירט, מיינט דאָך חסרון פון עקזיסטענץ, וועלכעס אַ פערפעקטער וועזען קען ניט האָבען) מוז ממילא מיין כח צו דענקען און דערקענען אויך ניט זיין פאַלש. אַזוי פאַרשווינדט מיט אַמאָל דער גאַנצער שאָטען פון צווייפעל, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט איבער אונזערע קענטעניסען.

אָבער דאָ שטעלט זיך גלייך די פראַגע — אויב אַזוי, פונוואַנעט נעמען זיך אונזערע פאַלשע געדאַנקען און פאַלשע דערקענטעניסען? איז דער תירוץ, זיי נעמען זיך פון צוויי קוואַלען וואָס געפינען זיך אויסער אונזער געדאַנק: (1) פון אונזער פרייען ווילען, (2) און פון אומאָרדנונגען אין אונזער קערפּער.

אונזערע פאַלשע געדאַנקען זיינען פאַלשע חשבונות, וואָס מיר מאַכען צוליב דער בהלה פון אונזער פרייען ווילען, מיט וועלכען דער פערפעקטער וועזען האָט אונז מזכה געווען כדי מיר זאָלען האָבען דעם כח הבחירה, מיר זאָלען ניט טאָן אַלץ אויף אַ מאַשינאַלען אופן.

עס הייסט אַזוי: ווען דער געדאַנק זאָל זיך נעמען צייט און אָבוואַרטען מיטן סך־הכול ביז ער האָט אויפגעצעהלט אַלץ וואָס איז דאָ אויפצוצעהלען, דאַן וואָלט ער קיין טעות קיין מאָל ניט מאַכען. פּאַסירט אָבער זעהר אָפט, אַז בעת דער געדאַנק האַלט נאָך אין מיטן חשבון כאַפּט זיך אַרויס דער ווילען און ציהט שוין אונטער דעם סך־הכול, ער פאַסט אַ באַשלוס דאַן, ווען דער חשבון איז נאָך ווייט ניט געענדיגט. אַזוי קומט אויס, אַז אויפן סמך פון די וויניגע אנגענעמע פאַלגען, וואָס מיר האָבען בשעת מעשה אויפן געדאַנק, פאַסט אונזער ווילען אַ באַשלוס צו געניסען פון אַ שעדליכער תאוה. אַזוי קומט אויך אויס, אַז אויפן סמך פון דער ניט־גענינגענדער דער־קענטעניש, וואָס מיר האָבען באַקומען פון זאַכען זעהענדיג זיי פון דער־ווייטען, באַשליסען מיר וועגען פּיערקאַנטיגע זאַכען, אַז זיי זיינען רונד, אָדער וועגען גרויסע זאַכען אַז זיי זיינען קליין.

די אומאָרדנונגען אין אונזער קערפּער שטעלען ווידער פאַר דעם קוואַל פונוואַנעט עס פליסען טעותען אין אונזער עמפּפינדונג'ס שטאָף — אין אונזערע איינדרוקען און געפיהלען. דער געדאַנק באַקומט דאָס עמפּפינדונג'ס שטאָף קיין מאָל ניט דירעקט, נאָר עס ווערט אים צוגעטראָגען דורך נערוועך, וועלכע ברענגען דאָס דאָזיגע שטאָף פון אַלע טיילען פון קערפּער צום מאַרך, דער זיץ־פּלאַץ פון געדאַנק. איז ווי אַזוי וויס דער געדאַנק פונוואַנעט דאָס דאָזיגע שטאָף קומט? ווי אַזוי וויס ער, למשל, אַז דער און דער געפיהל פון וועהטאָג איז אַן עס־אָ־עס געשיקט פון פינגער און ניט פון אַן אַנדער קערפּערליכען טייל?

דאָס מוז ער זיך משער זיין פון דעם אופן אין וועלכען דאָס עמפינדונגס שטאָף ווערט אים צוגעטראָגען — דער וועהטאָג וואָס ווערט אים צוגעטראָגען אויף אַזאַ און אַזאַ אופן, איז אַ וועהטאָג אין דעם און דעם פינגער. איז אַלץ גוט ווען אַלץ אין קערפּער אַרבעט אין דער ריכטיגער אָרדנונג. מאַכט זיך אָבער אַמאָל אַן אומאָרדנונג אין קערפּער, די נערוועז און דער מאַרך אַרבעטען ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, דאַן ווערען די געפיהלען און די איינדרוקען פאַרגעשטעלט אַנדערש ווי געוועהנליך און ממילא מוז דאַן די אויסטייטשונג פון געדאַנק אויך זיין אַנדערש ווי געוועהנליך. דער טעות ליגט ניט אַלזאָ אין דעם, וואָס דער געדאַנק זאָגט אונז, נאָר אין דאָס שטאָף, וואָס די נערוועז אָדער דער מאַרך דערלאַנגען דעם געדאַנק.

און אָט אַזאַ אומאָרדנונג אין די נערוועז אָדער אין מאַרך הערשט ביי אַ מענשען געוועהנליך ווען ער שלאָפט, אָדער ווען ער איז שיכור, אָדער ווען ער ליגט אין היץ, אָדער בכלל, ווען ער געפינט זיך אין אַ לאַגע אין וועלכער מענשען זיינען געניגט צו האָבען אילוזיעס.

ה.

די הויפּט פּונקטען פון דעקאַרטס טעאָריע געפינען מיר אויך אין שפּי־נאָזעס מעטאַפיזיק: אויך שפּינאָזע האָט גענומען פאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט דער אידייע, אַז עפּעס מוז עקזיסטירען; און אויך ער איז פון דאָרט דער־גאַנגען צו די אידייען: אַז עס עקזיסטירט אַ פּערפעקטער וועזען, אַז אַלץ וואָס קומט פון געדאַנק איז אמת און אַז פאַלשקייט ליגט אין דעם, וואָס קומט ניט פון געדאַנק. ביי אים ווערט אָבער די דאָזיגע אַרבעט אַדורכגעפירט מיט מער געשיקטקייט און אין זיין טעאָריע איז דערפאַר דאָ פיל מער לאָגישער המשך ווי אין דעקאַרטס טעאָריע.

נעמען מיר צוערשט דער אידייע, אַז עפּעס מוז עקזיסטירען. פאַנגט דאָ שפּינאָזע אָן מיט זיין באַרימטער איינטיילונג פון עקזיסטענץ אין דריי סאָרטען: סובסטאַנץ, אַטריבוטען און מאָדוסען:

נעמט אַביסעל וואַסער. איז עס פליסיג, קלעפּיג, וואָגיק אד"ג. די דאָזיגע קוואַליטעטען ווערען ניט אויפגענומען אַלס עקזיסטירענד אָן און פאַר זיך; עס איז ניטאָ קיין פליסיגקייט אָדער קלעפּיגקייט אָהן עפּעס וואָס זאָל זיין פליסיג אָדער קלעפּיג. זיי מוזען דערפאַר אויפגענומען ווערען אַלס עקזיסטירענד אין עפּעס אַנדערש — עפּעס וואָס שטעהט אונטער זיי, זייער סובסטאַנץ. זיי ווייזען בלויז אָן דער עקזיסטענץ פאָרמע פון דער סובסטאַנץ און דערפאַר הייסען זיי מאָדוסען — פאָרמען.

וואָס איז די סובסטאַנץ פון וואַסער? וועט מען אודאי זאָגען, די אַטאָמען אויסגעשטעלט אין דער אָרדנונג $2H_2O$. אָבער אויך די אַטאָמען באַזיצען דאָך שוין קוואַליטעטען, וועלכע עקזיסטירען אין עפּעס אַנדערש, אין שטח.

בלויז דער שטח עקזיסטירט ניט אין עפּעס אַנדערש. הייסט עס, אַז דער שטח דאַרף אויפגענומען ווערען אַלס אַבסאָלוטע סובסטאַנץ פון די אַטאָמען און פון אַלץ וואָס באַשטעהט פון אַטאָמען. אָבער אויך דער שטח קען ניט אויפגענומען ווערען אַלס אַבסאָלוטע סובסטאַנץ — און אַט פאַר וואָס:

צווישען דער אבסאָלוטער סובסטאַנץ און די מאָדוסען איז דאָ אַ חילוק בנוגע דער אורזאַך פון זייער עקזיסטענץ: די מאָדוסען פאָלגען פון דער נאַטור פון זייער סובסטאַנץ — די האַרטקייט אין אייזען נעמט זיך פון דער נאַטור פון אייזען — בעת די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ קען ניט פאָלגען פון עפּעס אַנדערש, ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלט זי דאָך אָבגעהאַנגען פון עפּעס אַנדערש און זי וואָלט ממילא ניט געווען אַבסאָלוט. די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ מוז דערפאַר האָבען אין זיך זעלבסט דער אורזאַך פון איר עקזיסטענץ; זי עקזיסטירט ווייל זי האָט אין זיך אַן אייגענשאַפט פון עקזיסטענץ.

באַזיצען אַן אייגענשאַפט פון עקזיסטענץ מיינט זיין עקזיסטענץ, פּונקט ווי באַזיצען אַן אייגענשאַפט פון רויטקייט מיינט זיין רויט.* און זייענדיג עקזיסטענץ מוז די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ אויסשליסען פון זיך יעדער פאָרמע פון ניט־עקזיסטענץ, מוז עס ממילא אויך אויסשליסען באַגרענעצטקייט פון עקזיסטענץ, וועלכעס שליסט אין זיך איין ניט־עקזיסטענץ. די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ מוז דערפאַר זיין אומבאַגרענעצט אין איר עקזיסטענץ און קיין אַנדער זאַך אויסער איר דאַרף דערפאַר ניט קענען עקזיסטירען, ווייל די עקזיסטענץ פון עפּעס אַנדערש אויסער איר וואָלט דאָך איר באַגרענעצט. מהאי טעמא קען שטח ניט גילטען אַלס די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ, מחמת שטח האָט דאָך עקזיסטענץ אויסער איר — אידייען פאַרנעמען ניט קיין שטח, זיי עקזיסטירען דערפאַר אויסער שטח.

פון דער צווייטער זייט, קען שטח אויך ניט זיין קיין מאָדוס, מחמת אַ מאָדוס טוט דאָך עקזיסטירען אין עפּעס אַנדערש, בעת שטח עקזיסטירט ניט אין עפּעס אַנדערש, נאָר אין זיך גופא — זאָלן מיר זיך אַפילו פאָרשטעלען, אַז שטח עקזיסטירט אין עפּעס אַנדערש, וועט דער עפּעס אַנדערש אויך מוזען זיין שטח. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז שטח איז ניט קיין אַבסאָלוטע סובסטאַנץ און ניט קיין מאָדוס — טאָ וואָס איז עס?

עס איז אַן אַטריבוט פון דער סובסטאַנץ, עפּעס וואָס דריקט אויס די אייגענשאַפטען פון דער סובסטאַנץ, אָבער נאָר אין איין די ראַמען פון איין אויס־דרוק. אַזוי דריקט שטח אויס אומבאַגרענעצטע עקזיסטענץ אין די ראַמען פון שטח — עס איז אומבאַגרענעצט אין איין אויסשפּרייטונג (אומענדליך) און אומבאַגרענעצט אין דער צאָל מאָדוסען וואָס עס נעמט אַריין. אין די ראַמען פון דעם דאָזיגען אויסדרוק קומען ניט אַריין אידייען, ווייל אידייען פאַרנעמען דאָך ניט קיין שטח — טאָ וואָס פאַר אַ וועזען שטעלען פאַר אידייען?

---

* „די עקזיסטענץ פון ג־ט און זיין תמצית זיינען איינס און דאָס זעלבע.״ עטיק 1, 20.

זיי קענען ניט פאַרשטעלן דער אַבסאָלוטער סובסטאַנץ, ווייל אויב די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ זאָל זיין אידייע וואָלט דאָך אידייע געמוזט זיך אויס־דריקען אויך דורך שטח, וועלכעס איז דאָך אַן אַטריבוט פון דער אַבסאָלוטער סובסטאַנץ. אידייע קען דערפאַר פאַרשטעלען אויך ניט מער ווי אַן אַטריבוט פון דער אַבסאָלוטער סובסטאַנץ, און ניט האָבענדיג קיין פּלאַץ אין דעם אַטריבוט פון שטח מוז אידייע מיט זיך פאַרשטעלען אַן אַנדער אַטריבוט פון דער אַבסאָלוטער סובסטאַנץ — אַן אַטריבוט אין וועלכען די באַזונדערע אידייען זיינען מאָדוסען און זייער צאָל מוז זיין אומענדליך פּונקט ווי די מאָדוסען פון שטח, ד"ה עס דאַרף ניט זיין קיין שיעור צו דער צאָל אידייען וואָס לאָזען זיך דענקען.

פאַרשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע צוויי אַטריבוטען זיינען ניט אַלץ דורך וואָס די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ לאָזט זיך אויסדריקען, ווייל אויב דאָס זאָל זיין אַלץ וואָלט דאָך די דאָזיגע סובסטאַנץ געווען באַגרענעצט אין דער צאָל פון אירע עקזיסטירענדע אויסדרוקען און זי וואָלט ממילא ניט געווען אומבאַגרענעצט אין איר עקזיסטענץ. די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ דאַרף זיך דערפאַר לאָזען אויסדריקען אין אַן אומענדליכער צאָל אַטריבוטען, — כאָטש מיר ווייסען בלויז פון די צוויי, שטח און אידייע.

אָט די דאָזיגע אומענדליכע צאָל אַטריבוטען דריקען אַלע אויס איין און דעם זעלבען וועזען, וועלכער איז אַזוי ווייט איינהייטליך, אַז ער איז אַפילו אומטיילבאַר, ד"ה די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ קען ניט באַשטעהן פון טיילען: ווייל אויב די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ זאָל באַשטעהן פון טיילען וואָלטען דאָך די טיילען געמוזט פאַרשטעלען אָדער אומבאַגרענעצטען וועזען אָדער באַ־גרענעצטען וועזען — קענען אָבער די דאָזיגע טיילען ניט פאַרשטעלען ניט קיין אומבאַגרענעצטען וועזען און ניט קיין באַגרענעצטען וועזען — פאַר וואָס?

זיי קענען ניט פאַרשטעלען אומבאַגרענעצטען וועזען, ווייל דאָס וואָס איז אומבאַגרענעצט לאָזט ניט צו דער עקזיסטענץ פון עפּעס אַנדערש אויסער זיך און ווען אַפילו איין טייל זאָל זיין אומבאַגרענעצט וואָלט ער ממילא ניט צוגעלאָזען דער עקזיסטענץ פון די אַנדערע טיילען. זיי קענען אויך ניט זיין באַגרענעצט, מחמת טיילען וואָס זיינען באַגרענעצט קענען קיין מאָל ניט אויסמאַכן עפּעס, וואָס איז אומבאַגרענעצט (די טיילען בילדען דאָך דעם וועזען פון אַ זאַך און אויב די זאַך איז באַגרענעצט אין איר וועזען קען זי ממילא ניט זיין אומבאַגרענעצט).

און אויב די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ איז אומטיילבאַר מוז יעדער אַטרי־בוט אירער אויך זיין אומטיילבאַר, ווייל אַן אַטריבוט איז דאָך דאָס, וואָס אין די ראַמען פון אַ באַשטימטען אויסדרוק ווערט דורך דעם ריכטיג אויס־געדריקט די אייגענשאַפט פון דער אַבסאָלוטער סובסטאַנץ. שטח מוז דערפאַר אויך זיין אומטיילבאַר און די טיילבאַרקייט, וואָס מיר נעמען אויף

אמונה און אפיקורסות

אין שטח קען נאָר זיין אַן אילוזיע פון אונזער פאָרשטעלונג — אַן אילוזיע וועלכע ווערט אָבגעוואָרפען דורך חשבונות אין אונזער געדאַנק.*

ז.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז שפינאָזעס אַבסאָלוטע סובסטאַנץ איז אַזוי פּערפעקט, אַזוי פול מיט וועזען, אַז זי איז בכח צו דעקען דעקאַרט׳ס אידייע פון אַ פּערפעקטען וועזען, און נאָך מיט אַ סמיטשיק — דעקאַרט׳ען האָט זיך געוויס קיין מאָל ניט גע׳חלומ׳ט פון אַ פּערפעקטקייט וואָס זאָל אַריינגעמען אַן אומענדליכע צאָל אַטריבוטען. און פון דער אידייע פון אַן אַבסאָלוט אומבאַגרענעצטער סובסטאַנץ קומט ווידער שפינאָזע צו גאַנץ לייכט צו דער אידייע, אַז אַלץ וואָס קומט פון געדאַנק מוז זיין אמת.** — ווי אַזוי?

אויב עקזיסטענץ דריקט זיך אויס גלייכצייטיג אין אַן אומענדליכער צאָל אַטריבוטען מוז אויסקומען, אַז דאָס וואָס דריקט זיך אויס אין איין אַטריבוט מוז זיך אויך אויסדריקען אין אַן אומענדליכער צאָל אַטריבוטען — ד״ה אין אַלע אַנדערע אַטריבוטען — און דאָס וואָס עקזיסטירט אין געדאַנק מוז ממילא אויך עקזיסטירען אין שטח און אין אַלע אַנדערע אַטריבוטען, און מוז ממילא זיין אמת.

אָבער דאָ קומט אַרויף ערשטענס די אַלטע פראַגע: אויב אַזוי, פונוואַנעט נעמט זיך פאַלשקייט? צווייטענס שווימט דאָ אַרויף אַ נייע פראַגע: פונקט ווי מיר מוזען אָננעמען אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט אין געדאַנק עקזיסטירט אויך אין אַלע אַנדערע אַטריבוטען, אַזוי מוזען מיר דאָך אויך אָננעמען אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט אין אַלע אַנדערע אַטריבוטען עקזיסטירט אויך אין געדאַנק — טאָ פאַר וואָס דענקען מיר ניט דאָס וואָס עקזיסטירט אין אַלע אַנדערע אַטריבוטען, אויסערן שטח? און פאַר וואָס דענקען מיר ניט אַפילו אַלץ וואָס עקזיסטירט אין שטח?

איז דער תירוץ: אין אַבסאָלוטען געדאַנק איז טאַקע דאָ אַלץ וואָס טוט זיך אין אַלע אַטריבוטען. אָבער דער מענשליכער געדאַנק, זייענדיג איינער צווישען אַן אומענדליכער צאָל מאָדוסען פון איין אַטריבוט און מו־

---

* זעה די אָנמערקונג 3, זאַץ 15 אין דעם ערשטען טייל פון דער „עטיק.״ ווייטער וועט מען זעהן, אַז דער געדאַנק איז ביי שפינאָזען דער קוואַל פון אמתער דערקענטעניש, בעת די פאָרשטעלונג איז דער קוואַל פון פאַלשער דערקענטעניש. ווען דאָס וואָס פאָלגט פון בלויזען געדאַנק איז געגען אונזער פאָרשטעלונג, מוז דערפאַר די פאָרשטעלונג אָפּגעוואָרפען ווערען אַלס אַן אילוזיע.

** „עס איז נישט פאַראַן קיין פּאָזיטיוועס אין די אידייען וואָס צוליב דעם זאָלען זיי קענען אָנגערופען ווערען פאַלש.״ טייל 2, זאַץ 33, אין נאָטאַנזאָנס איבערזעצונג פון דער „עטיק.״

זענדיג דערפאַר זיין באַגרענעצט, קען ער ניט אויסדריקען מער ווי איין מאָדוס פון אַן אַנדער אַטריבוט, איז ער בלויז די אידייע פון איין מענשלי־כען קערפּער. מיט אַנדערע ווערטער, דער מענש ווייס נאָר וואָס עס טוט זיך אין זיין קערפּער.* און אַט פון דער דאָזיגער באַגרענעצטקייט פון אונזער געדאַנק נעמען זיך אַלע אונזערע טעותען, אַלע פאַלשקייטען — ווי אַזוי?

ווייסענדיג בלויז דאָס וואָס טוט זיך אין זיין קערפּער מוז יעדע פאָר־שטעלונג פון מענשען אויסדריקען בלויז דאָס וואָס טוט זיך אין זיין אייגענעם קערפּער און יעדע נייע פאָרשטעלונג זיינע מוז אויסדריקען בלויז אַ נייעס, ד״ה אַן ענדערונג, אין זיין אייגענעם קערפּער. למשל, ווען אַ מענש זעהט די זון אויף אַ באַשטימטען מרחק פון אים, מיינט עס בלויז, אַז זיין קערפּער איז באַאיינדרוקט געוואָרען אויף אַ געוויסען אופן, און אַז אין זיין געדאַנק ווערט דער דאָזיגער קערפּערליכער איינדרוק אויסגעדריקט דורך דער פאָר־שטעלונג פון אַ שטראַלענדען קויק אויף אַ באַשטימטען מרחק.

ווען מיר דערוויסען זיך דערנאָך אַז די דאָזיגע פאָרשטעלונג איז פאַלש, אַז דער מרחק צווישען אונז און דער זון איז פיל גרעסער ווי מיר שטעלען זיך אים פאָר בשעתן קוקען אויף דער זון, מיינט עס ניט, אַז דעם מענ־שענס געדאַנק טוט ניט ריכטיג פאָרשטעלען דער זאַך, וועלכע מאַכט דעם איינדרוק אין זיין קערפּער, נאָר עס מיינט, אַז דער איינדרוק אין זיין קערפּער דריקט ניט אויס ריכטיג דער נאַטור פון דער אויסערליכער זאַך פון וואָס דער קערפּער איז געוואָרען באַאיינדרוקט; און היות ווי דעם מענשענס געדאַנק שטעלט דאָך פאָר נאָר דעם איינדרוק אין זיין קערפּער — און ניט דער אוי־סערליכער זאַך וואָס האָט באַאיינפלוסט דעם קערפּער — מוז ער ממילא פאָרשטעלען דער אויסערליכער זאַך נאָר ווי זי איז לויט דעם איינדרוק אין זיין קערפּער. דערפאַר וועט ער איר אַזוי פאָרשטעלען אַפילו ווען מיר וועלען וויסען אַז עס איז ניט אמת, אַז די פאָרשטעלונג איז בלויז אַן אילוזיע, מחמת אַלס פאָרשטעלונג פון קערפּערליכען איינדרוק איז עס שטענדיג אמת. די פאַלשקייט נעמט זיך אַלזאָ פון דעם וואָס דעם מענשענס געדאַנק שטעלט פאָר נאָר די איינדרוקען אין זיין קערפּער און ניט די אויסערליכע זאַכען ווי זיי זיינען בעצם, ד״ה פון דעם וואָס דעם מענשענס געדאַנק איז באַגרענעצט צו וויניג אידייען.

פונוואַנעט נעמט זיך ווידער דאָס וואָס דער איינדרוק אין מענשענס קערפּער דריקט ניט אויס ריכטיג דער נאַטור פון דער אויסערליכער זאַך פון וואָס דער קערפּער איז געוואָרען באַאיינדרוקט? דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס די נאַטור פון איינדרוק אין קערפּער פאַלגט ניט אין גאַנצען פון דער אויסער־ליכער זאַך נאָר אויך פון דער נאַטור פון באַאיינדרוקטען קערפּער גופא. דער

---

* און דאָס אַפילו אויך ניט אַלץ, אָבער וועגען דעם קענען מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלען.

איינדרוק קען דערפֿאַר נאָר טיילווייז אויסדריקען דער נאַטור פון דער אויסערליכער זאַך וואָס האָט באַאיינדרוקט דעם קערפּער. נאָך מער, עס איז רעכט, אַז דאָס וואָס האָט באַאיינדרוקט אונזער קערפּער זאָל שוין איבערהויפּט ניט עקזיסטירען, נאָר דער אַמאָליגער איינדרוק פון דעם זאָל נאָך ניט זיין אָבגעווישט און עס זאָל דערנאָך ווידער אויפגעוועקט ווערען דורך אַן אַסאָסאַציע, דורך דעם וואָס עס איז פאַרבונדען און ווערט מיט־געשלעפּט מיט אַנדערע איינדרוקען.*

אָט די דאָזיגע אַסאָסאַציעס זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער פאַלש־קייט אין אונזערע חלומות. אויף דער וואָך קענען אונז די דאָזיגע אַסאָסאַ־ציעס ניט נאַרען, מחמת מיר האָבען בשעת מעשה אַנדערע איינדרוקען, וועלכע ווייזען אונז אָן דעם ריכטיגען פּלאַץ פון די אַסאָסאַציעס. למשל, ווען אַן אַסאָסאַציע ברענגט אונז אַרויף אויפן געדאַנק אַ טויטען, אָדער סתם איינעם וואָס איז לעבען אונז ניטאָ, זעהען מיר בשעת מעשה, אַז ער איז לעבען אונז ניטאָ, דאַגעגען אין שלאָף פעלען אונז אַזוינע וואַכעדיגע איינדרוקען און דערפֿאַר מוזען מיר אַננעמען די אַסאָסאַציעס פאַר גוט געלט.

אַ דריטער קוואַל פון פאַלשקייט איז דאָס וואָס אונזער געדאַנק איז בכח אויפצונעמען נאָר אַ טייל איינצעלהייטען פון קאָמפּליצירטע זאַכען. אַזוי למשל, נעמט ער אויף אין מענשען בלויז די וואוקס, קאָליר און נאָך אַ פּאָר כאַראַקטעריסטיקס וואָס זיינען געמיינזאַם צו אַלע מענשען און וואָס קומט אים דערפֿאַר אַן לייכט אויפצונעמען. דאַגעגען לאָזט ער אויס פיל כאַראַק־טעריסטיקס אין וועלכע מענשען טוען זיך אונטערשיידען. דאָס ברענגט אונז, אַז מיר זאָלען אויפנעמען אַלס גלייך זאַכען וואָס זיינען פאַרשיידען. און דאָס פירט אונז ווידער צו מאַכען פאַלשע דעדוקציעס.

אַזוי זעהט מען ווי אַלע סאָרטען פאַלשקייטען נעמען זיך בלויז פון דעם וואָס די דערקענטעניש פון אונזער געדאַנק איז ניט גענוגענד, אָדער ווי שפּינאָזע זאָגט עס, „אומאַדעקוואַט". אין פאַל ווען די דערקענטעניש פון אונזער געדאַנק איז „אַדעקוואַט" קען זי טאַקע ניט זיין פאַלש.

ווען איז זי אַדעקוואַט? דאַן ווען די חסרונות וואָס מיר האָבען דאָ

---

* אַסאָסאַציעס זיינען דאָ דריי סאָרטען: אַסאָסאַציע דורך עהנליכקייט, ווי, למשל, ווען די פאָטאָגראַפיע פון אַ מענשען דערמאָנט אונז אָן דעם מענשען גופא. (2) אַסאָסאַציע דורך פאַרוואַנדשאַפט, ווי למשל, די אידייע פון איין ברודער טוט אונז דערמאָנען אָן דעם אַנדערען ברודער. צו דעם קען אויך צוגערעכנעט ווערען די אַסאָסאַציע דורך אורזאַכ־ליכקייט, ווי למשל, ווען הונגער דערמאָנט אונז אָן דער אידייע פון ברויט, אָדער ברויט דערמאָנט אונז אָן בעקער. (3) אַסאָסאַציע דורך נאָהענטקייט — די נאָהענטקייט קען זיין אין שטח, ווי למשל, די אידייע פון אונזער מוטער טוט אונז אַרויפברענגען די אידייע פון דער שטעדטעל אין וועלכען זי האָט געלעבט, אָדער די אידייע פון מילך ברענגט מיט די אידייע פון ווייסקייט; די נאָענטקייט קען אויך זיין אין צייט, ווי למשל, אין אַ זומער האָטעל טוט דער קלאַנג פון גלאָק אַרויפברענגען די אידייע פון געהן עסען.

דערמאָנט פאַלען אַוועק, דהיינו, ווען דער אָביעקט פון דער דערקענטעניש איז דער זעלבער אין אַלץ — אין יעדען פון זיינע טיילען אַזוי ווי אין גאַנ־צען; אין אונזער קערפער אַזוי ווי אין די זאַכען אויסער אונזער קערפער. אַזוי איז עס אין די מאַטעמאַטישע דערקענטענישען, למשל, וואו צוויי מאָל צוויי האָט די זעלבע פּראָפּאָרציע, ווי צוויי מאָל צוויי מיליאָן, און אַ פונט פעדערען איז די זעלבע וואָג ווי אַ פונט בליי.

די בעסטע פון די דאָזיגע אַדעקוואַטע דערקענטענישען זיינען די וואָס זיינען אַזוי איינפאַך, אַז מיר דערקענען זיי אין גאַנצען דירעקט — אַט ווי מיר דערקענען, אַז אידייע איז געדאַנק, אָדער אַנדערע אַזוינע דעפיניציעס און לאָגישע דעדוקציעס. דערקענענדיג די דאָזיגע דערקענטענישען אין גאַנצען, דערקענען מיר אויך בשעת מעשה, אַז זיי זיינען אין גאַנצען ריכטיג, בעת אין די קאָמפּליצירטע מאַטעמאַטישע חשבונות דערקענען מיר נאָר דער ריכטיגקייט פון די פאָרמולעס. כדי צו פונאַנדערטיילען צווישען דעם בעסט־רען סאָרט און דעם ערגערען סאָרט פון די אַדעקוואַטע דערקענטענישען ווערען די דערקענטענישען פון דעם בעסערען סאָרט אָנגערופען „אינטואי־ציעס”. די אומאַדעקוואַטע דערקענטענישען ווערען ווידער אָנגערופען „מיי־נונגען”, ד"ה דערקענטענישען, וואָס דריקען אויס בלויז דאָס, וואָס איז אין דער דערקענענדער פּערזאָן.

ז.

פון די עטליכע פונקטען וואָס זיינען דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרען זעהט מען גאַנץ קלאָר, אַז שפינאָזא איז ניט געווען קיין רעאַליסט, מחמת שטח אַלס אומטיילבאַרע איינהייט איז געוויס ניט דער רעאַלער שטח וואָס מיר נעמען אויף. דאָס זאָגט אייגענטליך שפינאָזא אַליין אין זיין אָנמערקונג 3, זאַץ 15 פון דעם ערשטען טייל „עטיק”. און אויב אַזוי פאַלען ממילא אַוועק די דאָ־דערמאָנטע שוועריגקייטען געגען שפינאָזעס מעטאַפיזיק, מחמת די טענות וואָס מיר האָבען געהאַט קעגען שפינאָזא דעם רעאַליסט קענען מיר ניט האָבען קעגען שפינאָזא דעם ניט־רעאַליסט.

אַזוי פאַלט אַוועק דער אומזין פון אויפנעמען שטח און געדאַנק אַלס צוויי אויסדרוקען פון דעם זעלבען וועזען, מחמת דער דאָזיגער אומזין האָט זיך דאָך גענומען פון דעם וואָס מיר נעמען אויף שטח אַזוי ווי מיר שטעלען זיך עס פאָר, אָבער היות ווי שטח איז ניט דאָס וואָס מיר שטעלען זיך עס פאָר קען עס גאַנץ גוט אויסדריקען דעם זעלבען וועזען וואָס אידייע דריקט אויס.

דאָס מיינט ניט אַז שפינאָזא נעמט אויף שטח אַלס אַ מין אידייע, אַז ער איז געווען אַן אידעאַליסט פון בערקלייס שניט. ווען דאָס זאָל זיין אַזוי וואָלט שטח געווען ניט מער ווי אַ מאָדוס פון דענקען. זייענדיג אָבער אַ באַזונדער אַטריבוט טאָר שטח ניט האָבען קיין געמיינזאַמעס מיט געדאַנק,

מוז עס זיין אַזוי פאַרשיידען, אַז ווען מיר זאָלען וויסען בלויז פון שטח וואָלטען מיר אַפילו ניט געוואוסט אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי געדאַנק — איז וואָס מיינט עס, אַז שטח און געדאַנק דריקען אויס דעם זעלבען וועזען?

דאָס מיינט, אַז די בײדע זיינען בלויז צוויי פאַרשיידענע לשונות אין וועלכע דער וועזען זאָגט אַן אונזער באַוואוסטזיין, אַז ער איז דאָ. ער זאָגט עס אַן דורך דענקען און ער זאָגט עס אַן דורך פאַרשטעלונגען, מחמת מיט בײדע מוז אויפגענומען ווערען עקזיסטענץ.

די עקזיסטענץ וואָס ווערט אויפגענומען אויף בײדע לשונות קען זיין אַ באַגרענעצטע אָדער אַן אומבאַגרענעצטע. זוכט שפּינאָזע צו באַווייזען, אַז די דאָזיגע עקזיסטענץ מוז אויפגענומען ווערען אַלס אַן אומבאַגרענעצטע. דאָס איז אַלץ וואָס ער איז אויסען אין זיינע פיער באַווייזען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פערפעקטען וועזען.

אין ערשטען באַווייז דרינגט עס שפּינאָזע אויף דעם אופן וואָס איז דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרען: היות ווי די אַבסאָלוטע סובסטאַנץ מוז זיין „קאַאוזא סואי,” זי מוז באַזיצען אין זיך גופא אַן אייגענשאַפט צו עקזיסטירען, מוז זי בלויז עקזיסטירען, ד״ה עקזיסטירען אָהן אַ גרענעץ.

אין צווייטען באַווייז דרינגט שפּינאָזע דאָס זעלבע, נאָר פון דער נעגאַטיווער זייט: אויפנעמענדיג דער סובסטאַנץ אַלס עקזיסטענץ שליסען מיר ממילא אויס פון איר יעדען פּרינציפּ פון ניט־עקזיסטענץ, ד״ה פון באַגרענעצטער עקזיסטענץ; און זייענדיג פון איר נאַטור אומבאַגרענעצט קען ניט עקזיסטירען עפּעס אויסער איר און עס קען ממילא ניט זיין עפּעס אַנדערש וואָס זאָל איר באַגרענעצען.

דריטענס דרינגט ער עס פון דעם, וואָס אויב מיר זאָלען אָננעמען, אַז באַגרענעצטע עקזיסטענץ עקזיסטירט און אומבאַגרענעצטע עקזיסטענץ עקזיסטירט ניט, וועט אויסקומען, אַז באַגרענעצטע עקזיסטענץ האָט אין זיך עקזיסטענץ און אומבאַגרענעצטע עקזיסטענץ האָט ניט אין זיך עקזיסטענץ.* און היות ווי דאָס לאָזט זיך דאָך ניט דענקען, הייסט עס, אַז אויף דעם לשון פון געדאַנק ווערט אונזער באַוואוסטזיין אָנגעזאָגט, אַז עס עקזיסטירט אַן אומבאַגרענעצטע עקזיסטענץ.

אין פערטען באַווייז דרינגט ער די זעלבע זאַך אַ פּריאָרי, ד״ה אָהן צו באַנוצען דעם פאַקט ,וואָס מיר וויסען אַז באַגרענעצטע עקזיסטענץ עקזיסטירט. ער פאַנגט דאָ אַ גלייך אַן מיט דער דעדוקציע: היות ווי אין דער אידייע פון אומבאַגרענעצטער עקזיסטענץ ווערט דאָך דערהערט עקזיסטענץ, איז ווען מיר דענקען וועגען אומבאַגרענעצטער עקזיסטענץ מוזען מיר דענקען אַז עס האָט אין זיך עקזיסטענץ, אַז עס עקזיסטירט.

---

* ווען שפּינאָזע זאָגט, אַז עקזיסטענץ האָט מאַכט, מוז עס מיינען, אַז עס עקזיסטירט, מחמת אַלע מעכטיגקייטען זיינען דאָך ביי אים בלויז מאָדוסען פון עקזיסטענץ.

דאָס איז אייגענטליך דער אַלטער אָנטאָלאָגישער באַווייז ווי די עלייער האָבען אים געניצט, „דאָס וואָס איז איז", ד"ה עקזיסטענץ מיינט אַז עס עקזיסטירט. אָבער דאָ ווערט ער באַקרעפטיגט דורך דעם יסוד, אַז געדאַנק אַליין, אַלס איינער פון די לשונות דורך וועלכע עקזיסטענץ מעלדעט זיך, איז גענוג צו באַשטעטיגען עקזיסטענץ. „צו זאָגען, אַז מיר האָבען אַן אמתע אידייע נאָר מיר ווייסען ניט צי זי שטעלט פאָר וועזען, איז דאָס זעלבע ווי מיר וואָלטען געזאָגט, אַז מיר האָבען אַן אמתע אידייע נאָר מיר ווייסען ניט צי זי איז אמת." *

אויף אַזאַ אופן פאַלען אַוועק די לאָגישע פעלערען וואָס מיר האָבען געפונען אין שפינאָזעס באַווייזען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פערפעקטען וועזען. און עס פאַלען אויך אַוועק פיל אַנדערע לאָגישע איינווענדונגען געגען די דאָזיגע באַווייזען — איינווענדונגען אויף וועלכע מיר קענען זיך דאָ ניט אָבשטעלען.

ח.

פון דעם וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרען זעהט מען גאַנץ קלאָר, אַז שפינאָזיזם איז אַן אומטיילבאַרער סיסטעם, אַ סיסטעם אין וועלכען די הנחות זיינען צווישען זיך אַזוי געבונדען אַז מען קען ניט גלאַט אַרויסנעמען איינער פון זיי און איר איבערטראָגען ערגעץ אַנדערש — אַט אַזוי ווי בוכנער וויל עס טאָן מיט דער הנחה פון צוויי אויסדרוקען פון דעם זעלבען וועזען.

די הנחה, אַז שטח און געדאַנק זיינען צוויי אויסדרוקען פון דעם זעלבען וועזען, איז ביי שפינאָזען ענג פאַרבונדען מיט זיין אומרעאַליס־טישען שטאַנדפונקט, אַז שטח איז ניט דער טיילבאַרער שטח, וואָס מיר שטעלען זיך פאָר, אַז עס איז עפּעס וואָס מיר קענען זיך גאָר ניט פאָר־שטעלען — מחמת אין אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען ווערט דאָך אויפגע־נומען דער טיילבאַרער שטח — זיינען די מאַטעריאַליסטען גרייט אָנצונע־מען דעם זעלבען אומרעאַליסטישען שטאַנדפונקט בנוגע קראַפט און שטאָף? זיינען זיי גרייט מסכים צו זיין, אַז שטאָף איז עפּעס וואָס מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען?

נאָך מער, אָננעמענדיג אַז קראַפט און שטאָף זיינען אויסדרוקען פון דעם זעלבען וועזען מוזען די מאַטעריאַליסטען אויך אָננעמען, אַז אַפילו דער שטח וואָס שטאָף פאַרנעמט איז ניט קיין שטח, נאָר עפּעס וואָס מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען, מחמת קראַפט אָדער באַוועגונג פאַרנעמט דאָך ניט קיין שטח — זיינען די מאַטעריאַליסטען גרייט צו געהן אויך אַזוי ווייט?

מען טאָר אויך ניט פאַרגעסען, אַז גראַד די מאַטעריאַליסטען האַלטען

---

* זעה די אָנמערקונג צו זאַץ 8 אין ערשטען טייל פון דער „עטיק."

זיך אין איין באַרימען מיט דעם, וואָס זיי לאָזען זיך ניט אַרייַן אין קיין טונקעלע דרכים, נאָר אַלע זייערע הנחות זיינען פאַרשטענדליך — איז דען דאָ אַ גרעסערע אומפאַרשטענדלעכקייט ווי די הנחה, אַז קראַפט און שטאָף, אָדער ווערב און סובסטאַנטיוו, שטעלען פאַר דעם זעלבען וועזען? און דאַרף מען דען האָבען אַ גרעסערע טונקעלהייט ווי די דאָזיגע הנחה פאַרשפּרייט אַרום דעם וועזען פון שטאָף און שטח?

און ועל כולם, וועט דער מאַטעריאַליסט מוזען אויך ענטפערען אויף דער דאָזיגער האַרבער פראַגע: אויב שטאָף איז עפּעס וואָס מען ווייס ניט און מען קען זיך אַפילו גאַר ניט פאַרשטעלען, טאָ פונוואַנעט ווייס ער אַז עס דריקט אויס דעם זעלבען וועזען וואָס קראַפט? דרינגט ער עס אויף שפּינאָזעס שטייגער, פון דער אידייע פון עקזיסטענץ? מיט אַנדערע ווערטער, איז ער אַ ראַציאָנאַליסט — שטיצט ער זיך אויף אידייען און ניט אויף די חושים?

פאַרשטעהט זיך, אַז בנוגע שטיצען זיך אויף די חושים קען אַ מאַטעריאַליסט בשום אופן ניט נאָכגעבען. נאָך אַלעמען איז סענסואַליזם די באַזע פון מאַטעריאַליזם; אַ מאַטעריאַליסט טענהט, אַז ער גלויבט נאָר די אָנוויי־זונגען פון די חושים. אַ מאַטעריאַליסט וועט זיך דערפאַר בעסער אָבשאָקלען פון דער דאָזיגער שפּינאָזיסטישער הנחה, וועלכע קלעבט זיך סיי ווי צום מאַטעריאַליזם אַזוי ווי אַרבעס צום וואַנד. ער וועט מסתמא זאָגען, אַז דער דאָזיגער שפּינאָזיסטישער אויסדרוק איז בלויז בוכנערס אַ מליצה, וועלכע דאַרף ניט גענומען ווערען בוכשטעבליך. ער וועט אָנווייזען אויף פיל שטעלען אין דעם זעלבען בוך אין וועלכע בוכנער גופא דערקלערט אַנדערש דעם שייכות צווישען קראַפט און שטאָף.

מען דאַרף ניט געהן ווייט. בוכנער פאַנגט אָן זיין בוך מיט אַ ציטאַט פון מאָלעשאָט, וועלכער לייענט זיך אַזוי: „קראַפט... איז אומטיילבאַר פון שטאָף, איז איינע פון די אייביגע אייגענשאַפטען וואָס וואוינען אין דעם.“ און אָביסעל ווייטער, אונטערציהענדיג דעם סך־הכול פון די ציטאַטען וואָס ער האָט געבראַכט פון די מאַטעריאַליסטישע קאָרפּען־קעפּ, שרייבט ער אַזוי:

„אויף די דאָזיגע גרונדען טוען די גענאַנטע פאָרשער דעפינירען קראַפט בלויז אַלס אַן אייגענשאַפט פון שטאָף. גענויער אויסגעדריקט, קען, אָדער מוז, קראַפט דעפינירט ווערען אַלס אַ צושטאַנד פון אַקטיוויטעט אָדער אַ באַוועגונג פון שטאָף אָדער פון די קלייניגקע טיילכעלעך פון שטאָף אָדער אַלס אַ פעהיגקייט דערפון, ריכטיגער, אַלס אַן אויסדרוק פאַר דעם גרונד פון אַ מעגליכער אָדער אַקטועלער באַוועגונג.“ *

* איך האָב געבראַכט דעם דאָזיגען ציטאַט אין גאַנצען, מחמת ער ווייזט בוכנערס צושוואומענקייט ווען עס האַנדעלט זיך אין לאָגיק. אין דעם דאָזיגען ציטאַט געפינען מיר גאַנצע פיער דעפיניציעס פון קראַפט: (1) אַ צושטאַנד פון אַקטיוויטעט, (2) אַ באַוועגונג

די דאָזיגע ציטאַטען רעדען אַלזאָ בפירוש וועגען קראַפט אַלס אַן אייגענשאַפט פון שטאָף. אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין געהאַט געזעהן ווי ווייט די הנחה פון אייגענשאַפט איז סם המות סיי פאַרן מאַטע־ריאַליזם און סיי פאַרן אַטעאיזם. ווייטער וועלען מיר זעהן וואָס עס בלייבט פון די דאָזיגע איזמען אַנגעמענדיג דער דאָזיגער הנחה.

פון שטאָף, (3) אַ פעהיגקייט צו באַוועגען שטאָף, (4) אַן אויסדרוק פון אַן אומבאַקאַנטער אורזאַך. איז די ערשטע דעפיניציע איינפאַכע טאַטאָלאָגיע, עפּעס וואָס דערקלערט גאָרניט. די צווייטע און דריטע פון די דאָזיגע דעפיניציעס דערקלערען פאַרשיידענע זאַכען, איינס דערקלערט דעם עפעקט פון קראַפט און דאָס אַנדערע דערקלערט קראַפט אַלס אורזאַך. די פערטע דעפיניציע איז ווידער מחולק מיט די אַנדערע, מחמת לויט איר איז קראַפט עפּעס וואָס איז אומבאַוואוסט.

זעקסטער קאַפּיטעל

קראַפט אַלס אַן אייגענשאַפט פון שטאָף

די באַדייטונג פון דעם פּרואוו צו דערקלערן קראַפט אַלס אַן אייגענשאַפט פון שטאָף. — דאָס שטימט מיט די צוויי דאָגמען פון מאַטעריאַליזם, אַז שטאָף אַליין איז ווירקליך און אַז איבעראַל און אייביג הערשען די זעלבע געזעצען. — די מאַטעריאַליסטען קענען אָבער ניט דערקלערן ווי אַזוי איז מעגליך, אַז שטאָף זאָל באַזיצען פאַרשיידענע און געגענגעזעצטע אייגענשאַפטען. — עס טויג ניט די דערקלערונג, אַז דאָס נעמט זיך פון אַן אונטערשייד אין דער פאָרמע פון שטאָף. — עס טויג אויך ניט די דערקלערונג, אַז עס עקזיסטירען פאַרשיידענע שטאָפען. — אויך קענען זיי ניט דערקלערן ווי אַזוי איז מעגליך צו וויסען, אַז שטאָף אַליין איז ווירקליך אָדער אַז איבעראַל און אייביג הערשען די זעלביגע געזעצען. — דורך אינדוקציע קען מען די דאָזיגע זאַכען ניט אויסגעפינען.

א.

אויב קראַפט זאָל זיין בלויז אַן אייגענשאַפט פון שטאָף וועט שטאָף גופא מוזען באַקליידט ווערען מיט אַלע כחות וואָס מיר דערפאַרען אין דער נאַטור — עס וועט מוזען אויפגענומען ווערען אַלס בכח זיך צו באַוועגען, צוציהען, אָבשטויסען, שאַפען אַלע ברואים וואָס געפינען זיך ווענגיגסטענס אויף אונזער וועלטעל, פון די באַקטעריא ביז צום מענשען מיט זיין הויך ענטוויקעלטען שכל פון אַן אַריסטאָטעל, אַ רמב"ם, אַ ווילנער גאון אד"ג. עס וועט אין דעם מוזען אויפגענומען ווערען אַפילו דער כח פון באַצאָלען מיט גוטס פאַר גוטע מעשים און מיט שלעכטס פאַר שלעכטע מעשים, מחמת אין דער נאַטור באַמערקט זיך דאָך אויך עפּעס אַזאַ סיסטעם, ווייניגסטענס, אַזאַ טענדענץ.* דאָס מיינט, אַז דאָס שטאָף אַליין וועט מוזען פאַרגעטערט ווערען — איז וואו ליגט דאָ דער אַטעאיסטישער אויפטו?

---

* וועגען דעם איז שוין דאָ פריהער גערעדט געוואָרען. דאָ וועט נאָר צוגעגעבען ווערען, אַז אַפילו מען זאָל אָננעמען, אַז דער סיסטעם פון שכר ועונש איז ניט אַזוי פּינקטליך, אַז ניט אַלע מאָל ווערט גוטס באַצאָהלט מיט גוטס און שלעכטס מיט שלעכטס, קען עס אַלץ נאָר מיינען, אַז דער דאָזיגער כח איז באַגרענעצט, אָדער, אַז ער פאָלגט ניט נאָך דעם באַשטימטען סדר פון אורזאַכליכקייט וואָס אַלע אַנדערע כוחות פאָלגען נאָך. אָבער אינגאַנצען אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון אַזאַ כח קען מען ניט, סיידען מען זאָל אויך לייקענען דער מעגליכקייט פון וועלכער עס איז עטיק.

קראַפט אַלס אַן אייגנשאַפט פון שטאָף

ווען אַ מאַטעריאַליסט אודאי ענטפערען, אַז דער אַטעאיסטישער אויפ־טו פון די מאַטעריאַליסטען ליגט אין דעם וואָס זיי ווייסען צו באַגרענעצען סיי דער אַקטיוויטעט פון קראַפט און סיי איר סובסטראַטום, דער קוואַל פון וועלכען קראַפט פאַלגט.

קודם בנוגע דער אַקטיוויטעט פון קראַפט: אין אמונה איז קראַפט אומגעצאַמט — אמונה לאָזט צו דער מעגליכקייט פון נסים אָדער פרייען ווילען, וואו קראַפט ענדערט פלוצלונג איר געוועהנליכער ריכטונג. דאַגעגען, אין מאַטעריאַליזם, וואו קראַפט ווערט אויפגענומען אַלס אַן אייגנשאַפט פון שטאָף, דאַרף עס זיך ניט קענען ענדערען אויב דאָס שטאָף איז ניט געוואָרען אַנדערש,* מוז עס אונטער די זעלבע אומשטענדען בלייבען דאָס זעלבע.

און בנוגע דעם סובסטראַטום פון קראַפט: אין אמונה ווערט צוגע־לאָזען די מעגליכקייט פון אַן אוממאַטעריעלען סובסטראַטום פון קראַפט, בעת אין מאַטעריאַליזם, וואו קראַפט איז בלויז אַן אייגנשאַפט פון שטאָף, דאַרף זיין אוממעגליך אַן אוממאַטעריעלער סובסטראַטום פון קראַפט. נאָך מער, עפעס וואָס איז אוממאַטעריעל דאַרף איבערהויפט ניט עקזיסטירען, מחמת עפעס וואָס האָט ניט קיין קראַפט, קיין ווירקונג, אַפילו ניט די ווירקונג פון ווידערשטאַנד וואָס מיר מוזען אויפנעמען אין שטאָף, איז ממילא ניט ווירקליך און טוט ממילא ניט עקזיסטירען.

זיינען טאַקע די דאָזיגע צוויי הנחות די יסודות פון מאַטעריאַליזם. דאָס זאָגט אויך בערטראַנד ראָסעל אין זיין הקדמה צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון אַלבערט לאַנגע׳ס געשיכטע פון מאַטעריאַליזם: „די צוויי דאָגמען וועלכע בילדען דעם עצם פון מאַטעריאַליזם זיינען: ערשטענס, אַז שטאָף אַליין איז ווירקליך, צווייטענס, די הערשאַפט פון געזעץ.״

און קיין ספק ניט, אַז די דאָזיגע צוויי הנחות זיינען טאַקע אַטעאיסטיש דורך און דורך. נאָר היות ווי די דאָזיגע הנחות זיינען דאָך געבויט אין גאַנצען אויף דעם יסוד, אַז קראַפט איז בלויז אַן אייגנשאַפט פון שטאָף, וועלען מיר קודם אַ טאַפ טאָן דעם דאָזיגען יסוד, מיר וועלען זעהן ווי וויט ער איז לאָגיש אויסגעהאַלטען.

---

* אַן אייגנשאַפט דאַרף כאַראַקטעריזירען די סובסטאַנץ און דערפאַר דאַרף זיך די אייגנשאַפט ניט קענען ענדערען איידער די סובסטאַנץ איז געוואָרען אַנדערש, מחמת אויב די אייגנשאַפט זאָל זיך ענדערען איידער די סובסטאַנץ האָט זיך געענדערט וועט אויס־קומען, ערשטענס, אַז די זעלבע סובסטאַנץ איז סיי אַזוי און סיי אַנדערש, צווייטענס, אַז קיין איינע פון די דאָזיגע אייגנשאַפטען וועט כאַראַקטעריזירען ריכטיג וואָס די סובסטאַנץ איז און ממילא וועט קיין איינע פון זיי קענען גילטען אַלס אַן אייגנשאַפט פון דער דאָזיגער סובסטאַנץ. ווען צוקער, למשל, זאָל קענען ווערען ביטער, בלייבענדיג אין סובסטאַנץ דאָס זעלבע, וועט סיי זיסקייט און סיי ביטערקייט ניט אויסדריקען די אייגענ־שאַפט פון צוקער.

ב.

די הנחה, אַז קראַפט איז אַן אייגענשאַפט פון שטאָף, זעהט אונז אויס זעהר פשוט און ממילא זעהר צופרידענשטעלענד. זיינען מיר דאָך געוואוינט צו דענקען אין דער טערמינאָלאָגיע פון אייגענשאַפט: צוקער איז זיס, ווייל עס האָט אַן אייגענשאַפט צו זיין זיס; אַ לעבעדיגע זאַך וויל לעבען, ווייל עס האָט אַן אייגענשאַפט צו וועלען לעבען; פונקט אַזוי, איז שטאָף באַוועגליך, צוציהענד, אָבשטויסענד אא"וו, ווייל עס האָט אַן אייגענשאַפט צו טאָן די דאָזיגע זאַכען. ווען מיר טראַכטען זיך אָבער אין דעם אַריין אַביסעל טיפער זעהען מיר, אַז די זאַך איז גראַד ניט אַזוי פשוט, אַז עס האָט אַ גאַנץ וואַזשנע לאָגישע שוועריגקייט.

אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין באַמערקט, אַז האָבען אַן אייגענשאַפט מיינט עקזיסטירען אויף אַ געוויסען אופן — ווען צו־קער האָט אַן אייגענשאַפט צו זיין זיס איז עס זיסקייט. צוקער האָט אָבער נאָך אייגענשאַפטען: עס איז אויך ווייס, האַרט אד"ג — איז צוקער סיי זיסקייט, סיי ווייסקייט און סיי האַרטקייט? זיינען די דאָזיגע פאַרשיידענע זאַכען איין זאַך?

די דאָזיגע פראַגע איז ניט ניי; זי איז שוין אַזוי אַלט, ווייניגסטענס, ווי פּלאַטאָס „פּאַרמענידעס". דאָרט ברענגט פּלאַטאָ דער דאָזיגער פראַגע אין נאָמען פון פּאַרמענידעסעס תלמיד, צענאָ, וועלכער האָט זיך ספּעציאַ־ליזירט אין אויסגעפינען לאָגישע שוועריגקייטען. אין די מאָדערנע צייטען ווערט זי באַריכות אַרויסגעבראַכט דורך דעם ענגלישען לאָגיקער פ. ה. ברעדליי.* סיי צענאָ און סיי ברעדליי נוצען דער דאָזיגער שוועריגקייט געגען רעאַליזם — געגען דער טעאָריע, אַז אונזערע דערקענטנישען זיינען ניט בלויז אידייען אין אונזער געדאַנק, נאָר זיי ווייזען אָן אויף ווירקליך־עקזיס־טירענדע זאַכען אויסערן געדאַנק. דער ענטפער וואָס סאָקראַטעס גיט צענאָן איז אויך פון אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט און אַלס רעאַליסטען קענען מיר אים דערפאַר ניט באַנוצען.

איז ווי אַזוי זאָל אַ רעאַליסט זיך אַן עצה געבען מיט דער דאָזיגער שוועריגקייט? די בעסטע עצה איז, נאָך מיין מיינונג, אַנצואווייזען דעם פאַקט וואָס איז שוין דורך אונז פריהער באַמערקט געוואָרען, אַז אַ צוזאַ־מענבונד פון פאַרשיידענהייטען אין אַן איינהייט געהט אָן אין דער גאַנצער נאַטור און עס וואָלט דערפאַר געווען אַ וואונדער ווען אייגענשאַפטען זאָלען אין דעם דאָזיגען הינזיכט פאַרשטעלען אַן אויסנאַם.

צווישען אייגענשאַפטען, אָדער צווישען סובסטאַנץ און אייגענשאַפטען, מוז דערפאַר הערשען אַ מין צוזאַמענבונד ווי צווישען אַטאָמען אין אַן

---

* זעה Appearence and Reality, Chap 2, by F. H. Bradley.

עלעמענט, אָדער צווישען איינדרוקען אין אַ דערקענטעניש. און היות ווי אַזאַ צוזאַמענבונד פאָדערט דאָך אַ כח פון צוזאַמענבינדען, מוז אויסער די אייגנשאַפטען און דער סובסטאַנץ אויפגענומען ווערען נאָך אַ כח. קומט אויס, אַז די הנחה פון אייגנשאַפט קען די מאַטעריאַליסטען ווייניג וואָס העלפען, מחמת אַפילו ווען קראַפט זאָל זיין בלויז אַן אייגנשאַפט פון שטאָף וועט אַלץ מוזען אויפגענומען ווערען די עקזיסטענץ פון נאָך אַ כח, וואָס זאָל קראַפט און שטאָף צוזאַמענבינדען.

וועט מען פילייכט זאָגען, אַז דער דאָזיגער כח פון צוזאַמענבינדען קען אויך ליגען אין דאָס שטאָף גופא. אָבער אויב אַזוי, וועט דאָך דער דאָזיגער כח גופא מוזען אויפגענומען ווערען אַלס אַן אייגנשאַפט פון שטאָף, און אַלס אַזעלכער וועט ער פון זיין זייט ווידער פאָדערען אַ כח פון צוזאַמענ־בינדען, און אַזוי אַהן אַ שיעור. אַזוי קומט אויס, אַז דער ענטפער וואָס מיר האָבען דאָ פאָרגעלעגט אין שייכות מיט דער לאָגישער שוועריגקייט פון אייגנשאַפטען אין אַלגעמיין טויג ניט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען קראַפט אַלס אַן אייגנשאַפט פון שטאָף און ווען אויסער קראַפט און שטאָף זאָל גאָר ניט עקזיסטירען.

ג.

דאָס איז נאָר איין לאָגישע שוועריגקייט מיט דעם יסוד פון אייגנשאַפט. אַן אַנדער לאָגישע שוועריגקייט קען מען געפינען אין דער פאַרשיידענאַר־טיגקייט פון קראַפט. דאָס וואָס ווערט גערופען קראַפט איז דאָך באמת אַן אַלגעמיינער נאָמען פאַר אַהן־אַ־שיעור פאַרשיידענע כחות און אייגנשאַפטען וואָס ווערען אַרויסגעוויזען דורך די אַהן־אַ־שיעור אינדיווידועלע זאַכען — כחות און אייגנשאַפטען וועלכע זיינען אָפט אַזוי פאַרשיידען, אַז זיי טוען זיך אַפילו סותר זיין — זיינען דאָס אַלץ אייגנשאַפטען פון דער זעלבער שטאָף? איז שטאָף סיי צוציהענד און סיי אָבשטויסענד, סיי שוואַרץ און סיי ווייס, סיי זיס און סיי ביטער, סיי טויט און סיי לעבעדיג, סיי קלוג און סיי נאַריש, סיי גוט און סיי שלעכט אא״וו.

די דאָזיגע פראַגע האָט, פאַרשטעהט זיך, שטאַרק געמאַטערט די אַלטע מאַטעריאַליסטען, וועלכע האָבען זיך שטאַרק גערעכענט מיטן לאָגישען שטאַנדפונקט. און דער ענטפער זייערער איז געווען, אַז די פאַרשיידענע אייגנשאַפטען האָבען צו טאָן מיט דער מאָס און פאָרמע פון שטאָף: אַ גרעסערע שטיקעל שטאָף האָט ניט די זעלבע אייגנשאַפטען, וואָס אַ קלענערע שטיקעל שטאָף; עפּעס וואָס איז קיילעכדיג איז אין קוואַליטעט אַנדערש ווי עפּעס וואָס איז שפּיציג. אָבער דער דאָזיגער ענטפער קען אונז לאָגיש ניט צופרידענשטעלען, קוואַנטום און פאָרמע לאָזען זיך ניט פאַרבייטען מיט קוואַליטעט. די קוואַליטעט פון ברויט דאַרף ניט זיין אַנ־דערש, ווען דאָס ברויט איז גרעסער אָדער קלענער, קיילעכדיג אָדער

שפּיציג. און בפרט נאָך, ווען עס האַנדעלט זיך וועגן קוואַליטעטען, וואָס זיינען אַזוי ווייט איינע פון די אַנדערע, אַז זיי זיינען זיך סותר.

אַן אַנדער גריכישער פילאָזאָף, אַנאַקסאַגאָר, האָט געפּרוּווט אַרונטער־נעמען דער דאָזיגער שוועריגקייט דורך אַ הנחה פון אַ מין קוואַליטאַטיווען אַטאָמיזם. לויט דער דאָזיגער הנחה זאָל שטאָף באַשטעהן פון באַזונדערע פּיצעלעך שטאָף מיט באַזונדערע קוואַליטעטען — איין פּיצעלע שטאָף זאָל באַזיצען אַ קוואַליטעט פון זיסקייט, אַן אַנדער פּיצעלע שטאָף זאָל באַזיצען אַ קוואַליטעט פון ווייסקייט און אַזוי כסדר.

לויט דעם דאָזיגען חשבון וואָלטען מאַנכע טיילען שטאָף באַדאַרפט באַזיצען בלויז די קוואַליטעט פון צוציהען און מאַנכע טיילן שטאָף, וואָלטען באַדאַרפט באַזיצען בלויז די קוואַליטעט פון אָבשטויסען. די צו־ציהענדע טיילען וואָלטען אַלזאָ באַדאַרפט בלויז צוציהען און די אָבשטוי־סענדע טיילען וואָלטען באַדאַרפט בלויז אָבשטויסען. אויף אַזאַ אופן, וואָלטען די צוזאַמענגעזעצטע קערפּערס באַדאַרפט באַשטעהן בלויז פון צוציהענדע טיילען, מחמת די אָבשטויסענדע טיילען דאַרפען דאָך ניט צוזאַמענקומען. אַלע קערפּערס וואָס מיר זעהען (ווייל מיר זעהען דאָך בלויז צוזאַמענגע־זעצטע קערפּערס) וואָלטען אַלזאָ באַדאַרפט באַזיצען בלויז אייגענשאַפטען פון צוציהען — טאָ פאַר וואָס זעהען מיר ווי קערפּערס באַזיצען אויך אייגענ־שאַפטען פון אָבשטויסען? פאַר וואָס זעהען מיר, למשל, ווי אין אַלע קערפּערס קענען די טיילען ניט צוזאַמענגעדריקט ווערען אויף אַזוי ווייט, אַז עס זאָל ניט בלייבען קיין שטח אינצוואווישען?

אַגב דאַרף דאָ אויך באַמערקט ווערען, אַז אַפילו אַנאַקסאַגאָר האָט גע־וואָגט צו געהן מיט דער דאָזיגער הנחה זיינער נאָר ביז צו די טויערען פון באַוואוסטזיין. קענענדיג זיין אייגענעם באַוואוסטזיין פון דער ערשטער האַנד, האָט ער אודאי געמוזט איינזעהן, אַז באַוואוסטזיין איז צו חשוב אום עס זאָל קענען אויפגענומען ווערען בלויז אַלס אַן אייגענשאַפט פון עפּעס אַ פּיצעלע שטאָף אין אים.* ער האָט דערפאַר געמוזט צוגעבען, אַז אויסער דאָס שטאָף און אירע אייגענשאַפטען מוז אויך עקזיסטירען אַן אוממאַטעריעלער וועזען, אַ באַוואוסטזיין אָדער אַן „אינטעליגענציא".

נאָר אויסער דעם אַלעמען, איז שוין פאַר אונז סתם צו אַלט געבאַקען אַנאַקסאַגאָרס הנחה פון קוואַליטאַטיווען אַטאָמיזם. ווייסען מיר דאָך היינט, אַז דאָס שטאָף באַשטעהט העכסטענס בלויז פון דריי פאַרשיידענע מינים:

---

* ווען מיר נעמען אויף „אַלף" אַלס אַן אייגענשאַפט פון „בית" טוען מיר מיט דעם אַליין מבטל זיין די עקזיסטענץ פון אַלף און מחשיב זיין די עקזיסטענץ פון בית — מיר דערקלערען, אַז אַלף האָט אין זיך אַזוי ווייניג יש, אַזוי ווייניג ווירקליכקייט, אַז עס קען נאָר עקזיסטירען אַלס אַן אַנעקס צו בית, אָבער ניט פאַר זיך אַליין. פאַרשטעהט זיך, אַז עס איז זעהר שווער אויפצונעמען דאָס פּיצעלע שטאָף אַלס חשובער פון באַוואוסטזיין מיט אַלע זיינע צווייגן, וועלכע דערגרייכן ביז צו די מ"ט שערי בינה.

עלעקטראַנס, פּאָזיטראָנס און נייטראָנס (איך זאָג „העכסטענס", ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך זעהר וואַרשיינליך, אַז די דאָזיגע דריי מינים גופא זאָלן זיך אונטערשיידען ניט אין איכות נאָר אין כמות, אין דעם וואָס איין מין האָט אין זיין שטח אָנגעפּאַקט מער שטאָף ווי אַן אַנדער מין האָט אין זעלבען שטח). אויף אַזאַ אופן דאַרף אויספאַלען אויפן חשבון פון אַ קוואַליטאַטיווען אַטאָם ווייניגסטענס אַ דריטעל פון אַלע כחות און אייגענשאַפטען וואָס מיר דערפאַרען, און דאָס איז נאָך אַלץ אַ היבש ביסעל צופיל.

ד.

נאָר די לאָגישע שוועריגקייטען וואָלטען נאָך געווען אַ האַלבע צרה. האָט אָבער דער מאַטעריאַליסטישער יסוד אויך אויסצושטעהן אַן עפּיסטעמאָלאָגישע שוועריגקייט — אַ שוועריגקייט וועלכע האָט צו טאָן מיט דער דערקענטעניש פון דעם דאָזיגען יסוד. עס איז פשוט נישט צו פאַרשטעהן ווי אַזוי, אויף דעם סמך פון דער קליין ביסעל דערקענטעניש וואָס מיר באַזיצען, נעמט זיך אַ מאַטעריאַליסט אונטער צו באַשטימען, אַז קראַפט איז אַן אייגענשאַפט פון שטאָף און אַז אויסער דעם דאָזיגען סובסטראַטום פון קראַפט עקזיסטירט גאָר ניט.

כדי צו דערקענען פון וואָס קראַפט איז אַן אייגענשאַפט מוז מען דאָך עס דערגרונטעווען ביז צום וואָרצעל, ביז צום קוואַל פון וואַנען עס פליסט אַרויס. זיינען מיר אָבער זעהר ווייט פון אַזאַ גרונטאָווער דערקענטעניש פון קראַפט. פאַקטיש האָבען מיר פון דעם ניט אַפילו אַן אויבערפלעכליכע דירעקטע דערקענטעניש. אַלץ וואָס מיר דערקענען איז ענדערונגען אין זאַכען, מיט וועלכע מיר מוזען אויפנעמען קראַפט אַלס אורזאַך. אַפילו זיין אייגענע קראַפט דערקענט אַ מענש נאָר דורך די עפעקטען פון דעם; אַ קראַנקער וויס אַמאָל ניט צי ער קען זיך איבערדרעהען, אָדער צי ער קען באַוועגען מיט אַן אבר, ביז ער פּרואווט עס אויס. אַ געזונטער מענש נעמט אָן, אַז ער קען טאָן די דאָזיגע זאַכען, מחמת ער וויס, אַז ער האָט עס אַ מאָמענט פריהער געטאָן און ער האָט ניט קיין גרונד צו דענקען, אַז ער איז איצט אין דעם דאָזיגען הינזיכט אַנדערש ווי פריהער.

נאָר שוין אַפילו אויף דעם דאָזיגען אומדירעקטען אופן דערקענען מיר אויך זעהר ווייניג קראַפט. אַזוי דערקענען מיר ניט די קראַפט פון זאַכען וואָס זיינען צו קליין אָדער צו ווייט. פונקט אַזוי דערקענען מיר ניט קראַפט, ווען עס איז צו פיל אָדער צו ווייניג, ווי למשל, ווען עפּעס באַוועגט זיך צו שנעל אָדער צו לאַנגזאַם. אויך דערקענען מיר ניט קראַפט, ווען עס ברענגט ניט מיט אַן ענדערונג אין פאַרהעלטעניש צו אונז. ביני לביני קומט אויס, אַז פון דאָס מערסטע קראַפט האָבען מיר אַפילו קיין אהנונג — איז ווי אַזוי קענען מיר האָבען די חוצפּה זיך אַרויסצוזאָגען וועגען קראַפט עפּעס וואָס פאָדערט אַ גרינדליכע דערקענטעניש פון דעם?

און פונקט אַזוי איז מיט דעם אַנדער טייל פון דעם מאַטעריאַליסטישען יסוד. אַז אויסער שטאָף און איר אייגענשאַפט עקזיסטירט גאָר ניט. אויך בנוגע עקזיסטענץ איז אונזער דערקענטעניש שטאַרק באַגרענעצט — באַגרענעצט, אַלענפאַלס, לויט דער מאָס, לויט דעם שטח און לויט דער צייט פון דער עקזיסטענץ; עפּעס וואָס איז צו קליין אָדער צו ווייט אין שטח און אין צייט איז אויסגעשלאָסען פון אונזער דערקענטעניש ספערע. און אַפילו דאָס וואָס געפינט זיך שוין אין אונזער דערקענטעניש ספערע דערקענען מיר אויך זעהר ווייניג; אַלץ, וואָס מיר נעמען פון דעם אויף איז אַ דינע אויבערשטע שאָל; אַביסעל טיפער ווי דאָס זיינען מיר שוין ניט בכח אַריינצודרינגען. אַזוי קומט אויס, אַז דאָס וואָס מיר דערקענען איז ניט מער ווי אַ טראָפּען אין דעם ים פון אומענדליכער עקזיסטענץ — איז ווי אַזוי קענען מיר דורך דעם באַשטימען די גרענעצען פון עקזיסטענץ?

ה.

ווען מאַטעריאַליסטען אודאי זאָגען, אַז דאָס קענען מיר גאַנץ גוט טאָן מיט דער הילף פון אַן אינדוקציע, וועלכע פאָדערט צו מאַכען אַ כלל פון באַמערקטע פּרטים — וואָס הייסט? היות ווי אַלץ וואָס מיר באַמערקען איז שטאָף באַקליידעט מיט קראַפט זיינען מיר על פּי לאָגיק מחויב צו מאַכען פון דעם אַן אַלגעמיינעם רעגעל און אָננעמען, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט איז בלויז שטאָף באַקליידעט מיט קראַפט. פונקט אַזוי האָבען מיר אָנגענומען גראַוויטעט אלס אַן אַלגעמיינעם רעגעל, מחמת אין אַלץ וואָס מיר באַמערקען הערשט גראַוויטעט.

קען אָבער דער מאַטעריאַליסטישער יסוד ניט אויפגעבילדעט ווערען אויך מיט דעם אינסטרומענט פון אינדוקציע. דאָס וועט אַם־בעסטען אילוסטרירט ווערען מיט דער הילף פון פאָלגענדען ביישפּיל:

ווען איינער זאָל באַזוכען אַ נייע לאַנד און אַזוי ווייט ווי ער וועט געהן זאָל ער אָנטרעפען בלויז ווייסע מענשען, וועט ער העכסטענס זיין באַרעכטיגט אָנצונעמען, אַז דאָס לאַנד, וואָס ער איז אַדורכגעגאַנגען איז באַוואוינט בלויז פון ווייסע מענשען (איך זאָג „העכסטענס", ווייל „לא ראינו אינה ראיה"). ער וועט אָבער פון דעם זיך ניט קענען מאַכען אַ כלל איבער דאָס לאַנד וואָס ער האָט ניט געזעהן — איז ווי אַזוי קענען מיר זיך מאַכען אַ כלל, אַז גראַוויטעט הערשט אויך בנוגע זאַכען וואָס מיר האָבען ניט באַמערקט?

איז דער תירוץ, אַז דעם כלל מאַכען מיר זיך דאַרט באמת וועגען עפּעס וואָס מיר האָבען באַמערקט, אַפילו ווען מיר ווענדען אים אָן בנוגע זאַכען, וואָס מיר האָבען ניט באַמערקט — ווי אַזוי?

ווען מיר זעהען ווי אַ זאַך פאַלט צו דער ערד, באַמערקען מיר דאָרט גלייך סיי דעם כאַראַקטער פון קערפּערליכקייט און סיי דער אייגענשאַפט

פון גראַוויטעט. און ווען קערפּערליכקייט זאָל זיין דער איינציגער כאַראַק־טער פון דער זאַך וואָלטען מיר שוין בשעת מעשה אויך געוואוסט אַז גראַווי־טעט איז פאַרבונדען מיט קערפּערליכקייט, ד"ה אַז יעדער קערפּער איז באַ־הערשט פון גראַוויטעט; נאָר צוליב דעם וואָס די זאַך פאַרמאָגט אויך אַנדע־רע כאַראַקטעריסטיקס מוזען קודם די אַנדערע כאַראַקטעריסטיקס באַזייטיגט ווערען — מוז באַוויזען ווערען, אַז די אַנדערע כאַראַקטעריסטיקס זיינען נישט די אורזאַך פון גראַוויטעט. און דאָס איז אַלץ וואָס די אינדוקציע טוט דאָ; זי באַווייזט, אַז גראַוויטעט פאָלגט ניט אין דער זאַך פון די אַלע אַנדערע כאַראַקטעריסטיקס, מחמת אַפילו אין זאַכען וואו עס פעלען די אַלע אַנדערע כאַראַקטעריסטיקס געהט אָן גראַוויטעט.

אַזוי למשל, ווען מיר באַמערקען, אַז וואַסער פאַלט צו דער ערד, קענען מיר נאָך זיך ניט מאַכען אַ כלל, אַז אַ קערפּער פאַלט צו דער ערד, מחמת מיר קענען אָננעמען, אַז די ספּעציעלע אייגענשאַפטען פון וואַסער מאַכען עס פאַלען. פּונקט אַזוי, ווען מיר באַמערקען, אַז אַ שטיין פאַלט, קענען מיר אָננעמען, אַז די ספּעציעלע אייגענשאַפטען פון שטיין מאַכען אים פאַלען. אָבער ווען מיר באַמערקען, אַז סיי דער שטיין, סיי דאָס וואַסער און סיי נאָך אַנדערע זאַכען פאַלען, זעהען מיר איין, אַז ניט די ספּעציעלע נאָר די אַלגעמיינע אייגענשאַפטען פון די דאָזיגע זאַכען פאַראורזאַכען דאָס פאַלען. און היות ווי מיר געפינען אויס, אַז קערפּערליכקייט איז די איינציגע אַלגע־מיינע אייגענשאַפט פון די דאָזיגע אַלע זאַכען, באַשליסען מיר, אַז קערפּער־ליכקייט איז די אורזאַך פון זייער פאַלען צו דער ערד, ד"ה אַז אַלץ וואָס האָט אין זיך קערפּערליכקייט און ווערט זיך געפינען אין דער ערדליכער זאָנע ווערט פאַלען צו דער ערד.

אַלץ וואָס די אינדוקציע טוט אויף איז אַלזאָ אויסצוזיפּען צווישען דאָס באַמערקטע דעם עיקר פון דעם טפל. עפּעס וואָס מיר האָבען אָבער איבערהויפּט קיין מאָל ניט באַמערקט קענען מיר זיך דורך אינדוקציע קיין מאָל ניט דערוויסען.* און בפרט נאָך, ווען דער דאָזיגער עפּעס איז אַ זאַך וואָס מיר זיינען גאָר ניט אימשטאַנד צו באַמערקען, וואָס מיט אונזערע חושים קענען מיר עס איבערהויפּט ניט תופס זיין. דאָ זעהט עס אויס ווי אַ בלינדער זאָל מאַכען אַן אינדוקציע, אַז קיין קאָלירען עקזיסטירען ניט.

די שוועריגקייטען פון מאַטעריאַליזם זיינען אַלזאָ אָהן אַ שיעור. וועלען מיר ערשט אויסדרעהען דעם דישעל און זעהן וואָס האָט דער מאַטעריאַ־ליזם אַרויסצושטעלען צו זיין גונסטען. דאָס וועלען מיר באַטראַכטען אין די קומענדיגע קאַפּיטלען.

---

* דער איינציגער ווירקליכער אויפטו וואָס מען פלעגט צושרייבען צו אינדוקציע איז געוועזן דער אורזאַכליכקייטס כלל, אַז פון דער זעלבער אורזאַך פאָלגט דער זעלבער עפעקט. איז אָבער דאָ אַ סברא, אַז אויך דאָס דערוויסען מיר זיך ערשט דורך דערפאַרונג.

זיבעטער קאַפּיטעל

פאַלשע אַרגומענטן לטובת מאַטעריאַליזם

דריי אַרגומענטען לטובת מאַטעריאַליזם: מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען די עקזיסטענץ פון אוממאַטעריעלען וועזן, די וויסנשאַפטען זיינען באַזירט אויף דער הערשאַפט פון געזעץ, מאַטעריאַליזם איז פשוט און דער מאַטעריאַליסט איז דער איינציגער וואָס אָפּערירט מיט פשוטע באַגריפען. — דער ערשטער אַרגו־מענט ווערט אָפּגעשלאָגען דורך דעם וואָס פאָרשטעלונג איז ניט דער הויפט־קוואַל פון וויסען. — די פאָרשטעלונג גופא איז אוממאַטעריעל. — אויב אַפילו פאָרשטעלונג זאָל קומען בלויז דורך אַ באַוועגונג אין קערפּער, האָט עס אָבער אין זיך באַוואוסטזיין און געפיהל אויסער דער באַוועגונג. — פּונקט ווי מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען עפּעס וואָס איז אוממאַטעריעל אַזוי קענען מיר אויך ניט דענקען קלאָר עפּעס וואָס איז מאַטעריעל. — עס איז שווער צו דענקען אַז די מאַטעריע באַזיצט קוואַליטעטען. — עס איז שווער צו דענקען אַז די מאַטעריע איז ענדליך אָדער אומענדליך אין איר טיילבאַרקייט.

א.

מיר האָבען דאָ פריהער געבראַכט אין נאָמען פון בערטראַנד ראַסעל, אַז צוויי הנחות בילדען דעם עצם פון מאַטעריאַליזם: „ערשטענס, אַז שטאָף אַליין איזווירקליך, צווייטענס, די הערשאַפט פון געזעץ". זיינען דאָ דריי אַרגומענטען לטובת די דאָזיגע הנחות: איין אַרגומענט לטובת דער ערש־טער הנחה, אַ צווייטער אַרגומענט לטובת דער צווייטער הנחה און אַ דריטער אַרגומענט לטובתביידע הנחות צוזאַמען.

דער ערשטער אַרגומענט ווערט געצויגען פון דער אוממעגליכקייט זיך פאָרצושטעלען דער עקזיסטענץ פון אוממאַטעריעלען וועזן. אַלץ וואָס מיר שטעלען זיך פאָר מוז זיין עפּעס וואָס פאַרנעמט שטח, וואָס האָט אין זיך קערפּערליכעס. נאָך מער, אונז זעהט אויס, אַז דאָס וואָס פאַרנעמט ניט קיין שטח קען איבערהויפּט ניט עקזיסטירען. מיט אַנדערע ווערטער — ניט נאָר איז אונז אַזאַ עקזיסטענץ אומבאַוואוסט נאָר מיר ווייסען אַז עס איז ניט בנמצא, אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט ניט — איז וואָס פאַר אַ זין האָט עס אָנצו־הענגען דעם באַגריף עקזיסטענץ אָן עפּעס וועלכעס מיר שליסען בפירוש אויס פון דעם דאָזיגען באַגריף? ווי אַזוי קענען מיר אָננעמען, אַז עס עקזיס־טירט עפּעס וועלכעס מיר ווייסען בפירוש אַז עס עקזיסטירט ניט און קען ניט עקזיסטירען?

דער צווייטער אַרגומענט ווערט געצויגען פון דער אויטאָריטעט פון די פּראַקטישע וויסענשאַפטען. די דאָזיגע וויסענשאַפטען זיינען באַזירט אויף דער הערשאַפט פון געזעץ, וועלכעס ווערט אויסגעדריקט דורך דעם כלל, אַז פון דער זעלבער אורזאַך מוז פאָלגען דער זעלבער עפעקט. און אַנגע־שפּאַרט אויף די ברייטע פּלייצעס פון די וויסענשאַפטען פיהלט זיך שוין דער מאַטעריאַליסט זיכער קעגען אַלע מעגליכע אַטאַקעס פון לאָגישע אַרגו־מענטען, מחמת די וויסענשאַפטען זיינען גאַנץ גוט געשיצט קעגען אַזוינע אַטאַקעס; זיי האָבען אָנצואווייזען אויף אַזוינע קאָנקרעטע אויפטוען, וועלכע קענען ניט אָבגעפרעגט ווערען דורך דעם בעסטען לאָגישען אַרגומענט.

אַ דריטען אַרגומענט ציהט דער מאַטעריאַליסט פון זיין פּשטות. פּשטות איז אַ סימן פון וויסען; ווען איינער רעדט אַזוי, אַז עס איז אים לייכט צו פאַרשטעהן, איז אַ סימן אַז ער ווייס וואָס ער רעדט. נאָך מער, פּשטות איז אַן אינסטרומענט פון מאַכען וויסען; דורך פּשטות איז מען אומשטאַנד איבערצוגעבען צו אַנדערע דאָס וואָס מען ווייס. און היות ווי דער מאַ־טעריאַליסט איז דער איינציגער וועלכער אָפּערירט בלויז מיט פּשוטע באַגריפען — באַגריפען וועלכע קומען פון דער ערפאַרונג און וועלכע יעדער איינער באַזיצט — איז ער דער איינציגער וועלכער ווייס אַליין, וואָס ער רעדט און וואָס איז אומשטאַנד צו פאַרשפּרייטען וויסען איבער דער וועלט. די אַנדערע טעאָריעס, דאַגעגען, וועלכע נעמען אַריין זאַכען, וואָס מען האָט קיין מאָל ניט דערפאַרען, און איבער וואָס מען קען זיך אַפילו ניט מאַכען קיין קלאָרען באַגריף האַלטען אַליין אין איין טאַפּען אין דער פינסטער און האַלטען אויך אין איין פאַרשפּרייטען איבער דער וועלט טונקעלע שאָטענס פון אומוויסענהייט.

ב.

וועלען מיר קודם נעמען דעם ערשטען אַרגומענט, וועלכער זעהט אויס דער וואָגיקסטער צווישען די דריי. איז געוויס אמת, אַז מיר קענען זיך ניט פאַרשטעלען דער עקזיסטענץ פון עפּעס וואָס פאַרנעמט ניט קיין שטח. אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אַז מיר קענען פון אַזאַ עקזיסטענץ ניט וויסען; און נאָך מער מיינט עס ניט, אַז מיר ווייסען בפירוש דאָס אַזאַ זאַך עקזיסטירט ניט. פאַרשטעלונג איז ניט דאָס זעלבע, וואָס וויסען; פאַרשטעלונג איז בלויז אַ מין וויסען, אַ וויסען וואָס פאָלגט פון זעהן און טאַפּען. עס זיינען אָבער דאָ אויך אַנדערע מינים וויסען, און אַ זאַך וואָס מען קען זיך ניט פאַרשטעלען קען מען גאַנץ גוט וויסען דורך אַן אַנדער מין וויסען.

נעמט דעם וויסען וואָס קומט פון געדאַנק, ווי למשל, דער וויסען פון אַן אורזאַך דורך אַן עפעקט: ווען איך דערזעה אַ רעדעל מענשען ווייס איך אַז עפּעס אַן אורזאַך האָט די דאָזיגע מענשען צונויפגעזאַמעלט, כאָטש איך

שטעל זיך בשעת מעשה דער אורזאַך ניט פאָר. פונקט אַזוי ווייס איך, אַז איך בין שטערבליך, כאָטש איך האָב זיך עס קיין מאָל ניט פאָרגע־שטעלט, נאָר געדרונגען דור אַ סילאָגיזם, דורך דעם וואָס איך ווייס, אַז אַלע מענשען שטאַרבען. פונקט אַזוי נוץ איך ניט קיין פאָרשטעלונג אין קאָמפליצירטע מאַטעמאַטישע חשבונות.

דאָס זעלבע איז מיט דעם וויסען, וואָס קומט פון אונזער אינערליכען חוש, דער חוש וועלכער ברענגט אונז די געפיהלען פון וועהטאָג, גענוס, ליבע, שנאה, כעס, מורא אד"ג. געוויס וועט קיינער ניט זאָגען, אַז הונגער, למשל, איז אַ פאָרשטעלונג פון עפּעס וואָס פאַרנעמט שטח.

פאָרשטעלונג איז אַלזא באַגרענעצט נאָר צו דעם וויסען וואָס קומט פון די אויסערליכע חושים. אָבער אַפילו צווישען די דאָזיגע חושים איז דאָ אַ מערהייט וואָס גיט אונז וויסען ניט דורך פאָרשטעלונג: הערען, שמעקען און געשמאַק זיינען ניט קיין פאָרשטעלונגען פון עפּעס וואָס פאַרנעמט שטח. אמת, מיר פאַרבינדען די דאָזיגע עמפינדונגען מיט עפּעס אַ מאַטעריעלער אורזאַך. אָבער דאָס נעמט זיך בלויז פון דערפאַרונג. אין עצם פון די דאָזיגע עמפינדונגען איז ניטאָ אַזאַ פאַרבינדונג — אַ קלאַנג פאַרנעמט ניט קיין שטח; און שמעקען און געשמאַק זיינען בכלל זעהר ענליך צו די געפיהלען פון אינערליכען חוש.

ביני לביני, בלייבען ניט מער ווי צוויי חושים וואָס גיבען אונז וויסען דורך פאָרשטעלונג — די חושים פון זעהן און טאַפּען. מוז אָבער מיט דער דערקענטעניש פון די דאָזיגע חושים גופא אויך אויפגענומען ווערען עפּעס וואָס איז אוממאַטעריעל. מחמת די פאָרשטעלונג גופא איז דאָך באַוואוסט־זיין, און באַוואוסטזיין איז אוממאַטעריעל. אַלץ וואָס מען קען נאָר זאָגען איז, אַז די פאָרשטעלונג באַפעלט אונז אָנצונעמען, אַז אויסער איר עקזיס־טירט אויך אַ מאַטעריעלער אָביעקט — אַן אָביעקט וועלכער איז אַזוי ווי זי ווייזט אים אָן. עס פאַרשטעהט זיך אָבער, אַז דורך דעם דאָזיגען באַפעל ווערט ניט בטל די עקזיסטענץ פון דער אוממאַטעריעלער פאָרשטע־לונג גופא.

ג.

איז אַפילו דאָ אַ פּרואוו צו דערקלערען פאָרשטעלונג, געפיהל און געדאַנק בלויז אַלס פיזישע באַוועגונגען, באַוועגונגען אין קערפּער: אַן עלעקטרישער שטראָם לויפט דורך פון די נערוון צום מאַרך, איז עס אַמאָל פאָרשטעלונג, אַמאָל געפיהל און אַמאָל געדאַנק; עס ווענדט זיך נאָר דורך וועלכע נערוון עס לויפט און צו וועלכען טייל מאַרך עס קומט — דאָס אַלץ.

און אַט איז טאַקע באַוואוסט, אַז בשעת אַ מענש האָט פאַרשטעלונגען, געפיהלען און געדאַנקען פאַרלירען זיינע נערוועז און זיין מאַרך אַ טייל פון זייער עלעקטרישער באַלאַדונג און אויך שטייגט די טעמפּעראַטור בשעת מעשה אויף די דאָזיגע פלעצער — אַן ערשיינונג וועלכע באַגלייט יעדער באַוועגונג. אויך איז באַוואוסט, אַז אַ בעל־חיי וואָס האָט אַ קאָמפּליצירטערען נערוועז סיסטעם און אַ פּראָפּאָרציאָנעל שווערערען מאַרך שטעהט העכער אויפן לייטער פון פּראָגרעס, ד"ה אַז צוליב דעם וואָס זיין קערפּער באַזיצט מער מעגליכקייט פאַר נערוויאַישער באַוועגונג באַזיצט ער שוין ממילא מער פעהיגקייט פאַר פאַרשטעלונג, פיהלען און דענקען. און פאַרקערט, ווידער, ער פאַרלירט די דאָזיגע פעהיגקייט, ווען געוויסע טיילען פון זיינע נערוועז און מאַרך ווערען באַשעדיגט.

דער מענשליכער קערפּער זאָל אַלזא זיין בלויז אַ קאָמפּליצירטע מאַשין, אַן אויטאָמאַט מיט קנעפּלעך, רעדלעך און ספּרודזשינקעס וועלכע הייסען רעסעפּטאָרס, קאָנדוקטאָרס, עפעקטאָרס, סינאַפּסעס און נאָך אַזוינע טעכנישע נעמען. וואָס געשעהט אָבער, ווען מען גיט אַ דריק אַ קנעפּעל אין דעם דאָזיגען אויטאָמאַט און ער ווערט געלאָזען אין באַוועגונג? דאַן שפּרינגט אַרויס עפּעס אַ פאַרשטעלונג, אַ געפיהל אד"ג.* איז אָבער די דאָזיגע פאַרשטעלונג אָדער דער געפיהל בלויז באַוועגונג אָדער איז עס מער ווי באַוועגונג — באַוועגונג פּלוס באַוואוסטזיין?

נאָך מער, עס מוז זיין אַפילו עפּעס מער ווי באַוואוסטזיין און באַוועגונג, מחמת ווען איינער זאָל קענען געננוי דער באַוועגונג, וואָס געהט אָן בשעת אַ פאַרשטעלונג אָדער אַ געפיהל, וועט ער נאָך מיט דעם אַליין ניט קענען דער פאַרשטעלונג אָדער דעם געפיהל גופא. אַ דאָקטאָר מעג וויסען וואָס געהט אָן אין צאָן און אַרום צאָן בשעת אַ צאָן־וועהטאָג, וועט ער נאָך דאַדורך ניט באַקומען דעם אמתען געפיהל פון צאָהן־ווייטאָג, וואָס דער פּאַציענט האָט בשעת מעשה.

דער עיקר פון יעדער דערקענטעניש — די פאַרשטעלונג, דער געפיל און דער געדאַנק גופא — איז אַלזא עפּעס וואָס איז ניט קערפּערליכעס. און ווי דעקאַרט האָט אַמאָל אָנגעוויזען, איז די עקזיסטענץ פון דעם דאָזיגען עיקר זיכערער ווי די עקזיסטענץ פון עפּעס אַנדערש, מחמת אויב מיר קענען צווייפלען צי עס עקזיסטירט דאָס אויף וואָס אונזערע אַ דערקענטעניש ווייזט אָן, איז אָבער זיכער אַז עס עקזיסטירט אונזער דערקענטעניש גופא.

---

* דאָס איז ווען מיר נעמען אָן די טעאָריע פון „אינטעראַקציע," אַז די באַוועגונג אין קערפּער פאַראורזאַכט די פאַרשטעלונג. נעמען מיר ווידער אָן די טעאָריע פון „פּאַראַ־לעליזם," אַז אַ באַוועגונג אין קערפּער קען נאָר פאַראורזאַכען אַ באַוועגונג אין קערפּער, אָבער ניט אַ פאַרשטעלונג, דאַן איז איבערהויפּט קיין שייכות ניטאָ צווישן דעם וועזען פון פאַרשטעלונג און דער באַוועגונג אין קערפּער.

אמונה און אפיקורסות

ד.

אַם ענדע דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערען דער פאַקט, אַז פונקט ווי מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען עפּעס וואָס איז אוממאַטעריעל אַזוי קענען מיר אויך ניט קלאָר דענקען עפּעס וואָס איז מאַטעריעל; ווען מען פּרוּווט עס אַנאַליזירען אין געדאַנק אַזוי הויבען זיך אָן פון דעם צו שיטען אומלעזבאַרע שוועריגקייטען.

קודם איז דאָ די שוועריגקייט וואָס מיר האָבען שוין דאָ דערמאָנט, די שוועריגקייט פון באַזיצען קוואַליטעטען, וועלכעס מיינט אויפנעמען מערערע און פאַרשיידענע וועזענס אַלס איין וועזען. אַריסטאָטעל האָט עס אַפילו געפּרואווט אויפלעזען דורך אַ קונץ, דורך צוזאַמענבינדען אַלע קוואַליטעטען פון אַ קערפּער אונטער דעם איינהייטליכען באַגריף „פאָרמע", וועלכעס מיר האָבען ניט קיין שוועריגקייט אויפצונעמען צוזאַמען מיט קערפּער אַלס איין וועזען; אין געגענטייל, יעדער קערפּער מוז גאָר האָבען אַ פאָרמע. קען אונז אָבער דער דאָזיגער קונץ ניט צופרידענשטעלען, מחמת אַלס פאָרמע לאָזט זיך אויפנעמען נאָר דער פּאַסיווער אויסזעהן פון אַ קערפּער, אָבער ניט זיינע אַקטיווע אייגענשאַפטען.

דאַן זיינען דאָ די שוועריגקייטען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם וואָס די טיילבאַרקייט פון קערפּערליכען שטאָף, פונקט ווי פון שטח, לאָזט זיך ניט אויפנעמען סיי אַלס ענדליך און סיי אַלס אומענדליך.

פון איין זייט ווערט געדרונגען, אַז דאָס קערפּערליכע שטאָף, פונקט ווי דער שטח אין וועלכען עס געפינט זיך, מוז זיך קענען טיילען אָהן אַ שיעור, מחמת יעדער טייל, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, מוז ער באַזיצען זעקס פאַרשיידענע זייטען: צו מזרח, צו מערב, צו צפון, צו דרום, פון אויבען און פון אונטען; און פאַרשיידענע זייטען מיינט פאַרשיידענע פלעצער שטאָף אָדער פלעצער שטח, פון וועלכע, יעדער איינער מוז אויך האָבען זעקס פאַרשיידענע זייטען, און אַזוי כסדר.*

---

* דער דאָזיגער פונקט ווערט פיליכט זיין פאַרשטענדליכער ווען ער ווערט אויסגעלעגט ווערען ספּעציעל בנוגע שטח: יעדער טייל שטח מוז קומען אין באַרירונג מיט אַנדערע טיילען פון שטח, דערפאַר, מוז יעדער טייל שטח זיין באַרירט אויף זיינע זעקס זייטען פון זעקס אַנדערע טיילען שטח, וועלכע קענען ניט באַרירען דעם זעלבען פלאַץ, מחמת פאַרשיידענע זאַכען קענען דאָך גלייכצייטיג ניט פאַרנעמען דעם זעלבען פלאַץ. יעדער טייל פון שטח מוז אַלזאָ באַזיצען זעקס פאַרשיידענע פלעצער, ד"ה זעקס פאַרשיידענע שטחים אויף וועלכע באַרירט צו ווערען. און היות ווי דאָס קערפּערליכע שטאָף טיילט זיך דאָך לויט איר שטח — דאָס וואָס פאַרנעמט אַ באַזונדער שטח איז אַ באַזונדער טייל — מוז עס זיך ממילא טיילען אַזוי וויט ווי איר שטח קען זיך טיילען. זעה "Selections from Aristotle" (selection 32) edited by W. D. Ross.

פון דער צווייטער זייט דרינגט מען אָבער פאַרקערט, אַז סיי דאָס שטאָף און סיי דער שטח קענען ניט זיין אומענדליך טיילבאַר — זיי קענען עס ניט זיין סיי צוליב דעם וואָס דער עצם באַגריף פון אומענדליכער טיילבאַרקייט איז אוממעגליך און סיי צוליב דעם וואָס אונזערע דערפאַרונגען מיט אומ־ענדליך־טיילבאַרען שטאָף און שטח וואָלטען באַדאַרפט זיין אוממעגליך:

קודם קענען מיר ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי אַזאַ אומענדליכע טיילבאַרקייט זאָל איבערהויפט זיין מעגליך: אומענדליכע טיילבאַרקייט מיינט בלויז צו־זאַמענגעזעצטקייט, מיינט, אַז איינפאַכע עלעמענטען זיינען פון דעם אין גאַנצען אויסגעשלאָסען. אונז קומט אָבער אויס, אַז דאָס וואָס איז צוזאַ־מענגעזעצט מוז האָבען אַלס יסוד די איינפאַכע עלעמענטען פון וואָס עס איז צוזאַמענגעזעצט און אַז אָהן די דאָזיגע איינפאַכע עלעמענטען איז ניטאָ וואָס צו זיין צוזאַמענגעזעצט.

דאַן קענען מיר ניט פאַרשטעהן אונזערע טאָג־טעגליכע דערפאַרונגען: יעדער טריט וואָס מיר מאַכען געהען מיר דאָך אַדורך אַ שטיקעל שטח אין אַלע זיינע טיילען פון אָנפאַנג ביז צום סוף; און זאָל דאָס דאָזיגע שטיקעל שטח זיין אומענדליך טיילבאַר — זאָל ניט זיין קיין סוף צו דער צאָל טיילען פון דעם — וועט אויסקומען, אַז מיר דערגעהען ביז צום סוף פון עפּעס וואָס האָט ניט קיין סוף.

די ערשטע פון די דאָזיגע שוועריגקייטען ווערט פאַרגעשטעלט אין קאַנט׳ס צווייטער „אַנטינאָמיע”. און דער איינציגער ענטפער וואָס קאַנט האָט אויף דעם איז, אַז שטח און ממילא קערפּערליכע שטאָף עקזיסטירען באמת איבערהויפּט ניט, און ממילא איז אויך ניטאָ זייער טיילבאַרקייט אָדער אומטיילבאַרקייט.* פאַרשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער ענטפער קען די מאַטע־ריאַליסטען ניט צופרידענשטעלען.

די צווייטע שוועריגקייט ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט אין ערשטען אַרגומענט פון די פיער באַרימטע „צענאָ׳ס אַרגומענטען” — אָט די אַרגומענ־טען אויף וועלכע דער מענשליכער מוח מאַטערט זיך שוין אַ קיימא־לן פון אַרום צוויי טויזענד דריי הונדערט יאָר. יעדער פילאָזאָף וואָס האָט געלעבט אין משך פון אָט דער לאַנגער צייט האָט זיך געוויס געבראָכען דעם קאָפּ זוכענדיג אויף דעם אַן ענטפער, מחמת יעדער איינער האָט געוויס געפיהלט,

* קאַנט ברענגט עס אַלס ראיה צו זיין טעאָריע פון „פענאָמענאַליזם,” וועלכע לויטעט, אַז צייט און שטח נעמען זיך פון מענשענס אייגענעם קענטעניש פאַקולטעט — דעם מענ־שענס קענטעניש פאַקולטעט האָט די אייגענשאַפט איינצוראַמען מאַנכע דערקענטענישען בלויז אין צייט און מאַנכע דערקענטענישען אין שטח און אין צייט. נאַטירליך מוז אונז אויסקומען ווי די עקזיסטירענדע זאַכען וואָלטען אַליין געווען אויסגעשפּרייט אין צייט און אין שטח, פונקט ווי איינער וואָס קוקט דורך בלויע ברילען וועט אים אויסקומען אַז די זאַכען וואָס ער זעהט זיינען בלוי.

אַז זיין פילאָזאָפיע איז ניט גאַנץ ווען צענאָס קושיות בלייבען אומפאַר־ענטפערט.

זיינען אַפילו דאָ צוויי ענטפערס אן וועלכע פיל פילאָזאָפען האָבען זיך אָנגעכאַפּט — דער ענטפער וואָס אַריסטאָטעל האָט אַמאָל געגעבען און דער ענטפער מיט וועלכען בערטראַנד ראָסעל האָט אונז אין דער לעצטער צייט מזכה געווען. ווען מיר זעהן צי דער דאָזיגער צענאָ'ס אַרגומענט ווערט ערפאָלגרייך אָבגעשלאָגען דורך אַריסטאָטלען אַמאָל אָדער דורך בערטראַנד ראָסלען היינט.*

* דער קומענדיגער קאַפּיטעל באַהאַנדעלט אַן אַבסטראַקטערען ענין און דער שקלא וטריא דאַרט פאָדערט אַביסעל אַ שווערערען סטיל. דער לעזער ווער זיך דערפאַר מוזען אַביסעל מער אָנשטרענגען, ער וועט זיך מוזען געבען די מיה איבערצודענקען פיל זאַצען. דערפאַר וועט ער אָבער געוויס באַלוינט ווערען מיט מער גייסטיגען גענוס. דער וואָס איז ניט פאַראינטערעסירט אין אַזאַ אַבסטראַקטען ענין קען איבערהיפּען די דריי קומענדיגע קאַפּיטלען, אָהן איבעריגען פאַרלוסט צו דעם עצם ענין וואָס ווערט דאָ באַהאַנדעלט.

אכטער קאַפּיטעל

אומגעלונגענע פּרוּוון צו אָפּשלאָגן צענאָס אַרגומענט קעגן אומענדליכער טיילבאַרקייט

צענאָ'ס טענה אַז אַן אומענדליך־טיילבאַרער שטח דאַרף קיין מאָל ניט אַריבער־געשפּרייזט ווערן. — אַריסטאָטעלס ענטפער, אַז דאָס דאַרף קענען געטאָן ווערן אין צייט וואָס איז אויך אומענדליך־טיילבאַר. — דער טעות אין דעם דאָזיגן ענטפער. — בערטראַנד ראָסעל'ס ענטפער דורך אַ חילוק צווישן אַן עקסטענ־ציאָנעלער און אינטענציאָנעלער גאַנצקייט. — זיין טעות אין פאַרגלייכן שטח צו אַן אינטענציאָנעלער גאַנצקייט. — דער קלאַסן־באַגריף וואָס ער נוצט אַלס ביישפּיל איז גאָר ניט קיין אומענדליכקייט. — דער פאַרגלייך צו דער צאָל איינס איז אויך ניט ריכטיג. — דער ענטפער וואָס קומט פון אידעאַליסטען טויג ניט פאַר רעאַליסטען.

א.

*אין זיין ערשטען אַרגומענט זוכט צענאָ צו באַווייזען אַז באַוועגונג דאַרף זיין אוממעגליך, מחמת אין יעדער באַוועגונג מוז דאָך אַריבערגעשפּרייזט ווערען עפּעס אַ שטח, וועלכעס איז אומענדליך טיילבאַר און דאַרף דערפאַר זיין אוממעגליך אַריבערגעשפּרייזט צו ווערען. שטעלט אייך פאָר: איידער איר שפּרייזט אַריבער אַ ברעקעלע שטח מוזט איר דאָך פריהער אַריבער־שפּרייזען אַ העלפט פון דער דאָזיגער ברעקעלע און איידער איר שפּרייזט אַריבער דער העלפט, מוזט איר פריהער אַריבערשפּרייזען דער העלפט פון דער העלפט און אַזוי כסדר.

אויף דעם ענטפערט אַריסטאָטעל מיט דער טענה, אַז פּונקט ווי שטח אַזוי איז אויך צייט אומענדליך־טיילבאַר. דער דאָזיגער ענטפער לאָזט זיך

---

* צענאָס אַרגומענטען און די ענטפערס אויף די דאָזיגע אַרגומענטען דרעהען זיך אַרום דער פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט, אויף וועלכער מען שלאָגט זיך אָן זעהר אָפט אין מאַטעמאַטיקס. בערטראַנד ראָסעלס ענטפער קומט טאַקע אין אַ בוך מיט דעם נאָמען „פּרינציפּען פון מאַטעמאַטיקס.” וויסענדיג די חשיבות פון דער דאָזיגער פּראָבלעמע און ניט זייענדיג אַליין באַהאַוועט אין מאַטעמאַטיקס האָט דער מחבר געוויזען דעם דאָזיגען קאַפּיטעל צום חשוב'ען פּראָפעסאָר י. גינזבורג, רעדאַקטאָר פון „סקריפּטא מאַטעמאַטיקאַ,” וועמען דער דאָזיגער קאַפּיטעל האָט פאָלשטענדיג צופרידענגעשטעלט.

אַזוי מסביר זיין: היות ווי די פראָפאָרציע צווישען אַן אומענדליך־טיילבאַרער צייט און אַן אומענדליך־טיילבאַרען שטח איז די זעלבע ווי צווישען אַן ענדליך־טיילבאַרער צייט און אַן ענדליך־טיילבאַרען שטח, און היות ווי דאָס צווייטע וואָלט דאָך ניט פאָרגעשטעלט קיין שוועריגקייטען מיט דער מעגליכקייט אַריבערצוגעהן פון איין פלאַץ אויף אַן אַנדערען, דאַרף דאָס ערשטע אויך ניט פאָרשטעלען קיין שוועריגקייטען מיט דער דאָזיגער מעגליכקייט. אויף פשוטען לשון דאַרף עס הייסען, אַז אין אַן אומענדליכער צייט דאַרפען מיר באַוויזען אַריבערצושפרייזען אויך אַן אומענדליכען שטח.*

דער טעות אין דעם דאָזיגען ענטפער ליגט אָבער אויבענאויף: ווען די שוועריגקייטען צו פאַרשטעהן באַוועגונג אין אַן אומענדליך־טיילבאַרען שטח וואָלטען זיך גענומען פון דער פראָפאָרציע צווישען שטח און צייט (צוליב דעם וואָס אין אַזאַ שטח דאַרף ניט זיין גענוג צייט דורכצומאַכען אַ באַוועגונג), דאַן וואָלטען זיי געמוזט אַוועקפאַלען ווען מיר זאָלן פאַרשטעהן באַוועגונג אונטער דער זעלבער פראָפאָרציע צווישען שטח און צייט אין אַן ענדליך־טיילבאַרען שטח. אָבער דאָ נעמען זיך דאָך די שוועריגקייטען ניט פון דער פראָפאָרציע נאָר פון דער נאַטור פון אומענדליכקייט — אומענדליכקייט איז פון אַזאַ נאַטור, וואָס לאָזט זיך קיין מאָל ניט אַדורכגעהן — איז וואָס קען אונז דאָ העלפען דאָס וואָס די זעלבע שוועריגקייטען וואָלטען אַוועקגעפאַלען אונטער דער זעלבער פראָפאָרציע אין אַן ענדליך־טיילבאַרען שטח? ענדליכקייט איז ניט דאָס זעלבע וואָס אומענדליכקייט; עס קען דערפאַר גאַנץ גוט זיין, אַז אַ צושטאַנד פון ענדליך־טיילבאַרען שטח און ענדליך־טיילבאַרער צייט זאָל צולאָזען דער מעגליכקייט פון באַוועגונג, בעת אַ צושטאַנד פון אומענדליך־טיילבאַרען שטח און אומענדליך־טיילבאַרער צייט זאָל אַזאַ מעגליכקייט ניט צולאָזען.

ב.

אַריסטאָטעלס ענטפער איז דערפאַר ניט אָנגענומען געוואָרען דורך די ערענסטערע דענקער פון אַלע צייטען — כאָטש עס האָבען זיך שטענדיג געפונען, און מען קען נאָך היינט אויך געפינען פיל, וואָס קייען איבער דעם דאָזיגען ענטפער.

אַזוי האָבען מיר געזעהן, ווי איבער צוויי טויזענט יאָר שפעטער האָט קאַנט געפונען אין צענאָס פאַראַדאָקסען אַ שטיצע פאַר זיין טעאָריע פון פענאָמענאַליזם. און אַזוי זאָגט פולער אין זיין געשיכטע פון פילאָזאָפיע: „די דאָזיגע פאַראַדאָקסען, אָבוואָל זיי שיינען אַזוי פאַנטאַסטיש, זיינען געבליבען

* זעה די צוויי־און־דרייסיגסטע סעלעקציע אין דעם דערמאָנטען בוך: Selections from Aristotle, Edited by W. D. Ross.

ניט געלעזט דורך מאַטעמאַטיק און לאָגיק פאַר אַרום צוויי און צוואַנציג הונדערט יאָר."

נאָר פולער מיינט, אַז היינט, נאָך די צוויי און צוואַנציג הונדערט יאָר, האָט מען שוין פּאָרט באַוויזען אויפצולעזען די דאָזיגע פּאַראַדאָקסען, מחמת היינט „קענען מיר שוין תופס זיין שטח אַזוי ווי מיר דערקענען עס".

וואָס איז געשעהן? אין 1903 האָט בערטראַנד ראַסעל פאַרעפענטליכט זיין גרויס ווערק, „פּרינציפּען פון מאַטעמאַטיקס", וועלכעס זאָל האָבען באַוויזען אויסצוברייטערען אַזוי ווייט אונזער כח פון תופס זיין.

בין איך זיך אָבער מודה, אַז מיין כח פון תופס זיין איז נאָך פאַרבליבען אַזוי שמאָל ווי געווען, און אַז ראַסעלס אויפלעזונג פון צענאָס פּאַראַדאָקסען האָב איך דערפאַר ניט זוכה געווען צו פאַרשטעהן.

ג.

וועלען מיר דאָ נעמען דער אויפלעזונג פון צענאָס ערשטען פּאַראַדאָקס, וועלכעס געפינט זיך אין צוויי און פערציגסטען קאַפּיטעל פון די „פּרינציפּען פון מאַטעמאַטיקס." מאַכט דאָרט ראַסעל אַ חילוק צווישען אַן „עקסטענציאָנעלער" גאַנצקייט און אַן „אינטענציאָנעלער"; אַזאַ וועלכע קען נאָר דעפינירט ווערען דורך אויסצעהלען די טיילען און אַזאַ וועלכע קען דעפינירט ווערען אָהן אויסצעהלען די טיילען. למשל, מיר קענען אַנדערש ניט דעפינירען דעם הונדערט סיידען מיר זאָלען אויף עפּעס אַן אופן אויסרעכענען די אַלע איינסען וואָס זיינען אין אים איינגעשלאָסען; דאַגעגען, קענען מיר גאַנץ גוט דעפינירען דעם באַגריף בעל־חיי (פּונקט ווי יעדען קלאַסען באַגריף) אָהן אויסצורעכענען אַלע איינצעלנע בעלי חיים וואָס קומען אַרונטער אונטער דעם דאָזיגען באַגריף.

אַ גאַנצקייט פון ערשטען סאָרט וואָס זאָל האָבען אַן אומענדליכע צאָל טיילען קענען מיר טאַקע ניט תופס זיין אָדער דעפינירען, מחמת אַן אומענדליכע צאָל טיילען קען דאָך קיין מאָל ניט אויסגערעכענט ווערען. דאַגעגען, קענען מיר גאַנץ גוט תופס זיין אָדער דעפינירען אַ גאַנצהייט פון צווייטען סאָרט, אַפילו ווען עס זאָל איינשליסען אַן אומענדליכע צאָל טיילען.

איז דער דאָזיגער חילוק בעצם אודאי אַ ריכטיגער. ער קען אונז אָבער גאָר ניט העלפען אין דער דערקלערונג ווי אַזוי עס איז מעגליך תופס צו זיין דער גאַנצהייט וועלכע באַשטעהט פון אַן אומענדליכער צאָל טיילען שטח, מחמת די דאָזיגע גאַנצהייט איז אַ גאַנצהייט פון ערשטען סאָרט — און ניט פון צווייטען. דאָס וואָס ווערט דורך ראַסלען באַצייכענט אַלס גאַנצהייט פון צווייטען סאָרט איז גאָר באמת ניט קיין גאַנצהייט, וואָס שליסט איין אַן אומענדליכע צאָל טיילען, נאָר עס איז, אין געגענטייל, עפּעס וואָס איז איינגעשלאָסען אין יעדען איינעם פון די טיילען.

נעמט דעם „קלאַסען־באַגריף" — ווי אַזוי קומט ער צושטאַנד? דורך דעם וואָס מיר באַמערקען מערערע זאַכען, וועלכע זיינען אין מאַנכע הינזיכטען גלייך און אין מאַנכע הינזיכטען פאַרשיידען — נעמען מיר בלויז דעם טייל אין וועלכען די דאָזיגע זאַכען זיינען גלייך און דאָס איז אונזער קלאַסען־באַגריף פון די דאָזיגע זאַכען. אַזוי, למשל, איז לעבען בלויז אַ טייל פון די כאַראַקטעריסטיקס פון מענש, בהמה, פויגעל, וואָרעם אד"ג — איז עס אָבער דער קלאַסען־באַגריף פון די דאָזיגע אַלע זאַכען צוליב דעם וואָס עס דריקט אויס דעם טייל אין וועלכען די דאָזיגע אַלע זאַכען זיינען גלייך, ד"ה דעם טייל, וועלכער איז איינגעשלאָסען אין יעדען איינעם פון די דאָזיגע זאַכען.*

דורך דעם קלאַסען־באַגריף זיינען מיר אַלזאָ ניט תופס אַלע פרטים, וואָס קומען אַרונטער און וואָס וועלען אַרונטערקומען אונטער דעם קלאַס. אַלץ וואָס מיר זיינען דאַדורך תופס איז אַ קליינע צאָל באַשטימטע כאַראַקטעריסטיקס — איז ווי אַזוי קען עס פאַרגליכען ווערען מיט אונזער תופס זיין שטח, וועלכעס מוז דאָך אין תוך איינשליסען אַן אומענדליכע צאָל טיילען?

ד.

האָט וויזט אויס ראַסעל אַליין דערפיהלט, אַז דער פאַרגלייך צווישען אַ קלאַסען־באַגריף מיט אַ שטיקעל שטח איז נישט אין גאַנצען גלאַט. איז

* צוליב דעם וואָס דער קלאַסען־באַגריף איז איינגעשלאָסען אין אַלע זיינע פרטים און ער ווערט דערפאַר מיט זיי אַלעמען אויפגענומען, קוקט עס אויס ווי ער וואָלט זיי אַלע־מען אַרומגענומען און ווי זיי אַלע וואָלטען געווען אין אים איינגעשלאָסען. דאָס איז אָבער אַן אילוזיע פון וועלכער מען קען זיך לייכט באַפרייען. שטעלט אייך פאָר: אַלע מענשען האָבען קעפ — אַ קאָפּ איז דערפאַר עפּעס וואָס ווערט מיטגעדענקט מיט יעדען מענשליכען קערפּער; נאָר פונדעסטוועגען וועט קיינער ניט זאָגען, אַז אין קאָפּ איז איינגעשלאָסען דער גאַנצער מענשליכער קערפּער, אָדער גאָר אַלע מענשליכע קערפּערס.

אַז דער קלאַסען־באַגריף איז בלויז אַ טייל פון יעדען פון זיינע פרטים קען באַוויזען ווערען לאָגיש אויף פאָלגענדען אופן: אַ קלאַסען־באַגריף קען גילטען אַלס פּרעדיקאַט צו יעדען פון זיינע פרטים. דער באַגריף מענש, למשל, קען גילטען אַלס פּרעדיקאַט פאַר יעדען מענשען: ראובן איז אַ מענש, שמעון איז אַ מענש אד"ג. די פונקציע פון אַ פּרע־דיקאַט איז צו באַקענען די כאַראַקטעריסטיקס פון סוביעקט מיט וועלכען ער איז פאַר־בונדען און דערפאַר מוז דער פּרעדיקאַט פאָרשטעלען בלויז אַזוינע כאַראַקטעריסטיקס וואָס זיינען דאָ אין סוביעקט, ווייל אויב ער זאָל פאָרשטעלען אויך אַנדערע כאַראַקטעריס־טיקס וועלען מיר דאָך דורך אים צושרייבען צום סוביעקט אויך די אַנדערע כאַראַקטע־ריסטיקס און מיר וועלען ממילא דורך אים ניט קענען די ריכטיגע כאַראַקטעריסטיקס פון סוביעקט. ווי אַ מעגליכער פּרעדיקאַט פון יעדען איינעם פון זיינע פרטים מוז אַלזאָ דער קלאַסען־באַגריף פאָרשטעלען בלויז דאָס וואָס איז דאָ אין יעדען איינעם פון זיי. ער קען ווידער ניט פאָרשטעלען אַלץ וואָס איז דאָ אין איינעם פון זיינע פרטים, ווייל דאַן וועט דאָך דער דאָזיגער פרט זיין אין גאַנצען עהנליך צום קלאַסען־באַגריף און ער וועט ממילא קיין פרט ניט זיין. דערפאַר קען דער קלאַסען־באַגריף פאָרשטעלען נאָר אַ טייל פון יעדען איינעם פון זיינע פרטים.

וואָס טוט ער אויסצוגלעטען דעם דאָזיגען פאַרגלייך? ער לעגט דאָרט אַ לאַטע דורך אַ ביישפּיל פון דער צאָל איינס: היות ווי מיר קענען תופס זיין דעם איינס, אָבוואָל ער קען זיך דאָך טיילען אויף אַן אומענדליכער צאָל טיילען, פונקט אַזוי קענען מיר תופס זיין אַ שטיקעל שטח, טראָץ דעם וואָס עס קען זיך טיילען אויף אַן אומענדליכער צאָל טיילען.

דאַרף מען אָבער ניט זיין קיין מר־בר־רב־אשי איינצוזעהן אַז עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישען דער אומענדליכער טיילבאַרקייט אין אַ שטיקעל שטח און דער אומענדליכער טיילבאַרקייט אין אַבסטראַקטען איינס. אין דאָס ערשטע האַנדעלט עס זיך וועגען אַ קאָנקרעטער זאַך, אין וועלכער די טיילען זיינען איינגעשלאָסען אינערליך, אַזוי, אַז ווען מען טיילט עס פונאַנ־דער מוז מען עס בפועל צוברעכען. דאָ מוז אַלזאָ די אומענדליכע טייל־באַרקייט מיינען, אַז עס לאָזט זיך בפועל ברעכען אויף אַן אומענדליכער צאָל טיילען, וועלכע שטעלען צוזאַמען דאָס גאַנצע, ד"ה אַז דאָס גאַנצע מוז דאָ אויפגענומען ווערען אַלס דער סכום פון דער אומענדליכער צאָל טיילען. דאָס איז פונקט וואָס ראַסעל וואָלט באַדאַרפט באַצייכענען אַלס עקסטענציאָ־נעלע גאַנצהייט — אין אונטערשייד פון אַ קוואַליטעט וואָס באַשטעהט פון אַ צאָל גראַדען און איז אַן אינטענציאָנעלע גאַנצהייט.

דאַגעגען, אין דאָס צווייטע (אין דעם נומער איינס) האַנדעלט עס זיך בלויז וועגען סימבאָלען — דער איינס איז אַ סימבאָל פאַר איין זאַך און די טיילען זיינען סימבאָלען פאַר אַנדערע זאַכען, אַנדערע קוואַנטומס. די אומ־ענדליכע טיילבאַרקייט פון איינס מיינט אַלזאָ נאָר, אַז מיר זיינען אומשטאַנד צו שאַפען אָהן אַ שיעור סימבאָלען, אָהן אַ שיעור סמנים דורך וועלכע צו באַצייכענען פאַרשיידענע קוואַנטומס — עס מיינט אָבער ניט, אַז מיר האָבען פאַר זיך אַן עצם, וואָס איז אַ סכום פון אָהן אַ שיעור טיילען.

וואָלט דער איינס געווען אַ סכום פון אָהן אַ שיעור טיילען, אָדער וואָלט ער זיך איבערהויפּט געלאָזט טיילען, דאַן וואָלט ער קיין איינס ניט געווען, מחמת ער וואָלט דאַן געווען אַ רבים און ניט אַ יחיד; און יחידות איז דאָך באמת די הויפּט אייגענשאַפט פון איינס, די מיט וועלכער ער אונטער־שיידעט זיך פון אַלע אַנדערע צאָלען. אַט טאַקע צוליב דער דאָזיגער ספּע־ציפישער אייגענשאַפט פון איינס און צוליב זיין אַנדערשקייט פון אַלע אַנדערע צאָלען איז אַמאָל אַנגעגאַנגען אַ מחלוקת צי קען דער איינס איבערהויפּט פאַר־רעכענט ווערען אַלס אַ צאָל.*

ה.

אויסער די דערמאָנטע לעזונגען, וועלכע זיינען דאָ אָבגעוואָרפען געוואָ־רען, איז דאָ די אַנטי־רעאַליסטישע לעזונג פון די דאָקטוירים, וועלכע גלוי־

* דער דאָזיגער לעצטער זאַץ איז צו פאַרדאַנקען אַן אָנמערקונג פון פּראָפ. י. גינזבורג.

בען בלויז אין אַפּעראַציע — די קענטעניש שטאָף וועלכע מיר קענען ניט איבערקאָכען ווי געהעריג דאַרף אויסגעסקראָבעט ווערען ביז צום וואָרצעל און געוואָרפען ווערען פאַר הינט. דאָס מיינט, אַז אַלע אונזערע קענטענישען אין שייכות מיט באַוועגונג, מיט שטח, מיט צייט — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס ווערט דערקענט דורך אונזערע חושים דאַרף דערקלערט ווערען אַלס אויסדאַכטעניש, אַלס עקזיסטירענד בלויז אין געדאַנק.

דאָס איז אייגענטליך געווען דער צוועק צוליב וועלכען צענאָ האָט אויסגעזוכט זיינע פּאַראַדאָקסען; מיט דעם איז ער אויסען געווען צו אונ־טערשטיצען דער אַנטי־רעאַליסטישער איינהייטס טעאָריע פון זיין רבין, פּאַרמענידעס פון עלייע.

פּאַרמענידעס האָט געהאַלטען, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט מוז זיין און אייביג בלייבען איינס און דאָס זעלבע — ניט עס קען זיך ענדערען, ניט עס קען זיך אונטערשיידען, ניט עס קען זיך טיילען און ניט עס קען אַננעמען וועלכע עס איז פאָרמע, וואָס זאָל מיטברענגען דעם באַגריף פון ניט־איינ־הייט.* איז צענאָ אים געקומען צו הילף דורך באַווייזען, אַז מאַנכע טיילונג און ענדערונג וואָס מיר באַמערקען איז פול מיט אומזין.

די דאַזיגע לעזונג מאַכט אָבער די שוועריגקייט ניט קלענער נאָר גרע־סער: אויב פריהער האָבען מיר געפונען ווילדפלייש בלויז אין אַ טייל פון דעם, וואָס מיר דערקענען מיט די חושים, זוכט אונז איצט צענאָ איינ־צורעדען, אַז די דאַזיגע מחלה געהט פיל טיפער, אַז זי נעמט אַרום אפילו אַלץ וואָס מיר דערקענען מיטן שכל — אויסער דאָרט אַ גאַנץ דינינקע איינ־

---

* עס קען זיך ניט ענדערען, מחמת ענדערונג פאָדערט דאָך, אַז דאָס וואָס עקזיסטירט אין איין צייט זאָל אין אַן אַנדער צייט ניט עקזיסטירן, אָדער, אַז דאָס וואָס עקזיסטירט ניט אין איין צייט, זאָל אין אַן אַנדער צייט יע עקזיסטירען — אָבער דאָס וואָס עקזיסטירט קען ניט ניט־עקזיסטירען, פּונקט ווי דאָס וואָס עקזיסטירט ניט קען ניט יע־עקזיסטירען.

און מחמת דעם זעלבען טעם קען עס זיך אויך ניט אונטערשיידען, מחמת אַן אונטער־שייד פאָדערט דאָך, אַז דאָס וואָס עקזיסטירט אין איין זאַך זאָל אין אַן אַנדער זאַך ניט עק־זיסטירען, אָדער, אַז דאָס וואָס עקזיסטירט ניט אין איין זאַך זאָל אין אַן אַנדער זאַך יע עקזיסטירען, ד"ה אַז עקזיסטענץ זאָל אויך קענען באַגריפען ווערען אַלס ניט־עקזיסטענץ און ניט־עקזיסטענץ זאָל אויך קענען באַגריפען ווערען אַלס עקזיסטענץ.

און דאָס וואָס קען זיך ניט אונטערשיידען קען זיך ממילא אויך ניט טיילען, מחמת דאָס וואָס איז פאַנאַנדערגעטיילט מוז דאָך האָבען עפּעס אַנדערש אינצווישען (עפּעס אַנ־דערש וואָס עקזיסטירט, מחמת דאָס וואָס עקזיסטירט ניט איז דאָך ניטאָ און קען ממילא ניט זיין אינצווישען), ד"ה עס מוז האָבען אינצווישען עפּעס וואָס טוט זיך פון דעם אונטערשיידען.

און אויב דאָס וואָס עקזיסטירט קען זיך ניט טיילען, קען עס ממילא ניט פאַר־שטעלען פיל זאַכען. און אויב אַלץ וואָס עקזיסטירט שטעלט מיט זיך פאָר איין זאַך קען עס ממילא זיך ניט באַוועגען, מחמת באַוועגען קען זיך דאָך נאָר איין זאַך אין אַן אַנדער זאַך. און אויף אַזאַ אופן ווערט פון דעם אויסגעשלאָסען יעדע פאָרמע פון ניט־איינהייט. דאָס איז דער תמצית פון פּאַרמענידעסעס טעאָריע.

צענאָ'ס ארגומענט געגען אומענדליכער טיילבאַרקייט

הייט'ס שאַל — איז וואָס ווערען מיר געהאָלפען, ווען דער שכל איז אויך אַדורכגעפּרעסען פון דער דאָזיגער מחלה?

דאָס זעלבע איז מיט די אַנדערע מינים אידעאַליסטען — סיי די וועלכע נעמען אָן, אַז עס עקזיסטירען בלויז אידייען, צושטאַנדען פון באַוואוסטזיין, און סיי די וועלכע נעמען אָן, אַז עס עקזיסטירען עפּעס אַזוינע מאָנאַדען, אָדער גייסטיגע אָרגאַניזמען, וועלכע נעמען אָן אין אונזער אויסערליכער דערקענטעניש די מאַטעריעלע פאָרמען וואָס מיר דערפאַרען.* אַזוי צי אַזוי קומט אויס, אַז אַלץ וואָס דער געדאַנק זאָגט אונז איז שקר — שקר באַשמירט מיט אומזין וואָס שווימט אַרויף אין דער אידייע פון אומענדליכקייט. און פאַרגעסט ניט אַז שקר אַליין איז אויך אַן אומזין (סיידען אויב עס איז דאָ פאַר דעם עפּעס אַ גרונד, ד"ה אויב עס פּאַסט זיך אַריין אין אַ סיסטעם); שקר נעמט אַריין דעם ווידערשפּרוך פון פאַרשטעלען דאָס וואָס טוט ניט עקזיסטירען אַלס עפּעס וואָס עקזיסטירט, איינשליסענדיג אַזוי אַרום עקזיס־טענץ אין ניט־עקזיסטענץ.

די שוועריגקייטען וואָס צענאָס פּאַראַדאָקסען שטעלען פאַר קענען דערפאַר ניט פאַרלייכטערט ווערען דורך אַן אַנטי־רעאַליסטישער לעזונג, אַ לעזונג וועלכע גיסט אַרויס דאָס שמוציגע וואַסער צוזאַמען מיטן קינד. אויב עס איז דאָ עפּעס אַזאַ לעזונג מוז עס קומען פון רעאַליסטישען שטאַנדפּונקט — פון שטאַנדפּונקט, אַז די זאַכען מיט וועלכע אונזערע חושים באַקענען אונז עקזיסטירען טאַקע באמת אומגעפער אַזוי ווי די חושים באַקענען אונז. ווען מיר באַלד זעהן ווי ווייט אַזאַ לעזונג פון רעאַליסטישען שטאַנדפּונקט איז מעגליך. פאַר דעם דאָזיגען צוועק וועלען מיר אין קומענדען קאַפּיטעל אַ לופּטער טאָן די פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַרוויקעלט אין צענאָס פּאַראַ־דאָקסען.

---

* עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָ איז ניט דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלען איבער דער פילאָ־זאָפיע וואָס ווערט באַטיטעלט מיט דעם נאָמען אידעאַליזם. האָפענטליך, אַז מיר וועלען זיך נאָך מיט דער טעמע באַגעגענען.

נײַנטער קאַפּיטעל

די פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט

צענאָ'ס פיער אַרגומענטען. — די ערשטע דריי האָבען צו טאָן מיט דער פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט און דער פערטער האָט צו טאָן מיט דער פּראָבלעמע פון אויסמאַכען באַוועגונג פון מאָמענטען פון רוה. — די פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט האָבען מיר ניט נאָר בנוגע דער טיילבאַרקייט פון שטח און צייט, נאָר אויך בנוגע זייער פאַרנעם; שטח און צייט מוזען געדענקט ווערען סיי עגדליך און סיי אומענדליך אין זייער גאַנצען פאַרנעם. — די שוועריגקייטען אין דער פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט זאָלען זיך נעמען פון דער אַלטער דעפיניציע אַז עס מיינט ניט האָבען קיין סוף. — קאַנטאָר דעפינירט עס אַלס עפּעס אין וואָס דער טייל איז גלייך צו דאָס גאַנצע. — דאָס באַזייטיגט די אויבענדערמאָנטע שוועריגקייטען, וועלכע נעמען זיך טאַקע פון דעם וואָס דער טייל איז דאָרט גלייך צו דאָס גאַנצע. — דאָס זאָל אויך האָבען די מעלה וואָס עס איז אַ פּאָזיטיווע דעפיניציע און ניט אַ נעגאַטיווע ווי די אַלטע איז געווען. — דאָס שליסט אויך אויס פון אומענדליכקייט די רונדע ליניע פון אַ קרייז, וועלכעס די אַלטע דעפיניציע איז ניט געווען בכוח אויסצושליסען. — איז אָבער קאַנטאָר'ס דעפיניציע ניט קיין גוטע און זי באַזייטיגט אויך ניט די שוועריגקייטען אין דער פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט. — די אַלטע דעפיניציע טייטשט אויס נעגאַטיוו, ווייל אַזוי דאַרף אומענדליכקייט אויסגעטייטשט ווערען. — זי שליסט אויך אויס די רונדע ליניע פון אַ קרייז. — די אַלטע דעפיניציע דאַרף נאָר אויסגעבעסערט ווערען דורך צוגעבען, אַז אין אומענדליכקייט איז דאָ אַ המשך פון פאַרשיידענהייט.

א.

אין זיינע פיער אַרגומענטען רוקט צענאָ אַרויס צוויי פּראָבלעמען: (1) דער פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט, (2) און דער פּראָבלעמע פון אויסמאַכען באַוועגונג פון מאָמענטען פון רוה. דער פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט האָבען מיר שוין געפונען אין זיין ערשטען אַרגומענט, וואו ער שטעלט זיך אָב אויף דער שוועריגקייט, וואָס עס שטעלט פאַר די אומענדליכע טיילבאַרקייט פון שטח. אין דעם צווייטען אַרגומענט פאַרשאַרפט ער דער זעלבער פּראָבלעמע, צוגעבענדיג דער שוועריגקייט וואָס עס שטעלט פאַר די אומענדליכע טיילבאַרקייט פון צייט.

אַזוי טענהט ער, אַז צוליב דער אומענדליכער טיילבאַרקייט פון צייט דאַרף דאָס וואָס באַוועגט זיך שנעלער קיין מאָל ניט קענען אָניאָגען דאָס וואָס באַוועגט זיך לאַנגזאַמער, דאַרף אכילעס קיין מאָל ניט קענען אָניאָגען

דער טשערעפּאַכע. ווייל היות ווי דער אַניאָגען מוז דאָך פאַרנעמען צייט, און היות ווי אין דער דאָזיגער צייט מוז דאָך די טשערעפּאַכע אויך זיך באַוועגען און אַברוקען ווייטער פון דעם פּלאַץ, וואָס זי האָט געהאַט פאַרנומען, קומט ממילא אויס, אַז יעדעס מאָל וואָס אכילעס קומט צו צום פּלאַץ, וואו די טשערעפּאַכע איז געשטאַנען, מוז שוין די טשערעפּאַכע זיך האָבען אָפּגערוקט ווייטער.*

אין אַ דריטען אַרגומענט געפינט צענא אַ ווידערשפּרוך אין באַוועגונג, אין שייכות מיט דער אומענדליכקייט פון שנעלקייט. ער באַווייזט, אַז אַ שנעלקייט קען זיין שנעלער פון איין זייט ווי פון אַן אַנדערען. נעמט דריי צוגען: א, ב און ג. א און ב לויפען אין געגענגעזעצטע ריכטונגען, בעת ג שטעהט אויף אַ פּלאַץ. וועט דער מיטעלסטער צוג, ב, אַדורכלויפען שנעלער דעם שטח פון א ווי פון ג, ד"ה אַז לויפענדיג מיט דער זעלבער שנעלקייט וועט ב פון איין זייט אַדורכמאַכען מער שטח ווי פון דער אַנדער זייט.

דער דאָזיגער אַרגומענט קוקט אַפילו אויס זעהר שוואַך, און אַריסטאָטעל האָט אויף אים אַ פּשוטען ענטפער. ער זאָגט: „די פאַלשקייט פון דעם דאָזיגען אַרגומענט ליגט אין אָננעמען, אַז אַ קערפּער נעמט די זעלבע צייט אַדורכצוגעהן מיט דער זעלבער שנעלקייט אַ קערפּער וואָס איז אין באַוועגונג און אַ קערפּער פון דער זעלבער גרויס וואָס איז ניט (אין באַוועגונג), וועלכעס איז פאַלש." **

און אין דעם איז אַריסטאָטעל אודאי גערעכט; ווען צוויי קערפּערס באַוועגען זיך איינער געגען דעם אַנדערען דאַרף צו דער באַוועגונג פון יעדען איינעם צוגערעכענט ווערען די שנעלקייט פוןביידע באַוועגענדע קערפּערס. אין דעם ביישפּיל פון צענאָ'ס אַרגומענט טוט זיך אַלזאָ ב באַוועגען געגען א מיט אַ גאַנץ אַנדער שנעלקייט ווי ער באַוועגט זיך געגען ג, און עס איז דערפאַר ניט ריכטיג צו זאָגען, אַז די זעלבע שנעלקייט איז סיי גרעסער און סיי קלענער.

---

* דער אונטערשייד צווישען אַ שנעלער און אַ לאַנגזאַמער באַוועגונג קען זיין אָדער צוליב דעם וואָס די ערשטע געהט אַן מיט ווייניגער הפסקות (דעם וואָס לויפט שנעלער נעמט ווייניגער צייט צווישען אָוועקשטעלען איין פוס און אויפהויבען דער צווייטער), אָדער צוליב דעם וואָס זי איז אינטענסיווער. אין ערשטען פאַל איז עס אַן אונטערשייד בלויז אין כמות, די ערשטע געהט אָן אין מער צייט ווי די צווייטע. אין צווייטען פאַל איז עס אַן אונטערשייד אין איכות, די ערשטע געהט אָן אין אַ שטאַרקערען טעמפּאָ ווי די צווייטע. פאַרשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער אַרגומענט פאַלט אַוועק ווען די באַוועגונגען אונטערשיידען זיך אין כמות, מחמת אין דער צייט ווען די טשערעפּאַכע באַוועגט זיך ניט קען דאָך איר אכילעס גאַנץ גוט אַניאָגען. עס שיקט זיך אָבער ניט, אַז באַוועגונגען זאָלען זיך ניט אונטערשיידען אויך אין איכות.

** זעה Selection 32 די איינגערינגעלטע איז צוגעשריבען פון מחבר.

אָבער דער דאָזיגער ענטפער איז נאָר גוט קעגען דעם אַרגומענט אין דעם נוסח, וואָס אַריסטאָטעל האָט אים געגעבען. עס קען אָבער זיין אַן אַנדער נוסח פון דעם זעלבען אַרגומענט — אַ נוסח לויט וועלכען די שוועריגקייט נעמט זיך דער עיקר פון דער אומענדליכקייט פון שנעלקייט.

קודם מוז אָנגענומען ווערען, אַז יעדע זאַך וואָס באַוועגט זיך מוז זיין אין אַלע פּלעצער פון דער שטרעקע, וועלכער זי לויפט אַדורך. און היות ווי דער דאָזיגער זיין מוז דאָך דויערען אַ מינימום צייט, מוז דערפאַר ווידער אָנגענומען ווערען, אַז עס מוז זיין אַ מאַקסימום צו דער שנעלקייט פון אַ באַוועגונג, מחמת די צייט וואָס נעמט אַ זאַך אַדורכצולויפען אַ געוויסע שטרעקע קען דאָך ניט זיין קלענער ווי דער סך־הכול פון די מינימום צייטען וואָס מוז דער זאַך נעמען צו זיין אין אַלע פּלעצער פון דער אַדורכגעלאָפענער שטרעקע.*

איצט, שטעלט אייך פאָר ווי צוויי זאַכען וואָס באַוועגען זיך מיט דעם מאַקסימום שנעלקייט לויפען איינע געגען דער אַנדערער אין געגענגעזעצטע ריכטונגען. די שנעלקייט זייערע וועט דאַן פאַרטאָפּעלט ווערען און די צייט, וואָס וועט נעמען יעדער איינער אַדורכצולויפען דער אַנדערערס שטח, וועט דאַן מוזען געשניטען ווערען אויף דער העלפט — טאָ וואו ווערען דאַן די דאָזיגע זאַכען נעמען צייט צו זיין יעדע איינע אין דעם גאַנצען שטח פון דער אַנדערער ? **

---

* מען וועט זאָגען, אַז היות ווי צייט איז דאָך אומענדליך־טיילבאַר דאַרף ניט זיין קיין מינימום פאַר דער דויערונג פון צייט און עס דאַרף ממילא אויך ניט זיין קיין מאַקסימום פאַר שנעלקייט (דאָס איז אויך געווען דאָקטאָר גינזבורגס מיינונג, וועלכער האָט דאָ אָנגעמערקט „לאו דוקא״). אָבער דאָ פּאַסט זיך אַריסטאָטעלס טענה וואָס איז געבראַכט געוואָרען אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, אַז שטח און צייט זיינען ביידע גלייך אומענדליך־טיילבאַר; די טיילען פון שטח און צייט זיינען אַלזאָ גלייך און דער איבערגעהן פון אַ באַשטימטער צאָל טיילען פון שטח פאָדערט דערפאַר די דויערונג פון אַ באַשטימטער צאָל טיילען (ד״ה אַ מינימום) פון צייט.

** דאָקטאָר גינזבורג האָט מיר אָנגעוויזען אַן אַנדער אופן ווי אַזוי די דאָזיגע שוועריגקייט קאָן אַרויסגעבראַכט ווערען: לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַ מענש וואָס זיצט אין אַ צוג וואָס לויפט מיט דעם מאַקסימום שנעלקייט. זיצענדיג אויף איין פּלאַץ וועט דער דאָזיגער מענש פאַראיבערגעהן די גאַנצע שטרעקע וואָס דער צוג לויפט אַדורך און די צייט וואָס וועט אים נעמען צו זיין אין אַלע פּלעצער פון דער דאָזיגער שטרעקע וועט פאָרשטעלען אַ מינימום וואָס וועט מער ניט קענען געשניטען ווערען, פּונקט ווי די שטרעקע וואָס ער מאַכט אַדורך אין דער דאָזיגער צייט וועט פאָרשטעלען אַ מאַקסימום וואָס דאַרף ניט קענען אַריבערגעשטיגען ווערען. ווי וועט אָבער זיין ווען דער זעלבער מענש הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ און הויבט אָן צו געהן אין וואַגאָן אין דער זעלביגער ריכטונג וואָס דער צוג לויפט ? וועט ער זיך דען ניט געפינען אַביסעל ווייטער ווי ער וואָלט געווען זיצענדיג און וועט דאַן די שטרעקע וואָס ער מאַכט דורך ניט איבערשטייגען דעם מאַקסימום ? איינשטיינ׳ס רעלאַטיוויטעט טעאָריע קען דאָ ניט העלפען, ווייל ביי צענאָ׳ן האַנדעלט זיך דאָך וועגען לאָגיק, און ניט וועגען פאַקטען.

אין פערטען אַרגומענט געפינען מיר ענדליך דער פּראָבלעמע פון אויסמאַכען באַוועגונג פון מאָמענטען פון רוה. טענה'ט דאָרט צענאָ, אַז אַ זאַך וואָס באַוועגט זיך מוז רוהען בשעת מעשה, אַז אַ פליהענדע פייל האַלט אין איין רוהען בשעת זי פליהט. ווייל היות ווי רוהען מיינט דאָך זיין אויף איין פּלאַץ (אַריסטאָטעל דריקט זיך אויס, „אויף אַ גלייכען שטח", וועלכעס מיינט, אַ שטח גליייך צו דער זאַך אין אים), און היות ווי דאָס וואָס באַוועגט זיך מוז דאָך אין יעדען מאָמענט זיין אויף איין פּלאַץ, מוז אויס־קומען, אַז דאָס וואָס באַוועגט זיך מוז אין יעדען מאָמענט אויך רוהען.

ב.

וועלען מיר קודם באַטראַכטען דער פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט, וועלכע פאַרנעמט דעם גרעסערען פּלאַץ אין די פּאַראַדאָקסען. דער דאָזי־קער פּראָבלעמע האָבען מיר אויף אַ טאָפּעלטען אופן בנוגע שטח און צייט גופא — פּונקט ווי מיר קענען ניט דענקען ענדליכקייט אָדער אומענדליכקייט בנוגע דער טיילבאַרקייט פון שטח און צייט, אַזוי קענען מיר אויך ניט דענקען ענדליכקייט אָדער אומענדליכקייט בנוגע דעם גאַנצען פאַרנעם פון שטח און צייט. דאָס קען באַוויזען ווערען אויפן פאָלגענדען אופן:

זאָלן מיר דענקען אַז שטח און צייט זיינען ענדליך אין זייער פאַרנעם דאַן מוזען מיר צו זיי אויפנעמען אַ גרענעץ, אַ ליניע איבער וועלכער עס איז ניטאָ קיין שטח און אַ מאָמענט פאַר וועלכען עס איז ניטאָ קיין צייט. מוזען מיר אָבער איבער יעדער ליניע פון שטח אויפנעמען שטח (יעדער גרענעץ אין שטח ווערט אויפגענומען ווי אַ גרענעץ צווישן טיילען פון שטח) פּונקט ווי פאַר יעדען מאָמענט מוזען מיר אויפנעמען צייט.*

זאָלן מיר ווידער דענקען אַז שטח און צייט זיינען אומענדליך אין זייער פאַרנעם, דאַן וועלען מיר זיך מוזען אָנשטויסען אויף אויסערגעוויינ־ליכע שוועריגקייטען אין שייכות מיט די באַשטימטע מאָסען און באַשטימטע פאַרהעלטענישען, וואָס מיר נעמען אויף אין שטח און אין צייט. די דאָזיגע שוועריגקייטען לאָזען זיך אַזוי מסביר זיין:

מיר נעמען אויף אין שטח און אין צייט קלענערע און גרעסערע מאָסען: אַ אינטש פאַרנעמט ווייניגער שטח ווי אַ פוס; אַ סעקונדע פאַרנעמט ווייניגער צייט ווי אַ מינוט. לויט אַ פשוטען חשבון דאַרף דער זעלבער שטח אַריינ־נעמען אַ גרעסערע צאָל אינטשעס ווי פיס, פּונקט ווי די זעלבע צייט דאַרף

---

* נאָך מיט איבער צוויי טויזענד יאָר צוריק האָט שוין דער פּיטאַגאָרייער אַרקיטאַס באַוויזען, אַז מיר קענען ניט דענקען אַ גרענעץ צו שטח. דעם דאָזיגען באַוויז קען דער אידיש־לייענער געפינען אין אַ פוסנאָט אויף זייט 144 אין „די אַלט־גריכישע פילאָסאָפיע" פון ראובן אגושעוויטש.

אַריינגעמען אַ גרעסערע צאָל סעקונדען ווי מינוטען. לאָזט זיך אָבער דער דאָזיגער חשבון ניט אָנווענדען בנוגע אַן אומענדליכען שטח אָדער אַן אומענדליכער צייט, מחמת אין אומענדליכקייט דאַרף זיך אויסלעגען די גרעסטע צאָל פון יעדער מאָס, און ממילא דאַרף אין אַן אומענדליכען שטח זיך אויסלעגען די זעלבע צאָל פיס ווי אינטשעס, פונקט ווי אין אַן אומ־ענדליכער צייט דאַרף זיך אויסלעגען די זעלבע צאָל מינוטען ווי סעקונדען.

דער זעלבער לאָגישער שוועריגקייט באַגעגענען מיר אין שייכות מיט אונזערע באַשטימטע פאַרהעלטענישען אין שטח און צייט — די פאַרהעלטע־נישען פון העכער און נידעריגער, פריהער און שפעטער אד"ג. לויט אונ־זער שכל הישר מוז אויסקומען, אַז אַ זאַך וואָס איז העכער האָט איבער זיך ווייניגער שטח און אונטער זיך מער שטח ווי אַ זאַך וואָס איז נידעריגער, פונקט ווי אַ זאַך וואָס פּאַסירט פריהער האָט אַ קלענערע פאַרגאַנגענהייט און אַ גרעסערע צוקונפט ווי אַ זאַך וואָס פּאַסירט שפעטער.* אין אַן אומ־ענדליכען שטח מוז אָבער דאָס העכערע און דאָס נידעריגערע האָבען דעם זעלבען אומענדליכען שטח איבער זיך און אונטער זיך, פונקט ווי אין אַן אומענדליכער צייט מוז דאָס פריהערע און דאָס שפעטערע האָבען דער זעלבער אומענדליכער פאַרגאַנגענהייט אָדער צוקונפט.

זיינען די דאָזיגע שוועריגקייטען, פאַרשטעהט זיך, ניט דאָ ערשט ענטדעקט געוואָרען; כמעט יעדער גרויסער פילאָזאָף האָט זיך אַמאָל איבער זיי געבראָכען דעם קאָפּ. נאָר היינט דענקען מאַנכע, אַז די דאָזיגע קאָפּ־ברע־כעניש איז געווען אַן אומזיסטע; זי האָט זיך גענומען בלויז פון דעם וואָס אַמאָל האָט מען ניט פאַרשטאַנען ריכטיג, וואָס אומענדליכקייט איז. ערשט דער מאַטעמאַטיקער ג. קאַנטאר זאָל האָבען געפונען די ריכטיגע דעפיני־ציע פון אומענדליכקייט און מיט דעם זאָל ער האָבען געלעזט אַלע שווע־ריגקייטען.

וואָס האָט מען אַמאָל פאַרשטאַנען אונטער אומענדליכקייט און וואָס האָט ג. קאַנטאר מחדש געווען? אַמאָל האָט מען אונטער אומענדליכקייט פאַרשטאַנען דאָס וואָס דער דאָזיגער וואָרט מיינט פּשוט, עפּעס וואָס האָט ניט קיין סוף. האָט ג. קאַנטאר צוגעגעבען אַ דעפיניציע, וועלכער ב. ראַסעל איז מסביר אַזוי: „אַ קאָלעקציע פון טערמס (טיילען) איז אומענדליך, ווען עס ענטהאַלט אַלס טיילען אַנדערע קאָלעקציעס, וועלכע האָבען פונקט אַזוי פיל טערמס. אויב מיר נעמען אַוועק מאַנכע טערמס פון אַ קאָלעקציע, אָהן

* פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט ווערען דאָ גענוצט בלויז אין באַצוג צו דער עקזיס־טענץ פון צייט. דאָס איז אַנדערש ווי אין דער געוועהנליכער שפּראַך, אין וועלכער די דאָזיגע טערמינען ווערען גענוצט אין באַצוג צו דער עקזיסטענץ פון אַ זאַך: ווען מען זאָגט, אַז אַ זאַך האָט אַ גרויסע פאַרגאַנגענהייט אָדער אַ גרויסע צוקונפט, מיינט מען, אַז די זאַך האָט געהאַט אָדער וועט האָבען אַ גרויסע עקזיסטענץ.

צו פאַרקלענערן דערמיט די צאָל פון טערמס, דאַן איז דאָ אַן אומענדליכע צאָל פון טערמס.״ *

דאָס מיינט, בקיצור, אַז אין אומענדליכקייט קען אַ טייל זיין אַזוי גרויס אין צאָל אָדער אין מאָס ווי דאָס גאַנצע: „למשל, עס זיינען דאָ פּונקט אַזוי פיל גראַד־צאָלן וויפיל עס זיינען דאָ אַלע צאָלן צוזאַמען, מחמת יעדע צאָל קען געטאָפּעלט ווערען. דאָס קען מען זעהן דורך אויסשטעלען אין איין שורה אום און גראַד צאָלען צוזאַמען, און אין אַ שורה אונטען, בלויז גראַד־צאָלען:

ביז צו אומענליכקייט, 5, 4, 3, 2, 1

ביז צו אומענדליכקייט, 10, 8, 6, 4, 2״.

ג.

וואָס זיינען די חסרונות פון דעם, וואָס מען האָט פאַרשטאַנען אַמאָל אונטער אומענדליכקייט, און ווי אַזוי פאַלען די דאָזיגע חסרונות אַוועק דורך קאַנטאָרס דעפיניציע?

איין חסרון פון אַמאָל איז דאָס, וואָס מען האָט דאַן געהאַט בלויז אַ נעגאַטיווען באַגריף פון אומענדליכקייט, מען האָט נאָר געוואוסט דאָס וואָס עס האָט ניט — אַז עס האָט ניט קיין סוף. דורך קאַנטאָרס דעפיניציע דער־וויסען מיר זיך אָבער וועגען דער פּאָזיטיווער נאַטור פון אומענדליכקייט — עס איז פון אַזאַ נאַטור, אַז אַ טייל פון דעם קען האָבען די זעלבע קוואַנ־טיטאַטיווע אייגענשאַפטען ווי דאָס גאַנצע. און דערוויסענדיג זיך וועגען דער דאָזיגער נאַטור פון אומענדליכקייט ווערען מיר ממילא פּטור פון די אַלע שוועריגקייטען, וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדען — ווי אַזוי?

די אַלע שוועריגקייטען נעמען זיך טאַקע פון דעם, וואָס מיר באַמער־קען אין אומענדליכקייט דער דאָזיגער נאַטור: יעדער טייל פון אַ שטיקעל שטח אָדער צייט לאָזט זיך אַזוי ווייט טיילען ווי דאָס גאַנצע; אַכילעס מאַכט אַדורך אין אַ טייל צייט דער זעלבער באַוועגונג, וואָס די טשערעפּאַכע מאַכט אַדורך אין דער גאַנצער צייט; ווען די צוויי צוגען לויפען איינער געגען דעם אַנדערען מאַכט יעדער אַדורך פון איין זייט אַ טייל פון שטח, וואָס ער מאַכט אַדורך פון דער אַנדער זייט; אין אומענדליכען פאַרנעם פון שטח און צייט מאַכען אויס דער אינטש און די סעקונדע דעם זעלבען קוואַנטום ווי דאָס פון וואָס זיי זיינען בלויז טיילען; די מאָס פון אומענד־ליכען שטח אָדער צייט בלייבט דאָס זעלבע פונוואַנעט איר זאָלט איר אַנפאַנגען צו ציהען, ד״ה עס בלייבט די זעלבע צי איר לעגט צו אָדער נעמט אַראָב טיילען פון שטח און צייט.

* דער דאָזיגער ציטאַט, פּונקט ווי דער נעקסטער, קומט פון ראַסעלס Mysticism and Logic, C.5.

זיינען דאָס אַלץ שווערינקייטען ווייל מיר ווייסען אַז עס דאַרף אַזוי ניט זיין, אַז עס שטימט ניט מיט דער קוואַנטיטיווער נאַטור פון אַלע אַנדערע זאַכען. ווען מיר דערוויסען זיך אָבער, אַז דאָס איז די עצם נאַטור פון אומענדליכקייט, און אַז מיט דער דאָזיגער נאַטור צייכענט זיך אויס אומענדליכקייט פון ענדליכקייט, פאַלען ממילא די דאָזיגע שווערינקייטען אַוועק. מיר פאַרשטעהען דאַן, אַז ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אומ־ענדליכקייט דאַרף עס גראַד זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע זאַכען, מחמת אַלע אַנדערע זאַכען זיינען ענדליכע, און ווען דאָס זאָל זיין גלייך צו אַלע אַנדערע זאַכען וואָלט עס ממילא ניט געווען קיין אומענדליכקייט.

אַ צווייטער חסרון פון אַמאָל איז דאָס וואָס די דאַמאָלסטיגע באַציי־כענונג פון אומענדליכקייט איז געווען אַזוי ברייט, אַז זי האָט איינגעשלאָסען אויך עפּעס, וואָס איז ניט אומענדליך. אָט איז די רונדע ליניע פון אַ קרייז ניט אומענדליך, אָבוואָהל זי האָט ניט קיין סוף.* דורך קאַנטאָרס דעפיניציע פון אומענדליכקייט ווערט אָבער אַזאַ ליניע אויסגעשלאָסען, מחמת דער טייל האָט דאָ ניט די זעלבע מאָס ווי דאָס גאַנצע און ווען מען נעמט אַרונטער עפּעס פון אַזאַ ליניע ווערט זי קלענער.

ד.

די דאָזיגע מעלות פון קאַנטאָרס דעפיניציע פון אומענדליכקייט ברענ־גען אַריין בערטראַנד ראַסלען אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער דערקלערט דעם דאָזיגען אויפטו אַלס „וואַרשיינליך די גרעסטע דערגרייכונג מיט וועלכער אונזער צייט האָט צו שטאָלצירען." און אונזער צייט איז ביי ראַסלען ניט קיין שיפּע זיבעלע. אין געגענטייל, ער „ווייס ניט פון קיין צייט (אויסער אפשר די גאָלדענע צייט פון גריכענלאַנד) וואָס זאָל האָבען פאַרצושטעלען אַ מער איבערציינענדען באַווייז פון דער איבערשטייגענדער גאונות פון אירע מענשען." **

איז דאָ ניט דער פּלאַץ צו מעסטען דער גאונות פון די גאונים אין די פאַרשיידענע צייטען. נאָר, אויב קאַנטאָרס דעפיניציע פון אומענדליכקייט זאָל זיין די גרעסטע דערגרייכונג פון אונזער צייט, דאַן וואָלט אונזער צייט געקענט גאַנץ ווייניג שטאָלצירען מיט אירע דערגרייכונגען. נאָך אַלעמען איז דאָך שוין פון לאַנג געווען באַקאַנט, אַז אין אומענדליכקייט קוקט אונז אויס דער טייל צו האָבען דעם זעלבען קוואַנטום ווי דאָס גאַנצע. נאָר

---

* זעה דעם אַרטיקעל אונטער דעם וואָרט „אומענדליכקייט" אין דער „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ."

** די דאָזיגע ציטאַטען קומען פון דעם זעלבען קאַפּיטעל אין Mysticism and Logic.

בעת אַמאָל איז עס אויפגענומען געוואָרען אַלס לאָגישע שוועריגקייט מיט אומענדליכקייט האָט עס קאָנטאַר געקרוינט מיט דעם נאָמען „דעפיניציע פון אומענדליכקייט". זיין גאַנצער אויפטו באַשטעהט אַלזאָ אין משנה־שם־זיין — איז עס אַזאַ גרויסער אויפטו?

נאָר וואָלט כאָטש דער דאָזיגער אויפטו ווירקליך באַזייטיגט די שוועריגקייטען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אומענדליכקייט — אָט אַזוי ווי ראָסעל וויל אונז איינרעדען. טוט ער עס אָבער ניט באַזייטיגען; אַפילו ווען מען זאָגט אונז שוין, אַז דאָס איז די עצם נאַטור פון אומענדליכקייט קענען מיר נאָך אַלץ ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי איז אַזאַ זאַך מעגליך — ווי אַזוי איז מעגליך, אַז דער טייל זאָל זיין אַזוי גרויס אין קוואַנטום ווי דאָס גאַנצע, וועלכעס שליסט דאָך איין דעם טייל מיט נאָך עפּעס מער.

מען טאָר ניט פאַרגעסען, אַז די דאָזיגע שוועריגקייטען נעמען זיך ניט פון דעם, וואָס אַזאַ זאַך שטימט ניט מיט אונזערע דערפאַרונגען, וועלכע האָבען צו טאָן מיט ענדליכקייט, נאָר פון דעם וואָס אַזאַ זאַך איז ווידער־שפּרעכליך און לאָזט זיך ניט דענקען — עס לאָזט זיך ניט דענקען, אַז דאָס וואָס איז מער זאָל זיין ניט מער. דאָס זיינען אַלזאָ שוועריגקייטען פאַר־בונדען מיט דער עצם נאַטור פון אונזער געדאַנק, אומאָפּהענגיג פון דעם אָביעקט וועלכען מיר דענקען, און דערפאַר מוזען זיי בלייבען וואָס עס זאָל ניט זיין דער אָביקעט פון אונזער געדאַנק, ענדליכקייט אָדער אומענדליכקייט.

ה.

אַזוי זעהען מיר ווי קאָנטאָרס דעפיניציע איז ניט בכח אָבצושאַפען די שוועריגקייטען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אומענדליכקייט. זי האָט אַלזאָ ניט די מעלות, וואָס מען שרייבט איר צו. פון דער צווייטער זייט האָט זי אָבער גרויסע חסרונות — ריכטיגער געזאָגט, זי איז כולה חסרון; זי טויג איבערהויפּט ניט אַלס דעפיניציע פון אומענדליכקייט, מחמת עס פעלט איר די הויפּט אייגענשאַפט פון אַזאַ דעפיניציע.

די הויפּט אייגענשאַפט פון אַ דעפיניציע איז אויסצודריקען דעם וועזען פון דער דעפינירטער זאַך, אויף אַזוי ווייט, אַז ווען איינער זאָל ניט וויסען וואָס די דעפינירטע זאַך איז זאָל ער זיך עס דערוויסען דורך דער דעפיניציע. אַזוי, למשל, ווען איינער זאָל ניט וויסען וואָס מיינט גראַד, וועט ער זיך עס דערוויסען ווען מען וועט אים זאָגען, אַז עס מיינט אַ צאָל פון וועלכער די העלפט איז אַ פולע צאָל (ניט קיין פראַקציע). איז אָבער שווער צו גלויבען, אַז איינער וואָס וויים ניט וואָס עס מיינט אומענדליכקייט וועט זיך

עס דערוויסען ווען מען וועט אים זאָגען, אַז עס מיינט, עפּעס פון וואָס דער טייל איז גלייך צו דאָס גאַנצע. גיכער וועט ער עס אויפנעמען אַלס אַ מאָדנע רעטעניש, אָדער גאָר אַלס אַ לאָגישען אומזין; עס וועט אים אָבער אודאי ניט איינפאַלען, אַז דאָס מיינט עפּעס וואָס האָט ניט קיין סוף.

זעהט איר, ווען מען וועט אים זאָגען, אַז אומענדליכקייט מיינט, ניט האָבען קיין סוף, וועט ער עס מסתמא גאַנץ גוט פאַרשטעהן. עס וועט אים ניט שאַדען אַפילו דאָס וואָס ער וועט האָבען פון דעם בלויז אַ נעגאַטיווען באַגריף, מחמת אין דעם נעגאַטיווען באַגריף וועט ער געפינען דעם ריכ־טיגען וועזען פון אומענדליכקייט, וועלכעס איז בעצם נעגאַטיוויטעט.* פּאָזי־טיוויטעט איז מיט דעם בלויז פאַרבונדען אַלס אַן אָנגעהעריקער סוביעקט — די זאַך וואָס איז אומענדליך איז פּאָזיטיוו; אָבער אומענדליכקייט זעלבסט, אַלס פּרעדיקאַט, אַלס אַדווערב, איז נעגאַטיוו. נאָך מער, עס קען אַפילו געטרענט ווערען פון יעדען סוביעקט און דאַן איז עס בלויז נעגאַטיוויטעט; גאָרנישט איז אויך אומענדליך. כדי צו פאַרבינדען עס מיט פּאָזיטיוויטעט מוז עס דערפאַר בפירוש פאַרבונדען ווערען מיט אַ סוביעקט; מען מוז זאָגען, אַן אומענדליכע זאַך אָדער אַן אומענדליכע עקזיסטענץ.

אַזאַ איינער וואָס וועט ריכטיג פאַרשטעהן דעם מיין פון די ווערטער, „ניט האָבען קיין סוף", וועט אודאי אויך אויסשליסען פון דעם די רונדע ליניע פון אַ קרייז, מחמת אַזאַ ליניע האָט אַ סוף, וואו מען זאָל איר אָנפאַנגען קען זי נאָר געצויגען ווערען ביז צו דעם פּונקט פונוואַנעט מען האָט איר אָנגע־פאַנגען; ווייטער וועט בלויז איבערגע'חזר'ט ווערען דאָס זעלבע. דער סוף פון אַזאַ ליניע איז אַלזאָ דער פּונקט וואָס גרענעצט זיך מיט איר אָנפאַנג — כאָטש אויפן קוק איז דער סוף פון אַזאַ ליניע ניט באַשטימט, מחמת איר אָנפאַנג איז ניט באַשטימט.

כדי צו באַטאָנען דעם חילוק צווישען אַ ליניע, וואָס האָט ניט קיין סוף און אַ ליניע וואָס האָט ניט קיין באַשטימטען סוף, וואָלט באַדאַרפט צוגע־געבען ווערען, אַז די ערשטע איז אַ המשך פון פאַרשיידענהייט. די דאָזיגע כאַראַקטעריסטיק פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין עצם וועזען פון אומענדליכקייט און איר געפינט איר דעריבער אין יעדען סאָרט אומענדליכקייט. אַזוי איז צאָל אומענדליך ניט ווייל איר קענט כסדר איבער'חזר'ען דער זעלבער צאָל נאָר ווייל איר קענט כסדר בילדען נייע צאָלען; אַזוי איז שטח אומענדליך

* עפּעס וואָס איז פּאָזיטיוו קען ניט דעפינירט ווערען דורך אָנווייזען דאָס וואָס עס איז ניט, אָבער עפּעס וואָס איז נעגאַטיוו קען דעפינירט ווערען נאָר דורך אָנווייזען דאָס וואָס עס איז ניט. ווען מען זאָל דעפינירען רויט אַלס ניט שוואַרץ, ניט ווייס, ניט גרין אאַ"וו, וועט מען דאַדורך ניט דערקלערען וואָס רויט איז. דאַגעגען, וועט קאָלירלאָזיגקייט גאַנץ גוט דעפינירט ווערען דורך אָנווייזען אַז עס איז אַ פעלען פון קאָלירען.

די פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט

ווייל איר קענט כסדר זיך פאָרשטעלן נייע שטחים און אַזוי איז צייט אומ־ענדליך, ווייל איר קענט כסדר זיך פאָרשטעלן אַנדערע צייטען.

ווייטער וועלען מיר זעהן פונוואַנעט די דאָזיגע כאַראַקטעריסטיק פון אומענדליכקייט נעמט זיך, ווי אויך איר שייכות מיט די פּראָבלעמען, וואָס מיר האָבען געפונען אין צענאָ׳ס פּאַראַדאָקסען, און אַז דאָס וועט אונז פיליכט געבען דעם שליסעל צו עפּעס אַ לעזונג פון די דאָזיגע פּראָבלעמען.

צענטער קאַפּיטעל

אַ פּרואוו אַריינצוברענגען אַ ביסעל ליכט אין די פּראָבלעמען פון אומענדליכקייט און באַוועגונג

איינהייט און פאַרשיידענהייט. — דער שייכות פון איינהייט מיט אומענדליכ־קייט און רוה. — דער שייכות פון פאַרשיידענהייט מיט ענדליכקייט און באַ־וועגונג. — די שותפות צווישען איינהייט און פאַרשיידענהייט ווערט באַמערקט אין אַלץ און עס איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, וואָס עס ווערט אויך באַ־מערקייט אין אומענדליכקייט און אין באַוועגונג. — איינהייט און פאַרשיידענהייט ווערען דערקענט דירעקט בעת די סתירה צווישען ענדליכקייט און אומענדליכקייט אָדער באַוועגונג און רוה ווערט דערקענט אומדירעקט. — אין דירעקטע דערקענטעניסען דאַרפען מיר ניט דערקענען די מקורות פון דער דער־קענטעניש, בעת אין די אומדירעקטע דערקענטענישען דאַרפען מיר זיי דערקענען. — ווען מיר דערקענען ניט די מקורות פון אַ דערקענטעניש, לאָזט זיך זאָגען, אַז די טיילען שטאַמען אַפּ ניט פון זעלביגען מקור. — דאָס שוואַכט אָפּ די סתירה אין שותפות צווישען איינהייט און פאַרשיי־דענהייט און במילא אויך צווישען ענדליכקייט און אומענדליכקייט. — די סתירה צווישען באַוועגונג און רוה פאַלט אַוועק, ווען דורך אַ גרינדליכען אַנאַ־ליז געפינען מיר אויס די דעפיניציעס פון באַוועגונג און רוה. — דער טעות פון די מאַטעריאַליסטען אין אָננעמען, אַז די דירעקטע דערקענטענישען באַ־קענען אונז מיט זייער מקור.

א.

אַנאַליזירענדיג אַמאָל די באַגריפען איינהייט און פאַרשידענהייט האָבען מיר געהאַט געפונען, אַז יעדער איינער פון די דאָזיגע באַגריפען לעגט זיך אויס אין פיער פאָרמען: גלייכאַרטיגקייט, קאָמבינאַציע, צוזאַמענבונד און דער אוניט זיינען פאָרמען פון איינהייט; פאַרשיידענאַרטיגקייט, אָבגעזונ־דערטקייט, צוטיילונג און פילהייט זיינען פאָרמען פון פאַרשיידענהייט.* ווען מען באַמערקען, אַז די דאָזיגע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט האָבען מיר צו פאַרדאַנקען סיי די עצם אידייען פון די פאַרשיידענע סאָרטען אומענדליכקייטען און סיי די שוועריגקייטען, וואָס זיינען מיט די דאָזיגע אידייען פאַרבונדען.

---

* זעה זייט 27 אין בוך „פּרינציפּען" פון ראובן אגושעוויטש.

נעמט די אומענדליכקייטען פון שטח און צייט. איז ניט שווער איינ־צוזעהן, אַז דער הויפּט פאַקטאָר אין די דאָזיגע אומענדליכקייטען איז די ערשטע פאָרמע פון איינהייט, גלייכאַרטיגקייט. אין אנקלאַנג מיט דער דאָ־זיגער פאָרמע ווערט איבעראַל אויפגענומען דער זעלבער שטח און אַלע מאָל, די זעלבע צייט. פון דער צווייטער זייט פאָדערט אָבער די פאַרשיי־דענאַרטיגקייט פון מאַסען און פאַרהעלטענישען (ווי עס איז באַוויזען גע־וואָרען אין דעם צווייטען אָבשניט פון דעם פריהערדיגען קאַפּיטעל) אַז עס זאָל אויפגענומען ווערען עפּעס אַ ברעג צו שטח און צייט.

אָדער נעמט דער אומענדליכקייט פון אורזאַכליכקייט. די דאָזיגע אידייע ציהט איר יחוס פון דעם באַקאַנטען אַלט־גריכישען מאמר, „פון גאָרנישט קומט גאָרנישט"; דאָס וואָס עקזיסטירט קען דערפאַר קומען נאָר פון עפּעס, וואָס האָט עקזיסטירט, ד"ה פון אַן אורזאַך, און די אורזאַך גופא האָט ווידער געמוזט האָבען צו פאַרדאַנקען איר עקזיסטענץ אַן אַנדער אורזאַך און אַזוי אָהן אַ סוף. פונוואַנעט נעמט זיך אָבער דער דאָזיגער מאמר גופא? נישט פון עפּעס אַנדערש ווי פון אונזער אידייע פון גלייכאַרטיגקייט — אַן אידייע וועלכע פאָדערט טאַקע, אַז גאָרנישט זאָל אַלע מאָל בלייבען גאָרנישט.

פונקט אַזוי ווערט געפאָדערט דורך דער זעלבער אידייע, אַז דאָס וואָס עקזיסטירט זאָל אַלע מאָל עקזיסטירען. פלעגט טאַקע דערפאַר מיט דעם דערמאָנטען גריכישען מאמר מיטגעהן אַ צווייטער מאמר, „דאָס וואָס עקזיסטירט קען ניט ווערען גאָרנישט". און פון אָט דעם דאָזיגען מאמר נעמט זיך ווידער די אַנדערע זייט פון אומענדליכקייט אין שייכות מיט אור־זאַכליכקייט; ווערט דערפאַר אָנגענומען, אַז יעדע אורזאַך מוז ברענגען אַן עפעקט און יעדער עפעקט מוז גילטען אַלס אורזאַך פאַר אַן אַנדער עפעקט און אַזוי אָהן אַ סוף.

די אידייע פון גלייכאַרטיגקייט איז אַלזאָ די מוטער פון דער אידייע פון אומענדליכקייט אין שייכות מיט אורזאַכליכקייט. און פונקט אַזוי איז פאַרשיידענאַרטיגקייט די אידייע וועלכע דערלאָזט ניט דער דאָזיגער אומ־ענדליכקייט — ווי אַזוי?

קודם וועגען דעם עצם פאַקט פון פאַרשיידענאַרטיגקייט בנוגע אור־זאַכליכקייט. איז אודאי ניט שווער צו באַווייזען, אַז מיט אורזאַכליכקייט מוז אויפגענומען ווערען פאַרשיידענאַרטיגקייט, מחמת דער עפעקט און זיין אור־זאַך קענען דאָך ניט פאַרשטעלען ממש די זעלבע זאַך.

די פאַרשיידענאַרטיגקייט וואָס ווערט אויפגענומען אין אורזאַכליכ־קייט קומט אין דער פאָרמע פון ענדערונגען. אַן ענדערונג מוז ווידער מיי־נען, אַן עקזיסטענץ וואָס איז אַנדערש פון דעם וואָס איז געווען פריהער, און דערפאַר מוז יעדע ענדערונג האָבען פאַר זיך אַ צייט אין וועלכער זי איז נאָך נישט געווען. מהאי טעמא קען ענדערונג נישט אויפגענומען ווערען אַלס עפּעס וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אַלע צייטען, נאָר עס האָט געמוזט

זיך אָנפאַנגען ערשט נאָך עפּעס אַ צייט. אָבער מיט דעם ווערט שוין ממילא דערקלערט, אַז עס האָט אַן אָנפאַנג, אַז עס איז ניט אומענדליך. און אויב ענדערונג האָט אַן אָנפאַנג, אויב אין שפּיץ פון די עפעקטען מוז זיין אַן ערשטער עפעקט, מוז די אורזאַך פון דעם זיין אַן ערשטע אורזאַך, איז אורזאַכליכקייט ממילא נישט אומענדליך.*

די אומענדליכקייט אין שייכות מיט טיילבאַרקייט נעמט זיך ווידער פון דער צווייטער פאָרמע פון איינהייט, פון קאָמבינאַציע. אַזוי מוז יעדער שטיקעלע שטח, למשל, אויפגענומען ווערן ווי אַ קאָמבינאַציע פון זעקס זייטען. די דאָזיגע אומענדליכקייט ווערט ווידער אָבגעפרעגט דורך דער צווייטער פאָרמע פון פאַרשיידענהייט, דורך דער אידייע פון אָבגעזונדערט־קייט, וועלכע צווינגט אונז אָנצונעמען פאַרקערט, אַז יעדע זאַך באַשטעהט פון אָבגעזונדערטע טיילען.

און זוכענדיג קען מען געפינען אין אומענדליכקייט אויך די אַנדערע צוויי פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט: אָט האָבען מיר געהאָט אויסגעפירט ביים סוף פון פאָריגען קאַפּיטעל, אַז אומענדליכקייט דאַרף דערקלערט ווערען אַלס אַ המשך פון פאַרשיידענהייט. אָבער המשך איז גראָד די דריטע פאָרמע פון איינהייט — צוזאַמענבונד. פון דער צווייטער זייט, ווערט דורך דער פאַרשיידענהייט פון דעם המשך פאַרגעשטעלט אַ פּערפעקטע צוטיילונג. זאָגט דאָך קאַנט אין זיין „קריטיק פון ריינער פאַר־נונפט", אַז אין אַ המשך (פאָרטזעצונג) זיינען ניטאָ קיין צוויי טיילען, וואָס זאָלען זיין אַזוי נאָהענט אַז זיי זאָלן ניט צולאָזען קיין צווישען טיילען.** און צוטיילונג איז גראָד די דריטע פאָרמע פון פאַרשיידענהייט.

דער פערטער פאָרמע פון איינהייט באַגעגענען מיר אין אומענדליכקייט אַלס אַן אַלגעמיינעם באַגריף. דורך דער דאָזיגער איינהייט'ס פאָרמע ווערען צוזאַמענגענומען די פאַרשיידענע אומענדליכקייטען אַלס אַן אַלגעמיינע אומ־ענדליכקייט. דאָס איז שפּינאָזעס אומענדליכער וועזען, וועלכער שליסט אויס

---

* די דאָזיגע אומענדליכקייט קען אויך אָפּגעפרעגט ווערען דורך די באַשטימטע שטופען וואָס מיר באַמערקען אין דער נאַטירליכער עוואָלוציע: די נאַטור ענטוויקעלט זיך שטופענווייז, פריהער דערגרייכט זי אַ פריהערדיגע שטופע פון ענטוויקלונג און שפּעטער דערגרייכט זי אַ שפּעטערדיגע שטופע. אָבער אויב דער גאַנג פון איר עוואָלוציע זאָל ניט האָבען אַן אָנפאַנג, דאַן מוז די נאַטור אין יעדער עפּאָכע שוין האָבען אַדורכגע־מאַכט אַן אומענדליכע צאָל שטופען און דאָס וואָס זי דערגרייכט ערשט שפּעטער וואָלט זי שוין געמוזט האָבען דערגרייכט פריהער. וועט מען באַמערקען, אַז דער דאָזיגער אַרגו־מענט, וועלכער איז באַנוצט געוואָרען דורך קאַנטען, געהט אויף דעם זעלבען שטייגער ווי דער אַרגומענט געגען דער אומענדליכקייט פון שטח און צייט — פונקט ווי יענער שפּאַרט ער זיך אָן אויף דער פאַרשיידענהייט פון פאַרהעלטענישען, ד"ה אַז פונקט ווי יענער נעמט ער זיך פון פאַרשיידענאַרטיגקייט.

** זעה זייט 138 אין מאַקס מילערס ענגלישער איבערזעצונג פון קאַנטס „קריטיק פון ריינער פאַרנונפט."

פון זיך יעדער ענדליכקייט — אַזוי ווי לעבען אין אַלגעמיין שליסט אויס פון זיך טויט. די דאָזיגע אומענדליכקייט ווערט אָבער אָבגעפרעגט דורך דעם, וואָס עס מוז באַשטעהן פון פיל אַטריבוטען און פיל מאָדוסען, וועלכע מוזען זיך געגענזייטיג אויסשליסען און ממילא באַגרענעצען. די שטערונגען אויפן וועג פון דער דאָזיגער אומענדליכקייט קומען אַלזאָ פון פילהייט, וועלכע איז די פערטע פאָרמע פון פאַרשיידענהייט.

ב.

פון דעם דאָזיגען אַנאַליז פאָלגט, אַז די גאַנצע מעשה פון אומענדליכ־קייט, מיט דעם גאַנצען קאָמפּלעקס פון שוועריגקייטען אַרום דעם, איז נישט מער ווי אַן אילוזיע, וועלכע ווערט געבאָרען דורך דעם, וואָס מיר זיינען געניגט אויפצונעמען אין זאַכען סיי איינהייט און סיי פאַרשיידענהייט. מיט דעם ווערט ניט געמיינט צו באַשטימען, אַז באמת איז אומענדליכקייט לא היה ולא נברא, אַז שטח, למשל, מוז זיין ענדליך סיי אין פאַרנעם און סיי אין טיילבאַרקייט. מען טאָר ניט פאַרגעסען, אַז אומענדליכקייט געפינט זיך ניט אין די גרענעצען פון אונזער דערקענטעניש ספערע און מיר קענען זיך דערפאַר וועגען דעם ניט אַרויסזאָגען, ניט אין אַ פּאָזיטיווען זין און ניט אין אַ נעגאַטיווען זין. עס מיינט בלויז, אַז ווען ניט דער איינפלוס פון די איינהייטס פאָרמען וואָלט אונז גאָר ניט איינגעפאַלען צו דענקען וועגען אומענדליכקייט, פונקט ווי עס פאַלט אונז ניט איין צו דענקען, אַז אויפן הימעל איז אַ יאַריד. פאַר אונז וואָלט דעריבער אומענדליכקייט ניט עקזיס־טירט, און די אומענדליכקייט וואָס עקזיסטירט פאַר אונז איז ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון איינהייט.

די ענטדעקונג פון דעם קאָנפליקט צווישען איינהייט און פאַרשיידענ־הייט אין דער פּראָבלעמע פון אומענדליכקייט וואַרפט אַ ליכט אויך אויף דער צווייטער פּראָבלעמע, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין צענאָ'ס פּאַראַדאָקסען — די פּראָבלעמע פון אויסמאַכען באַוועגונג פון מאָמענטען פון רוה. מיר זעהען איצט גאַנץ בולט ווי אויך אין דער דאָזיגער פּראָבלעמע נעמט זיך די שווע־ריגקייט פון דעם זעלבען מקור. דאָ ווערט די פאַרשיידענהייט פאַרטראָטען דורך באַוועגונג, וועלכעס איז ענדערונג — ענדערונג פון פּלאַץ. די איינ־הייט, ווידער, ווערט דאָ פאַרטראָטען דורך רוה, וועלכעס איז איינהייט פון פּלאַץ.

און אַזוי זיינען מיר דאָ צוגעקומען צום קוואַל פונוואַנעט עס פליסען אַלע צענאָ'ס פּאַראַדאָקסען און אַלע קאַנט'ס אַנטינאָמיעס; עס איז דער אייביגער ויתרוצצו צווישען דעם צווילינג פון היפוכים, איינהייט און פאַר־שיידענהייט, וועלכע מוזען נעבעך צוזאַמענוואוינען אין איין נאָרע. אָבער

איז דען דער דאָזיגער צוזאַמענוואוינען אַזאַ חידוש? טרעפן מיר אים דען ניט, פאַרקערט, אין יעדען קענטעניש אָביעקט?

כדי זיך ניט צושפרייטען איבער אַ ענין וועגען וועלכען עס איז שוין פיל גערעדט געוואָרען ערגעץ אַנדערש, וועלען מיר דעם לעזער אַפּשיקען צו דעם דערמאָנטען בוך „פּרינציפּען", פון ראובן אַגושעוויטש*, וואו עס ווערט געוויזען ווי אַזוי אַלע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט נעמען אַנטייל אין דער ענטוויקלונג און אין דער אויפבילדונג פון אַלע געגענ־שטאַנדען. נאָר אַלס אַ פּאָר ביישפּילען קענען דאָ אָנגעוויזען ווערען פאַקטען וועלכע זיינען שוין דאָ גופא דערמאָנט געוואָרען. אַזוי איז שוין דאָ דער־מאָנט געוואָרען דער פאַקט, וואָס אַלע מאַטעריעלע געגענשטאַנדען פון וועלכע מיר ווייסען, ווי אויך די מאָלעקולען, אַטאָמען, פּראָטאָנען און עלעקטראָנען אין יעדען מאַטעריעלען געגענשטאַנד גופא, זיינען סיי צוזאַמענגעבונדען און סיי פונאַנדערגעטיילט. און אַזוי איז שוין דאָ אויך דערמאָנט געוואָרען דער פאַקט, וואָס פאַרשיידענע אייגענשאַפטען שטעלען פאָר ממש דער זעל־בער זאַך (דאָס זעלבע שטיקעל צוקער ווערט פאַרגעשטעלט דורך ווייסקייט, זיסקייט און האַרטקייט).

און ניט נאָר אין דעם דערקענטעניש אָביעקט נאָר אויך אין דעם דער־קענער מערקט זיך אַ מאָדנע קאָמבינאַציע און אַ מאָדנע צוזאַמענאַרבעט פון אַזוינע ווייט אָפּגעזונדערטע עלעמענטען, ווי קערפּער און באַוואוסטזיין. ווייס מען דאָך, אַז יעדער מענשליכער געפיהל אָדער יעדע מענשליכע האַנדלונג איז אַ רעזולטאַט סיי פון אַ באַוועגונג אין קערפּער און סיי פון אַ באַשטי־מונג אין באַוואוסטזיין. און פונקט אַזוי איז די דערקענטעניש גופא עפּעס אַזאַ מין שעטנז. אָט זעהען מיר אַ הויז. דער באַוואוסטזיין שטעלט אונז פאָר אַ שטיק מאַטעריע, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון הונדערטער פוס. שיקט זיך אָבער ניט, אַז די דאָזיגע פאָרשטעלונג איז טאַקע אמתע מאַטעריע — מחמת ווי אַזוי איז אַזאַ שטיק מאַטעריע אַריינגעקראָכען האַק און פּאַק און זיך אויסגעשטעלט אין אונזער באַוואוסטזיין? עס שיקט זיך אויך ניט, אַז עס איז ריינער באַוואוסטזיין — מחמת ווי אַזוי קען באַוואוסטזיין פאַרנעמען שטח? עס מוז דערפאַר זיין עפּעס אינצוואָוישען, אַ קאָמבינאַציע פון דיביידע.

אַזוי זעהט מען ווי אין אַלע זאַכען געהען פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט צוזאַמען, און עס וואָלט דערפאַר געווען אַ וואונדער, ווען אין שטח, אין צייט, אין אורזאַכליכקייט און אין באַוועגונג זאָלן זיי ניט געהן צוזאַמען — איז מה רעש? פאַר וואָס שטעלט עס מיט זיך פאָר אַזאַ שווערע פּראָבלעמע? וואָס ווערען מיר אַזוי נתפעל ווען די היפוכים פון

* זעה דאָרט „פּראָגרעס," אָפּשניט ה, וועלכער פאַנגט זיך דאָרט אָן אויף זייט 192.

איינהייט און פאַרשיידענהייט דריקען זיך אַמאָל אויס אַלס היפּוכים פון ענדליכקייט און אומענדליכקייט, אָדער פון באַוועגונג און רוה?

ג.

וועט מען אודאי זאָגען: נו, און וואָס האָבען מיר פון דעם וואָס די סתירה צווישען ענדליכקייט און אומענדליכקייט אָדער צווישען באַוועגונג און רוה ווערט פאַרבונדען מיט דער סתירה צווישען איינהייט און פאַר־שיידענהייט, און וואָס האָבען מיר פון דעם, וואָס די סתירה צווישען איינ־הייט און פאַרשיידענהייט ווערט אויסגעפונען צו זיין אַ צרת רבים — ווערט דען מיט דעם די דאָזיגע סתירה אויס סתירה?

איז אָבער דאָ אַ גרויסער חילוק צווישען דער סתירה פון איינהייט און פאַרשיידענהייט און דער שיינבאַרער סתירה פון ענדליכקייט און אומ־ענדליכקייט אָדער באַוועגונג און רוה — אַ חילוק וועלכער נעמט זיך פון דעם וואָס איינהייט און פאַרשיידענהייט ווערען דערקענט דירעקט, בעת די דער־קענטעניש פון ענדליכקייט און אומענדליכקייט אין דער טיילבאַרקייט און אין דעם פאַרנעם פון שטח, צייט און אורזאַכליכקייט, פונקט ווי פון רוה און באַוועגונג, ווערט געדרונגען לאָגיש. וואָס איז דער חילוק?

אַ דירעקטע דערקענטעניש ווערט אונז דערלאַנגט פאַרטיגערהייד. דערפאַר דערקענען מיר איר נאָר ווי זי איז, אָבער ניט ווי אַזוי זי ענט־שטעהט, אָדער פונוואַנעט אירע איינצעלהייטען קומען. ווען מיר זעהען דעם ווייסען קאָליר פון צוקער דערקענען מיר ניט בשעת מעשה פונוואַנעט ער קומט; צי פון אַ באַשטימטען עלעמענט אין צוקער, אָדער פון אַ שותּפות צווישען אַלע צוקער עלעמענטען, אָדער אפשר גאָר פון אַ שותּפות וואָס נעמט אַריין סיי די צוקער עלעמענטען און סיי דער נאַטור פון אונזער אויג. דאַגעגען, טוען מיר אַ לאָגישער דערקענטעניש אַליין אויפבילדען און מיר מוזען דערפאַר וויסען גענוי די שטאָף פונוואַנעט יעדע איינצעלהייט פון דער דערקענטעניש קומט. און אָט פון דעם דאָזיגען חילוק פאָלגט, אַז אַ סתירה אין אַ לאָגישען שלוס מוז פאַרשטעלען פאַר אונז אַ גרויסע לאָגישע שוועריגקייט, בעת פון אַ סתירה אין אַ דירעקטער דערקענטעניש דאַרפען מיר גאָרניט ווערען נתפּעל — ווי אַזוי?

יעדערער פאַרשטעהט, אַז אַ סתירה איז נאָר גילטיג ווען די צוויי ענט־געגענגעזעצטע דערקענטענישען קומען פון דעם זעלבען מקור — עס וועט נאָר זיין אַ סתירה ווען די זעלבע זאַך זאָל דערקענט ווערען סיי אַלס עקזיס־טירענד און סיי אַלס ניט־עקזיסטירענד; עס וועט אָבער ניט זיין קיין סתירה ווען איין זאַך זאָל דערקענט ווערען אַלס עקזיסטירענד און אַן אַנדער זאַך זאָל דערקענט ווערען אַלס ניט־עקזיסטירענד, פונקט ווי עס איז ניטאָ קיין סתירה אין דעם וואָס צוויי מאָל צוויי מאַכט אויס אַן אַנדער סך־הכול

ווי צוויי מאָל דריי. און אָט דערפאַר איז אין אונזערע דירעקטע דערקענ־טעניש ניט שייך אַן אמתע סתירה, מחמת ניט קענענדיג דאָ דעם מקור פון אונזערע דערקענטעניש קענען מיר דאָך ניט וויסען צי די ענטגעגענגע־זעצטע דערקענטענישען פאָלגען דאָ פון דעם זעלבען מקור. דאַגעגען, איז גאַנץ גוט שייך אַן אמתע סתירה אין לאָגיק, וואו מיר דאַרפען וויסען גענוי דעם מקור פונוואַנעט יעדער טראַפען דערקענטעניש פאָלגט.

דאָס איז אייגענטליך דער ענטפער וואָס סאָקראַטעס גיט צענאָ'ן אין פלאַטאָ'ס „פּאַרמענידעס״: „עס איז ניטאָ קיין סתירה אין דעם וואָס די זעלבע זאַך איז סיי גלייך און סיי פאַרשיידען, מחמת די זעלבע זאַך קען אַנטייל נעמען סיי אין דער אידייע פון גלייכאַרטיגקייט און סיי אין דער אידייע פון פאַרשיידענאַרטיגקייט, זי קען זיין גלייך אין איין הינזיכט און פאַרשיידען אין אַן אַנדער הינזיכט.* אַ סתירה וואָלט נאָר געווען ווען די אידייע פון גלייכאַרטיגקייט זאָל דערקענט ווערען אַלס אידייע פון פאַר־שיידענאַרטיגקייט.

די סתירה צווישען איינהייט און פאַרשיידענהייט פאַלט אַלזאָ אַוועק; און אַוועקפאַלענדיג שלעפּט זי אויך מיט די סתירות צווישען די אַנדערע דערקענטענישען וואָס פאָלגען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט — אָט ווי למשל די סתירה צווישען ענדליכקייט און אומענדליכקייט. דאָ זעהט נאָך אויס די זאַך פּשוטער, ווייל ווי באַלד אַז אומענדליכקייט פאָלגט פון איינ־הייט און ענדליכקייט פאָלגט פון פאַרשיידענהייט טוען דאָך די צוויי ניט פאָלגען פון דעם זעלבען מקור און ממילא ווערט די סתירה צווישען זיי בטל.

ד.

דער דאָזיגער ענטפער זעהט אויס ניט צו גילטען פאַר דער צווייטער פּראָבלעמע — פאַר דער פּראָבלעמע פון באַוועגונג און רוה. דאָ שיינט די סתירה צו זיין אין דער אידייע גופא: באַוועגונג באַשטעהט פון מאָמענטען פון רוה; באַוועגונג איז רוה. אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם אַביסעל טיפער זעהט מען, אַז אויך דאָ נעמט זיך די שווערינקייט צוליב אַ פאַרזעהן אין שייכות מיט איינהייט און פאַרשיידענהייט. און אַז אויך דאָ

---

* פונקט אַזוי קען די זעלבע זאַך זיין טיילוויז צוזאַמענגעבונדען און טיילוויז פאַנאַנ־דערגעטיילט — צוזאַמענגעבונדען מחמת איין גרונד און פונאַנדערגעטיילט מחמת אַן אַנדער גרונד. די איינהייטס פאָרמע פון וועלכער אומענדליכקייט ווערט געדרונגען שיינט גאָר צו פאָלגען פון אַ סוביעקטיווען מקור, מחמת מיר וויסען פון דער דאָ־זיגער איינהייט נאָך פריהער ווי מיר האָבען באַוויזען אַנצוקוקען דעם אָביעקט; נאָך איידער מיר האָבען געזעהן די דאָזיגע זאַכען פנים אל פנים ווייסען מיר שוין, אַז שטענדיג מוז און וועט מוזען זיין די זעלבע צייט, אַז איבעראַל מוז עקזיסטירען דער זעלבער שטח, אַז יעדער שטיקעל שטח איז אַ קאָמבינאַציע פון זעקס פאַרשיידענע זייטען אד״ג.

נעמט זיך דער דאָזיגער פאַרזעהן צוליב אַן אונטערשייד צווישען דעם דענקען און דעם דירעקטען דערקענען פון באַוועגונג און רוה — ווי אַזוי?

קודם דאַרפען באַשטימט ווערען די פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיי־דענהייט וואָס זיינען פאַרטראָטען אין רוה און באַוועגונג. איז אויפן ערשטען בליק געפינט מען שוין דאָ דעם „אוניט" און דער „פילהייט" — אין רוה ווערט דערהערט אַ זיין אויף איין פּלאַץ, בעת אין באַוועגונג ווערט דערהערט אַ זיין אויף פיל פּלעצער. אָבער ווען עס זאָל זיך האַנדלען נאָר אין די דאָזיגע פאָרמען פון איינהייט און פאַרשיידענהייט, וואָלטען באַוועגונג און רוה גאָרניט פאָרגעשטעלט קיין פּראָבלעמע, ווייל אויף אַזאַ אופן וואָלט באַ־וועגונג באַדאַרפט באַשטעהן פון מאָמענטען פון רוה, פּונקט ווי יעדע פילהייט באַשטעהט פון אוניטס — פּונקט ווי דער צענדליג באַשטעהט פון איינסען — איז וואו ליגט דאָ די שוועריגקייט?

די שוועריגקייט ליגט דאָ אין דעם, וואָס צווישען באַוועגונג און רוה איז פאַראַן נאָך אַן אונטערשייד — אַן אונטערשייד וואָס איז ניטאָ ערגעץ אַנדערש צווישען דער פילהייט און דעם אוניט: ערגעץ אַנדערש איז דאָ אין דער פילהייט נאָר דאָס וואָס איז געווען אין די אוניטס, „אין בכלל אלא מה שבפרט"; אין באַוועגונג איז אָבער דאָ אויך ענדערונג, וועלכעס איז אין רוה ניטאָ. און אָט דער דאָזיגער אונטערשייד מאַכט אַז באַוועגונג זאָל זיין קוואַליטאַטיוו אין היפוך צו רוה, וועלכעס איז וועזענטליך אַ ניט־ענדערונג, און דערפאַר לאָזט זיך ניט זאָגען, אַז די זעלבע זאַך זאָל זיך אין דער זעלבער צייט סיי באַוועגען און סיי רוהען.

אָבער דאָ בעט זיך די פראַגע — פונוואַנעט ווייס מען אַז אַ זאַך באַוועגט זיך און רוהט אין דער זעלבער צייט, און ניט אין פאַרשיידענע צייטן? ווען מען אודאי דערמאָנען די הנחות וועגען באַוועגונג און רוה, וואָס זיינען דאָ געבראַכט געוואָרען אין פריהערדיגען קאַפּיטעל, דהיינו, אַז דאָס וואָס באַ־וועגט זיך מוז אין יעדען מאָמענט זיין אויף איין פּלאַץ, און אַז דאָס גופא זאָל אויך זיין רוה. זיינען אָבער די דאָזיגע הנחות ביידע ניט אין גאַנצען ריכטיג — זיין אין מאָמענט אויף איין פּלאַץ איז נאָך ניט קיין באַוועגונג און אודאי ניט קיין רוה — און אָט פאַר וואָס:

באַוועגונג פאַרלאַנגט אַ זיין אויף פיל פּלעצער, פון וועלכע יעדער איינער פאָדערט פאַר זיך אַ מאָמענט פון צייט, און דערפאַר מוז באַוועגונג אַריינגעמען מער ווי איין מאָמענט פון צייט. פּונקט אַזוי קען רוה זיך ניט באַנוגנען מיט איין מאָמענט פון צייט, מחמת ווען אַ זאַך רוהט מוז זי דאָך זיין אויף איין און דעם זעלבען פּלאַץ, ד"ה זי מוז זיין איצט אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואָס זי איז געווען אַ מאָמענט פריהער. באַוועגונג און רוה מוזען אַלזאָ ביידע אויפנעמען אַ פילהייט פון צייט. נאָר דאָך איז דאָ אַן אונטערשייד צווישען די צוויי בנוגע דער פילהייט פון צייט וואָס זיי נעמען אויף — וואָס איז דער אונטערשייד?

באַוועגונג נעמט דאָך אויף אויך פּילהייט פון פּלאַץ און דערפאַר מוז דאָ די פּילהייט פון צייט זיך אויסשפּרייטען איבער פּילהייט פון פּלאַץ, ד״ה אַ זאַך וואָס באַוועגט זיך מוז אין אַ צווייטען מאָמענט זיין אויף אַ צווייטען פּלאַץ — אַ פּלאַץ לגבי וועלכען דער דאָזיגער מאָמענט איז אַ ערשטער (ער איז נאָר אַ צווייטער לגבי אַ מאָמענט פון זיין אויף אַן אַנדער פּלאַץ); אַ צווייטער מאָמענט פון זיין אויף דעם זעלבען פּלאַץ וועט שוין קיין באַוועגונג ניט פאָרשטעלען, מחמת עס וועט אין דעם פעלען פּילהייט פון פּלאַץ, דאַגעגען קען דער ערשטער מאָמענט פון זיין אויף וועלכען פּלאַץ עס איז קיין מאָל קיין רוה ניט פאָרשטעלען, מחמת עס וועט אין דעם פעלען אַ פּילהייט פון צייט, וואָס רוה מוז דאָך אויך אַרייננעמען (צו רוה קען ניט צוגערעכענט ווערען די צייט פון זיין אויף אַנדערע פּלעצער, מחמת רוה מוז דאָך זיין אויף איין און דעם זעלבען פּלאַץ).

רוה קען זיך דערפאַר אָנפאַנגען נאָר פון צווייטען מאָמענט פון זיין אויף איין פּלאַץ. דאָס מיינט, אַז ווען מיר זיינען מערערע מאָמענטען אויף איין און דעם זעלבען פּלאַץ איז דער ערשטער מאָמענט אין גאַנצען אַנדערש פון די אַנדערע מאָמענטען — דער ערשטער מאָמענט איז בלויז באַוועגונג און די אַנדערע מאָמענטען זיינען בלויז רוה — און אויף אַזאַ אופן פאַלט אין גאַנצען אַוועק די שוועריגקייט אין דער פּראָבלעמע פון באַוועגונג און רוה: בעת עס איז דאָ באַוועגונג איז ניטאָ קיין רוה און בעת עס איז דאָ רוה איז ניטאָ קיין באַוועגונג; די דאָזיגע צוויי היפוכים קומען אַלזא קיין מאָל ניט פאָר אויף דעם זעלבען פּלאַץ אין דער זעלבער צייט.

דאָס זעהט דוכט זיך אויס זעהר קלאָר — כאָטש גרויסע פילאָזאָפען האָבען זיך אין דעם געפּלאָנטערט. פונוואַנעט נעמט זיך טאַקע דער פּלאָנטער? אודאי פון דעם וואָס אין געדאַנק שאַצען מיר ניט אָב די באַדייטונג פון בלויזער פּילהייט פון צייט — אַ פּילהייט פון צייט אין וועלכער די זאַך וואָס ווערט אין דעם אויפגענומען שטעהט אין גאַנצען אויף איין אָרט — און דערפאַר קומט אויס, אַז ווען אַ זאַך געפינט זיך מערערע מאָמענטען אויף דעם זעלבען פּלאַץ מאַכען מיר ניט קיין חילוק צווישען דעם ערשטען מאָמענט און די אַנדערע מאָמענטען, און לויט דעם פּרינציפּ פון „אחרי רבים להטות״ קומט ווידער אויס, אַז ווייל די אַנדערע מאָמענטען זיינען רוה איז פאַר אונז דער ערשטער מאָמענט אויך רוה.*

* פאַר וואָס ווערט אין אונזער געדאַנק ניט אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון בלויזער פּילהייט פון צייט? מן הסתם ווייל מיר דענקען נאָר פון דעם וואָס קען אונז ברענגען נוצען און אַ בלויזע פּילהייט פון צייט קען אונז קיין נוצען ניט ברענגען, ווען מיר דענקען פון דעם. דער דאָזיגער פּראַגמאַטישער גרונד שיקט זיך ניט לגבי אַ דירעקטער דערקענטעניש, ווייל ווען מיר דערקענען עפּעס דירעקט קענען מיר אין פאָראויס ניט וויסען צי די דאָזיגע דערקענטעניש וועט זיין פאַר אונז נוצליך אָדער ניט און דערפאַר נעמען מיר דאָ אויף אויך עפּעס וואָס איז אומנוצליך.

ה.

אין דעם דאָזיגען קאַפּיטעל איז פריהער דערמאָנט געוואָרען דער פאַקט, אַז דערפאַר וואָס אַ לאָגישער דערקענטעניש טוען מיר אַליין אויפ־בילדען מוזען מיר וויסען אויך דעם גרונד פון דער דערקענטעניש, ד"ה אַז אין דער דערקענטעניש גופא מוז זיך געפינען אויך איר גרונד. דאָס זעהען מיר טאַקע אין יעדען סילאָגיזם, וואו עס געפינט זיך ניט נאָר דער שלוס נאָר אויך דער מאַיאָר און מינאָר וואָס פירען צום שלוס: אַלע מענשען זיינען שטערבליך (מאַיאר), סאקראטעס איז אַ מענש (מינאָר), דערפאַר איז סאָקראַטעס שטערבליך (שלוס).

פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס גילט ניט בנוגע דירעקטער דערקענטעניש, וועלכעס מיר באַקומען פאַרטיגערהייד; אין אַ דירעקטער דערקענטעניש האָ־בען מיר דערפאַר קיין מאָל ניט דעם טיפסטען גרונד פון דער דערקענטע־ניש. דאָ האָבען מיר אַלזא נאָך אַ חילוק צווישען לאָגישער און דירעקטער דערקענטעניש און ווען מען פאַרזעהט דעם דאָזיגען חילוק איז מען עלול צו מאַכען דעם טעות און אָננעמען, אַז אויך אין אונזער דירעקטער דער־קענטעניש מוז זיך געפינען דער גרונד פון דער דערקענטעניש, ד"ה אַז אין דאָס וואָס מיר זעהען מוז שוין אויך זיין דער גרונד פאַר וואָס מיר זעהען דאָס וואָס מיר זעהען.

עס איז קלאָר, אַז פון דעם דאָזיגען טעות האָבען די מאַטעריאַליסטען גענומען ניין מאָס און דערפאַר מיינען זיי, אַז מיט די חושים מוזען מיר אויפנעהמען אויך דעם גרונד פון דאָס וואָס עקזיסטירט פאַר אונזערע חושים — דערפאַר קומט אויס, אַז דאָס וואָס מיר קענען מיט אונזערע חושים ניט אויפנעמען קען ניט גילטען אַלס גרונד פאַר דאָס וואָס עקזיסטירט פאַר אונזערע חושים.

אָט פונדאַנעט שטאַמט דער ערשטער אַרגומענט פון די מאַטעריאַליס־טען, וועלכער נעמט זיך הויפּטזעכליך פון דעם, וואָס זיי אונטערשיידען ניט גענוג צווישען לאָגישער און דירעקטער דערקענטעניש. אין די קומענדע קאַפּיטלען וועלען מיר זעהן צי די אַנדערע צוויי אַרגומענטען פון די מאַ־טעריאַליסטען זיינען בעסער ווי דער ערשטער.

עלפטער קאַפּיטעל

פאַר די וויסענשאַפטען לוינט זיך בעסער אַ טעאיסטישע געזעץ-הערשאַפט ווי אַ מאַטעריאַליסטישע

(אָפּשלאָג פון צווייטען אַרגומענט פון די מאַטעריאַליסטען)

די טעאיסטען גלויבען אויך אין געזעץ־הערשאַפט. — די מאַטעריאַליסטען נעמען אָן אַז געזעץ־הערשאַפט פאָלגט ממילא בעת די טעאיסטען גלויבען, אַז עס איז איינגעאָרדענט דורך אַ וועלט־אָרדנער. — לויט די מאַטעריאַליסטען איז געזעץ־הערשאַפט אַבסאָלוט בעת לויט די טעאיסטען הענגט עס אָפּ אָן דעם פּלאַן פון וועלט־אָרדנער. — די טעאיסטישע הנחה פון געזעץ־הערשאַפט איז פיל פּשוט׳ער ווי די מאַטעריאַליסטישע. — זי ליידט אויך ניט פון סקעפּטיציזם אַזוי ווי די צווייטע ליידט. — זי איז אויך באַקוועמער מיט דעם וואָס זי לאָזט צו אויסנאַמען וואָס זיינען נויטיג פאַר אָרדנונג און „אימוירדזשענס״ וואָס איז נויטיג פאַר פּראָגרעס. — אַזאַ אויסנאַם איז פרייער ווילען, וועלכען די טעאיסטען קענען צולאָזען, בעת די מאַטעריאַליסטען מוזען אָננעמען דעטערמיניזם אויך בנוגע דעם מענשליכען ווילען און דעם מענשענס מעשים.

א.

דער צווייטער אַרגומענט פון די מאַטעריאַליסטען געהט אויף דעם זעלבען וועג ווי דער ערשטער; אויך דאָ פאַנגט אָן דער מאַטעריאַליסט מיט אמתע טענות, וועלכע ער אַדרעסירט אָבער ניט אויפן ריכטיגען אַדרעס: אודאי איז אמת, אַז די וויסענשאַפטען מוזען אָנקומען צו דער הנחה פון געזעץ־הערשאַפט; אודאי איז אויך אמת, אַז אַ הנחה וואָס ווערט געפאָדערט פון די וויסענשאַפטען קען ניט געלייקענט ווערען — אָבער האָט דען דער טעאיסט ווען עס איז געלייקענט די דאָזיגע הנחה? האָט ער דען ניט, אין געגענטייל, שטענדיג געהאַלטען, אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט אין אַ רעגולערער אָרדנונג און אַז „די נאַטור־הערשאַפטען האָט ער געגעבען אַ געזעץ און אַ צייט, זיי זאָלן ניט פאַרענדערען זייער פונקציע?״ *

---

* די דאָזיגע ווערטער זאָגען מיר אין דער ברכה פון קידוש־לבנה, וועלכע קומט פון מסכת סנהדרין מב. דער זעלבער געדאַנק ווערט אויך אויסגעדריקט אין דעם ענטפער וואָס אונזערע חכמים האָבען אַמאָל געגעבען די רוימישע פילאָזאָפען, „עולם כמנהגו נוהג״ (זעה די ברייתא אין עבודה זרה נד). דער זעלבער געדאַנק ווערט אויך אויסגעדריקט אין בבא בתרא טז.

א טעאיסטישע געזעץ־הערשאַפט

דאָ האַנדעלט זיך אַלזא ניט וועגען יאַ־געזעץ־הערשאַפט אָדער ניט־געזעץ־הערשאַפט. דאָ האַנדעלט זיך בלויז וועגען וואָס פאַר אַ געזעץ הער־שאַפט, אַ טעאיסטישע אָדער אַ מאַטעריאַליסטישע. וועלען מיר קודם אויס־געפינען די חילוקים צווישען די דאָזיגע צוויי געזעץ־הערשאַפטען. דאַן וועלען מיר זעהען, וועלכע פון די צוויי דאַרף בעסער דינען דעם צוועק פון די וויסענשאַפטען.

ב.

די חילוקים צווישען די טעאיסטען און די מאַטעריאַליסטען אין דעם ענין פון געזעץ־הערשאַפט קען מען געפינען אין זייערע פאַרשיידענע ענט־פערס אויף די צוויי פאָלגענדע פראַגן: אויף דער פראַגע, פונוואַנעט נעמט זיך געזעץ־הערשאַפט אין דער נאַטור, און אויף דער פראַגע, ווי ווייט גרייכט געזעץ־הערשאַפט אין דער נאַטור.

בנוגע דער ערשטער פראַגע, האַלטען די טעאיסטען, אַז געזעץ־הער־שאַפט איז אַ פאַזיטיווער אויפטו פון דעם אַקטיווען כח: דער אַקטיווער כח האָט איינגעאָרדענט, אַז די הימעלשע קערפּערס זאָלן אַלע מאָל געהן זייער באַשטימטען גאַנג, אַז די ערדישע קערפּערס זאָלן אַלע מאָל זיין פאַרבונדען מיט דער ערד, אַז דער פּאַזיטיוו און דער נעגאַטיוו אָדער די פאַרשיידענע געשלעכטער זאָלן זיך האַלטען אין איין זוכען, אַז עס זאָלן שטענדיג אָנגעהן די ענדערונגען פון טויט, געבורט אא״וו. דאַגעגען האַלטען די מאַטעריאַ־ליסטען, אַז געזעץ־הערשאַפט איז קיינעמ׳ס אויפטו, נאָר עס פאָלגט ממילא פון דעם, וואָס דאָס וואָס עקזיסטירט דאַרף ניט זיין בכח זיך צו ענדערען און דאָס וואָס האָט פון דעם איין מאָל געפאָלגט מוז ממילא פון דעם אַלע מאָל פאָלגען.

מיט דער דאָזיגער מחלוקת איז פאַרבונדען די מחלוקת בנוגע דער צווייטער פראַגע: אויב געזעץ־הערשאַפט פאָלגט ממילא, פון דעם וואָס עקזיסטענץ קען זיך ניט ענדערען, דאַרף עס ניט אָבהענגען פון קיין זאַך און דאַרף עס אַרומנעמען אַלץ וואָס עקזיסטירט, האָט עקזיסטירט און וועט עקזיסטירען. לויט די מאַטעריאַליסטען איז דערפאַר די הערשאַפט פון געזעץ נויטווענדיג, אַבסאָלוט, אוניווערסאַל און אייביג. לויט די טעאיסטען, דאַגעגען, הענגט געזעץ־הערשאַפט אָב פון דעם אַקטיווען כח, וואָס האָט עס איינגעאָרדענט און עס קען דערפאַר נאָר גרייכען אַזוי ווייט ווי דער דאָזיגער כח האָט עס איינגעאָרדענט.

וועלען מיר איצט פּרואווען אויסזוכען די טעאָרעטישע און פּראַקטישע מעלות און חסרונות וואָס זיינען פאַרבונדען מיט די דאָזיגע צוויי פאַר־שיידענע מיינונגען איבער געזעץ־הערשאַפט אין דער נאַטור.

ג.

קודם בנוגע דער מחלוקת איבער דעם מקור פון געזעץ־הערשאַפט אין דער נאַטור. זעהט אויס אויפן ערשטען קוק, אַז גערעכט זיינען דאָ די מאַטעריאַליסטען; דער שכל טראַגט טאַקע, אַז פון זיך אַליין דאַרף אַ זאַך ניט קענען ווערען אַנדערש — פאַר וואָס? ווייל ווערען אַנדערש מוז דאָך מיינען איינס פון די צוויי: אָדער אַז עפּעס וואָס האָט עקזיסטירט זאָל אויפהערען צו עקזיסטירען, אָדער אַז עפּעס וואָס האָט ניט עקזיסטירט זאָל אָנפאַנגען צו עקזיסטירען, ד"ה אַז אָדער עקזיסטענץ זאָל ווערען ניט־עקזיס־טענץ אָדער ניט־עקזיסטענץ זאָל ווערען עקזיסטענץ. אָבער ווי עס שיינט דאַרפען ביידע זאַכען זיין אוממעגליך — מחמת ווי אַזוי זאָל עפּעס קענען ווערען דער היפוך פון דעם וואָס עס איז? *

און אויב געזעץ־הערשאַפט זאָל קענען אַנגעהן אין דער נאַטור פון זיך אַליין דאַרף מען שוין ממילא מיט דעם ניט אָנקומען צו אַ וועלט־אָרדנער און די הנחה פון אַ וועלט־אָרדנער איז ממילא איבעריג. און אויב איבעריג, איז זי שוין ממילא לאָגיש פאַרבאָטען. אויף דעם איז פאַראַן אַ לאָגישער רעגעל פון פשטות, וועלכער לויטעט, אַז אויב אַ זאַך לאָזט זיך דערקלערען אויף אַן איינפאַכערען אופן טאָר עס ניט דערקלערט ווערען אויף אַ קאָמפּליצירטערען אופן — אַן אופן וועלכער פאָדערט מער ניט־פעסט־געשטעלטע הנחות.

מהאי טעמא זיינען וויסענשאַפטסלייט גיכער נוטה צו דעם שטאַנד־פונקט פון ממילא'דיגער געזעץ־הערשאַפט. צווישען וויסענשאַפטסלייט איז דערפאַר זעהר פּאָפּולער דער ענטפער, וואָס לאַפּלאַס האָט אַמאָל געגעבען נאַפּאָלעאָנען — ווען נאַפּאָלעאָן פרעגט לאַפּלאַסען פאַר וואָס פון זיין פיזיאָ־גראַפיע ווערט אויסגעלאָזען די הנחה פון אַ וועלטאָרדנער, ענטפערט לאַפּ־לאַס, אַז ער האָט דער דאָזיגער הנחה ניט נויטיג.

די דאָזיגע טענדענץ האָט אויך געהערשט אין דער פילאָזאָפיע, דאַן ווען זי איז נאָך געווען אין די ווינדעלעך. אויף דעם דאָזיגען שטאַנדפונקט האָבען זיך דאַן צוזאַמענגעטראָפען אַזוינע ווייט־פונאַנדערגעהענדע פילאָזאָפיעס ווי דער עקסטרעמער אידעאַליזם פון די עלייער און דער עקסטרעמער מאַטעריאַ־ליזם פון די אַמאָליגע אַטאָמיקער. אַזוי האָט פּאַרמענידעס אויפגעבויט זיין טעאָריע אויף דער הנחה, אַז ענדערונג איז אוממעגליך", דאָס וואָס איז, איז

* אין בוך „פרינציפּען" איז באַוויזען געוואָרען אַז קיין אמתער ווידערשפּרוך איז אין דעם ניטאָ. דאָרט איז בכלל דער דאָזיגער ענין אַרומגערעדט געוואָרען באריכות און דערפאַר ווילען מיר זיך דאָ איבער דעם מער ניט אָפּשטעלען. דער לעזער וואָס איז אין דעם פאַראינטערעסירט קען עס דאָרט געפינען אויף זייט 180.

און דאָס וואָס איז ניט איז ניט." * און דאָס איז אויך געווען דער הויפּט־יסוד פון דעמאָקריטס טעאָריע: „פון גאָרנישט ענטשטעהט גאָרנישט און עפּעס וואָס עקזיסטירט קען ניט ווערען גאָרנישט." **

האָט אָבער אין דער פילאָזאָפיע די דאָזיגע טענדענץ לאַנג ניט אָנגע־האַלטען, דער רוב בנין און רוב מנין פילאָזאָפען האָט זיך באַלד אַ קער געטאָן צו דער הנהגה פון אַ וועלט אָרדנער. פאַר וואָס? טאָקע צוליב דעם זעלבען טעם פון פשטות, מחמת די הנהגה פון אַ וועלט־אָרדנער איז גאָר ניט דער ערך פשוטער ווי די הנהגה פון ממילא'דיגער געזעץ־הערשאַפט. דאָס איז דוכט זיך אַזוי קלאָר, אַז עס איז אַ וואונדער וואָס ניט אַלע זעהען עס איין:

ווען די אָרדנונג אין דער נאַטור ווערט צוגעשריבען צו אַ וועלט־אָרדנער איז פאַר איר פולשטענדיג גענוג די איינציגע הנהגה, אַז עס עקזיס־טירט אַ כח, וואָס אָרדענט דער נאַטור. אודאי איז אונז מיט דער דאָזיגער הנהגה נאָך אַלץ ניט אין גאַנצען קלאָר; אודאי האָבען מיר פיל קושיות אויף דער געשאַפענער אָרדנונג — אונז דוכט זיך, אַז ווען מ'לאָזט אונז צו וואָלטען מיר עס געמאַכט פיל בעסער. אָבער די דאָזיגע קושיות קומען דאָך ניט פון דעם וואָס מיר נעמען אָן, אַז דער וועלט אָרדנער איז ניט בכח צו שאַפען אין דער נאַטור דער אָרדנונג וואָס מיר דערפאַרען, נאָר, אין געגענ־טייל, פון דעם וואָס מיר נעמען אָן, אַז ער איז בכח צו שאַפען אין דער נאַטור יעדע מעגליכע אָרדנונג.

הייסט עס, אַז די הנהגה פון אַ וועלט־אָרדנער האָט אין זיך אַזאַ רחבות אַז זי איז גענוג צו דעקען ניט נאָר דער נאַטור־אָרדנונג וואָס מיר דערפאַרען נאָר אויך אַלע מעגליכע אָרדנונגען. דאַגעגען, איז די הנהגה פון ממילא'דיגער געזעץ־הערשאַפט צו קורץ צו דעקען אפילו דער איינציגער אָרדנונג וואָס מיר דערפאַרען און מען מוז איר דעריבער האַלטען אין איין שטוקעווען, אין איין שאַפען נייע הנחות מיט וועלכע ווי עס איז צו פאַרדעקען די לעכער וואָס ווייזען זיך אַלע מאָל פון דאָס ניי אַרויס:

אַזוי פאָדערט זיך קודם די הנהגה, אַז יעדעס שטיקעל שטאָף וואָס מיר דערפאַרען איז עפּעס אַ מין מורכב פון סובסטאַנץ און כח, פון קער־פּערליכער ממשות און פון ניט־קערפּערליכער ענערגיע. דאָן מוז צוגע־לעגט ווערען די הנהגה, אַז עס איז ענטגעגענגעזעצטער כח, עס איז סיי צוציהענד און סיי אָבשטויסענד. דער געבורט פון נייע כחות פאָדערט ווידער דער הנהגה פון „אימוירדזוענס", אַז דורך ענדערונג אין דער אויסערליכער

---

* די דאָזיגע הנהגה ווערט מער דערקלערט אויף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ אין „פּרינציפּען."

** זעה אַלבערט לאַנגע'ס „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם," וואו די דאָזיגע הנהגה ווערט אָנגעגעבען אַלס דער ערשטער כלל פון דעמאָקריטס זעקס פונדאַמענטאַלע כללים.

פאָרמע פון שטאָף ווערען געבוירען כחות וואָס האָבען פריהער ניט עקזיס־טירט. און ועל כולם קומט נאָך צו די מאָדנע אימוירדזענס פון באַוואוסטזיין און די „אינטעראַקציע” צווישען באַוואוסטזיין און קערפער,* וועלכע פאַסען זיך אַזוי ווייניג אַריין אין דער משפחה פון ממילא׳דיגקייט, אַז נאָך אַלע מאַטערנישען און נאָך אַלע אויסגעפרואווטע הנחות בלייבט אַלץ זייער מציאות פאַר אונז אַ רעטעניש.

ד.

דאָס זעלבע איז מיט דער צווייטער מחלוקת — די מחלוקת איבער דעם ווי ווייט עס גרייכט געזעץ־הערשאַפט אין דער נאַטור. אויפן ערשטען בליק קען זיך אויסדוכטען, אַז די וויסענשאַפטען דאַרפען זיך פיהלען זיכערער און באַקוועמער, ווען די געזעצען אויף וועלכע זיי בילדען זיינען נויטווענדיג און אַבסאָלוט, ניט אָפּהענגיג אַן דעם וואונש, כביכול, פון אַ וועלט־אָרדנער. איז אָבער דער אמת נישט אַזוי, די וויסענשאַפטען וועלען גראָד פיל געווינען סיי אין זיכערהייט און סיי אין באַקוועמליכקייט ווען זיי וועלען זיך אָנ־שפאַרען אויף אַ געזעצליכקייט איינגעאָרדענט דורך אַ וועלט־אָרדנער — ווי אַזוי ?

בנוגע זיכערהייט, ווילט זיך דאָ ניט אויפדעקען אין גאַנצען אַן אַלטע וואונד, וואָס וויסענשאַפט האָט באַקומען דורך די פיילען פון די סקעפּטיקער, וועלכע האַלטען, אַז ממילא׳דיגע געזעץ־הערשאַפט איז לאָגיש אומבאַגרינדעט.**

---

* עס קוקט אויס ווי באַוואוסטזיין און קערפער טוען זיך געגענזייטיג באַווירקען: אַ ריר אין אונזער קערפער רופט אַרויס אַן אידייע און אַן אידייע (אַ וואונש, למשל) רופט אַרויס אַ באַוועגונג אין קערפער. דאָס איז וואָס מיר רופען „אינטעראַקציע צווישען באַוואוסטזיין און קערפער.” באַלד וועלען מיר זעהן, אַז די דאָזיגע אינטעראַקציע שטעלט מיט זיך פאָר זעהר אַ שווערע פּראָבלעמע פאַר די וואָס נעמען אָן דעם שטאַנדפּונקט פון ממילא׳דיגער געזעץ־הערשאַפט.

** לויט די אַרגומענטען פון דוד יום קומט אויס, אַז געזעץ־הערשאַפט קען אויפגענומען ווערען ניט מער ווי אַלס וואַרשיינליכקייט, געצויגען ווי אַן אינדוקציע פון אונזער ביסעל דערפאַרונג, וועלכעס איז ווי אַ טראָפּען אין ים אין פאַרגלייך מיט אַלץ וואָס עקזיסטירט, האָט עקזיסטירט און וועט עקזיסטירן. און יומס אַרגומענטן האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף די טיפערע דענקער פון יענער צייט. קאַנט דערצעהלט, אַז דאָס האָט אים אויפגעוועקט פון זיין דאָגמאַטישען שלאָף און האָט אים געטריבען צו שאַפען זיין „טראַנ־סענדענטאַלע” טעאָריע, וואו די נויטווענדיגקייט פון געזעץ־הערשאַפט ווערט באַגרינדעט אויף אַ סוביעקטיווען גרונד — אונזער געדאַנק איז אַזוי געמאַכט, אַז מיר זאָלען מוזען אויפנעמען געזעץ־הערשאַפט, אָדער דעם אורזאַכליכקייטס כלל, אַלס נויטווענדיג. די דאָ־זיגע קאַנטיאַנישע הנחה ווערט אַרויסגעבראַכט און קריטיקירט אין די זייטן 182־190 אין בוך „פרינציפען,” צו וועלכען עס איז שוין דאָ איינינגע מאָל אָפּגעשיקט געוואָרען.

און מערקט אייך, אַז יום און קאַנט האָבען געלעבט אין אַ צייט, ווען עס האָט אויסגעזעהן אַז אונזער גאַנצע דערפאַרונג לאָזט זיך לייכט אונטערטוליען אונטער די

אָבער איין זאַך מוז דאָ דערמאָנט ווערען, אַז אויב מען קען נאָך פאַרקוקען די אַרגומענטען פון די סקעפּטיקער בנוגע געזעץ־הערשאַפט בכלל קען מען עס אָבער בשום אופן ניט טאָן בנוגע געזעץ־הערשאַפט אַזוי ווייט ווי עס ווערט אָנגעוועגדעט דורך די קאָנקרעטע וויסענשאַפטען, וועלכע פאָדערען אַנצונעמען ניט נאָר, אַז פון דער זעלבער אורזאַך מוז פאָלגען דער זעלבער עפעקט, נאָר אויך, אַז זאַכען וואָס זעהען אונז אויס עהנליך מוזען באַזיצען די זעלבע אייגענשאַפטען.

קודם איז שווער צו פאַרשטעהן דער דאָזיגער מוז — פאַר וואָס מוזען עס עהנליכע סובסטאַנצען באַזיצען די זעלבע אייגענשאַפטען? נאָך אַלעמען ווערט די פאַרבינדונג צווישען דער סובסטאַנץ און אירע אייגענשאַפטען אויפגענומען ניט מער ווי אַלס אַ ווירקליכקייט — און ניט אַלס אַ נויט־ווענדיגקייט; מיר קענען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלען, אַז אַן אַטאָם זויער־שטאָף, למשל, זאָל זיך ניט פאַרבינדען מיט צוויי אַטאָמען וואַסערשטאָף. ביי דער זייט פון די אַטאָמען זויערשטאָף וואָס באַזיצען אַזאַ אייגענשאַפט, קענען דערפאַר גאַנץ גוט עקזיסטירען אַטאָמען זויערשטאָף, וואָס באַזיצען ניט אַזאַ אייגענשאַפט.

אָבער לאָמיר שוין אַפילו אָננעמען אַז די סובסטאַנץ באַשטימט די אייגענשאַפטען און אַז דאָס וואָס איז גלייך אין סובסטאַנץ מוז שוין ממילא זיין גלייך אויך אין אייגענשאַפטען, איז נאָך אַלץ נישט קיין ראיה, אַז דאָס וואָס קוקט אונז אויס גלייך איז טאַקע אין גאַנצען גלייך. אונזערע קענטעניש־פאַקולטעטען זיינען נישט אַזוי פּערפעקט, אַז מיר זאָלן זיך קענען אויף זיי פולשטענדיג פאַרלאָזען; אַפילו מיט דער הילף פון די פיינקטליכסטע אינ־סטרומענטען זיינען מיר ניט אומשטאַנד צו באַמערקען אַלץ וואָס טוט זיך

פליגלען פון געזעץ. היינט איז אין דעם אַ גרויסער ספק. נאָר לאָמיר דאָ לאָזען רעדען דעם פילאָזאָף און וויסענשאַפטסמאַן (לאָגיקער און מאַטעמאַטיקער) בערטראַנד ראַסעל. אין דער דערמאָנטער הקדמה צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון דער „געשיכטע פון מאַטעריאַליזם" זאָגט ראַסעל: „אין דער וועלט פון ריינע פיזיקס איז דאָ אַ צאָל פון פונדאַמענטאַלע פאַסירונגען, וועלכע קענען היינט ניט צוריקגעפירט ווערען צו געזעץ. קיינער ווייסט ניט וואָרום מאַנכע אַטאָמען פון אַ ראַדיאַ־אַקטיווען עלעמענט צוקריכען, בעת אַנדערע צוקריכען ניט; מיר ווייסען סטאַטיסטישע דורכשניטען, אָבער וואָס עס געהט אָן אין דעם אינדיווידועלען אַטאָם איז אין גאַנצען טונקעל. ווייטער, דער ספּעקטרום פון אַן עלעמענט ווערט פאַראורזאַכט דורך עלעקטראָנען וואָס שפּרינגען איבער פון איין מעג־ליכען קרייז צו אַן אַנדערען... מיר ווייסען אָבער ניט וואָס (אויב עפּעס) באַשטימט דעם באַזונדערען מאָמענט אין וועלכען אַן עלעקטראָן שפּרינגט, אָדער דעם באַזונדערען שפּרונג וואָס עס זעהט אים אויס פּאַסיג צו מאַכען, ווען מערערע זיינען מעגליך. אויך דאָ איז עס סטאַטיסטישע דורכשניטען וואָס מיר ווייסען. מען קען דערפאַר זאָגען, אַז די דורכשניטען זיינען אונטערוואָרפען געזעץ, בעת די האַנדלונגען פון די באַזונדערע עלעקטראָנען זיינען קאַפּריזנע."

אין אטאם.* איין אטאם קען דערפאר פארמאגען אומבאמערקטע איינצעלהייטען מיט וועלכע ער זאל זיך אונטערשיידען פון אן אנדער ענליכען אטאם און צוליב וועלכע ער וועט אויך ארויסווייזען גאנץ פארשיידענע אייגענשאפטען — איז ווי אזוי קען א וויסענשאפטסמאן שליסען מיט זיכערהייט פון איין עהנליכער זאך אויף אן אנדערער? און ווי אזוי קען אפילו א פשוטער בשר ודם אנגעהן מיט זיינע טאג־טעגליכע טעטיגקייטען, וועלכע פאדערען א הויכע מאס פון אזא סארט וויסענשאפטליכער זיכערקייט — ווי אזוי, למשל, קען א מענש זיך פארלאזען מיט זיכערהייט אויף זיין דערפארונג מיט אנדערע שוואימען, וואס זיינען עהנליך צו די וואס ער געהט עסען איצט, ניט מורא האבענדיג טאמער זיינען יענע אביסעלע אנדערש פון די און כאטש יענע האבען אים געשפייזט וועלען אים די פארגיפטען?

וואס קען באפרייען וויסענשאפט פון די נעגעל פון דעם דאזיגען סקעפטיציזם? דאס קען נאר די הנחה, אז געזעצליכקייט אין דער נאטור נעמט זיך פון א ארדנונג געשאפען דורך א וועלט־ארדנער. נעמען מיר אן דער דאזיגער הנחה דארפען מיר שוין קיין מורא ניט האבען טאמער ווערען מיר אין וויכטיגע ענינים גענארט פון אונזער דערפארונג, מחמת די זעלבע ארדנונג וואס פאדערט געזעץ־הערשאפט אין דער מהות פון זאכען פאדערט אויך, אז מיר זאלן זיך קענען פונאנדערקלייבען אין דער דאזיגער מהות — זאלן מיר ניט זיין אומשטאנד זיך פונאנדערצוקלייבען צווישען שפייז און גיפט וועט עס שאפען פונקט אזא אומארדנונג ווי ווען די זאכען גופא זאלן איין מאל שפייזען און אן אנדער מאל פארגיפטען.

כדי צו האבען זיכערען וויסען מוז אלזא אנגענומען ווערען די הנחה פון א וועלט־ארדנער. דאס מיינט ניט, אז די וואס נעמען ניט אן די דאזיגע הנחה איז זייער וויסען ניט זיכער, מחמת אלע פראפיטירען פון דער ארדנונג אין דער נאטור, אפילו די וואס גלויבען ניט אין איר. מיט אנדערע ווערטער, די ארדנונג אין דער נאטור ברענגט, אז מיר זאלן אין אונזער וויסענשאפט צו פיל ניט פילאזאפירען אדער סקעפטעווען, אז מיר זאלען אננעמען אונזער דערפארונג פאר גענוג.

דאס איז בנוגע זיכערהייט. דאס זעלבע איז מיט באקוועמליכקייט — א געזעץ־הערשאפט וואס הענגט אפ אן ארדנונג איז פיל באקוועמער פאר די וויסענשאפטען שוין מיט דעם אליין, וואס עס עפענט אמאל א טירעלע פאר

* אפילו דאס וואס זעהט אונז אויס צו זיין דאס זעלבע, איז אויך זעהר אפט פארשיידען. למשל, דער טיש וועלכער זעהט אונז אויס אין גאנצען ברוין קען ניט זיין אויף יעדען פלאץ און אלע מאל פון זעלבען קאליר, מחמת ניט אויף יעדען פלאץ און ניט אין יעדער צייט פאלט אויף אים די זעלבע ליכט. די באמערקטע גלייכהייט איז דערפאר נישט מער ווי אן אילוזיע. זעה "The Problems of Philosophy," by B. Russel ווי אויך "Mind and Its Place in Matter," by C. D. Broad

אַן אויסנאַם, מחמת דער אויסנאַם איז אַמאָל נויטיג טאַקע פאַר דעם צוועק פון אָרדנונג, אָדער פון אַ בעסערער אָרדנונג, אַט ווי למשל עס זיינען נויטיג די אויסנאַמען פאַר דעם צוועק פון פּראָגרעס. דאַגעגען קענען אָבער בשום אופן ניט צוגעלאָזען ווערען קיין אויסנאַמען דורך אַ געזעץ־הערשאַפט וואָס איז אַבסאָלוט, וואָס מוז אַרומנעמען אַלץ וואָס עקזיסטירט, האָט עקזיסטירט און וועט עקזיסטירען. פאַר אַ וויסענשאַפטסמאַן וואָס שטיצט זיך אויף אַזאַ געזעץ־הערשאַפט מוזען דערפאַר אַזוינע אויסנאַמען פאָרשטעלען אויסערגעוועהנליכע שוועריגקייטען.*

און אודאי וועט קיינער ניט לייקענען, אַז אין דער ערפאַרונג שטויסט מען זיך אָן אויף אַזוינע אויסנאַמען: זיינען דאָך דאָ כמעט אין יעדער וויסענשאַפט פּראָבלעמען, וועלכע קומען צושטאַנד פון אַזוינע אויסנאַהמען; און געהט דאָך אפילו אַרום אַ שפּריכוואָרט, אַז יעדער כלל האָט אַ יוצא־מן־הכלל און אַז דער יוצא־מן־הכלל באַשטעטיגט גאָר דעם כלל. אַזוי קומט אויס, אַז פון אַלע זייטען לוינט זיך פאַר די וויסענשאַפטען אַנצונעמען ליבערשט דעם שטאַנדפּונקט פון געזעץ־הערשאַפט דורך אָרדנונג.

ה.

די מחלוקת איבער נויטיגקייט אָדער אומנויטיגקייט ציהט זיך אויך ביז צום געביט פון ווילען. די וואָס נעמען אָן, אַז אַלץ וואָס געהט אָן אין דער נאַטור האָט געמוזט זיין אַזוי ווי עס איז, האַלטען, אַז אויך דער מענש איז ניט קיין אויסנאַם אין דעם דאָזיגען הינזיכט, אַז אַלץ וואָס ער טוט האָט ער געמוזט טאָן אַזוי ווי ער טוט — דער וואָס טוט גוטס האָט געמוזט טאָן גוטס און דער וואָס טוט שלעכטס האָט געמוזט טאָן שלעכטס.

דאַגעגען, די וואָס גלויבען אין פרייען ווילען האַלטען, אַז אַזאַ מוז איז ביי אַ מענשען ניטאָ. שטעהענדיג אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז געזעץ אין דער נאַטור פאָלגט פון אַ וועלט־אָרדנער און אַז דערפאַר זיינען מעגליך אויסנאַמען, האַלטען זיי, אַז דער מענש איז טאַקע אַזאַ אויסנאַם, אַז לויט דער

* דאָס מיינט ניט, אַז די וואָס נעמען אָן דעם שטאַנדפּונקט פון געזעץ־הערשאַפט צוליב אָרדנונג דאַרפען זיך גאָר ניט אָפּשטעלען אויף אויסנאַמען. אין געגענטייל, דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט פאָדערט גראָד אַז מען זאָל דעם אויסנאַם וואָס מער פאָרשען, מחמת פאָרשענדיג דעם אויסנאַם איז מען גיכער עלול צו דערקענען דער נאַטור סיי פון די געזעצען און סיי פון דער העכערער אָרדנונג. אַזוי, למשל, איז איינשטיינס באַרימטע צייט־רוים טעאָריע צושטאַנדגעקומען דורך דער באַמערקונג פון אַזאַ אויסנאַם. דאָס מיינט בלויז, אַז זיי קענען אָהן פאָראורטיילען פאָרשען דעם אויסנאַם, מחמת היות ווי ביי זיי טוט אַן אויסנאַם ניט באַדראָהען דער עצם עקזיסטענץ פון געזעץ זיינען זיי ממילא ניט געצוואונגען צו שטופּען אַ העלפאַנט דורך אַ נאָדעל־לאָך כדי צו מאַכען דעם אויסנאַם שטימען מיטן געזעץ.

פאָדערונג פון אַ העכערער אָרדנונג (מאָראַל) דאַרף דער מענש באַזיצען אַ געוויסען גראַד אויטאָנאָמיע איבער זיינע מעשים — זיינע מעשים דאַרפען ניט זיין אין גאַנצען באַשטימט אין פאָראויס דורך דעם צוואַנג פון געזעץ. די וואָס נעמען אָן דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט הייסען דערפאַר „אינדעטערמי־ניסטען", בעת די וואָס נעמען אָן דעם ערשטען שטאַנדפּונקט הייסען „דע־טערמיניסטען."

מוז מען צוגעבען, אַז אינדעטערמיניזם איז טאַקע געגען דער מעג־ליכקייט פון אַ גענויער וויסענשאַפט בנוגע דעם מענשליכען ווילען, אָדער בנוגע די אַנדערע צווייגען וואו מען מוז זיך רעכענען מיט דעם איינפלוס פון מענשליכען ווילען. דאָס מיינט, אַז אויב פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע, אָדער עקאָנאָמיע זאָלן פאָרשטעלען גענויע וויסענשאַפטען וואָלטען זיי געגע־בען אַ טויט־קלאַפּ דער אידייע פון פרייען ווילען. זיינען אָבער די דאָזיגע צווייגען זעהר ווייט פון פאָרשטעלען גענויער וויסענשאַפט. זיי ווייזען אפילו ניט אַ מעגליכקייט ווען עס איז אַזעלכעס פאַרצושטעלען — פאַר וואָס?

ווייל אַ וויסענשאַפט פון אַ זאַך פאָדערט אַ דערקענטעניש ניט נאָר פון דאָס וואָס די זאַך איז, נאָר אויך פון דאָס וואָס מאַכט אַז זי זאָל זיין דאָס וואָס זי איז. אַן ערפאַרונג אַז די און די רפואה האָט געהיילט ראובנען וועט אונז נאָך קיין וויסענשאַפט פון מעדיצין ניט פאַרשאַפען, סיידען מיר זאָלען אויך וויסען פאַר וואָס די און די רפואה האָט געהיילט ראובנ׳ס קרענק. ווען מיר ווייסען ניט פאַר וואָס די און די רפואה האָט געהיילט ראובנ׳ס קרענק ווייסען מיר ממילא אויך ניט וואָס האָט עס געהיילט, וועלכער עלעמענט אין דער רפואה, אָדער אפשר איז עס גאָר אויסגעהיילט געוואָרען דורך עפּעס אַנדערש.*

כדי פּסיכאָלאָגיע זאָל מיט זיך פאָרשטעלען אַ גענויע וויסענשאַפט וואָלט מען אַלזא באַדאַרפט זיין אומשטאַנד צו דערקענען ניט נאָר די עפעקטען, וואָס אונזער ווילען ווייזט אַרויס, נאָר אויך די אורזאַכען פון די דאָזיגע עפעקטען. זיינען אָבער פּסיכאָלאָגען אַליין מודה, אַז אין דעם מענשענ׳ס נשמה אַרבעטען אומבאַקאַנטע אורזאַכען — אורזאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט יעדען איינעמ׳ס ספּעציעלער ירושה אָדער אפשר גאָר מיט דער צופע־ליגער ווירקונג פון קאָסמישע שטראַלען — טאָ ווי אזוי זאָל מען זיך ווען עס איז קענען אויפבילדען אַ גענויער וויסענשאַפט פון פּסיכאָלאָגיע?

און אויב עס איז ניט מעגליך אַ גענויע וויסענשאַפט אויף דעם געביט פון פּסיכאָלאָגיע איז ממילא אויך ניט מעגליך אַזאַ וויסענשאַפט אויף די גע־ביטען פון סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיע, וואו מען מוז זיך רעכענען מיט

---

* דאָס איז אַריסטאָטעלס דעפיניציע פון וויסענשאַפט, נאָר ער איז עס מסביר אַביסעל אַנדערש.

דעם איינפלוס פון די אינדיווידועלע מענשליכע ווילענס.* מערסטע נביאים אויף די דאָזיגע געביטען האָבען זיך טאַקע דערפאַר אַרויסגעוויזען אַלס נביאי השקר. און דערפאַר טאַקע קענען די דעטערמיניסטען גאָר ניט געהאָלפען ווערען דורך דעם וואָס זיי וועלען זיך אָנשפּאַרען אויף די פּלייצעס פון די דאָזיגע וויסענשאַפטען.

פאַרשטעהט זיך, אַז די ווערטער וואָס זיינען דאָ געזאָגט געוואָרען זיינען ניט גענוג צו דערקלערען סיי דעם שטאַנדפּונקט פון די דעטערמיניסטען און סיי דעם שטאַנדפּונקט פון די אינדעטערמיניסטען — בפרט דעם שטאַנד־פּונקט פון די לעצטע, מחמת די שוואַכקייט פון אינדעטערמיניזם ליגט אויף זיין לאָגישער זייט און זיין רפואה מוז דערפאַר קומען פון לאָגישער דער־קלערונג. דער ענין פון דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם וועט דערפאַר דאָ דיסקוסירט ווערען באַזונדער, אין קומענדיגען קאַפּיטעל.

* פאַרשטעהט זיך, אַז דאָ ווערט ניט געלייקענט אין גאַנצען אין די דאָזיגע וויסענ־שאַפטען. ווייטער וועט מען זעהן אַז אַפילו די וואָס גלויבען אין פרייען ווילען נעמען אויך אָן אַז עס ווערט געגוצט נאָר דורך יחידי סגולה און זעהר זעלטען אויך דורך אַנדערע. די פירונג פון פשוטען עולם לאָזט זיך דערפאַר אַריינפּאַסען אין די ראַמען פון אַ וויסענ־שאַפט — אָבער ניט פון אַ גענויער וויסענשאַפט.

צוועלפטער קאַפּיטעל

דעטערמיניזם און פרייהייט פון ווילען

דער שטאַנדפּונקט פון די דעטערמיניסטען. — אַ מענש מוז טאָן דאָס וואָס ער טוט. — דער אונטערשייד צווישען רשע און צדיק ליגט נאָר אין דעם וואָס דער איינער ווערט בעאיינפלוסט אויף אַן אַנדער אופן ווי דער אַנדערער. — שוועריגקייטען מיטן דעטערמיניזם. — עס איז אונז שווער צו דענקען אַז מאַנכע זאַכען האָבען מיר ניט געקענט טאָן אַנדערש ווי מיר האָבען זיי געטאָן. — אויב דער צדיק און דער רשע האָבען געמוזט טאָן דאָס וואָס זיי האָבען געטאָן קומט איינעם ניט בעלוינען און דעם אַנדערען ניט באַשטראָפען. — אויב דער רשע מוז טאָן דאָס וואָס ער טוט, דאַן קען ער זיך ניט מאַכען קיין פאָרוואורף פאַר זיינע מעשים און ער קען זיך ניט אויסבעסערען. — דעם דעטערמיניסטס ענטפערס. — עס זעהט אונז אויס אַז מיר האָבען מאַנכע זאַכען געקענט טאָן אַנדערש ווי מיר טוען, ווייל מיר ווייסען ניט די אורזאַכען פון אונזער טאָן. — מיר בעלוינען פאַר גוטס און באַשטראָפען פאַר שלעכטס, ווייל דאָס ווערט געפאָדערט דורך אונזער געזעלשאַפטליכען אינסטינקט. — מענשען ווּעלען זיך מאַכען פאָרוואורף פאַר שלעכטע מעשים, ווייל פרייהייט פון ווילען איז אַן אילוזיע. — שוועריגקייטען מיטן אינדעטערמיניזם. — אינדעטערמיניזם דורך באַקומען פלוצלינג נייע אידייען אָדער נייע וואונשען האָט געגען זיך דעם כלל פון אורזאַכליכקייט און אַלע שוועריגקייטען, וואָס זיינען דאָ פאָרגעשטעלט געוואָרען אין פאַרבינדונג מיט דעטערמיניזם. — אינדעטערמיניזם דורך מאַכען אַ גרעסערע אָנשטרענגונג צו ווּעלען דאָס וואָס איז גוט, שיינט צו זיין לאָגיש אוממעגליך. — מיר פיהלען אָבער, אַז אַזאַ אָנשטרענגונג ווערט געמאַכט, ווען מיר דאַרפען זיך דעצידירען צווישען אַ מאָראַלישען מאָטיוו און אַ פראַגמאַטישען. — היות ווי די דאָזיגע צוויי סאָרטען מאָטיווען קענען ניט געמאָסטען ווערען איינע געגען די אַנדערע, דאַרף מען, לויטן דעטערמיניזם, ניט קענען זיך דעצידירען צווישען זיי. — לויטן דעטערמיניזם איז אויך שווער צו פאַרשטעהן פונוואַנעט נעמט זיך די אָנשטרענגונג וואָס אַ מענש מאַכט ווען ער דאַרף זיך אַזוי דעצידירען. — אָנשטרענגונג איז שייך נאָר ווען מען גיט צו עפּעס וואָס איז פריהער ניט געווען, און אויב דער סכום פון וואונש איז פון פריהער באַשטימט, דאַרף גאָר ניט קענען צוגעגעבען ווערען. — דער אינדעטערמיניסט ליידט ניט פון דער דאָזיגער שוועריגקייט, ווייל ער האַלט, אַז אונזער ווילען איז ניט אונטערוואָרפען אין גאַנצען דעם אורזאַכליכקייטס כלל. — דער שכל גיט דאָ גערעכט דעם דעטערמיניסט, אָבער דער אינדעטערמיניסט ווערט פון דעם ניט נתפעל, ווייל ער געפינט אויס אַז עס איז אַן אילוזיע פון שכל. — די סמנים פון אילוזיע, וועלכע ווערען דאָ געפונען. — מען באַמערקט עס ניט, ווייל די אילוזיע איז דאָ אַנדערש מיט דעם, וואָס זי געפינט זיך אין שכל און ניט ווי געוועהנליך אין די חושים. — אויך איז שווער עס צו באַמערקען, ווייל ווען מען פאָרשט, האָט מען ניט אויפן

דעטערמיניזם און פרייהייט פון ווילען

געדאַנק קיין עראינערונג פון אמת׳ער פרייהייט. — אויך איז פרייהייט די פריווילעגיע נאָר פון יחידי סגולה. — אויב אַלע זאַכען אין דער נאַטור זאָלען זיין אונטערוואָרפען דעם אורזאַכליכקייטס כלל, קען מען נאָך פון דעם ניט דרינגען דורך אינדוקציע, אַז אויך דער מענש מוז אונטער דעם זיין אונטערוואָרפען, וויל אין אינדוקציע דרינגט מען דורך גלייכהייט און די גייסטיגע זייט פון מענשען איז ניט גלייך צו אַנדערע זאַכען אין דער נאַטור. — מען קען עס אויך ניט דרינגען דורך דער וואַרשיינליכקייט פון „אחרי רבים להטות,” וויל אויך די דאָזיגע וואַרשיינליכקייט איז באַזירט אויף דער לאָגיק פון גלייכהייט. — דער מענש, וואָס געפינט זיך אויף אַ העכערער מאָראַלישער מדריגה, באַזיצט אין זיין ווילען די באַדינגונגען פאַר אינדעטערמיניזם, בעת מערסטע אַנדערע זאַכען אין דער נאַטור פעהלען אַזוינע באַדינגונגען. — די דערפאַרונג ווייזט אונז אַז פאַרן פראָגרעס פון דער מענשהייט לוינט זיך בעסער דער גלויבען אין אַ פרייען ווילען. — די דערפאַרונג מיטן סטאָאיציזם און עפיקורעאיזם. — די דערפאַרונג מיט דער מאַכמעדאַנישער אמונה. — צוליב דעם וואָס דער גלויבען אין אַ פרייען ווילען לוינט זיך פאַרן פראָגרעס פון דער מענשהייט, ווערט אַזאַ גלויבען געפאָדערט פון אונז דורך דעם אומבאַוואוסטען כוח. — די אויפגאַבע פון נבואה איז אויפצודעקען די פאָדערונגען פון אומבאַוואוסטען כוח און דערפאַר מוז אַן אמת׳ע נבואה דערקענען און באַקענען אַ גלויבען אין פרייען ווילען. — נבואה און אַ פרייער ווילען זעהען אויס צו זיין אַ תרתי דסתרי. — די סתירה ווערט בטל דורך דער הנחה אַז די צוויי נעמען אַרום פאַרשיידענע געביטען. — דער שטאַנדפונקט פון דער אידישער אמונה איז, אַז נבואה קען ניט פאָראויסזאָגען באַשטימט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פרייען ווילען.

א.

די וואָס נעמען אָן דעטערמיניזם לייקענען ניט אין דעם מענשענס כח־הבחירה. פונקט ווי די אינדעטערמיניסטען גלויבען זיי, אַז יעדער מענש איז פריי אויסצואוועהלען און טאָן דאָס וואָס איז גוט פאַר אים. נאָר וואָס דען? זיי האַלטען אַז דאָס גופא רעדט פאַרן דעטערמיניזם: היות ווי דער מענש טוט ניט עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס ער וועהלט אויס, און היות ווי אויסוועהלען טוט ער בלויז דאָס וואָס קוקט אויס אין זיינע אויגען צו זיין דאָס בעסטע פאַר אים, מוז אויסקומען, אַז דאָס וואָס ער האָט געטאָן האָט געמוזט אויסקוקען אין זיינע אויגען צו זיין דאָס בעסטע פאַר אים און ממילא האָט ער עס געמוזט וועהלען, ד״ה ער האָט ניט געקענט טאָן עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס ער האָט געטאָן.

דער דעטערמיניסט האַלט, אַז די דאָזיגע לאָגישע מסקנה דאַרף זיין פאַרבונדען מיט דעם בעסטען פונקט ווי מיט דעם ערגסטען און נאַרישסטען טהאַט. איינער וואָס באַגעהט אַ מאָרד כדי פטור צו ווערען פון אַביסעל טומעל, וואָס זיין קרבן פלעגט מאַכען, האָט עס געמוזט טאָן, וויל דאָס האָט בשעת מעשה אויסגעזעהן אין זיינע אויגען צו זיין דאָס בעסטע פאַר אים. פאַרשטעהט זיך, אַז ער וועט שפּעטער האָבען חרטה; ער וועט אויס־

געפינען, אַז מיט זיין טהאַט זיינען פאַרבונדען שטראָפען, וועלכע זיינען פיל ערגער ווי אַביסעל טומעל און אַז דערפאַר האָט זיך אים דער דאָזיגער טהאַט ניט געלוינט. אָבער דאָס האָט ער געקענט אויסגעפינען ערשט שפּעטער; בשעת מעשה האָט ער די דאָזיגע שטראָפען אויפן זינען ניט געהאַט און דערפאַר האָט ער בשעת מעשה געמוזט אָננעמען, אַז עס לוינט זיך אים בעסער צו טאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן.

אָבער איז דען מעגליך צו פאַרזעהן „עלעקטריק־טשער" אָדער די אַנדערע באַוואוסטע שטראָפען, וואָס ווערען אויסגעטיילט אַ מערדער? דאָס, זאָגט מען, איז זעהר מעגליך ביי מענשען וואָס שטעהען אויף אַ נידעריגערער מדריגה. זיי זיינען אין דעם דאָזיגען הינזיכט ווי חיות, וועלכע ווערען באַאיינפלוסט הויפּטזעכליך פון דער געגענוואַרט און גאַנץ ווייניג פון דער צוקונפט. די שטראָפען פאַרן מאָרד, וועלכע געהערען דער צוקונפט, האָבען דערפאַר ניט געקענט פאַרנעמען קיין פּלאַץ אין זייערע חשבונות.

דאָס איז אייגענטליך וואָס מען זאָגט געוועהנליך אויף אַ מערדער אָדער אַ בעל־תאוה אַז ער איז געווען פאַרבלענדעט — וואָס מיינט עס? עס מיינט פשוט, אַז ער האָט בשעת מעשה ניט געהאַט אויפן געדאַנק עפּעס אַנדערש — עפּעס וואָס זאָל באַקעמפען דער דאָזיגער תאוה.* דערפאַר פּאַסירט טאַקע אַזאַ פאַרבלענדעניש מער אָפט ביי די רויהערע מענשען, די וואָס שטעהען נאָך נעהנטער צו דער שטופע פון אַ חיה. ראַפינירטע מענשען ווערען ניט געוויינליך אַזוי שטאַרק פאַרבלענדעט דורך אַ תאוה — פאַר וואָס? ווייל שטעהענדיג אויף אַ פּראָגרעסיווערער עקזיסטענץ־שטופע איז זייער ווזען פולער און אַקטיווער (נעמענדיג שפּינאָזעס אַן אויסדרוק), ער שפּריצט

* דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט ווערט אָנגענומען אין אונזער תורה, וועלכע פאָדערט, אַז אַ פאַרברעכער זאָל געוואָרענט ווערען בשעת ער באַגעהט דעם פאַרברעכען, מען זאָל דאָן אַרויפברענגען אויף זיין געדאַנק דעם גאַנצען שאָדען וואָס איז פאַרבונדען מיט זיין טהאַט. דער דאָזיגער געדאַנק ווערט בפירוש אויסגעדריקט דורך איינעם פון אונזערע תנאים, וועלכער נעמט דערפאַר אָן, אַז „אַ חבר (אַ תלמיד חכם) ברויך ניט קיין התראה, ווייל התראה איז ניט געגעבען געוואָרען נאָר אויסצופּראָווען צווישען שוגג און מזיד." די מערהייט פון אונזערע חכמים געהט אין דעם נאָך ווייטער. זיי נעמען אָן, אַז דער דאָזיגער שטאַנדפּונקט פון אונזער תורה מוז אָנגעווענדעט ווערען אַפילו בנוגע אַ תלמיד חכם. נאָך מער, זיי האַלטען, אַז דער מענשליכער געדאַנק קען ווערען אַזוי פאַרכאַפּט פון אַ תאוה, אַז ער זאָל ניט זיין אימשטאַנד אַפילו צו דערהערען אַ בפירושע התראה; אַ פאַרברעכער קען דערפאַר ניט באַשטראָפט ווערען מיט דער שטראָף וואָס די תורה האָט אים אויסגעטיילט סיידען ער זאָל זאָגען בפירוש, אַז ער ווייסט פון דער שטראָף וואָס איז פאַרבונדען מיט זיין טהאַט און דאָך טוט ער עס. פאַרשטעהט זיך, אַז אין איינקלאַנג מיט דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט איז אויסגעקומען אוממעגליך צו באַשטראָפען אַ פאַרברעכער, און כדי צו באַשיצען דער געזעלשאַפט האָבען אונזערע חכמים געמוזט אָנווענדען קעגען פאַרברעכער עפּעס אַ פּאַסיווען מיטעל — די כיפּה. שפּעטער וועלען מיר זעהן פאַר וואָס דאָס איז ניט סותר דעם שטאַנדפּונקט פון אינדעטערמיניזם, וועלכעס איז אָנגענומען אין אונזער אמונה.

אַרויף פונקען וועלכע באַרירען דאָס וואָס איז ווייט אָבגערוקט אין צייט — בקיצור, די דאָזיגע מענשען האָבען בשעת מעשה אויפן געדאַנק דעם ריוח און שאָדען פון דער צוקונפט, זיי קענען דערפאַר גיכער אָבשאַצען צי דער טהאַט זייערער לוינט זיך אָדער ניט, דעם „שכר עברה כנגד הפסדה."

אַ דריטער קלאַס מענשען איז ווידער דאָ וואָס געפינט זיך שוין נאָך אויף אַ העכערער עקזיסטענץ־שטופע. דער ווערט פון די דאָזיגע מענשען איז אַזוי פול און אַזוי אַקטיוו, אַז ער צוגיסט זיך אויך, אַזוי צו זאָגען, אין דער לענג און דער ברייט; ער קומט אין באַרירונג אויך מיט דעם וואָס איז אָבגערוקט אין שטח; ער ווערט באַאיינפלוסט אַפילו פון דעם ריוח און שאָדען פון אַנדערע. פאַרשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע מענשען מוזען אַריינגעמען אין זייערע חשבונות אויך זייערע אַלטרואיסטישע אָדער עטישע געפיהלען, און דער רעזולטאַט פון זייערע חשבונות מוז אויסקו־מען אַנדערש ווי דער רעזולטאַט פון די חשבונות פון די אַנדערע צוויי קלאַסען. אָבער פונדעסטוועגען מוזען אויך די חשבונות פון דעם דאָזיגען קלאַס דערפירען צו אַ באַשטימטען סך־הכול, וועלכער מוז אויסגעפאַלגט ווערען — פונקט ווי צווישען די אַנדערע צוויי קלאַסען, די עגאָאיסטען, איז אין דעם דאָזיגען הינזיכט ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען די וואָס באַ־הערשען און די וואָס ווערען באַהערשט פון זייערע שעדליכע אימפולסען.

לויט דעם דעטערמיניזם איז אַלזאָ דער מענש ניט קיין אויסנאַם אין דער נאַטור — דאָס וואָס פאַלגט פון אים איז אַזוי באַשטימט ווי אַ פיזישער עפעקט, וואָס פאָלגט פון זיין אורזאַך, און ווען מיר זאָלן קענען גענוי אַ מענשענס כאַראַקטער (זיינע אימפולסען און צילען) און זיין כח החשבון וואָלטען מיר געקענט גאַנץ גענוי פאָראויסזאָגען זיינע באַשלוסען, פונקט ווי מיר קענען פאָראויסזאָגען אַ פיזישען עפעקט, ווען מיר ווייסען, אַז עס עקזיסטירט זיין אורזאַך. און פונקט ווי אין פיזיקס וועלען צוויי גלייכע ענטגעגענגעזעצטע כחות זיך נייטראַליזירען אויף אַזוי ווייט, אַז קיינער וועט ניט זיין אומשטאַנד אַרויסצוברענגען אַן עפעקט, אַזוי אויך אין פסי־כיק וועט אַ באַלאַנס פון צוויי גלייכע ענטגעגענגעזעצטע טענדענצען בשום אופן ניט דערלאָזען אַ באַשלוס. למשל, ווען אַ מענש זאָל זיין גלייך הונגע־ריג און דאָרשטיג און ער זאָל זיך געפינען אויף אַ גלייכען מרחק צווישען עסען און טרינקען וועט ער ניט זיין אומשטאַנד אַנצונעמען אַ באַשלוס זיך צו באַוועגען אויף איין זייט אָדער אויף אַ צווייטען און ער וועט מוזען בלייבען אויף זיין פלאַץ ביז ער וועט אָוועקשטאַרבען פון הונגער אָדער פון דאָרשט.

ב.

דער דעטערמיניסט ווייס גאַנץ גוט, אַז זיין טעאָריע לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט אָראָבשלינגען, אַז זי האָט שוועריגקייטען פון פאַרשיידענע זייטען — פון עפיסטעמאָלאָגישען, פון מאָראַלישען און פון פּראַגמאַטישען שטאַנד־פּונקט. ער האַלט אָבער, אַז ער קען זיך מיט די דאָזיגע שוועריגקייטען לייכט אַן עצה געבען. וואָס זיינען די שוועריגקייטען געגען דעטערמיניזם?

קודם איז סתם שווער צו גלויבען אַז אַלץ וואָס מיר טוען מוזען מיר טאָן אַזוי ווי מיר טוען עס. נעמט, למשל, איינעם וואָס זיצט אָנגעלעגט אויף אַ פּאַטעל און רויכערט אַ ציגאַרעט. זעהט איר ווי ער לאָזט דאָן אַרויס דעם רויך אויף פאַרשיידענע אופנים: דורכ'ן נאָז, דורכ'ן מויל, אין באַזונדערע קויקען און אין איין זייל. פּרואווט, אדרבה, אים איינרעדען, אַז בעת ער האָט אַרויסגעבלאָזען דעם רויך אין באַזונדערע קויקען האָט ער עס געמוזט אַזוי טאָן, אַז ער האָט דאָן בשום אופן ניט געקענט אַרויס־בלאָזען דעם רויך אין איין זייל, אַזוי ווי ער האָט עס געקענט און געמוזט טאָן אַ מאָמענט שפּעטער.

און נאָך מער וועט ער אייך ניט גלויבען, ווען איר וועט אים דער־צעהלען די מעשה מיט בורידאַנ'ס אייזעל און איר וועט אים זאָגען, אַז ער וואָלט אויך בשעת מעשה ניט געקענט האַנדלען אַנדערש, אַז אויך ער וואָלט אויסגעגאַנגען פון הונגער אָדער פון דאָרשט, ניט קענענדיג זיך רירען פון אָרט צוליב דעם, וואָס ער וואָלט ניט געקענט באַשליסען צו געהן עסען אָדער טרינקען. ער וואָלט זיך דערפון אודאי באַליידיגט. ער וואָלט זאָגען, אַז ער איז נישט קיין אייזעל; ער ווייס גאַנץ גוט, אַז בליי־בענדיג אויפן פּלאַץ איז ערגער פון אַלץ. אויך ווייס ער, אַז עס איז אפשר לקיים שניהם, אַז ער האָט די ברירה צו שטילען סיי זיין הונגער און סיי זיין דאָרשט, ווען ער וועט צוגעהן פריהער צו איינעם און שפּעטער צו דעם אַנדערען פון די דאָזיגע לעבענס מיטעל. צו וועלכען פריהער און צו וועלכען שפּעטער? דאָס ווייס ער ניט דערווייל. ער איז אָבער זיכער, אַז אין אַזאַ פאַל וואָלט ער זיך בשעת מעשה געמוזט באַשליסען אויף איין זייט אָדער אויף אַן אַנדערען.

דאָס זיינען שוועריגקייטען פון עפיסטעמאָלאָגישען שטאַנדפּונקט. גרע־סערע שוועריגקייטען זיינען דאָ פון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט: אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דער וואָס טוט שלעכטס אָדער גוטס האָט געמוזט טאָן אַזוי ווי ער האָט געטאָן קומט אים ניט באַשטראָפען אָדער באַלוינען פאַר זיינע מעשים, מחמת אַ מענש איז ניט פאַראַנטוואָרטליך און עס קומט אים ניט קיין דאַנק פאַר מעשים צו וועלכע ער איז געצוואונגען געוואָרען. קיינער וועט דעם אַנדערען ניט באַשולדיגען פאַר אַ שטויס וואָס יענער האָט אים געגעבען בעת ער איז אויף אים אַרויפגעוואָרפען געוואָרען, ווען אַ צוג האָט

געגעבען אַ טרייסטל. פונקט אַזוי, פיהלט מען ניט קיין דאַנקבאַרקייט צו דעם באַאַמטען וואָס צאָלט אויס רעגירונגס שטיצע פאַר אָרעמע אָדער פענסיע פאַר אַלטע לייט. נאָך מער, מעשים וואָס אַ מענש טוט געצוואונגענערהייד ווערען גאָר ניט באַטראַכט אַלס זיינע מעשים — מען זאָגט ניט אַז דער באַאַמטער האָט אויסגעצאָלט די פענסיע, נאָר שטאַט; דער באַאַמטער ווערט דאָ אויפגענומען בלויז ווי אַן אינסטרומענט דורך וועלכען די אויסצאָלונג איז געטאָן געוואָרען — איז ווי אַזוי קען מען אַ מענשען באַשטראָפען אָדער באַלוינען פאַר מעשים וועלכע ער האָט גאָר ניט געטאָן?

וועלען אַנדערע פיליכט זאָגען, אַז דער פּרינציפּ פון שטראָף און לוין רוהט אין גאַנצען אויף דער באַזע פון נוצליכקייט: עס איז נוצליך פאַר דער געזעלשאַפט צו באַשטראָפען אַ פאַרברעכער צוליב דעם, וואָס דאַדורך פאַרהיט זי זיך, מער אָדער ווייניגער, פון דעם שאָדען וואָס זי איז עלול צו ליידען פון פאַרברעכענס, מחמת די שטראָף גילט אַלס בייטש צו האַלטען דעם פאַרברעכער אין צוים; די שטראָף דינט דעם פאַרברעכער גופא אַלס געגען־מאָטיוו, וועלכעס ווירקט זעהר אָפט אַריבערצוואוועגען זיין באַשלוס געגען די מאָטיוען וואָס טרייבען אים צום פאַרברעכען. פונקט אַזוי איז נוצליך פאַר דער געזעלשאַפט צו באַלוינען פאַר גוטס, כדי מען זאָל זוכען צו טאָן דאָס וואָס איז פאַר איר גוט.

וואָלט דאָס אַלץ גוט געווען ווען שטראָף פאַר שלעכטע מעשים און לוין פאַר גוטע מעשים זאָלן זיין בלויז טרוקענע, מקח־וממכר'דיגע פאַקטען, זיי זאָלן אויסגעצאָלט ווערען אַ שטייגער ווי אַ בעל־הבית צאָלט אויס לוין צו זיינע אַרבעטער אָדער ווי אַ מלוה צאָלט אויס פּראָצענטען. איז אָבער די זאַך נישט אַזוי: גוטס און שלעכטס רופען אַרויס ספּעציעלע געפיהלען — געפיהלען פון לויב און ליבע צו דעם וואָס טוט גוטס און געפיהלען פון האַס און פאַראַכטונג צו דעם וואָס טוט שלעכטס — איז וואָס פאַר אַ באַרעכטיגונג איז דאָ פאַר די דאָזיגע געפיהלען? פאַר וואָס זאָלן מיר לויבען איינעם פאַר מעשים וועלכע ער האָט געמוזט טאָן און וועלכע יעדער איינער וואָלט געטאָן אונטער די זעלבע אומשטענדען? און נאָך מער, פאַר וואָס זאָלן מיר האַסן אַן אַנדערען וועלכער איז נעבעך אַליין בלויז אַ קרבן פון אומשטענדען.

פון דער צווייטער זייט איז דאָ אַ געפאַר, אַז די דאָזיגע חשבונות זאָלן טאַקע האָבען אַ פּעולה און פאַראורזאַכען פיל שאָדען דער געזעלשאַפט; מענשען וואָס וועלען אָננעמען דעם דעטערמיניסטישען שטאַנדפּונקט וועלען אויפהערען זיך צו מאַכען פאַרוואורף פאַר פאַרברעכענס — פאַר וואָס זאָל אימיצער האָבען געוויסענסביסע פאַר אַ מאָרד ווען ער ווייס אַז ער האָט דאָ גאָר ניט געקענט העלפען און אַז ער איז דאָ דערפאַר בלויז ווי אַן אַנדערער, אַ צושויער, וועלכער האָט אויך ניט געקענט העלפען? און היות ווי דער דאָזיגער פאַרוואורף וואָס מען מאַכט זיך ווירקט אַז מען זאָל זיך אַן

אַנדער מאָל גיכער אויסהיטען פון אַזאַ פאַרברעכען, קומט אויס, אַז דער דעטערמיניזם איז עלול צו צושטערען איינעם פון די ווירקזאַמע וואפענס געגען פאַרברעכען.

דער דאָזיגער שאָדען ווערט נאָך פאַרגרעסערט דורך אַ פסיכאָלאָגישען פאַקטאָר — דורך דעם וואָס אַ מענש פאַרוועגדעט מער כח איבער עפּעס, וואָס ער גלויבט, אַז ער וועט קענען אויפטאָן ווי איבער עפּעס, וואָס ער צווייפעלט אויב ער וועט קענען אויפטאָן. דער שכל פון דעם איז אַ פשוטער: אין ערשטען פאַל איז ער זיכער אַז דער כח וואָס ער פאַרוועגדעט וועט ניט געהן אין ניוועץ; אין צווייטען פאַל איז ער אין דעם ניט זיכער, און דערפאַר האָט ער מורא צופיל אַריינצובראָקען. דערפאַר קומט אויס, אַז דער וואָס גלויבט אין פרייען ווילען, און ער איז זיכער, אַז ער האָט גענוג כח צו באַקעמפען יעדען שלעכטען אינסטינקט, וועט עס געוויס גיכער טאָן ווי דער וואָס גלויבט אַז זיין כח פון באַקעמפען עפּעס איז באַגרענעצט דורך דער באַשטימטער מאָס אָנשטרענגונג, וואָס ער איז אומשטאַנד צו מאַכען און אַז פיליכט איז שוין פון פאַראויס באַשטימט, אַז ער וועט ניט קענען באַקעמפען דעם דאָזיגען שלעכטען אינסטינקט.

ביני לביני קומט אויס, אַז דער דעטערמיניזם איז עלול צו פאַרשאַפען דער געזעלשאַפט פיל שאָדען און אַז די אידייע פון פרייען ווילען איז דערפאַר נויטיג פאַרן גאַנג פון פראָגרעס. דאָס זיינען די שוועריגקייטען, וואָס דעטערמיניזם באַגעגענט פון פראַגמאַטישען שטאַנדפונקט.

ג.

ווערט אָבער דער דעטערמיניסט ניט נתפעל פון די דאָזיגע אַלע שוועריגקייטען; ער האָט אויף די דאָזיגע קשיות זעהר גוטע תירוצים — וואָס זיינען די תירוצים?

(1) אויף דער קשיה פון עפּיסטעמאָלאָגישען שטאַנדפּונקט וויס יעדער דעטערמיניסט איבערצו'חזר'ען דעם תירוץ וואָס שפּינאָזע האָט אַמאָל אויף דעם געהאַט געגעבען: „מענשען מיינען אַז זיי זיינען פריי, מחמת זיי זיינען באַוואוסטזיניג אין זייער ווילען און באַשטרעבען און אין זייער אומוויסענהייט חלומ'ען זיי אַפילו ניט וועגען די אורזאַכען וואָס אַ דאַנק זיי זיינען זיי געצייגט אַזוי צו ווילען און באַשטרעבען." * מיט אַנדערע ווערטער: צוליב דעם וואָס מיר ווייסען ניט די אורזאַכען פון אונזערע וואונשען מיינען מיר, אַז זיי האָבען ניט קיין אורזאַכען, אַז זיי זיינען פרייע וואונשען.

---

* גענומען פון דער הוספה צו דעם ערשטען טייל „עטיק," אין נאַטאַנזאָנס אידישער איבערזעצונג.

און אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער דאָס זעלבע וועגען אונזערע האַנד־לונגען: „די מענשען, למשל, מאַכען אַ טעות ווען זיי גלויבען, אַז זיי זיינען פריי. זייער מיינונג נעמט זיך פון דעם באַוואוסטזיין וועגען זייערע אייגענע האַנדלונגען און פון דער אומוויסענהייט וועגען די אורזאַכען, וואָס באַשטימען די דאָזיגע האַנדלונגען. זייער אידייע וועגען פרייהייט איז דעריבער, פשוט, זייער אומוויסענהייט וועגען אַ וועלכער עס איז אורזאַך פון זייערע האַנדלונגען.״ *

לויט דעם דאָזיגען ענטפער פון שפינאָזע קומט אויס, אַז דער רויכע־רער וואָס האָט אַרויסגעלאָזט דעם רויך אין באַזונדערע קויקען, איז בשעת מעשה דערצו געצוואונגען געוואָרען דורך אַ באַשטימטער אורזאַך און ער האָט דערפאַר ניט געקענט טאָן אַנדערש. נישט מער, וואָס ער האָט די אורזאַך פאַרגעסען — אָדער אפשר האָט ער זי גאַר קיין מאָל ניט געהאַט אין זיין באַוואוסטזיין נאָר אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין — מיינט ער דער־פאַר, אַז די דאָזיגע האַנדלונג זיינע איז געקומען אָהן אַן אורזאַך און אַז ער האָט געקענט טאָן אַנדערש ווי ער האָט געטאָן.

און פונקט אַזאַ שאַרפען ענטפער גיט שפינאָזע אויף דער פראַגע, צי אַ מענש וואָלט נאָכגעטאָן בורידאַנ׳ס אייזעל, ווען ער זאָל זיך געפינען אין דער זעלבער לאַגע. אַזוי זאָגט ער אין דער אַנמערקונג צום ניין־און־פער־ציגסטען זאַץ אין צווייטען טייל פון זיין עטיק: „אַ מענש וואָס געפינט זיך אין אַזאַ גלייכגעוויכטיגען צושטאַנד (נעמליך, אין אַ צושטאַנד וואָס ער ווערט ניט געוואָר קיין זאַך אַ חוץ הונגער און דאָרשט, אַ געוויסער שפּייז און אַ געוויסען טרונק, וואָס זיינען גלייך ווייט אַוועק פון אים) וואָלט געשטאָרבען פון הונגער און דאָרשט.״

אודאי זעהט עס אונז אויס אַביסעלע פריקרע; אודאי קומט אונז אויס, אַז אַ מענש, אַ בר דעת, וואָלט זיך אין אַזאַ לאַגע געגעבען אַן עצה; ער וואָלט דאָך געקענט טאָן דעם קונץ, וואָס קינדער טוען ביים שפּילען זיך, זיי וואַרפען גורל אָדער זיי צעהלען זיך אויס. דאָס מיינט אָבער בלויז, אַז אַ מענש וואָלט מסתמא קיין מאָל זיך ניט געפונען אין אַזאַ אייזעלשער לאַגע; ער וואָלט אודאי אויפגעזוכט עפּעס אַן אורזאַך, וואָס זאָל אים באַשטימען צו איין האַנדלונג אָדער צו אַ צווייטער — צו דער האַנדלונג, וואָס איז באַ־שטימט אין פאָראויס דורך דער נאַטור פון דער אורזאַך, וועלכע איז עלול צו קומען בשעת מעשה אויף זיין געדאַנק. זאָל אָבער אַ מענש ווירקליך זיך געפינען אין דער לאַגע פון בורידאַנ׳ס אייזעל, זאָל ער בשעת מעשה ניט געוואָר ווערען פון קיין אורזאַך וואָס זאָל אים באַשטימען אויף איין

* דאָרט אין דער אַנמערקונג צום פינף־און־דרייסיגסטען זאַץ אין דעם צווייטען טייל.

זייט אָדער אויף אַ צווייטער, דאַן וועט ער באמת מוזען טיילען יענעמס גורל.

(2) פונקט אַזאַ גוטען תירוץ האָבען דעטערמיניסטען אויף דער קשיה פון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט: פאַר וואָס ליבען מיר דעם, וואָס טוט גוטס און מיר האַסען דעם, וואָס טוט שלעכטס, כאָטש דיביידע זיינען דאָך דורך אומשטענדען געצוואונגען צו טאָן דאָס וואָס זיי טוען? איז דער תירוץ, אַז די דאָזיגע געפיהלען אונזערע נעמען זיך ניט פון חשבונות נאָר פון געזעלשאַפטליכען אינסטינקט — אַן אינסטינקט וואָס לאָזט זיך געוויינליך ניט באַזייטיגען דורך חשבונות — וואָס מיינט עס?

פונקט ווי מיר באַזיצען אינסטינקטיווע געפיהלען וועלכע האָבען דעם צוועק צו פאַרהיטען אונזער פערזענליכען קיום, אַזוי האָבען מיר אינסטינקטיווע געפיהלען וועלכע האָבען דעם צוועק צו פאַרהיטען דעם קיום פון דער געזעלשאַפט: האָבען מיר דערפאַר געפיהלען, וועלכע צווינגען אונז צו פלעגען דאָס וואָס ברענגט נוצען דער געזעלשאַפט; די ערשטע זיינען אונזערע געפיהלען פון האַס און פאַראַכטונג צו די, וואָס טוען שלעכטס און די צווייטע זיינען אונזערע געפיהלען פון ליבע און אַכטונג צו די, וואָס טוען גוטס. דער פאַקט וואָס אַ מענש מוז טאָן דאָס וואָס ער טוט ענדערט ניט דעם עפעקט, וואָס זיינע מעשים האָבען אויפן קיום פון דער געזעלשאַפט און דערפאַר ווערט דורך דעם ניט געענדערט דער עפעקט, וואָס די דאָזיגע מעשים האָבען אויף אונזערע געפיהלען.

אָבער זיינען מיר דען ניט געניגט מוחל צו זיין אַ זינדיגען, ווען מיר דערוויסען זיך, אַז ספּעציעלע אומשטענדען האָבען אים געצוואונגען צו באַגעהן די זינד? אָדער הערען מיר דען ניט אויף אימיצען צו ליבען און אַכטען, ווען מיר געפינען אויס, אַז די גוטס וואָס יענער האָט געטאָן איז ניט געקומען פון אַ וואונש צו דינען דער געזעלשאַפט? איז פאַר וואָס ווערט אין אַזוינע פאַלען געענדערט דער עפעקט אויף אונזערע געפיהלען, כאָטש עס ווערט ניט געענדערט דער עפעקט אויף דעם קיום פון דער געזעלשאַפט?

איז דער תירוץ, אַז אין אַזוינע פאַלען ווערען די מעשים גופא איבערגערוקט פון איין קאַטעגאָריע אין אַן אַנדערער — מיר דערוויסען זיך, אַז די דאָזיגע מעשים געהערען גאָר ניט צו דער קאַטעגאָריע פון מעשים פאַר וועלכע מיר באַזיצען אינסטינקטיווע וואונשען צו באַשטראָפען אָדער באַלוינען, נאָר זיי געהערען צו דער קאַטעגאָריע פון נייטראַלע מעשים, אַזוינע וועלכע זיינען גאָר ניט נוגע אונזער געזעלשאַפטליכען אינסטינקט — פאַר וואָס? ווייל זינד וועלכע ווערען באַגאַנגען אונטער ספּעציעלע אומשטענדען זיינען גאָר ניט שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט, מחמת ספּעציעלע אָדער אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען וועלען דאָך געוועהנליך ניט עקזיסטירען און די זינד וועט ממילא געוועהנליך ניט באַגאַנגען ווערען. און פונקט אַזוי, ווען

איינער טוט גוטס ניט צוליב אַ גרעזעלשאַפטליכען מאָטיוו, ווי למשל, ווען אַ דאָקטאָר לאָזט זיך גוט באַצאָלען פאַר באַהאַנדלען אַ חולה, דאַן ווערט ער דאָך שוין ממילא באַלוינט פאַר זיינע מעשים און דערפאַר געהערען ניט די דאָזיגע מעשים צו דער קאַטעגאָריע פון מעשים פאַר וועלכע אונזער גרעזעל־שאַפטליכער אינסטינקט דאַרף אונז צווינגען צו באַלוינען.

(3) פון די שווערינקייטען פון פּראַגמאַטישען שטאַנדפּונקט מאַכט זיך דער דעטערמיניסט בכלל אַ קנאַפּען צימעס: קען זיין, אַז עס וואָלט זיך בעסער געלוינט צו גלויבען אין אַ פרייען ווילען, אָבער דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען וואָס עס לוינט זיך נאָר וועגען וואָס עס איז — דאָס וואָס עס לוינט זיך אונז צו גלויבען אין אַ פרייען ווילען מאַכט נאָך דעם ווילען ניט פריי. נאָר אויסער דעם האָט אויך דער דעטערמיניסט אָנצואווייזען אויף מעלות פון גלויבען אין דעטערמיניזם, און אין זיינע אויגען וועגען די מעלות ווייט אַריבער די חסרונות פון דעם.

אַט איז איין מעלה דאָס גופא, וואָס עס ברענגט אַריין דעם עלעמענט פון חשבון אין אַ פּלאַץ וואו עס האָט פריהער געהערשט בלויז אינסטינקט; עס גיט מענטשליכקייט אַ געלעגענהייט צו לאָזען הערען איר שטימע דאָרט וואו די חיה אין אונז האָט געהאַט די גאַנצע דעה — ווי אַזוי? וויסענדיג אַז דער פאַרברעכער אַליין איז נישט מער ווי אַ דורכגעפאַלענער און אַז ער האָט זיך אין זיין לאַגע נישט געקענט העלפען, האָבען מיר דאָך מיט אים מער איינזעהן און אונזער אויפפירונג געגען אים דערנענטערט זיך גיכער צו דעם, וואָס מיר פאַרשטעהען, אַז עס דאַרף זיין, ווי צו דעם וואָס עס ווילט זיך אונז אויפן מאָמענט. אַזוי פאַרשטעהען מיר, אַז מען מוז דעם פאַרברעכער באַשטראָפען און אַמאָל אפילו אין גאַנצען באַזייטיגען, פונקט ווי אַ גערטנער מוז אויסיעטען דעם גאָרטען פון די שעדליכע געוויקסען; אָבער צו דער זעלבער צייט דאַרפען מיר אויך האָבען מיט אים מיטלייד און מיר דאַרפען זוכען ווי ווייט מעגליך צו פאַרזיסען דעם ביטערען טראָפען, וואָס מיר זיינען געצוואונגען אים איינצוגעבען.

אַ צווייטע מעלה, וועלכע איז פיל וויכטיגער ווי די ערשטע, איז דאָס וואָס דער גלויבען אין דעטערמיניזם דעקט פאַר אונז אויף די וועגען און צילען פון דערציהונג: אויב מענשליכע וואונשען און האַנדלונגען פאָלגען פון זייערע אורזאַכען אַזוי באַשטימט ווי עס פאָלגען פיזישע עפעקטען פון זייערע אורזאַכען, דאַרפען זיי קענען אַרויסגעבראַכט ווערען אויף דעם זעלבען קינסטליכען אופן ווי עס ווערען אַרויסגעבראַכט פיזישע עפעקטען און אויף אַזאַ אופן דאַרף אין דער צוקונפט קענען אַרויסגעבראַכט ווערען דורות פון מלאכים; אַלץ וואָס ווערט פאַר דעם געפאָדערט איז צו דערקענען גענוי די אורזאַכען פון וועלכע עס פאָלגען גוטע וואונשען און צו פאַרשאַפען די

דאָזיגע אורזאַכען, ד"ה צו שאַפען אַ פערפעקטע פסיכאָלאָגיע און אַ פער־פעקטע דערציהונג.*

פון דער צווייטער זייט, האַלט דער דעטערמיניסט, אַז די חסרונות פון גלויבען אין דעטערמיניזם זיינען פאַקטיש פיל קלענער ווי זיי קוקען אונז אויס טעאָרעטיש, מחמת פאַקטיש וועט דער וואָס גלויבט אין דעטער־מיניזם זיך מאַכען פאָרוואורף פאַר פאַרברעכענס און ער וועט זיך אָנ־שטרענגען זיי אויסצומיידען ניט פיל ווייניגער ווי דער וואָס גלויבט אין אַ פרייען ווילען — פאַר וואָס? ווייל פרייהייט פון ווילען איז אַן אילוזיע און ווי יעדע אילוזיע הערט זי ניט אויף צו ווירקען אפילו נאָך דעם ווי מיר ווייסען שוין אַז עס איז ניט מער ווי אַן אילוזיע; פונקט ווי די זון קוקט אונז אויס נאָהנט און קליין אפילו ווען מיר ווייסען שוין אַז זי איז זעהר ווייט און זעהר גרויס, אַזוי וועלען מיר פיהלען און האַנדלען ווי אונזער ווילען וואָלט געווען פריי, אַפילו מיר וועלען וויסען אַז ער איז ניט פריי.**

ד.

פאַרשטעהט זיך, אַז די דעטערמיניסטען באַנוגענען זיך ניט מיט פאַר־טיידיגונג נאָר זיי געהען אויך איבער צום אנגריף, זיי ווייזען אָן אויף די שוועריגקייטען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דעם אינדעטערמיניזם. די דאָזיגע שוועריגקייטען זיינען הויפטזעכליך לאָגישע, דער אינדעטערמיניזם קוקט אויס זעהר אומזיניג, ווען מען פרובירט אים אַרויסברענגען מן השפה אל החוץ — און אָט פאַרוואָס:

אינדעטערמיניזם לאָזט זיך דערקלערען בלויז אויף צוויי וועגען: (1) אָדער מיר זאָלען פלוצלינג באַקומען נייע אידייען אָדער נייע וואונשען — אידייען אָדער וואונשען וואָס זיינען ניט קיין המשך פון די אַלטע אור־זאַכליכקייטס ליניען, נאָר ענטשטעהענדיג פון זיך אַליין ווירקען זיי אָנצו־פאַנגען נייע אורזאַכליכקייטס ליניען; (2) אָדער אַז די אורזאַכליכקייט פון מאַנכע פון אונזערע אַלטע אידייען און וואונשען זאָל זיך לאָזען אויסציהען מער אָדער ווייניגער, אַזוי, אַז מיר זאָלען מיט זיי גופא שטענדיג קענען אויפ־טאָן עפּעס מער ווי מיר האָבען אויפגעטאָן — מיט אַנדערע ווערטער, מיר זאָלען שטענדיג זיין אומשטאַנד זיך אָנצושטרענגען אַביסעל מער און גובר

---

* די היינטיגע דעטערמיניסטען וואַרפען אָפּ שאָפּענהויערס הנחה, אַז אַ שלעכטער כאַראַקטער קען ניט איבערגעמאַכט ווערען. זיי גלויבען טאַקע אין „יודזיניקס," אין ירושה פון כאַראַקטער, אָבער זיי האַלטען, אַז גינסטיגע אומשטענדען ווירקען ביסלאַכווייז איבערצואַרבעטען אַפילו אַ שלעכטען כאַראַקטער. זעה דעם קאַפּיטעל וועגען פרייהייט פון ווילען אין קאָנינגהאַמס Problems of Philosophy

** זעה דער אָנמערקונג צום פינף־און־דרייסיגסטען זאַץ אין צווייטען טייל פון שפּי־נאָזעס „עטיק."

זיין דעם יצר הרע, ד"ה די וואונשען וועלכע פאָדערען פון אונז צו טאָן עפּעס שלעכטס אָדער דערלאָזען אונז ניט צו טאָן עפּעס גוטס.*

צווישען די דאָזיגע צוויי וועגען איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד אין דעם היגזיכט פון פרייהייט: אויף דעם ערשטען וועג איז די פרייהייט ניט אונזערע אַ פרייהייט — ניט עס ווענדעט זיך אין אונז צי מיר זאָלען באַקומען אַ נייער אידייע אָדער אַ נייעם וואונש און ניט עס ווענדעט זיך אין אונז, וואָס פאַר אַ נייער אידייע אָדער וואָס פאַר אַ נייעם וואונש מיר זאָלען באַקומען; מיר זיינען בלויז אַ פּאַסיווער מעדיום אין וועלכען אַן אידייע אָדער אַ וואונש כאַפּט זיך אַריין ווי אַ גילגול און וועלכער צווינגט אונז צו האַנדלען לויט זיין פאָדערונג. דאַגעגען, אויף דעם צווייטען וועג איז די פרייהייט אונזערע אַן אייגענע פרייהייט; מיר אַליין מוזען בשעת מעשה זיין אַקטיוו און אַלץ ווענדעט זיך אין אונז אַליין.

ווערען די דאָזיגע ביידע וועגען פאַרבלאָקירט דורך דעם זעלבען כלל פון אורזאַכליכקייט, וועלכער פאָדערט, אַז יעדער עפעקט זאָל פאָלגען פון אַן אורזאַך און פון יעדער אורזאַך זאָל פאָלגען דער זעלבער עפעקט. לויט דעם דאָזיגען כלל דאַרפען אַלזא ביידע וועגען זיין אוממעגליך — ניט עס דאַרף זיין מעגליך די ענטשטעהונג פון אַן אידייע אָדער אַ וואונש פון זיך אַליין און ניט עס דאַרף זיין מעגליך, אַז פון דער זעלבער אידייע אָדער פון דעם זעלבען וואונש זאָל קענען פאָלגען עפּעס מער ווי עס האָט געפאָלגט.

איז אפשר די לאָגישע שוועריגקייט אויף דעם ערשטען וועג ניט אַזוי גרויס ווי מאַנכע דעטערמיניסטען מיינען, מחמת עס איז ניטאָ קיין אמתער ווידערשפּרוך אין אָננעמען, אַז עפּעס ענטשטעהט פון גאָרנישט, ד"ה אַז דאָס וואָס האָט אין איין צייט ניט עקזיסטירט זאָל אין אַן אַנדער צייט עקזיסטירען.** אָבער פונדעסטוועגן מוז דער דאָזיגער וועג אָבגעוואָרפען ווערען צוליב דעם, וואָס אויף אים ווערען באַגעגענט די אַלע שוועריגקייטען, וואָס זיינען דאָ פאַרגעשטעלט געוואָרען אין פאַרבינדונג מיטן דעטערמיניזם — שוועריגקייטען וועלכע לאָזען זיך דאָ ניט באַזייטיגען אויף דעם אופן ווי די דעטערמיניסטען האָבען זיי באַזייטיגט.

קודם איז דאָ די שוועריגקייט פון עפּיסטעמאָלאָגישען שטאַנדפּונקט: גראָד די האַנדלונגען וואָס מיר נעמען אויף אַלס פרייע ווערען אויפגענומען ווי זיי וואָלטען געפאָלגט פון אונזערער אַן אָנשטרענגונג, און ניט פון עפּעס

---

* זעה דעם קאַפּיטעל וועגען ווילען אין וויליאַם דזשיימס „פּסיכאָלאָגיע,” באַזונדערס דאָרט אויף זייט 455, וואו ער זאָגט, „אין דער ערפאַרונג פון אָנשטרענגונג פיהלען מיר ווי מיר וואָלטען געקענט מאַכען מער אָדער ווייניגער ווי מיר מאַכען ווירקליך אין יעדען מאָמענט.”

** וועגען דעם ווערט גערעדט באריכות אין דעם דערמאָנטען בוך „פּרינציפּען,” ז. 192־174.

אַן אויסערליכען מקור, וועלכער פאָדערט ניט פון אונז קיין שום אַקטיוויטעט. מען טאָר ניט פאַרגעסען, אַז ווילענס פרייהייט ווערט אויפגענומען אַלס די זעלבע זאַך וואָס זעלבסט־באַהערשונג, וועלכעס פאָדערט דאָך אודאי אָנ־שטרענגונג.

דאָן איז דאָ די שוועריגקייט פון מאָראַלישען שטאַנדפונקט: אויב אַ מענשענס גוטע און שלעכטע מעשים פאַלגען פון אידייען אָדער וואונשען, וועלכע כאַפּען זיך אין אים אַריין צופעליג, דאַן איז ניט יושר'דיג און אַפילו ניט נוצליך צו אורטיילען אים לויט זיינע מעשים, מחמת דער וואָס איז היינט געצוואונגען דורך עפּעס אַ צופעליגער אידייע צו טאָן אַ גוטען טהאַט קען מאָרגען געצוואונגען ווערען דורך אַן אַנדער צופעליגער אידייע צו טאָן אַ שלעכטען טהאַט, און דאָס זעלבע פאַרקערט.

און פונקט אַזוי פון פראַגמאַטישען שטאַנדפונקט, געפינען מיר דאָ אַלע חסרונות און קיינע פון די מעלות, וואָס זיינען פאַרבונדען מיטן דעטער־מיניזם. קומט אויס, אַז אַן אינדעטערמיניסט וואָס וואַרפט אָב דעם דעטער־מיניזם צוליב די דערמאָנטע שוועריגקייטען קען אודאי ניט אָננעמען דעם אינדעטערמיניזם אויף דעם דאָזיגען וועג אויף וועלכען עס ווייזען זיך ממש די זעלבע שוועריגקייטען נאָך אין אַ גרעסערען פאָרמאַט — צו וואָס זאָל ער געהן אויסבייטען אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע?

בלייבט אַלזאָ פאַר דעם אינדעטערמיניסט ניט מער ווי דער צווייטער וועג. שיינט אָבער דער דאָזיגער וועג צו זיין לאָגיש אוממעגליך — ווי אַזוי זאָלען מיר קענען מאַכען אַ גרעסערע אָנשטרענגונג ווי מיר מאַכען? ממה נפשך: קענען מיר און לוינט זיך אונז צו מאַכען אַ גרעסערע אָנשטרענגונג עפּעס צו טאָן אָדער עפּעס ווידערצושטעהן, טאָ פאַר וואָס מאַכען מיר עס ניט? לוינט זיך אונז ווידער ניט, טאָ פאַר וואָס זאָלען מיר עס ווען עס איז מאַכען?

וועט מען פיליכט זאָגען, אַז אין אמת'ען לוינט זיך אונז צו מאַכען די אָנשטרענגונג נאָר מיר מאַכען ניט, ווייל מיר ווייסען ניט, אַז עס לוינט זיך אונז. אָבער אויב אַזוי קענען מיר די אָנשטרענגונג ניט מאַכען, ווייל ניט וויסענדיג, אַז עס לוינט זיך אונז מוזען מיר אָננעמען אַז עס לוינט זיך אונז ניט און מיר מוזען דערפאַר האַנדלען אַזוי ווי עס לוינט זיך אונז ניט.

אָבער קען דען ניט זיין, אַז ווען מיר זאָלען אַביסעלע אַבוואַרטען מיט אונזער באַשלוס וואָלטען מיר אויסגעפונען דעם אמת, אַז עס לוינט זיך אונז? איז אָבער דער תירוץ, אַז דאָס גופא פאָדערט אָנשטרענגונג און דאָ גופא קענען מיר ממילא מאַכען דעם זעלבען ממה נפשך: לוינט זיך די אָנ־שטרענגונג מוזען מיר זי מאַכען; לוינט זי זיך ניט קענען מיר זי ניט מאַכען. אויף דעם צווייטען וועג דאַרפען מיר אַלזאָ אויך קיין מאָל ניט דער־גרייכען צו אַן אינדעטערמיניזם.

ה.

ווי עס קוקט אַלזאָ אויס, זיינען די דעטערמיניסטען אייזען שטאַרק סיי אין זייער פאַרטיידיגונג און סיי אין זייער אָנגריף געגען אינדעטערמיניזם און דערפאַר גלויבען זיי טאַקע, אַז זיי האָבען שוין זייער זיג אַ פאַרטיגען אין טאַש. דאַרף מען זיי אָבער דערמאָנען איין זאַך, וואָס זיי נעמען ניט אין באַטראַכט — אַ זאַך וועלכע האָט אַ דאָפּעלטע פּעולה, סיי עס שוואַכט אָב זייער פאַרטיידיגונג און סיי עס צוברעכט זייער אָנגריף — וואָס איז עס?

כדי צו האָבען אַ באַשטימטען סך־הכול מוזען זיין באַשטימט אַלע פאַקטאָרען וואָס קומען אַריין אין חשבון; איז איינער פון די דאָזיגע פאַקטאָרען אומבאַשטימט, איז דער סך־הכול אומבאַשטימט. $1+2+X=3+X$ און אויב מיר ווייסען ניט וויפיל דער איקס באַטרעפט ווייסען מיר ניט וויפיל דער סך־הכול באַטרעפט. קומט אויס, אַז אויב יעדע האַנדלונג אונזערע פאָלגט פון אַ באַשטימטען באַשלוס, וועלכער איז אַן אויסגע'חשבונ'טער סך־הכול פון דעם וואָס לוינט זיך אָדער לוינט זיך ניט, מוז זיין באַשטימט די מאָס פון לוינען־זיך אָדער ניט־לוינען זיך פון יעדען פאַקטאָר, וואָס קומט אַריין אין חשבון — אַנדערש וועלען מיר ניט האָבען קיין באַשטימטען באַשלוס.

דאָס מיינט ניט, אַז כדי צו פאַסען אַ באַשלוס מוזען מיר וויסען גענוי די מאָס פון פאַרגעניגען אָדער ליידען, וואָס יעדע האַנדלונג קען אונז פאַרשאַפען. אודאי וועט פאַר דעם זיין גענוג אַז מיר זאָלען וויסען אין אַל־געמיין דאָס די האַנדלונג לוינט זיך מער ווי יענע, אַפילו מיר וועלען ניט וויסען פּינקטליך וויפיל מער. אָבער עפּעס אַ פאַרגלייך צווישען די האַנדלונגען מוזען מיר דאָך אין אונזערע חשבונות מאַכען און דערפאַר מוזען אונזערע האַנדלונגען זיין אַזעלכע וואָס זאָלען זיך לאָזען פאַרגלייכען — דאָס ווערט אומבאַדינגט געפאָדערט פאַר דער מעגליכקייט פון חשבונען.

האָבען מיר מיט דער דאָזיגער פאָדערונג קיינע שוועריגקייטען, ווען אונזערע חשבונות נעמען אַריין בלויז מאָטיווען פון פּראַגמאַטישען שטאַנד־פּונקט — פון לוינען זיך אָדער ניט לוינען זיך. דאָ קען אַלץ אָבגעשאַצט ווערען און עס ווערט אודאי אָבגעשאַצט אינסטינקטיוו אָדער דורך ישוב הדעת, דורך אויסגעפינען די מעלות און חסרונות פון יעדער האַנדלונג. ווי איז אָבער ווען די חשבונות דאַרפען אַריינגעמען אויך אַ מאָראַלישען מאָטיוו — אַזאַ וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט דער פראַגע פון לוינען זיך אָדער ניט לוינען זיך — ווי אַזוי איז מעגליך צו מאַכען אַ פאַרגלייך צווישען אַזאַ מאָטיוו און אַ פּראַגמאַטישען מאָטיוו?

למשל, ווען עס האַנדעלט זיך ביי איינעם וועגען געהן אין טעאַטער נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, דאַן קען ער גאַנץ גוט אויסחשבונען אַ באַשלוס דורך פאָרשטעלען זיך די מעלות און חסרונות פון דעם און זעהן וואָס

וועגט אַריבער. ווען ער שטעלט זיך פאָר, פון איין זייט, די הנאות פון זעהן אַ גוטען בילד, פון לאַכען און פון אויסטאָן זיך פון דער טאָג־טעגליכער וואָכעדיגקייט, און פון דער צווייטער זייט, די אַנשטרענגונגען פון פאָרען אַ מידער צום טעאַטער, פון קומען אַ היים שפּעט ביינאַכט און פון דאַרפען אויף מאָרגען אַ ניט־אויסגעשלאָפענער אויפשטעהן צו דער אַרבעט, דאַן קען ער זיך אָוועקשטעלען קלאָר די פראַגע — לוינט זיך צו צאָלען מיט אַזוי פיל ליידען פאַר אַזוי פיל פאַרגעניגען? און דער ענטפער וועט שוין דאַן מסתמא קומען ממילא, מחמת ערגעץ אין געדאַנק אָדער אין געפיל זיצט שוין געוועהנליך אַ בוכהאַלטער, וואָס גיט זיך אָב מיט דעם דאָזיגען חיבורען און חיסורען — מיט די דאָזיגע אַריפמעטישע חשבונות פון לוינען זיך. ווען עס האַנדעלט זיך אָבער וועגען פראָפּיטירען פון אַ פעלשונג ביי איינעם וואָס מיידט אויס פאַלשקייט צוליב אַ מאָראַלישען מאָטיוו, דאַן וועט ער זיך שוין מיט דער דאָזיגער שאלה מוזען ווענדען צו צוויי פאַרשיידענע אָב־טיילונגען — צו דער אָבטיילונג פון לוינען זיך און צו דער אָבטיילונג פון דאַרפען — און פון יעדער אָבטיילונג וועט ער באַקומען אַן אַנדער ענטפער. וועלכער פון די דאָזיגע ענטפערס דאַרף גובר זיין? וואָס פאַר אַ חשבון זאָל עס באַשטימען?

ז.

וועט אַ דעטערמיניסט אודאי זאָגען, אַז דאָס ווערט באַשטימט דורך דער חשיבות פון די אָבטיילונגען פונוואַנעט עס קומען די פאַרשיידענע ענטפערס, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, פון דער חשיבות וואָס די דאָזיגע אָב־טיילונגען האָבען ביי יעדען איינעם באַזונדער: איינער וואָס רעכענט זיך מער מיט דער אָבטיילונג פאַר פראַגמאַטישע ענינים וועט ממילא אָננעמען דעם ענטפער, וואָס קומט פון דער פראַגמאַטישער אָבטיילונג; אַן אַנדערער וואָס רעכענט זיך מער מיט דער אָבטיילונג פאַר מאָראַלישע ענינים וועט ממילא אָננעמען דעם ענטפער, וואָס קומט פון דער מאָראַלישער אָבטיילונג.

וואָלט אפשר די דאָזיגע תשובה ניט שלעכט געווען, ווען אין אַזוינע פאַלען זאָל דער ישוב הדעת אַלע מאָל זיין קורץ און לייכט, מחמת היות ווי פון יעדער אָבטיילונג דאַרף דאָך דער פסק־הלכה קומען גלייך, אָהן וואַקלעניש און אָהן חשבונות, און היות ווי עס איז ביי יעדען איינעם פון פריהער באַ־שטימט וועלכע פון די אָבטיילונגען איז חשובער און ווי וועלכע עס איז דער דין (לויט דעם דעטערמיניסט שאפּענהויער איז עס שוין ביי יעדען איינעם באַשטימט פון זיין געבורט אָן), דאַרף קיינער זיך ניט ישובען וועלכען פסק־הלכה ער זאָל אָננעמען. איז אָבער די זאַך ניט אַזוי: זעהר אָפט פאָדערט אַזאַ באַשלוס פיל אַנשטרענגונג און פיל צייט — ווען מען פאַרלאַנגט פון איינעם ער זאָל פאַרראַטען זיינע פריינט אָדער זיין אידייע פאַרן פּרייז פון

זיין לעבן דאַן בעט ער געוועהנליך אַז מען זאָל אים געבען צייט זיך צו מישב זיין און אין דער דאָזיגער צייט אַרבעט זיין מוח זעהר שטאַרק ביז ער קומט צו אַ פעסטען באַשלוס — איז וואָס ווערט געטאָן אין דער דאָזיגער צייט? און וואָס באַשטעהט די אַנשטרענגונג?

ווערט מען פילייכט זאָגען, אַז די דאָזיגע צייט און די דאָזיגע אַנשטרענגונג ווערט אויסגעפילט דורך אַ קאַמף צווישען די יועצים פון די פאַרשיידענע אַבטיילונגען; דורך דער דאָזיגער צייט געהט אָן אַ הייסע דיסקוסיע און וועלכער יעדער צד לעגט זיך אויס מיט זיינע טענות. וואָס וועט זיין דער סוף פון דער דיסקוסיע — וועלכער צד וועט געווינען? דאָס קען זיין באַשטימט אין פאָרויס, דורך דעם כאַראַקטער פון מענשען און ווען עס געהט אָן די דיסקוסיע: איז איינער מאָראַליש געזאָנען וועט ביי אים זיגען דער יצר טוב; איז איינער פּראַגמאַטיש געזאָנען וועט ביי אים זיגען דער יצר הרע.

קוקט דאָס אַפילו אויס אַביסעלע שווערליך שוין מיט דעם אַליין, וואָס עס האָט דעם אויסזעהן פון אַ חשבון צווישען מאָראַלישע און פּראַגמאַטישע ווערטען, וועלכע לאָזען זיך דאָך ניט פאַרגלייכען און קענען ממילא איינע קעגען די אַנדערע ניט געחשבונט ווערען. אָבער מען קען פונדעסטוועגען זאָגען, אַז אין אַזאַ פאַל ווערען געחשבונט בלויז מאָראַלישע ווערטען, מחמת דער אייגענער לעבען האָט אַ מאָראַלישען ווערט אויך און מען איז דערפאַר ניט מחויב — און עס איז אַפילו מאָראַליש פאַרבאָטען — מקריב צו זיין דעם אייגענעם לעבען סיידען עס ווערט געפאָדערט דורך איבערוועגענדער מאָראַלישער מאָטיווירטעט.

פאַר אונז אידען איז עס אַפילו אַ שוואַכער תירוץ, מחמת אַ איד דאַרף דאָך אַליין די דאָזיגע חשבונות ניט מאַכען — אונזערע חכמים ז"ל האָבען עס שוין פאַר אים געמאַכט; אין מסכת סנהדרין ע"ד, ווערט געווען באַשטימט, ווען אַ איד דאַרף זיך מוסר נפש זיין און ווען ניט. אַ איד אַ תלמיד חכם און וואָס איז מאָראַליש געזאָנען האָט אַלזאָ ניט באַדאַרפט זיך ישובען, ווען עס איז אים אויסגעקומען בייצושטעהן אַזאַ נסיון. פאַקטיש איז עס אָבער ניט אַזוי; ניט נאָר האָבען אַפילו אַזוינע אידען פיל מאָל זיך גע'ישוב'ט (אָט ווי למשל ר' אמנון, דער בעל „ונתנה תוקף", וועלכער האָט געבעטען דריי טעג צייט זיך צו מיישב זיין) נאָר מאַנכע האָבען אַפילו ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון. און קיין ספק ניט, אַז צווישען די אנוסים האָבען זיך אָפט געפונען זעהר פיינע אידען, אַזוינע וועלכע האָבען דאָך אַפילו נאָך זייער דורכפאַל ווידער געקעמפט ווי לייבען.

נאָר אויך אויף דעם וועלען מאַנכע מסתמא געפינען תירוצים. איבערהויפּט די וואָס זוכען צו אונטערשאַצען די אידישע מאָראַלישע אייגענשאַפטען וועלען אודאי טענהן, אַז אין די דאָזיגע נסיונות איז די צייט אויסגעפילט געוואָרען דורך חשבונות פון לויבען זיך, פון וועגען דעם חלק לויתן אין

עולם הבא געגען דער חיי שעה אין עולם הזה. אָבער אויב דאָס לאָזט זיך נאָך זאָגען וועגען דער צייט און דעם ישובען זיך בשעת אַ נסיון איז עס אָבער כּלל ניט קיין ענטפער אויף דער אָנשטרענגונג פון די בעלי נסיון — די אָנשטרענגונג וועלכע איז די סמעטענע אין יעדען געהויבענעם מאָראַ־לישען טהאַט און וועגען וועלכער עס רעדט זיך אַזוי פיל סיי אין די אגדות חז״ל און סיי אין די בעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור.* נעמען מיר אָן אַז אַלץ וואָס מיר ווינשען מוזען מיר ווינשען, אַז עס איז אונז אוממעגליך ניט צו ווינשען, דאַן איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ סאָרט אָנשטרענגונג, איז עס אַן אָנשטרענגונג אויפצומאַכען אַן אָפענע טיר.

מען טאָר אויך ניט פאַרגעסען, אַז אָנשטרענגונג מיינט עפּעס צוצוגעבען; ווען איינער שטרענגט זיך אָן בשעת אַ קאַמף אָדער בשעת׳ן טראָגען אַ שווערע משא גיט ער דאַן צו קראַפט, וואָס ער האָט געהאַט פריהער רעזער־ווירט אָדער וואָס איז בשעת מעשה אין אים געשאַפען געוואָרען דורך געוויסע דריזען. דערפאַר איז טאַקע ניט חל דער באַגריף אָנשטרענגונג אויף דער טעטיגקייט פון אַ זאַך וואָס קען בשעת מעשה גאָר ניט צוגעבען — דערפאַר קען מען טאַקע ניט זאָגען אַז דער ווינד אָדער אַן אַנדער דומם האָט זיך אָנגעשטרענגט. און מהאי טעמא דאַרף דער באַגריף אָנשטרענגונג אויך ניט חל זיין אויף אונזערע וואונשען, אויב מיר זאָלען בשעת מעשה גאָר ניט קענען צוגעבען.

ז.

נאָר אפשר קען אויך דער דעטערמיניסט צולאָזען די הנחה פון צו־געבען וואונש? אפשר קען דער דעטערמיניסט זאָגען, אַז כאָטש וואונש קען בשעת מעשה צוגעגעבען ווערען איז עס פונדעסטוועגען דעטערמינירט מיט דעם וואָס די דאָזיגע צוגעבונג גופא איז געגוי באַשטימט אין פאָרויס, ד״ה אַז דאָס וואָס ווערט צוגעגעבען מוז אונטער די און די אומשטענדען פונקט אַזוי פיל צוגעגעבען ווערען?

אָבער זאָל דער דעטערמיניסט צולאָזען די דאָזיגע הנחה, וועט ער זיך מוזען אָנשטויסען אויף אַן אָפענעם ווידערשפּרוך: אויב מיר מוזען צו־געבען וואונש מוזען מיר דאָך ווינשען עס צו צוגעבען, ד״ה מיר מוזען ווינ־שען צו וועלען מער ווי פיל מיר ווילען; און אויב מיר ווינשען צו וועלען מער ווינשען מיר דאָך עס שוין ממילא און מיר דאַרפען שוין ממילא קיין וואונש ניט צוגעבען.

---

* אַלס ביישפּיל פון דעם אין דער וועלט ליטעראַטור וועט זיין גענוג צו דערמאָנען טאָלסטאָיס „תחית המתים.״ ביי אונזערע חכמים, ווידער, איז עס די איינציגע אַבסאָלוטע גבורה, „איזהו גבור הכובש את יצרו.״

אמת, אויך דער אינדעטערמיניסט קען ניט אויסמיידען דעם דאָזיגען ווידערשפּרוך. אָבער דער אינדעטערמיניסט געפינט זיך ווייניגסטענס אויף אַ באָדען אויף וועלכען ער קען זיך מער אָדער ווייניגער באַשיצען געגען דעם דאָזיגען שרעקליכען וואָפען, בעת דער דעטערמיניסט געפינט זיך ניט אויף אַזאַ גינסטיגען באָדען. מיט וואָס איז דער באָדען פון דעם אינדעטערמיניסט גינסטיגער פון דעם באָדען אויף וועלכען דער דעטערמיניסט געפינט זיך?

דער חילוק צווישען דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם ליגט הויפּטזעכליך אין דער אויסטייטשונג פון אורזאַכליכקייט'ס כלל: דער דעטערמיניסט איז זיכער, אַז דער אורזאַכליכקייט'ס כלל קען נאָר אויסגעטייטשט ווערען אַזוי אַז ער זאָל האָבען נויטווענדיגקייט און אוניווערזאַליטעט; יעדע תוצאה — צי עס איז וואונש צי עס איז כח, צי עס קומט פון אַ מדבר אָדער פון עפּעס אַנדערש — קען דערפאַר פאָלגען נאָר פון אַ גענוגענדען גרונד, ד"ה פון אַ גרונד, וועלכער האָט שוין געהאַט אין זיך אַלץ וואָס איז דאָ אין דער תוצאה, און די תוצאה איז ניט מער ווי אַ קאָמבינאַציע פון דעם וואָס איז געווען אין גרונד אומקאָמבינירט. דאַגעגען דער אינדעטערמיניסט האַלט זיך ניט פאַר אַזאַ מומחה אין דער אויסטייטשונג פון אורזאַכליכקייט'ס כלל; ער האַלט אַז אונזער דערקענטעניש איז ניט גענוגענד צו געבען דעם אורזאַכליכקייט'ס כלל אַזאַ וויט-גרייכענדע אויסטייטשונג.

דער אינדעטערמיניסט קען דערפאַר גאַנץ גוט צולאָזען די הנחה, אַז אויף עפּעס אַ געביט זאָל אורזאַכליכקייט ניט הערשען בכל תוקפה, אַז אין אַ קאָנפליקט צווישען לוינען זיך און דאַרפען זאָל קענען צוגעגעבען ווערען אַביסעל וואונש, וואָס פאָלגט ניט ממילא פון די געגעבענע אורזאַכען — אַביסעל וואונש וואָס ווערט בשעת מעשה געשאַפען. דער דעטערמיניסט קען אָבער אַזאַ הנחה בשום אופן ניט צולאָזען; פון דעם דעטערמיניסטישען שטאַנדפּונקט מוז יעדער טראַפען וואונש פאָלגען ממילא פון די געגעבענע אורזאַכען און די מעגליכקייט פון אויסציהען אַ וואונש דורך אַנשטרענגונג דאַרף דערפאַר זיין אויסגעשלאָסען.

ח.

אָבער גיט דאָ ניט דער שכל גערעכט דעם דעטערמיניסט? איז דען ניט אונזער לאָגיק מחייב אַנצונעמען אַז עס איז דאָ אַ גענוגענדער גרונד פאַר יעדער תוצאה און אַז ווען עס איז דאָ אַזאַ גרונד מוז אַזאַ תוצאה פאָלגען? קענען מיר דען בנוגע אונזערע מאָראַלישע האַנדלונגען גופא אויסמיידען די פראַגע — וואָס מאַכט אַז מיר זאָלען דעם און דעם וואונש אויסציהען, פאַר וואָס זאָלען מיר זיך אַנשטרענגען? איז וואָס וועט דער

אמונה און אפיקורסות

אינדעטערמיניסט ענטפערען אויף דער דאָזיגער פראַגע? ווי אַזוי גיט ער זיך אַן עצה מיט די לאָגישע פאָדערונגען פון זיין אייגענעם שכל?

זיינען דאָס פראַגען וועלכע פאַרשאַפען דעם אינדעטערמיניסט אין אָנפאַנג זעהר פיל קאָפּ־וועהטאָג. אָבער נאָך דעם ווי ער טראַכט זיך אַריין טיפער אין דעם ענין הערען אים אויף די דאָזיגע פראַגען צו מאַטערען; ער ווערט מער ניט נתפעל פון די דאָזיגע לאָגישע פאָדערונגען פון זיין שכל — פאַר וואָס? ווייל פונקט ווי עס זיינען דאָ אילוזיעס פון די חושים אַזוי זיינען דאָ אילוזיעס פון שכל און ער געפינט אויס, אַז די דאָזיגע לאָגישע פאָדערונגען, אין זייער פולען פאַרנעם, האָבען גראַד אַלע סמנים פון אילו־זיעס — וואָס זיינען די סמנים פון אילוזיעס?

איין סימן איז דער וועלכען מיר טרעפען מערסטענס אין אונזערע חלומות: דער חלום שטעלט אונז פאַר אַ דערקענטעניש וואָס מיר ווייסען אַז אונטער די עקזיסטירענדע אומשטענדען דאַרפען מיר ניט זיין אומשטאַנד צו דערקענען — אַט ווי למשל, ליגענדיג אין אַ בעט אין נויאָרק חלומט זיך מיר, אַז איך שמועס מיט מיין ברודער וועלכער געפינט זיך גאַר אין ארץ ישראל. דאָס האָבען מיר אויך מיט די דאָזיגע לאָגישע פאָדערונגען פון אונזער שכל; אין די דאָזיגע לאָגישע פאָדערונגען פון שכל ווערט אונז פאַרגעשטעלט אַ דערקענטעניש וועגען דער אוניווערסאַליטעט פון אורזאַכ־ליכקייט'ס כלל, בעת מיר ווייסען, אַז אונזער שכל דאַרף ניט זיין אומ־שטאַנד אַריינצודרינגען אין אַלע ווינקעלעך פון אוניווערס כדי אויסצוגעפינען אַז עס איז אַזוי.*

אַ צווייטען סימן פון אילוזיע האָבען מיר אויב די דערקענטעניש איז אין סתירה מיט אַן אַנדער דערקענטעניש און איינע פון די צוויי מוז ממילא זיין אַן אילוזיע. אַזוי איז, למשל, מיט אונזער דערקענטעניש וועלכע שטעלט פאַר דעם קרייז פון דער זון עטליכע פוס גרויס, בעת אַנדערע דערקענ־טענישען ווייזען אונז, אַז די זון איז זעהר גרויס. דאָס האָבען מיר אויך מיט דעם דעטערמיניזם, וועלכער איז אין סתירה מיט אונזערע דערקענ־טענישען פון אינדעטערמיניזם — מיט אונזער געפיל פון ווילענס פרייהייט און מיט אונזערע חשבונות פון דער אומפאַרגלייכבאַרקייט צווישען לוינען זיך און דאַרפען און דער אָנשטרענגונג בשעת עס ווערט געמאַכט אַזאַ פאַרגלייך.

---

* ווייזט אויס אַז דער דעטערמיניסט איז אין גאַנצען בלינד צו דער דאָזיגער באַ־גרענעצונג פון אונזער שכל און פונדאַנען נעמט זיך זיין איבערטריבענער גנאסטיציזם בכלל: פונדאַנען נעמט זיך וואָס שפינאָזע האָט געהאַלטען אַז ער ווייסט די וועגעלעך פון הימעל פונקט אַזוי גוט ווי ער ווייסט די וועגעלעך פון אַמסטערדאַם; פונדאַנען נעמט זיך וואָס שאָפּענהויער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער האָט אין ווילען דערטאַפּט דעם אמתען נאַאומען, דער זאַך אַן און פאַר זיך וואָס קאַנט האָט געהאַלטען אַז מיר קענען מיט אונזער שכל קיין מאָל ניט אויסגעפינען; און פונדאַנען נעמט זיך אויך וואָס די מאַטעריאַליסטען זיינען ביי זיך זיכער אַז עס איז ניטאָ עפּעס וואָס זיי קענען ניט תופס זיין.

אַ דריטער סימן איז דאָ וועלכער העלפט אונז זיך פונאַנדערצוקלייבען צווישען די דערקענטעענישען אין אַ סתירה, צו באַשטימען וועלכע פון די דערקענטענישען איז אַן אמתע און וועלכע איז אַן אילוזיע — וואָס איז דער סימן? אַן אמתע דערקענטעניש האָט איר גרונד אין דעם דערקענטען אָביעקט גופא, בעת אַן אילוזיע האָט איר גרונד אין עפּעס אַנדערש. למשל, די דערקענטעניש אַז די זון איז גאַנץ קליין האָט איר גרונד ניט אין דער זון גופא נאָר אין דעם מרחק פון דער זון, מחמת יעדע זאַך ווייזט זיך פון דער־ווייטען קלענער ווי עס איז. דאָס האָבען מיר אויך מיט דער דערקענטעניש פון דעטערמיניזם, דער דעטערמיניזם האָט אַ סוביעקטיווען גרונד, אַ גרונד וואָס קומט פון אונזער אייגענעם שכל — ווי אַזוי?

די פונקציע פון אונזער שכל איז אויפצוזוכען דעם המשך פון פאַלגען — דאָס פון וואָס עפּעס פאָלגט און דאָס צו וואָס עס דאַרף דערפירען. דאָס איז דערפאַר די איינציגע זאַך וואָס אונזער שכל קען באַמערקען, פאַר ניט אַזאַ המשך האָט ער פשוט ניט קיין אויגען. נאָך מער, צו אַלץ וואָס ער געהט צו מוז ער צוטרעטען מיט דער דעה, אַז עס איז דאָרט דאָ אַ המשך פון פאָלגען, מחמת אַנדערש האָט ער דאָך דאָרט ניט וואָס צו זוכען. און מהאי טעמא מוז ער צו אַלץ אויך צוטרעטען מיט דער דעה אַז דער דאָזיגער המשך איז דאָרט באַשטימט — אַז פון דער זעלבער אורזאַך וועט אַלע מאָל פאָלגען דער זעלבער עפעקט — מחמת נאָר אַ באַשטימטער המשך לאָזט זיך דאָך אויפזוכען. למשל, זאָל אייז קענען פאָלגען פון היץ אַזוי גוט ווי פון קעלט דאַן וועט מען קיין מאָל ניט קענען וויסען פון וואָס דאָס אייז איז געקומען. קומט אויס, אַז אונזער שכל מוז צו יעדער זאַך צוגעהן אין פאָראויס מיט דער דעה פון דעטערמיניזם, ד״ה אַז דער גרונט פון אָננעמען דעטערמיניזם קען ליגען ניט אין דעם דערקענטען אָביעקט נאָר אין אונזער שכל.

ט.

אָבער אויב אַלע סמנים ווייזען אַז דער דעטערמיניזם איז אַן אילוזיע, טאָ פאַר וואָס האָבען עס ניט אויסגעפונען מערסטע פילאָזאָפען און מערסטע וויסענשאַפטסלייט, וועלכע זיינען גראָד נוטה אָנצונעמען דעם אינדעטער־מיניזם אַלס אַן אילוזיע?* זיינען דען ניט פילאָזאָפען און וויסענשאַפטסלייט געוועהנליך די הויפּט־מומחים אין אויפזוכען אילוזיעס — מומחים וועלכע

* פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס רעדט זיך בלויז וועגען דער מערהייט פילאָזאָפען. אַ מינדערהייט איז דאָ, וועלכע האָט דער דאָזיגער אילוזיע שוין פון לאַנג ענטדעקט. דאָס האָבען געטאָן אַמאָל די סקעפּטיקער. צו אַזאַ מסקנה איז אויך קאַנט געקומען. דער חסרון מיט קאַנטען איז אָבער דאָס וואָס ער האָט עס פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון שוואַכערע הנחות און שוואַכערע באַווייזען און אין דעם באַרג קופער איז פאַרפאַלען געוואָרען דאָס שטיקעלע גאָלד.

כּאָפּען נאָך אין דעם אַריבער די מאָס, זיי זוכען אויף אילוזיעס אַפילו אין דערקענטעניש וואָס האָט קנאַפּ וואָס סמנים פון אילוזיע — איז פאַר וואָס זאָלן זיי גראָד דאָ ניט זיין אומשטאַנד צו באַמערקען אַזוינע אָפענע סמנים פון אילוזיע?

דעם תירוץ אויף דער דאָזיגער קשיה איז אָבער גראָד ניט שווער צו געפינען — דער טעות נעמט זיך דאָ דערפון, וואָס דאָ איז די אילוזיע אַביסעל אַנדערש ווי אומעטום: אומעטום וואו עס איז דאָ אַ קאָנפליקט צווישען די חושים און דעם שכל געפינט מען דער אילוזיע אויף דעם זייט פון די חושים און דער אמתער דערקענטעניש אויף דעם זייט פון שכל, בעת דאָ איז גראָד פאַרקערט, די אילוזיע געפינט זיך אויף דעם זייט פון שכל און די אמתע דערקענטעניש ווערט דאָ פאַרגעשטעלט דורך אונזער געפיהל פון פרייהייט. און אָט די דאָזיגע אַנדערשקייט דאַרף טאַקע זיין בכוח צו פאַר־פירען פילאָזאָפען און וויסענשאַפטסלייט גיכער ווי אימיצען אַנדערש, מחמת פילאָזאָפען און וויסענשאַפטסלייט זיינען געוואוינט שטענדיג צו נעמען דעם צד פון שכל.

דאָס איז אַ טעות וואָס קומט בלויז פון געוואוינהייט — מען איז גע־וואוינט אַז דער שכל זאָל קריטיקירען די חושים און ניט די חושים דעם שכל. אָן אַנדער זאַך וואָס קען דאָ פאַרפירען איז דאָס, וואָס בעת מען פילאָ־זאָפירט און מען פאָרשט איז דער שכל אַליין אויפן פעלד; דער געפיהל פון אמתער פרייהייט (ניט די פרייהייט צו חשבונען און אויסצוגעפינען דאָס וואָס עס לוינט זיך) לאָזט בשעת מעשה פון זיך גאָר ניט הערען — פאַר וואָס? ווייל כדי אַ געפיהל זאָל פון זיך לאָזען הערען מוז מען פון אים האָבען בשעת מעשה ווענינגסטענס אַ קלאָרע דעראינערונג — אָבער ווי אַזוי קען מען האָבען אַ קלאָרע דעראינערונג פון עפּעס וואָס מען פאַרשטעהט ניט, וואָס איז געגען דעם שכל?

הייסט עס, אַז בעת מיר באַהאַנדלען דער פּראָבלעמע פון ווילענס פרייהייט האָבען מיר גאָר בשעת מעשה ניט אויפן זינען דער אמתער פריי־הייט — דער פרייהייט וואָס מיר דערפאַרען בשעת אָן אנשטרענגונג צו טאָן דאָס וואָס מען דאַרף טאָן. איז וואָס זאָל עס זיין פאַר אַ פרייהייט וואָס מיר האָבען אויפן זינען ווען מיר שפעקולירען וועגען דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם? דאָס קען זיין בלויז עפּעס אַ פיקציע, אַ פרייהייט, וואָס ווערט בשעת מעשה דורך אונז אויסגעטראַכט. אַזאַ פרייהייט איז טאַקע נישט מער ווי אַן אילוזיע; עס איז נאָך ווייניגער ווי דאָס, עס איז אַ שפעקולאַציע פון עפּעס וואָס מיר ווייסען פון דעם בלויז אַז עס איז געגען אונזער שכל.

אַ דריטע אורזאַך פון זיך־טועה־זיין אין דעם היגזיכט פון פרייהייט איז דאָס וואָס פיל מענשען דערפאַרען עס אַליין טאַקע זעהר זעלטען. מען טאָר ניט פאַרגעסען אַז ווילענס פרייהייט איז ניט אַ ביליגער גאַסט, עס

שטעהט אײן נאָר אין זעהר חשובע אכסניות, נאָר ביי מענשען וואָס געפינען זיך אויף אַ הויכער מאָראַלישער שטופע. אָבער וועגען דעם וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדען.

י.

איין פונקט איז נאָך דאָ פון וועלכען די דעטערמיניסטען מאַכען אַ גרויסען ווען — דאָס איז דער פונקט פון אינדוקציע — וואָס הייסט? דער אינדעטערמיניזם זאָל מיט זיך פאָרשטעלען אַ דערשיינונג, וואָס מען טרעפט ניט אין דער גאַנצער נאַטור: אין דער נאַטור איז אַלץ שטרענג־דעטער־מיניסטיש; אַלץ פאָלגט נאָך פּינקטליך די פאָדערונגען פון אורזאַכליכ־קייטס געזעץ — איז ווי שיקט זיך עס אַז איין זאַך זאָל ווידערשפּעניגען דעם דאָזיגען געזעץ, זאָל בילדען אַן אויסנאַם?

איז קודם דאַרף דאָ דערמאָנט ווערען דער פאַקט, אַז עס איז נאָך אַ גרויסער ספק, אויב דער אורזאַכליכקייטס געזעץ הערשט טאַקע אין דער גאַנצער נאַטור. גראָד אין דער לעצטער צייט זיינען דאָ פיל וויסענשאַפטס־לייט וועלכע צווייפלען אויב די עלעמענטען פון מאַנכע אַטאָמען טוען זיך אונטערוואַרפען דעם דאָזיגען געזעץ. און אודאי מוזען זיי האָבען אַ גוטען גרונד פאַר דעם דאָזיגען צווייפלען זייערען. אָבער אויב מען זאָל אַפילו אָנ־נעמען, אַז די ממשלה פון אורזאַכליכקייטס געזעץ שפּרייט זיך אויס איבער אַלע אַנדערע זאַכען אין דער נאַטור איז נאָך אַלץ פון דעם ניט געדרונגען אַז אויך דער מענש — און אודאי ניט אַז יעדער מענש — איז אונטער איר אונטערוואָרפען. איין בליק אויף דער טעכניק און לאָגיק פון אינדוקציע וועט אונז ווייזען אַז אַזאַ אינדוקציע קען מען ניט מאַכען. וואָס איז די טעכניק און לאָגיק פון אינדוקציע?

די טעכניק פון אינדוקציע באַשטעהט געוועהנליך אין דער שאַפונג פון כללים דורך באַמערקטע פּרטים. למשל, מיר באַמערקען ווי מערערע אָקסען בייסען ניט קיין מענשען, מאַכען מיר זיך דורך אינדוקציע אַ כלל, אַז אָקסען בייסען ניט קיין מענשען. די לאָגיק אין דער דאָזיגער טעכניק איז גלייכהייט — זאַכען וואָס זיינען גלייך מוזען באַזיצען די זעלבע נאַטור. עס איז ניט שווער איינצוזעהן, אַז די דאָזיגע לאָגיק האָט דעם זעלבען מקור וואָס דער אורזאַכליכקייטס כלל, וועלכער פאָדערט, אַז גלייכע אורזאַכען זאָלען אַרויסברענגען גלייכע עפעקטען.

דער זעלבער כלל פאָדערט אויך, אַז גלייכע עפעקטען זאָלן פאָלגען פון גלייכע אורזאַכען — איז דאָס טאַקע די לאָגיק אין דער קאָמפּליצירטערער טעכניק פון אינדוקציע, דאָן ווען דאָס שטאָף פון אינדוקציע נעמט אויך אַריין פאַרשיידענהייט און דער כלל קען דערפאַר אויסגעאַרבעט ווערען נאָר

דורך אויסקלייבען פון דאָרט די עלעמענטען פון גלייכהייט. למשל, ווען מיר באַמערקען ווי פאַרשיידענע זאַכען פאַלען צו דער ערד, זאָגט אונז אונטער די לאָגיק, אַז דער עפעקט פון פאַלען מוז פאַלגען פון עפּעס וואָס איז גלייך אין די דאָזיגע פאַרשיידענע זאַכען, מחמת גלייכע עפעקטען דאַרפען דאָך פאָלגען פון גלייכע אורזאַכען. און געפינענדיג דאָס, וואָס איז גלייך אין די דאָזיגע זאַכען, זייער „צד השוה", און פאַרבינדענדיג מיט דעם אַליין דעם עפעקט, פאַרענדיגען מיר דערנאָך ווי אין אַן איינפאַכער אינדוקציע — ווי אין אַ „מה מצינו" — פון דעם דאָזיגען צד השוה וועט שטענדיג פאָלגען דער זעלבער עפעקט און אַלץ וואָס האָט דעם דאָזיגען צד השוה וועט ממילא אויף אַזוי וויט שטענדיג אַרויסווייזען דעם דאָזיגען עפעקט.*

אין אַן אינדוקציע ווערט אַלזאָ געדרונגען בלויז דורך גלייכהייט. און אויב אַזוי דאַרף מען דורך אינדוקציע קיין מאָל ניט קענען דרינגען אַז דאָס וואָס מיר געפינען אין אַנדערע זאַכען פון דער נאַטור וועלען מיר אויך געפינען אין דער גייסטיגער זייט פון מענשען, מחמת די גייסטיגע זייט אין מענשען איז פיל אַנדערש פון אַלע אַנדערע זאַכען אין דער נאַטור — דער מענש האָט שכל, אידעאַלען און נאָך אַנדערע גייסטיגע אייגענשאַפטען וואָס די אַנדערע זאַכען אין דער נאַטור האָבען ניט — און פונקט ווי ער איז אַנדערש בנוגע די דאָזיגע אייגענשאַפטען אַזוי קען ער אויך זיין אַנדערש בנוגע אורזאַכליכקייט.

יא.

וועט פילייכט אַ דעטערמיניסט זאָגען, אַז כאָטש דער מענש קען זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע זאַכען בנוגע אורזאַכליכקייט איז פונדעסטוועגען לאָגישער אָנצונעמען, אַז ער איז ניט אַנדערש, מחמת פונקט ווי ער קען זיין אַנדערש אַזוי קען ער דאָך אויך זיין ניט אַנדערש און פון ספק וועגען שיקט זיך גיכער צו זאָגען, אַז ער איז ניט אַנדערש פון אַלע עקזיסטירענדע זאַכען אָדער, ווייניגסטענס, פון זייער מערהייט. זאָגען מיר דאָך איבעראַל, וואו עס איז אונז אַ ספק ווי אַ זאַך איז, אַז עס איז מסתמא אַזוי ווי די מער־הייט זאַכען — „אחרי רבים להטות" — טאָ פאַר וואָס זאָלן מיר ניט זאָגען דאָס זעלבע וועגען דעם מענשען אין דעם הינזיכט פון אורזאַכליכקייט?

---

* איך זאָג „אויף אַזוי וויט," ווייל דער שלוס פון אַן אינדוקציע לאָזט זיך ניט אויס־שפרייטען פון דעם צד השוה צו עפּעס אַנדערש וואָס איז מיט דעם פאַרבונדען, ד"ה אַז אויב אַ זאַך זאָל איינשליסען אַנדערע עלעמענטען אויסער דעם צד השוה, וועט מען ניט קענען דרינגען אַז דער עפעקט וואָס איז פאַרבונדען מיט דעם צד השוה איז אויך פאַרבונדען מיט די אַנדערע עלעמענטען. אַזוי, למשל, קען מען נאָר דרינגען אַז דער קערפּער פון אַ מענשען איז אונטערוואָרפען גראַוויטעט, אָבער ניט זיינע אידייען.

איז אָבער ניט שווער איינצוזעהן אַז די לאָגיק פון מערהייט האָט אויך צו טאָן מיט גלייכהייט און דאָס וואָס איז בפירוש ניט גלייך איז ממילא ניט אונטערוואָרפען אויך דער דאָזיגער לאָגיק. דאָס קענען מיר זעהן באַטראַכטענדיג אַ קאָנקרעטען ביישפּיל פון מערהייט און זיך צוקוקענדיג ווי אַזוי די לאָגיק אַרבעט דאָרט.

נעמט אַזאַ פאַל: אויף אַ שיף וואו די מערהייט פּאַסאַזשירען זיינען אַמעריקאַנער וועט זיין לאָגיש אָנצונעמען יעדען אומבאַקאַנטען פּאַסאַזשיר גיכער אַלס אַמעריקאַנער — פאַר וואָס? ווייל היות ווי אין דעם הינזיכט פון זיין אַ פּאַסאַזשיר איז דאָך דער אומבאַקאַנטער גלייך צו יעדען איינעם אויפן שיף, און היות ווי אויפן שיף זיינען דאָך דאָ מער אַמעריקאַנער ווי ניט־אַמעריקאַנער, איז דער אומבאַקאַנטער ממילא מער גלייך צו אַמעריקאַנער ווי צו ניט־אַמעריקאַנער; אויב אויפן שיף זאָלן זיין הונדערט אַמעריקאַנער און בלויז צען ניט־אַמעריקאַנער, איז היות ווי דער אומבאַקאַנטער האָט אַ גלייכען שאַנס צו זיין יעדער איינער, האָט ער ממילא הונדערט שאַנסען צו זיין אַן אַמעריקאַנער און בלויז צען שאַנסען צו זיין ניט קיין אַמעריקאַנער און די אונטערשטע שורה קומט דערפאַר אויס, אַז ער איז צען צו איינס אַן אַמעריקאַנער.*

איז דאָס אַלץ גוט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען עפּעס וואָס איז גלייך צו דער מערהייט. ווען עס זאָל זיך אָבער האַנדלען וועגען עפּעס וואָס איז ניט גלייך, וועט די דאָזיגע לאָגיק אין גאַנצען אַוועקפאַלען. אַזוי למשל, וועט מען פון דעם וואָס די מערהייט פּאַסאַזשירען אויפן שיף זיינען אַמעריקאַנער ניט קענען דרינגען, אַז די מעבעל אָדער די מאַשינעריע אויפן שיף קומט פון אַמעריקע.

* מען וועט פּילייכט זאָגען, אַז דער דאָזיגער ביישפּיל שטעלט פאַר נאָר איין סאָרט מערהייט, בעת עס איז דאָ אויך אַן אַנדער סאָרט — די מערהייט פון רוב דעות, ווי למשל, ווען ביי אַ באַראַטונג ווערט אָנגענומען דער אורטייל פון דער מערהייט. איז אָבער דער פאַל פון רוב דעות ניט גלייך צו דעם סאָרט מערהייט וואָס שטעלט פאַר די פּאַרהעלטעניש פון די אַנדערע עקזיסטירענדע זאַכען צום מענשען און דערפאַר דאַרף אונז ניט אַרען אויב אַפילו דער פאַל פון רוב דעות זאָל זיין באַזירט אויף אַן אַנדער לאָגישען פּרינציפּ. אָבער באמת שיינט עס, אַז אויך דער פאַל פון רוב דעות האָט צו טאָן מיט דער לאָגיק פון גלייכהייט. פאַר וואָס נעמען מיר אָן דעם אורטייל פון דער מערהייט געגען דעם אורטייל פון דער מינדערהייט? ווייל היות ווי יעדען איינעמס אורטייל דריקט דאָך אויס דאָס וואָס יעדער איינער זעהט אין דער זאַך, און היות ווי די זאַך מוז דאָך האָבען עפּעס אַן אויסזעהן פון — ד״ה עפּעס אַן עהנליכקייט צו — דאָס וואָס יעדער איינער זעהט אין איר, מוז זי ממילא האָבען מער עהנליכקייט צו דאָס וואָס די מערהייט זעהט אין איר. דערפאַר טאַקע, ווען אַ מיינונג דריקט ניט אויס אַן אויסזעהן פון דער זאַך — ווי למשל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ מיינונג פון איינעם וואָס ווייסט גאָר ניט וועגען דער זאַך נאָר ער פּרוּווט זיך גלאָט טרעפען — דאַן איז עס גאָר ניט ווערט און מיט אַזאַ מיינונג וועט זיך קיינער ניט רעכענען ביי אַ ישוב הדעת.

יב.

נאָך אַ זאַך דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז דער מענש איז ניט גלאַט אַזוי אַנדערש פון די אַנדערע עקזיסטירענדע זאַכען נאָר זיין אַנדערשקייט טראָגט טאַקע באַשטימטע סמנים פון אינדעטערמיניזם, מחמת ער איז אַנ־דערש מיט דעם, וואָס ער באַזיצט די באַדינגונגען פון אינדעטערמיניזם — באַדינגונגען וועלכע פעלען די אַנדערע עקזיסטירענדע זאַכען וועמענס נאַטור מיר קענען מער אָדער ווייניגער.

וואָס זיינען די באַדינגונגען פון אינדעטערמיניזם? קודם ווערט געפאָ־דערט פאַר דעם אַ מציאות פון פאַרשיידענע ריכטונגען, אַ פרשת דרכים. דאַן ווערט געפאָדערט, אַז די פאַרהעלטעניש צווישען די פאַרשיידענע ריכ־טונגען זאָל זיין אַזאַ וואָס גיט ניט די מעגליכקייט צו באַשטימען וועלכע ריכטונג וועט גיכער פירען צום ציל. און אויסער די דאָזיגע צוויי אָביעק־טיווע פאָדערונגען איז דאָ נאָך אַ סוביעקטיווע פאָדערונג, דהיינו, אַז דער טרייבער זאָל ניט האַלטען די אויגען געריכטעט אין איין ריכטונג, נאָר ער זאָל זיך שטענדיג אָבשטעלען און אַרומקוקען כדי צו באַמערקען די פאַר־שיידענע ריכטונגען וואָס שטעלען זיך פאַר פאַר אים.

די דאָזיגע פאָדערונגען ווערען זעהר גוט אויסגעפילט ביים מענש — הויפטזעכליך ביי אַ מענש וואָס שטעהט אויף אַ העכערער מאָראַלישער מדריגה, אַ מענש וואָס האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיך העכערע אידעאַלע צילען וועלכע ער זוכט צו דערגרייכען.

קודם מוז אַזאַ מענש האָבען פאַר זיך פאַרשיידענע ריכטונגען, אַ ריכ־טונג פון פראַגמאַטישע אינטערעסען און אַ ריכטונג פון מאָראַלישע אינטע־רעסען; פון איין זייט ווערט ער געצויגען דורך די וואונשען פון אַ פשוטען בשר ודם און פון דער אַנדער זייט ציהט ער צו עפּעס אַן אידעאַל וועלכער געפינט זיך זעהר אָפט פונקט אין אַ געגענזעצטער ריכטונג. למשל, ווען איר דערצעהלט אַ מוסרניק וועגען אַ גרויסען עניו מוזט איר ביי אים אַרויסרופען געפיהלען פון באַוואונדערונג און קנאה, ד"ה ער וועט ווינשען צו זיין אַ בורח־מן־הכבוד אַזוי ווי יענער; ניט שטעהענדיג אָבער אויף יענעמס מדריגה וועט ער גלייכצייטיג אויך ליב האָבען אָביסעלע כבוד און אַזוי אַרום וועט איר אין אים האָבען אַ ויתרוצצו צווישען צוויי געגענגע־זעצטע וואונשען.

נאָר אַ ויתרוצצו צווישען וואונשען געפינט מען אויך ביי מענשען, וואָס שטעהען אויף אַ נידעריגער מאָראַלישער מדריגה. איינער וואָס רעכענט זיך נאָר מיט רויהען גענוס קען שטעהן פאַר אַ פּראָבלעמע, צי עס לוינט זיך אויסגעבען אַזוי פיל געלט פאַר אַזאַ און אַזאַ פאַרגעניגען. אָבער דאָרט האַנדעלט עס זיך בלויז וועגען כמות פון גענוס — עס איז בלויז אַ פראַגע וועלכע ריכטונג קען פאַרשאַפען מער גענוס — און דאָס קען באַשטימט ווערען

נאָר דורך די ריכטונגען גופא; אַלץ וואָס מיר דאַרפען טאָן איז בלויז חשבונען וויפיל טראָפּענס געגנוס עס וועט אויף אונז אַרויפּרעגענען אין יעדער איינער פון די פאַרשיידענע ריכטונגען. דאַגעגען, אין דעם ויתרוצצו צווישען פּראַגמאַטישע און מאָראַלישע אינטערעסען האַנדעלט עס זיך וועגען וואונשען וואָס לאָזען זיך געגענזייטיג ניט חשבונען — אַן אמתער עניו דאַרף דאָך אַנטלויפען פון מער כבוד פונקט אַזוי גוט ווי פון ווענינער. דאָ ווערט אַלזאָ אויסגעפילט אויך די צווייטע פאָדערונג פון אינדעטערמיניזם, די פאַרהעלטעניש צווישען די פאַרשיידענע ריכטונגען איז דאָ אַזאַ וואָס גיט ניט די מעגליכקייט צו באַשטימען וועלכע ריכטונג עס זאָל גענומען ווערען.

און פונקט אַזוי ווערט דאָ אויסגעפילט אויך די דריטע פאָדערונג פון אינדעטערמיניזם — אַ מענש וואָס שטעהט אויף אַ העכערער מאָראַלישער מדריגה איילט זיך ניט אַזוי נאָכצופאָלגען אַ וואונש, מחמת ער איז געוואוינט נאָכצוקלערען, „חשבונען דעם פאַרלוסט פון אַ מצוה געגען איר לוין און דעם לוין פון אַן עבירה געגען איר פאַרלוסט.״ פאַר אַזאַ איינעם בלייבט דער־פאַר צייט אויך פאַר דער אַנשטרענגונג וואָס ווערט געפאָדערט פאַר פרייהייט.

פון דער צווייטער זייט, איז אודאי איבעריג צו באַווייזען, אַז אין די אַנדערע זאַכען ווערען ניט אויסגעפילט די דאָזיגע פאָדערונגען פון אינדעטער־מיניזם און דערפאַר איז אומזיניג צו דרינגען פון די אַנדערע זאַכען, אַז אויך דער מענש איז ניט אינדעטערמיניסטיש. עס איז אַזוי ווי מען וואָלט געדרונגען אַז אויף אונזער ערד עקזיסטירען ניט קיין בעלי חיים אָדער צמחים, באשר בכן, אויף דער זון, אויף דער לבנה און אויף די מערסטע פּלאַנעטען פעלען די באַדינגונגען פאַר דער עקזיסטענץ פון אַזוינע לעבענדע אָרגאַניזמען.

יג.

צולעצט וועט ניט זיין איבעריג אַ פּאָר ווערטער וועגען דער פראַגע, צי פאַרן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט לוינט זיך בעסער דער גלויבען אין דעטערמיניזם אָדער דער גלויבען אין אינדעטערמיניזם. מיר האָבען שוין פריהער געזעהן אַז מצד הסברא קען מען זאָגען אַזוי און אַזוי, עס לאָזט זיך שפּעקולירען וועגען מעלות סיי פון דעטערמיניזם און סיי פון אינדעטערמיניזם. עס בלייבט אונז דערפאַר איבער נאָר צו ווענדען זיך צו דער ערפאַרונג, פיליכט וועלען מיר דאָ גיכער געפינען אַן ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע.

ווי אַזוי ווענדעט מען זיך אָבער צו דער ערפאַרונג? מאַכען אַנקעטעס? פאַרשען יעדען איינעמס גלויבען און כאַראַקטער? פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס קען מען ניט טאָן על רגל אחת. איז אָבער דאָ אַ לייכטערער וועג: עס זיינען דאָ פילאָזאָפיעס און אמונות וועלכע האָבען אַקצעפּטירט דעטערמיניזם

אָדער אינדעטערמיניזם, קען מען זעהן די פרוכט פון די דאָזיגע פילאָזאָפיעס און אמונות, זייער ווירקונג אויף זייערע אָנהענגער.

בנוגע פילאָזאָפיעס, דוכט זיך, אַז מען קען ניט געפינען קיין בעסערןביישפיל ווי דער פאַל פון די עפיקורעער און סטאָאיקער, וועלכע זיינען אויפגעקומען כמעט אין דער זעלבער צייט, קרוב צו דריי און צוואנציק הונדערט יאָר צוריק. די דאָזיגע צוויי פילאָזאָפישע שולען זיינען אין תוך געווען זעהר נאָהנט — נאָהנט אין זייער פיזישער טעאָריע און נאָהנט אין זייער מאָראַל. דער עיקר האָבען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער פראַגע פון אורזאַכליכקייט און פרייהייט — די עפיקורעער זיינען געווען דעטערמיניסטען, בעת די סטאָאיקער האָבען געגלויבט אַז אַלץ ווענדט זיך אן אונזער ווילען. *

און וואָס איז געווען די תוצאה פון דעם דאָזיגען אונטערשייד? דאָס קען יעדער איינער לייכט אויסגעפינען, אין וועלכער ענציקלאָפעדיע און אין וועלכער געשיכטע פון אַלטערטום ער וועט אַריינקוקען. ער וועט זעהן, אַז בעת צוליב זיין גוטער השפעה האָט דער סטאָאיציזם די רעפוטאַציע אַלס די נאָבעלסטע פילאָזאָפיע פון די געטשען־דינער האָבען די עפיקורייער אין דער זעלבער צייט זיך בלויז דערדינט צו דעם צונאָמען חזירים; דער סטאָאיציזם האָט באַוויזען אַרויסצופירען אַ גרויסע שורה פון ערשט־קלאַסיגע דענקער און מאָראַליסטען, בעת דער עפיקוריזם האָט געהאַלטען אין איין פרוכפערען פוילענצער און זולל וסובא׳ס.

בנוגע אמונה, געפינען מיר פונקט אַזאַ גוטען ביישפיל אין דעם פאַל

---

* מען וועט זיך דערמאָנען דאָס וואָס איז שוין דאָ באַטאָנט געוואָרען, אַז דער מאַטעריאַליזם איז באַזירט אויף צוויי הנחות: (1) אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט מוז זיין פאַרבונדען מיט שטאָף, (2) און אַז אַלץ מוז פאָלגען דעם געזעץ פון אורזאַכליכקייט. איז די ערשטע הנחה אָנגענומען געוואָרען אויך דורך די סטאָאיקער — אויך זיי האָבען געגלויבט, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט מוז זיין פאַרבונדען מיט שטאָף און אַז אונזערע אידייען ווערען געבאָרען דורך איינדרוקען אויף אונזער מאַרך־שטאָף וועלכעס איז ביים געבורט אַ „טאַבולאַ ראסא," אַ גלאַטע טאַבליצע. פונקט אַזוי איז די מאָראַל פון די סטאָאיקער עהנליך צו דער מאָראַל פון די עפיקורעער — דער זעלבער אַרט לעבען וואָס ווערט רעקאָמענדירט דורך עפיקור און לוקרעטיוס פון דעם שטאַנדפונקט פון לוינען־זיך ווערט אויך רעקאָמענדירט דורך צענא און די אַנדערע פראָמינענטע סטאָאיקער פון דעם שטאַנדפונקט פון פערפעקטקייט. דאַגעגען, איז די צווייטע מאַטעריאַליסטישע הנחה אָפגעוואָרפען געוואָרען דורך די סטאָאיקער, מחמת ביי זיי באַזיצט דאָס שטאָף אינערליכע אַקטיוויטעט — עס איז אַ ברענענדער פייער — און עס נויטיגט זיך ניט דערפאַר אין אויסערליכע אורזאַכען וועלכע זאָלען עס צווינגען אַרויסצוברענגען עפעקטען. איינע פון די אַקטיוויטעטען פון דאָס שטאָף איז צוזאַמענבונד און דערפאַר איז עס אַן איינהייט פון וועלכעס דאָס שטאָף איז דער קערפער און די אַקטיוויטעט (די קראַפט פון שאַפען) איז די נשמה. דאָס איז דער פאַנטעאיזם פון די סטאָאיקער. דאַגעגען ביי די עפיקורעער, ביי וועמען דאָס שטאָף איז אינערליך פאַסיוו און עס האָט ממילא ניט קיין כוח זיך צו האַלטען צוזאַמען, מוז עס ממילא פאָרשטעלען באַזונדערע אַטאָמען.

פון אונזערע שוועסטער־קינדער, די אַראַבער. עס איז געווען אַ צייט, וואָס די קולטורעלע אַראַבער באַצייכענען אודאי אַלס זייער תור הזהב; אַן אמונה וועלכע איז געווען מאָדעלירט אויף אונזער גלויבען (צום אונטער־שייד פון קריסטענטום וועלכער לעגט וועניגער געוויכט אויף מצוות מעשיות) האָט זיי אויפגעוועקט פון לאַנגען בראשית'דיגען שלאָף און האָט זיי געפירט צו פּראָגרעסיווער טעטיגקייט כמעט אויף אַלע געביטען. עס האָט ניט גענומען לאַנג ביז די געוועזענע מדבר־מענשען האָבען מיט זייער קולטור אַריבערגעשטיגען אַלע ציוויליזירטע פעלקער פון יענער צייט. נאָר פּלוצ־לינג איז צו דעם אַלעמען געקומען אַ סוף — וואָס איז געשעהן?

אין דער מאַכמעדאַנישער אמונה איז ביסלעכווייז געקומען צו דער מאַכט די פּאַרטיי אַשיריטען, וועלכע האָבען געגלויבט אין דעטערמיניזם — אין געגענזאַץ צו די מוטאַזאַלעס וועלכע האָבען געגלויבט אין פרייען ווילען. האָט מען אין צוועלעפטען יאָר־הונדערט אָנגעהויבען צו רודפ'ען די לעצטע אין אַלע טיילען פון דער קולטורעלער מאַכמעדאַנישער וועלט: אין באַגדאַד, אין מצרים און אין שפּאַניע. איז טאַקע פון יענער צייט פאַנגען אָן די אַראַ־בער זיך צוריקצוקערען צו זייער קולטורעלען מדבר — אַזוי ווייט האָט אויף זיי געווירקט דער אונטערשייד צווישען דעם גלויבען אין דעטער־מיניזם און דעם גלויבען אין פרייען ווילען.*

די ערפאַרונג ווייזט אונז אַלזאָ אין גאַנץ בולטע פאַרבען, אַז פאַרן פּראָגרעס פון דער מענשהייט לוינט זיך בעסער אַז מענשען זאָלען גלויבען אין פרייען ווילען.

יד.

אָבער וואָס האָבען מיר פון דעם וואָס דער גלויבען אין פרייען ווילען לוינט זיך פאַרן פּראָגרעס פון דער מענשהייט? קען דען דער דאָזיגער לוינען זיך האָבען אַ ווירקונג אויף דעם וואָס עס איז? ווערט דען אַ טעאָריע אמתער מיט דעם וואָס עס לוינט זיך צו גלויבען אין איר?

איז דאָס אודאי אַ שטאַרקע טענה ווען עס האַנדעלט זיך בלויז וועגען פילאָזאָפיע. אַנדערש איז אָבער ווען עס האַנדעלט זיך אויך וועגען אמונה.

---

* מאַנכע מיינען אַז דער פּלוצלינגער איבערברוך אין דעם אַראַבישען פּראָגרעסיווען שאַפען האָט צו טאָן מיט דער אינוואַזיע פון די סעלדזוקעס אין עלפטען יאָרהונדערט. אָבער ערשטענס האָבען די סעלדזוקעס פאַרכאַפּט נאָר דעם באַגדאַדער קאַליפאַט. מצרים איז דאַן ניט נאָר געבליבען אומבאַרירט, נאָר אין געגענטייל, אונטער דעם באַרימטען סאַ־לאַדין, דער פּראָטעקטאָר פון רמב"ם, האָט זי זיך נאָך פיל פאַרשטאַרקט. צווייטענס, שיקט זיך סתם ניט אַז אַזוינע פרומע מאַכמעדאַנער ווי די סעלדזוקעס זאָלן שטערן די „מוטעקאַ־לאַמין," די מאַחמעדאַנישע רעליגיעזע געלערענטע. דער פּלוצלינגער אָפּשטעל פון דעם מאַחמעדאַנישען קולטורעלען שאַפען האָט דערפאַר געמוזט קומען פון עפּעס אַ מחלה אין דער תורה פון די דאָזיגע געלערענטע גופא.

דאָ האָט דער לוינגען זיך אַ גרויסע ווירקונג אויף אויף דעם וואָס עס איז — צי אַן אמונה איז אמת אָדער פֿאַלש הענגט פֿיל אָב אן דעם צי אירע הנחות לוינען זיך פֿאַרן פּראָגרעס פֿון דער מענשהייט אָדער ניט — ווי אַזוי?

מיר האָבען שוין דאָ פֿריהער געזעהן אַז אמונה באַשטעהט פֿון צוויי טיילען: (1) דער גלויבן אין ג־ט, (2) און דער גלויבען אין נבואה. דאָס ערשטע האָט צו טאָן מיט דער עקזיסטענץ פֿון אַן אומבאַוואוסטען כח; דאָס צווייטע האָט צו טאָן מיט אונזער פֿאַרהעלטעניש צו אָט דעם דאָזיגען אומבאַוואוסטען כח, דאָס וואָס ער פֿאָדערט פֿון אונז און דער שכר ועונש וואָס איז פֿאַרבונדען מיט די דאָזיגע פֿאָדערונגען זיינע.

איז ניט שווער איינצוזעהן, אַז די פֿראַגע פֿון דעטערמיניזם אָדער אינדעטערמיניזם איז ניט פֿאַרבונדען מיט דעם ערשטען טייל פֿון אמונה, מחמת היות ווי דער דאָזיגער טייל נעמט דאָך ניט אַריין די פֿאַרהעלטע־נישען צווישען אונז און דעם אומבאַוואוסטען כח, נעמט ער ממילא אויך ניט אַריין דער פֿאַרהעלטעניש צווישען אונזער ווילען און דעם דאָזיגען כח. פֿאַרן מאמין זיינען דערפֿאַר אָפֿען ביידע וועגען: ער קען אָננעמען, אַז ג־ט באַשטימט יעדען וואונש אונזערען, פּונקט ווי ער קען אָננעמען, אַז ג־ט לאָזט אונז אַ פּלאַץ פֿאַר ווילענס פֿרייהייט*; דערפֿאַר טאַקע זיינען דאָ אמונות וואָס נעמען אַריין דעם גלויבען אין אינדעטערמיניזם און אמונות, וואָס נעמען אַריין דעם גלויבען אין דעטערמיניזם.

---

* מאַנכע טענהן, אַז די פּערפעקטקייט פֿון ג־ט מוז אויסשליסען אונזער מעגליכקייט זיך זעלבסט צו באַשטימען, מחמת אויב מיר זאָלן האָבען די מעגליכקייט זיך זעלבסט צו באַשטימען וועט דאָך די דאָזיגע באַשטימונג אָפּהענגען אָן אונז און ניט אָן אים, וועט דאָך עפּעס זיין אומאָפּהענגיג פֿון אים, ד״ה ער וועט ניט האָבען קיין כוח עס צו באַ־הערשען, און אויב אַזוי וועט דאָך אים פֿעלען כוח און ער וועט ממילא ניט זיין פּער־פעקט. מאַנכע געהען נאָך דאָ ווייטער, זיי דרינגען פֿון זיין פּערפעקטקייט אַז ער אַליין איז אויך ניט פֿריי, אַז ער קען ניט טאָן עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס ער טוט, ווייל זייענדיג אַליין פּערפעקט מוז דאָך אַלץ וואָס קומט פֿון אים זיין פּערפעקט, מוז דאָך אַלץ וואָס ער טוט אויך זיין פּערפעקט און ממילא מוז ער טאָן בלויז דאָס וואָס ער טוט.

איז בנוגע דער ערשטער טענה דאַרף דאָ באַמערקט ווערען, אַז די וואָס גלויבען אין פֿרייען ווילען נעמען אָן דאָס דער רבונו של עולם האָט געוואָלט אַז דער מענש זאָל באַזיצען פֿרייען ווילען און אַז אַזוי האָט ער אים געשאַפֿען. דאָס מיינט, אַז די פֿרייהייט פֿון מענשען נעמט זיך ניט פֿון דעם אויבערשטענס אַ נעגאַטיוויטעט, פֿון אַ פֿעלען פֿון כח, נאָר אין געגענטייל, פֿון זיין פּאָזיטיווער יכולת צו שאַפֿען אַ פֿרייען ווילען און פֿון זיין ווילען צו לאָזען אים זיין פֿריי. דער דאָזיגער ענטפֿער מאַכט שוין ממילא בטל אויך דער צווייטער טענה — אויב אַפֿילו דעם אויבערשטענס פּערפעקטקייט זאָל פֿאָדערען אַז ער אַליין זאָל מוזען טאָן דאָס וואָס ער טוט קען פֿונדעסטוועגען דער מענש זיין פֿריי צוליב דעם וואָס די פֿרייהייט פֿון מענשען זאָל אויסדריקען אַ פֿאַל פֿון פּערפעקטקייט. אַלענפֿאַלס זיינען אויך די דאָזיגע טענות נישט נוגע דעם ערשטען טייל פֿון אמונה, נאָר דעם צווייטען טייל, נבואה, ווייל פֿונוואַנעט זאָל מען וויסען צי דער אומבאַוואוסטער כוח איז פּערפעקט אָדער אומפּערפעקט, אויב ניט דורך נבואה?

וואָס מאַכט אַז אַן אמונה זאָל אַריינגעמען דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע? דאָס האָט איך גאַנצען צו טאָן מיטן צווייטען טייל פון דער אמונה, מיט איר נבואה (שפּעטער וועט מען זעהן וואָס ווערט דאָ געמיינט אונטער דעם באַגריף נבואה). און היות ווי די אויפגאַבע פון נבואה איז צו דער־קענען און באַקענען די פאָדערונגען פון דעם אומבאַוואוסטען כח, איז דאָ די פראַגע פון דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם ממילא פאַרבונדען מיט דער פראַגע, וואָס זיינען די פאָדערונגען פון דעם אומבאַוואוסטען כח — אויב די דאָזיגע פאָדערונגען זאָלן אַריינגעמען אַ גלויבען אין דעטערמיניזם וועט אַן אמתע נבואה מוזען דערקענען דעטערמיניזם און אויב די דאָזיגע פאָדערונגען זאָלן אַריינגעמען אַ גלויבען אין אינדעטערמיניזם וועט אַן אמתע נבואה מוזען דערקענען אינדעטערמיניזם.

ווייטער וועלען מיר זעהן, אַז די פאָדערונגען פון דעם אומבאַוואוסטען כח נעמען אַריין דאָס וואָס איז גוט פאַרן פּראָגרעס פון דער מענשהייט. פון דעם פאָלגט, אַז אויב דער גלויבן אין אינדעטערמיניזם איז גוט פאַרן פּראָגרעס פון דער מענשהייט מוז אַן אמתע נבואה אַריינעמען אַזאַ גלויבען — זי מוז דערקענען און באַקענען אינדעטערמיניזם — ווייל זאָל די נבואה ניט אַריינעמען אַזאַ גלויבען וועט זי דאָך ניט פאַרשטעלען ריכטיג די פאָדערונגען פון דעם אומבאַוואוסטען כח און ממילא וועט זי ניט זיין אַן אמתע נבואה.

טו.

טענה׳ן אָבער אַנדערע, אַז נבואה קען גאָר ניט אַריינעמען אַ גלויבען אין אינדעטערמיניזם, ווייל די צוויי זיינען גאָר אַ תרתי דסתרי: נבואה מיינט דאָך פאָרויסזעהן, ד״ה באַשטימען אין פאָרויס דאָס וואָס וועט זיין אין דער צוקונפט. דאָס איז אין היפּוך צו אינדעטערמיניזם, פון וואָס דער פּשוטער טייטש איז אומבאַשטימטקייט בנוגע דער צוקונפט. נבואה און אינדעטער־מיניזם טוען זיך אַלזאָ איינס דאָס אַנדערע אָבלייקענען — טאָ ווי אַזוי איז מעגליך אַזביידע זאָלן זיין אמת, אָדער, נאָך מער, אַז איינס זאָל מוזען אַריינ־נעמען אַ גלויבען אין דאָס אַנדערע?

דאַרף אָבער גלייך באַמערקט ווערען, אַז די לאָגיק פון תרתי דסתרי פאָדערט נאָר, אַז היפוכים זאָלן ניט קענען פאַרשטעלען די זעלבע זאַך, זי איז אָבער ניט געגען אַז זיי זאָלן פאַרשטעלען פאַרשיידענע זאַכען: עס איז אַ סתירה אַנצונעמען, אַז די זעלבע זאַך טוט עקזיסטירען און ניט עקזיסטירען, עס איז אָבער ניט קיין סתירה אַנצונעמען, אַז איין זאַך טוט עקזיסטירען און אַ צווייטע זאַך טוט ניט עקזיסטירען. דערפאַר קענען אויך נבואה און אינדעטערמיניזם ביידע זיין אמת, כאָטש די צוויי זיינען אַ תרתי דסתרי, מחמת

זיי קענען האָבען צו טאָן מיט פאַרשיידענע זאַכען — היות ווי אינדעטערמיניזם האָט צו טאָן בלויז מיט פרייען ווילען קען נבואה האָבען צו טאָן מיט אַלץ, וואָס געהט ניט אַריין אין דעם געביט פון פרייען ווילען.

און מען טאָר ניט פאַרגעסען, אַז דאָס וואָס געהט ניט אַריין אין דעם געביט פון פרייען ווילען שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנץ גרויסע טעריטאָריע, אַזוי גרויס אַז דאָרט דאַרף זיין גענוג לעבענס רוים פאַר נבואה. אַזוי דאַרף דאָרט זיין גענוג פּלאַץ פאַר נבואה צו באַשטימען די פאָדערונגען פון אומבאַוואוסטען כח, אַ באַשטימונג וועלכע דאַרף פאַרשטעלען די הויפּט־אויפגאַבע פון נבואה. אַזוי דאַרף דאָרט זיין גענוג פּלאַץ פאַר נבואה צו באַ־שטימען דאָס וואָס איז גוט אָדער שלעכט פון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט, אַ באַשטימונג וועלכע דאַרף פאַרשטעלען דעם עיקר אין די פאָדערונגען פון אומבאַוואוסטען כח. אַזוי דאַרף דאָרט זיין גענוג פּלאַץ פאַר נבואה צו באַשטימען די פאָלגען פון גוטס אָדער שלעכטס, דעם שכר ועונש. און אַזוי דאַרף דאָרט זיין גענוג פּלאַץ פאַר נבואה צו באַשטימען די וועגען וואָס פירען צו גוטס אָדער שלעכטס, די אורחות חיים.

מען טאָר אויך ניט פאַרגעסען דאָס וואָס איז שוין דאָ פריהער דערמאָנט געוואָרען, אַז פרייער ווילען איז ניט קיין ביליגער גאַסט און אַז ער שטעהט איין נאָר ביי יחידי סגולה. אויף אַזאַ אופן דאַרף נבואה קענען באַשטימען אַפילו דאָס וואָס וועט געשעהן געוועהנליך מיט אַ מענשען, מחמת געוועהנ־ליך וועט די אויפפירונג פון מענשען זיין דעטערמיניסטיש. נאָך מער דאַרף נבואה קענען פאָרזעהן דאָס וואָס וועט געשעהן מיט אַ כלל — מיט פעלקער אָדער מיט דער וועלט — מחמת די ווייניגע „בני עליה" וואָס קענען זיך געפינען אין כלל וועלען מסתמא דאָרט בטל ווערען אַזוי, אַז זיי וועלען ניט זיין בכח צו קירעווען דאָרט דעם ראָד אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. נאָר פונדעסטוועגען דאַרף לויט דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט קיין זיכערקייט אין אַזוינע נביאות ניט זיין און אַפילו א נבואה אויף אַ כלל דאַרף קענען בטל ווערען — אָט אַזוי ווי עס איז בטל געוואָרען יונה'ס נבואה אויף נינוה.

דער דאָזיגער ביישפּיל ווייזט גאַנץ קלאָר, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען בויך־סברות, נאָר אַז דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון דער אידישער אמונה. איך גלויב אַז עס איז ניט נויטיג דאָ אָנצוברענגען ציטאַטען פון אונזערע רעליגיעזע ספרים כדי צו באַשטעטיגען דעם פאַקט, אַז לויט דער אידישער אמונה קען בטל ווערען אַ נבואה איבער מענשען און פעלקער — אָט ווי עס געהט דער אויסדרוק אין סנהדרין פט: „פיליכט האָט מען חרטה געהאַט". נאָר פונדעסטוועגען וועט דאָ דערמאָנט ווערען די באַרימטע אגדה פון תלמוד ירושלמי (מכות פ"ב ה"ו): „מען האָט געפרעגט דער חכמה, אַ זינדיגער וואָס איז זיין שטראָף? האָט זי געזאָגט צו זיי: זינדיגע וועט נאָכיאָגען שלעכטס. האָט מען געפרעגט דער נבואה, אַ זינדיגער וואָס

איז זיין שטראָף? האָט זי געזאָגט צו זיי: די זינדיגע זעלע וועט שטאַרבען. האָט מען געפרעגט דעם אויבערשטען, אַ זינדיגער וואָס איז זיין שטראָף? האָט ער געזאָגט צו זיי: זאָל ער טאָן תשובה און עס וועט אים פאַרגעבען ווערען.

מיט דעם וועלען מיר דאָ מוזען יוצא זיין בנוגע דער האַרבער פּראָבלעמע פון דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם, אַריבערגעהענדיג צו דעם דריטען אַרגומענט פון די מאַטעריאַליסטען, וועלכער וועט באַטראַכט ווערען אין דעם קומענדען קאַפּיטעל.

דרייצענטער קאַפּיטעל

וועגען דער פּשטות פון די מאַטעריאַליסטען

(אָפּשלאָג פון דעם דריטען אַרגימענט)

מאַטעריאַליזם האָט שוועריגקייטען און ממילא איז ניט אַזוי פּשוט, ווי עס פּרעטענדירט צו זיין. — די מאַטעריאַליסטען אָפּערירען מיט פּשוטע באַגריפען, ווייל זיי שטעלען זיך אָפּ גאָר אויף דאָס וואָס מיר דערקענען מיט די חושים. — די פּרינציפּען פון דאָס וואָס מיר דערקענען מיט די חושים זיינען פון אונז פאַרדעקט און זיי שטעלען פאָר דעם געביט פון מעטאַפיזיקס. — דער דאָזיגער געביט קען געפאָרשט ווערען אָדער דורך אַן אויסערגעוועהנליכען חוש, אָדער דורך דער יניקה פון דאָרט, וואָס מיר דערקענען מיט די געוועהנליכע חושים. — אויףביידע וועגען פעלען אונז די ריכטיגע כלים אין וואָס די דערקענטעניש אוועקצוטראָגען. — דערפאַר די טונקעלע באַגריפען פון די וואָס פאַרנעמען זיך מיט מעטאַפיזיקס. — די מאַטעריאַליסטען האַלטען, אַז די פּרינציפּען געפינען זיך אין דעם געביט וואָס מיר נעמען אויף מיט די חושים. — שוועריגקייטען מיט דער דאָזיגער הנחה. — די שוועריגקייט צו געפינען אַ צייט פאַר דעם אָנפאַנג פון די פּרינציפּען, האָט געפירט מאַנכע מאַטעריאַליסטען צו דער הנחה פון „רונדער עוואָלוציע.“

א.

האָבען שוועריגקייטען מיינט, פאָרשטעלען עפּעס וואָס איז אונז שווער צו פאַרשטעהן, עפּעס וואָס איז דער היפּוך פון פּשטות. און היות ווי דער מאַטעריאַליזם האָט דאָך שוועריגקייטען — אַזוי ווי עס איז באַוויזען געוואָרען אין דער דאָזיגער אָבהאַנדלונג — קען ער שוין ממילא ניט זיין אַזוי פּשוט ווי ער פּרעטענדירט צו זיין. מיט דעם אַליין ווערט שוין אייגענטליך אָבגעשלאָגען דער דריטער אַרגומענט פון די מאַטעריאַליסטען — דער אַרגומענט פון פּשטות.

נאָר פונדעסטוועגען קען מען ניט יוצא זיין מיט דעם דאָזיגען קורצען ענטפער אויף דעם אַרגומענט פון פּשטות, מחמת מען קען פאָרט ניט פאַרלייקענען די פאַקטען אויף וועלכע עס שטיצט זיך די פּרעטענזיע פון די מאַטעריאַליסטען אויף פּשטות; מען קען דאָך ניט אָבלייקענען אַז די באַגריפען אין די פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען פון די מאַטעריאַליסטען זיינען פיל קלערער ווי די באַגריפען אין די פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען פון ניט־מאַטעריאַליסטען, פּונקט ווי די שפּראַך וואָס ווערט באַנוצט פון די ערשטע איז פאָלקסטימליכער און ממילא פאַרשטענדליכער ווי די שפּראַך, וואָס

וועגן דער פשטות פון די מאַטעריאַליסטען

ווערט באַנוצט פון די צווייטע — איז פונוואַנעט נעמט זיך די דאָזיגע פשטות פון די מאַטעריאַליסטען?

וועט אָבער ניט זיין שווער צו באַווייזען אַז די דאָזיגע פשטות פון די מאַטעריאַליסטען נעמט זיך ניט פון מער אָדער בעסערער דערקענטעניש, נאָר, אין געגענטייל, פון ווייניגער אָדער ערגערער דערקענטעניש. עס איז ווי די פשטות פון איינעם וואָס קוקט אויף אַביסעל וואַסער אָהן אַ מיקראָס־קאָפּ. ניט זעהענדיג דער געדיכטער מאַסע פון פאַרשיידענע ברואימלעך וואָס דרעהען זיך דאָרט אַרום מיינט אודאי אַזאַ איינער, אַז ער באַזיצט פון דאָס ביסעל וואַסער אַ גענויע און פשוטע דערקענטעניש — אַ קלאָרע ביסעל וואַסער וועלכעס איז גוט צום טרינקען און דאָס איז אַלץ. דאָס זעלבע איז מיט דעם מאַטעריאַליסט. זיין פשוטע דערקענטעניש און זיין פשוטע אויס־טייטשונג פון דאָס וואָס עקזיסטירט נעמט זיך פון דעם, וואָס ער דערזעהט ניט, אָדער ער מאַכט זיך ניט דערזעהן, דעם טונקעלען שאָטען פון מעטאַ־פיזיקס, וועלכער איז עלול צו פאַרשפּרייטען טונקעלהייט אין די פילאָזאָ־פיעס פון די פילאָזאָפען וואָס דערזעהען אים.

וואָס איז מעטאַפיזיקס? און פאַר וואָס איז עס איינגעהילט אין אַ טונקעלען שאָטען?

ב.

אין דער נאַטור ווערען אויפגענומען צוויי סאָרטען וועזענס: פּאַלגען און פרינציפּען. למשל, יעדעס שטיקעל שטאָף קען פונאַנדערגענומען ווערען אין טיילען, ד"ה אַז דאָס שטיקעל שטאָף באַשטעהט פון צוזאַמענגעבונדענע טיילען און עס פאָלגט ממילא פון אַ צוזאַמענבונד צווישען טיילען; דאָס שטיקעל שטאָף איז דערפאַר אַ פאַלגע, בעת די טיילען און דער כח וואָס בינדט זיי צוזאַמען זיינען די פרינציפּען פון דעם. דאָס זעלבע האָבען מיר אויך אין אונזערע געפיהלען. למשל, ווען מיר זוכען צו דערגעהן דעם גרונד פון אונזערע מאָראַלישע געפיהלען, זוכען מיר דאָך ניט עפּעס אַנדערש ווי דעם פרינציפּ פון די דאָזיגע געפיהלען און ממילא מוזען די דאָזיגע געפיהלען דורך אונז אויפגענומען ווערען אַלס פאַלגען.

איז שוין אין דער דאָזיגער אַבהאַנדלונג גערעדט געוואָרען סיי וועגען דער אומענדליכער טיילבאַרקייט פון שטאָף און סיי וועגען דעם אומבאַ־וואוסטען כח וואָס בינדט עס צוזאַמען, און עס איז דאָ אויך באַוויזען געוואָ־רען, אַז מיט אונזערע חושים קענען מיר ניט דערגרייכעןביידע פרינציפּען — ניט מיר קענען צוקומען צו די אומטיילבאַרע טיילען פון וועלכע אַ שטי־קעל מאַטעריעלע שטאָף זאָל באַשטעהן און ניט מיר קענען זיך עפּעס דער־וויסען וועגען דעם כח וואָס טוט דאָס דאָזיגע שטאָף צוזאַמענבינדען אָדער פונאַנדערטיילען אויף באַשטימטע אופנים. דאָס פירט אונז צו דער מסקנא,

אַז מיט אונזערע וויסענס אינסטרומענטען קענען מיר זיך קיין מאָל ניט דערגרונטעווען צו דער נאַטור פון די העכסטע פּרינציפּען.

נאָך מער, ווען מען זאָל אונז אַפילו עפּעס זאָגען וועגען דעם עצם פון דער דאָזיגער נאַטור וועלען מיר עס אויך ניט זיין אומשטאַנד משיג צו זיין, פּונקט ווי אַ בלינדער איז ניט אומשטאַנד משיג צו זיין דער נאַטור פון קאָליר. כדי דאָס צו באַווייזען וועט זיין גענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט, וואָס אַלע אונזערע באַגריפען ווערען אויסגעקנאָטען פון שטאָף וועלכעס מיר באַקומען דורך אונזערע חושים, ד״ה פון שטאָף וועלכעס דריקט אויס בלויז דער נאַטור פון די פאָלגען. די נאַטור פון דאָס וואָס איז נישט קיין פאָלגע וועט דערפאַר ניט געפינען אין אונזער געדאַנק קיין באַגריפען אין וועלכע זי זאָל ווערען אויפגענומען און דערקענט אויף אַ באַשטימטען אופן.*

דאָס וואָס עקזיסטירט קען אַלזאָ פאַרגליכען ווערען צו אַ בוים פון וועלכען דער שטאַם און די צווייגען שטעהען אָפען, נאָר די וואָרצלען זיינען פאַרדעקט מיט אַ ערד וועלכעס מיר זיינען ניט אומשטאַנד אויפצוגראָבען. אָט דער פּלאַץ וואו די וואָרצלען געפינען זיך טראָגט דעם נאָמען מעטאַ־פיזיקס, בעת דער שטאַם און די צווייגען טראָגען די נעמען פון די פאַרשיי־דענע וויסענשאַפטען.

ג.

אָבער אויב דער פּלאַץ וואו די וואָרצלען פון עקזיסטענץ געפינען זיך איז אַזוי פאַרדעקט פאַר אונז אַז מיר קענען גאָר ניט האָבען קיין השגה וואָס דאָרט טוט זיך, טאָ ווי אַזוי באַקומען מיר פאָרט אַמאָל מאַנכע איג־פאָרמאַציע פון דאָרט? ווי אַזוי איז עס מעגליך אַז מען זאָל זיך ווען עס איז קאָמוניקירען מיט דעם דאָזיגען אָבגעשלאָסענעם געביט פון מעטאַפי־זיקס און וואָס קענען זיין די וועגען פון דער דאָזיגער קאָמוניקאַציע?

---

* באַגריפען זיינען אידייען וועלכע מיר האָבען גרייט אין אונזער געדאַנק און דורך וועלכע מיר באַשטימען די נאַטורען פון אונזערע באַמערקונגען: די באַמערקונג איז רויט, די איז אַ בוך, די איז הונגער אד״ג. די דאָזיגע אידייען זיינען אַליין אויך באַמערקונגען; נאָר איבער׳חזר׳ענדיג־זיך מער מאָל ווי די אַנדערע באַמערקונגען ווערען זיי פעסטער פאַר־בונדען מיט אונזער געדאַנק, וועלכער בעוואַרט זיי שוין פאַר דער צוועק צו באַשטימען די אַנדערע. אַזוי, למשל, ווערט די באַמערקונג רויט מער איבערגע׳חזר׳ט צוליב דעם וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דעם צד־השוה אין מערערע פאַרשיידענע באַמערקונגען: בלוט, וויין, רויזען און אַלץ וואָס איז געפאַרבט רויט. פּונקט אַזוי איז בוך דאָס וואָס שטעלט פאָר דעם צד־השוה אין ביכער פון פאַרשיידענעם גרויס, פאָרמע און קאָליר. הונגער איז ווידער דאָס וואָס חזר׳ט זיך איבער אַזוי פיל מאָל ווערענד דער צייט. די נעמען פון די באַגריפען זיינען אַסאָסאַציעס, ווערטער וועלכע זיינען אין געדאַנק פאַרבונדען געוואָרען מיט די דאָזיגע באַמערקונגען.

וועגען דער פשטות פון די מאַטעריאַליסטען

די וועגען פון דער דאָזיגער קאָמוניקאַציע קענען זיין צוויי: (1) דירעקט, דורך אַן אויסערגעוועהנליכען חוש מיט וועלכען מען זאָל זיין אומשטאַנד אַריינצודרינגען אַביסעל טיפער ווי מענשען דרינגען אַריין געוועהנליך מיט זייערע חושים; * (2) אומדירעקט, דורך פאָרשען דער יניקה, וואָס דער שטאַם און די צווייגען ציהען פון די וואָרצלען — אַט ווי למשל, מיר קענען דרינגען איינהייט אין דעם פרינציפ דורך דעם וואָס מיר געפינען רעגולערע צוזאַמענאַרבעט אין די פאַלגען.

האָבען אָבער ביידע וועגען דעם חסרון, וואָס מען קען אויף זיי ניט מיטנעמען גאָר קיין דערקענטעניש וואָס איז שייך דער עצם נאַטור פון העכסטען פרינציפ. אַפילו פאַר די פונקען אינטואיציע, וואָס מען קען פילייכט באַקומען אויף דעם דירעקטען וועג, קען מען אויך ניט געפינען באַגריפען אין וואָס זיי איינצופאַקען און איידער וואָס ווען מוזען זיי אָנגעטאָן ווערען אין פלייש און ביין פון דאָס וואָס לאָזט זיך באַגרייפען און וואָס איז פאַר זיי כלל ניט צוגעפּאַסט.** אַט פונדאַנעט נעמט זיך די בלאָנדזעניש און די טונקעלהייט אין מיסטיציזם. נאָך ערגער איז מיט דעם אומדירעקטען וועג, וואו די יניקה צו וועלכער מען קומט צו איז שוין לכתחילה אין גאַנצען באַקליידט מיט דער נאַטור פון דאָס וואָס לאָזט זיך באַגרייפען, ד״ה מיט דער נאַטור פון די פאַלגען.

נאָר פונדעסטוועגען זיינען ביידע וועגען זעהר נוצליך, מחמת דורך זיי טוט מען זיך דאָך דערנענטערען צום קוואַל פונוואַנעט עס פליסט די יניקה אויף דעם געביט פון די וויסענשאַפטען און דערפאַר קען מען דורך זיי גיכער אויסגעפינען דער אמתער נאַטור פון דער דאָזיגער יניקה — קען מען דורך זיי גיכער אויסגעפינען די פאָדערונגען פון דעם העכסטען פרינציפ און די מיטלען דורך וועלכע די דאָזיגע פאָדערונגען לאָזען זיך גיכער דער־פילען (וועגען דעם וועט אונז שפּעטער נאָך אויסקומען צו רעדען).

---

* עס איז אודאי ניט נויטיג צו באַווייזען אַז דער כוח פון עמפינדונג איז ניט ביי אַלע מענשען גלייך, אַז מאַנכע דרינגען אַריין מיט זייערע חושים פיל טיפער. זעהען מיר דאָך אויף שריט און טריט ווי איינעמס כוח פון באַמערקען און מיטפיהלען געהט פיל ווייטער ווי אַן אַנדערענס — ווי איינער איז פון דער נאַטור מער קינסטלער, מער פסיכאָלאָג, מער מאָראַליש געזאָנען אד״ג. נאָך מער, מיר טרעפען מענשען ביי וועלכע עס פעלט אין גאַנצען אַ געוויסער חוש. אודאי זיינען דאָס אויסנאַמען. אָבער פונקט אַזוי קענען זיין אויסנאַמען וואָס זאָלען באַזיצען אַ חוש מער ווי מענשען באַזיצען געוועהנליך; עס איז דערפאַר ניט אין גאַנצען אויסערען וועג צו רעדען וועגען דער מעגליכקייט ביי יחידי סגולה אפילו פון אַ זעקסטען חוש. דאָס מיינט, אַז דאָס וואָס איז ביי איינעם מעטאַפיזיק קען זיין ביי אַן אַנדערען איינפאַכע פיזיק.

** אַזוי קלאָגט זיך דער נביא: „אוי לי כי נדמיתי, כי איש טמא שפתים אני.״ (ישעיהו). און אַזוי ווערט אויך גע׳פסק׳ענט אין דער באַוואוסטער משנה פון חגיגה (יא): „אין דורשין... במרכבה ביחיד אלא אם כן היה חכם ומבין מדעתו.״ זעה אויך בערגסאָנס „אַן איינלייטונג צו מעטאַפיזיקס.״

אמונה און אפיקורסות

ד.

ווי מען זעהט קענען די וועגען צו מעטאַפיזיקס פירען סיי צו פינסטערניש און סיי צו ליכטיגקייט און מען מוז דערפאַר זיין זעהר פאָרזיכטיג ווען מען לאָזט זיך אויף די דאָזיגע וועגען. זיינען אָבער די מאַטעריאַליסטען גרויסע פחדנים און זיי האָבען מורא צו געהן דאָרט וואו עס פאָדערט זיך פאָרזיכטיגקייט. פאַרוואָרפען זיי דערפאַר אינגאַנצען די וועגען פון מעטאַפיזיקס און זיי לייקענען אַפילו, אַז עס זיינען דאָ אַזוינע וועגען, אָדער, נאָך מער, אַז עס איז איבערהויפט דאָ אַ געביט פון מעטאַפיזיקס, דערקלערענדיג, אַז ניט נאָר די פאָלגען נאָר אויך די פרינציפען געפינען זיך אין דעם געביט פון די וויסענשאַפטען.

לויט די מאַטעריאַליסטען קומט דערפאַר אויס, אַז די קייט פון פרינציפען און פאָלגען געהט ניט ווייטער ווי די גרענעצען פון אונזער השגה — און אָט דאָ האָבען מיר דעם סוד פון זייער פשטות. אַזוי פאַנגען זיי אָן זייער בראשית מיט אַ באַגרייפליכען פרינציפ, מיט אַ פאַרטיגער באַוועגליכער מאַטעריעלער שטאָף, וועלכעס באַוועגט זיך אַזוי לאַנג ביז עס ברענגט אַרויס אַלע מעגליכע קאָמבינאַציעס און פאָרמען און ביז די באַוועגונגען ווערען פאַרוואַנדעלט אין אַלערליי מינים ענערגיע און אַפילו אין געדאַנק, מחמת געדאַנק זאָל אויך זיין ניט מער ווי אַ מין ענערגיע וואָס ווערט אויסגעלאָדען פון די נערוועז אויף דעם זעלבען שטייגער ווי עס ווערט אויסגעלאָדען גאַל פון לעבער אָדער אורין פון די נירען.*

איז דער דאָזיגער משל אודאי ניט זעהר אַ געלונגענער, יעדערער קען איינזעהן, אַז אין הנידון דומה לראיה: אין פאַל פון לעבער און גאַל אָדער נירען און אורין האַנדעלט זיך בלויז וועגען מאַטעריעלער שטאָף, וואָס טיילט זיך אָב פון מאַטעריעלער שטאָף, בעת אין פאַל פון מאַרך און געדאַנק האַנדעלט זיך וועגען עפּעס ניט מאַטעריעלעס, וואָס זאָל אַרויסגעבראַכט ווערען פון מאַטעריעלער שטאָף. דאָ בעט זיך אַלזאָ די פראַגע — ווי אַזוי זאָל מאַטעריעלע שטאָף אַרויסברענגען עפּעס וואָס איז אוממאַטעריעל? וואו האָט זי אַזאָ עפּעס גענומען? האָט זי עס געשאַפען ווי אַ יש מאין?

און אַ חוץ דעם זיינען די פאַלען פון לעבער און גאַל אָדער נירען און אורין אויך ניט אַזוי פאַרשטענדליך; אויך דאָ ווילט זיך פרעגען, ווי קומט עס וואָס דער לעבער און די נירען, פונקט ווי די אַלע אַנדערע אָרגאַנען פון קערפער, אַרבעטען אַזוי פינקטליך לויט אַ געפאָדערטען פּלאַן. אָבער דאָס זיינען נאָר נעגאַטיווע שוועריגקייטען — שוועריגקייטען פון ניט פאַר־

* זעה דעם קאַפּיטעל וועגען געדאַנק אין „שטאָף און קראַפט,“ וואו עס ווערט געזאָגט אין נאָמען פון קאַרל פאָגט: „געדאַנקען שטעהען אין דער זעלבער פאַרהעלטעניש צום מאַרך ווי גאַל צום לעבער אָדער אורין צו די נירען.“ פאַרשטעהט זיך, אַז בוכנער איז מיט דעם מסכים.

שטעהן פאַר וואָס עס איז אַזוי ווי עס איז, שווערי̇גקייטען וועלכע דינען נאָר אַבצופרעגען דער פּרעטענזיע פון די מאַטעריאַליסטען אויף פשטות. עס איז אָבער דאָ אויך אַ פּאָזיטיווע שווערי̇גקייט מיט דעם בראשית פון די מאַטעריאַליסטען; אויב מיר זאָלען אָננעמען אַז גלייך פון אָנפאַנג האָט שוין עקזיסטירט אַ באַוועגליכע מאַטעריעלע שטאָף, וואָס איז געוועזען בכח זיך אויסצואַוויקלען אַזוי ווי עס האָט זיך אויסגעוויקעלט על פּי אורזאַכליכקייט, דאַן פאָדערט אונזער פאַרשטאַנד, אַז עס זאָל בפירוש ניט זיין אַזוי ווי עס איז, מחמת דאָס וואָס איז דאַרף ניט קענען עקזיסטירען אין דער צייט אין וועלכער עס עקזיסטירט — די זאַכען און געשעענישען פון הוה האָבען שוין באַדאַרפט עקזיסטירען אין עבר — און אָט פאַר וואָס:

די צייט פון אַן עפעקט הענגט אָב אַן דער צייט פון זיין אורזאַך — אויב די אורזאַך זאָל עקזיסטירען פריהער וועט דער עפעקט אויך מוזען עקזיסטירען פריהער; כדי אַן עפעקט וואָס עקזיסטירט איצט זאָל ניט עקזיסטירען פריהער מוז דערפאַר זיין אורזאַך ניט עקזיסטירען פריהער ווי אין אַ באַשטימטען מאָמענט. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערען וועגען דער אורזאַך גופא, איר צייט קען זיין באַשטימט נאָר, ווען עס איז באַשטימט די צייט פון איר אורזאַך און ממילא אויך פון דער אורזאַך פון איר אורזאַך און אַזוי כסדר ביז צו דער ערשטער אורזאַך. דאָס מיינט, אַז כדי אַן עפעקט זאָל עקזיסטירען ניט פריהער ווי אין דעם איצטיגען מאָמענט מוז אויך די ערשטע אורזאַך עקזיסטירען ניט פריער ווי אין אַ באַשטימטען מאָמענט. און היות ווי די ערשטע אורזאַך האָט דאָך געמוזט עקזיסטירען אייביג, ד"ה פאַר יעדער באַשטימטער צייט, מוז ממילא יעדער עפעקט אויך עקזיסטירען פאַר דער צייט וואָס ער עקזיסטירט.*

ה.

איז די דאָזיגע שווערי̇גקייט ניט דאָ ערשט ענטדעקט געוואָרען, שוין גאַנץ לאַנג האָבען זיך מעטאַפיזיקער איבער איר געבראָכען דעם קאָפּ. נאָר פונדעסטוועגען האָט מען ניט געפונען מער ווי צוויי מעגליכע ענטפערס — וואָס זיינען זיי?

איין מעגליכער ענטפער איז, אַז די ערשטע אורזאַך איז ניט עפּעס פון וואָס עס פאָלגען עפעקטען על פּי אורזאַכליכקייט, נאָר עס איז אַ כח וואָס

* לאָמיר זאָגען אַז עס מוז נעמען גאָר גאָר אַ לאַנגע צייט ביז דער זיג־זאַג פון אורזאַכען און עפעקטען זאָל פירען פון דער באַוועגליכער שטאָף צו דער ענטוויקלונג פון אַ מענש אין זיין איצטיגער שטופע — לאָמיר זאָגען אַז עס מוז נעמען אַ טריליאָן יאָר. האָט דאָך שוין אָבער די באַוועגליכע שטאָף געמוזט עקזיסטירען אַ צייט פאַר דעם טריליאָן יאָר (ווייל זי איז דאָך ניט ענטשטאַנען אין אַ געוויסער צייט אַלס אַ יש מאין) און דער מענש אין זיין איצטיגער שטופע האָט שוין ממילא געמוזט עקזיסטירען אַ צייט פריהער.

שאַפט על פּי פריהיית. דער דאָזיגער כּח האָט אַלזאָ גאַנץ גוט געקענט עקזיסטירען פאַר יעדער באַשטימטער צייט, בעת זיין שאַפען האָט ער געקענט אָנפאַנגען אין אַ באַשטימטער צייט — און אַזוי פאַלט די דערמאָנטע שוועריגקייט אַוועק.

דאָס איז דער ענטפער פון אמונה. און פאַרשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער ענטפער קען ניט אָנגענומען ווערען פון די מאַטעריאַליסטען, מחמת אַ פּרינציפּ וואָס שאַפט על פּי פריהייט מוז זיך דאָך געפינען אין דעם געביט פון מעטאַפיזיקס, וועלכעס ווערט דורך זיי פאַרלייקענט. בלייבט פאַר זיי נישט מער ווי דער צווייטער מעגליכער ענטפער, וועלכער זוכט צו באַזייטיגען דער דערמאָנטער שוועריגקייט דורך אויסמיידען אין גאַנצען דער אידייע פון אַ ערשטער אורזאַך.

לויט דעם דאָזיגען ענטפער זאָל דערפאַר די קייט פון אורזאַכען און פאָלגען זיין אָהן אַן אָנפאַנג און אָהן אַ סוף (אויב זי איז אָהן אַן אָנפאַנג איז שוין לייכטער איר אויסצומאָלען זיך אויך אָהן אַ סוף), נאָר ווי אַ רונדע ליניע אין אַ קרייז זאָל זי זיך האַלטען אין איין דרעהען פון אונטען אַרויף און פון אויבען צוריק אַרונטער — פון ערד צו וואַסער, צו לופט און צו פייער, און פון דעם צוריק צו לופט, צו וואַסער און צו ערד; פון דומם דורך פיל וואַנדלונגען צום מדבר (מעדאַבער) און פון מדבר צוריק צום דומם.

זעהט אויס אויפן ערשטען קוק ווי די דאָזיגע טעאָריע פון רונדער עוואָלוציע וואָלט זעהר גוט געדעקט סיי דעם שאָטען פון מעטאַפיזיקס און סיי דעם וואונש פאַר פשטות, מחמת לויט דער דאָזיגער טעאָריע קומט דאָך אויס, אַז די קייט פון פּרינציפּען און פאָלגען טוט זיך טאַקע ניט אָנפאַנגען ביי די גרענעצען פון אונזער השגה, נאָר פונדעסטוועגען געהט זי אויך פון די דאָזיגע גרענעצען קיין מאָל ניט אַרויס. עס איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, וואָס אין דער דאָזיגער טעאָריע האָבען זיך אָנגעכאַפּט פיל מאַטעריאַליסטען און אַטעאיסטען פון פאַרשיידענע שיכטען. וועלען מיר זעהן אין קומענדען קאַפּיטעל צי די דאָזיגע טעאָריע איז טאַקע אַזוי צופרידענשטעלענד ווי זי זעהט אויס אויפן ערשטען קוק.

פערצענטער קאַפּיטעל

די רונדע עוואָלוציע — הערַאקליטוס

די רונדע עוואָלוציע ווי זי ווערט דערקלערט דורך די יאָניער פילאָזאָפען. — די דאָזיגע דערקלערונג קען גילטען העכסטענס פאַר דעם ענטשטעהן, אָבער ניט פאַר דעם פאַרגעהן פון אַלע זאַכען. — הערַאקליטוסעס טעאָריע וועגען ענדערונג אַלס אַן אייגענשאַפט פון דער אָריגינעלער שטאָף. — אַזאַ אייגענשאַפט האָט ער געפונען אין פייער. — פייער זאָל זיין דער פּרינציפּ פון וואָס אַלץ ענטשטעהט און אין וואָס אַלץ פאַרגעהט. — הערַאקליטוסעס טעאָריע האָט די שוועריגקייט וואָס ענדערענדיג זיך האָט די אָריגינעלע שטאָף באַדאַרפט פאַרלירען די אייגענשאַפט פון ענדערען זיך. — הערַאקליטוסעס פּרואוו צו פאַרבינדען ענדערונג נאָר מיט די פאָרמען פון שטאָף נעמט ניט אַרונטער דער שוועריגקייט. — לויט דער טעאָריע פון כסדר'דיגען ענדערען זיך דאַרפען זיין אוממעגליך אַלע אונזערע גייסטיגע אייגענשאַפטען.

א.

די אידייע פון רונדער עוואָלוציע איז שוין זעהר אַלט; מיר טרעפען איר שוין ביי טהאַלעס פון מילעט, וועלכער איז געווען דער ערשטער פון דער גרופּע „יאָניער פילאָזאָפען“, פון וועלכע מען פאַנגט אָן געוועהנליך די געשיכטע פון דער אַלט־גריכישער פילאָזאָפיע. אַזוי האָט טהאַלעס געהאַלטען, אַז וואַסער איז דער מקור פון אַלע עקזיסטירענדע זאַכען און אַז די דאָזיגע אַלע זאַכען ווערען מיט דער צייט צוריק פאַרוואַנדעלט אין וואַסער.

טהאַלעסעס אַ תלמיד, אַנאַקסימאַנדער, האָט שוין אַפילו געפּרואווט דערקלערען פאַר וואָס די דאָזיגע עוואָלוציע געהט אָן. לויט אנאַקסימאַנדערען זאָל די דאָזיגע עוואָלוציע אָנגעהן דורך דעם וואָס צוזאַמענגעמישטע פאַרשיידענע קוואַליטעטען האַלטען זיך אין איין אָבזונדערען און אין איין פאַראייניגען גלייכע מיט גלייכע.* עס איז אַזוי ווי אויף אַ שיף זאָלען זיך געפינען מענשען פון פאַרשיידענע נאַציאָנען, וועלען אודאי די מיטגלידער פון יעדער נאַציאָן ביסלעכווייז זיך אויסגעפינען און זיך חברען צוזאַמען, אַזוי, אַז עס וועלען געשאַפען ווערען באַזונדערע גרופּקעלעך — אָט אַזוי האַלטען אין איין ענטשטעהן באַזונדערע זאַכען.

---

* זעה די דריי קאַפּיטלען וועגען אנאַקסימאַנדערען אין „די אַלט־גריכישע פילאָזאָפיע“ פון ראובן אגושעוויטש.

פאַרשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע דערקלערונג איז נאָך אַ גאַנץ נאַאיווע, זי שמעקט נאָך שטאַרק מיט אַנטראָפּאָמאָרפיע. אויסער דעם, זעהט זי אויס צו דעקען נאָר דעם ענטשטעהען פון פאַרשיידענע זאַכען אָבער ניט זייער פאַרגעהן — זייער ענדליכען אומקער צו דער אומבאַשטימטער שטאָף אין וועלכער די באַזונדערע קוואַליטעטען מוזען זיך צוריק צוזאַמענמישען, אַזוי ווי עס פאָדערט די אידייע פון רונדער עוואלוציע.* די דאָזיגע דערקלערונג לאָזט אַלזאָ אַ בלויז וועלכער מוז אויסגעפילט ווערען.

האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג ביז די טעאָריע פון רונדער עוואלוציע האָט באַקומען איר תיקון דורך אַ דערקלערונג, וועלכע האָט שוין אויסגעפילט אויך דעם דאָזיגען בלויז. די טעאָריע פון העראַקליטוס דעם טונקעלען דערקלערט שוין סיי דעם ענטשטעהן און סיי דעם פאַרגעהן פון אַלע זאַכען — אַן ענטשטעהן און אַ פאַרגעהן וואָס זאָלן ביידע זיין פאַרבונדען מיט אַן אָריגינעלען פרינציפּ, וועלכען די פילאָזאָפען פאַר העראַקליטוסען האָבען ניט באַמערקט. וואָס איז עס פאַר אַ פרינציפּ? און פאַר וואָס האָט מען עס ביז העראַקליטוסען ניט באַמערקט?

ב.

ווי עס איז שוין דאָ אָנגעוויזען געוואָרען, איז אונזער שכל גיכער גוטה צו איינהייט ווי צו פאַרשיידענהייט; ער שטעהט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דאָס וואָס איז מוז זיין פאַר אַלע צייטען, סיידען עס זאָל געענדערט ווערען דורך עפּעס אַן אורזאַך. איז דאָס געווען דער פאַרדינסט פון העראַקליטוסען וואָס ער האָט דערקענט ענדערונג אַלס פּרינציפּ פון עקזיסטענץ, עפּעס וואָס געהט אָן אַפּילו אָהן אַ ספּעציעלער אורזאַך.

דאָס איז אייגענטליך דער תוך פון העראַקליטוסעס פילאָזאָפיע. דאָס איבעריגע איז נישט מער ווי דערקלערונג און פאַרענטפערונג — דערקלערונג ווי אַזוי ענדערונג דאַרף זיך אויסלעגען אַלס פּרינציפּ פון עקזיסטענץ און פאַרענטפערונג אויף די שוועריגקייטען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אַזאַ אויסלעגונג.

בנוגע דערקלערונג דאַרף קודם קומען אַן ענטפער אויף אַ פראַגע

---

* אין „די אַלטע־גריכישע פילאָזאָפיע” איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו צו דערקלערן עס דורך דעם וואָס אפילו ענטגעגענגעזעצטע קוואַליטעטען שטעלען מיט זיך פאַר עפּעס אַ גראַד גלייכקייט — קאַלט איז אַ נידעריגער גראַד וואַרעמקייט און עקזיסטירענדע זאַכען, אַפּילו קאָנטראַסטען, האָבען עקזיסטענץ אַלס בשותפישע אייגענשאַפט. די דאָזיגע דערקלערונג איז אַפּילו בעסער ווי די אַנדערע, אָבער דאָך איז זי זעהר בדוחק, מחמת דאָס מיינט דאָך פאָרט אַן ענדערונג אין דעם נאַטירליכען דראַנג — פריהער געהט אָן דער דאָזיגער דראַנג אָפּצוטיילען זיך פון דאָס וואָס איז ווייניגער גלייך און דערנאָך געהט ער אָן, פאַרקערט, זיך מיט דעם צו פאַראייניגען.

וועגען דעם מקור פון ענדערונג — צי האָט ענדערונג עקזיסטירט גלייך אין בראשית אָדער עס איז שפּעטער ענטשטאַנען? דעם ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע איז העראַקליטוסען ניט געווען שווער צו געפינען: ענדערונג קען ניט האָבען שפּעטער ענטשטאַנען, ווייל זייענדיג די מוטער פון ענטשטעהונג (ענטשטעהונג קען דאָך קומען נאָר דורך אַן ענדערונג) מוז דאָך עס עקזיסטירען פאַר יעדער ענטשטעהונג. ענדערונג מוז דערפאַר פאַרשטעלען אַן אָריגינעלען פּרינציפּ.

וואָס איז די נאַטור פון דעם דאָזיגען פּרינציפּ — איז ער פאַרבונדען מיט אַ שטאָף אָדער איז ער אַן אוממאַטעריעלער כח? פאַרשטעהט זיך, אַז העראַקליטוס — זייענדיג איינגעגלויבט אין זיין אינטואיציע און אָננעמענדיג אַז די וועגען פון הימעל זיינען פאַר אים אַזוי קלאָר ווי די וועגען פון עפעסוס — האָט ניט געקענט אויפנעמען דעם ענדערונגס פּרינציפּ אַלס אוממאַטעריעלען כח, וועלכעס איז אויסער די גרענעצען פון מענשליכער השגה. ער האָט דערפאַר געמוזט אויפנעמען דעם דאָזיגען פּרינציפּ אַלס אַן אייגענשאַפט פון עפּעס אַ שטאָף — פון וואָס פאַר אַ שטאָף?

דאָס האָט ער שוין געקענט געפינען דורך אַן אינדוקציע פון דעם וואָס מיר זעהען בחוש — כאָטש ער האָט מסתמא געגלויבט אַז אויך דאָס ציהט ער פון זיין אינטואיציע. אין וואָס פאַר אַ שטאָף דערקענען מיר דער אייגענשאַפט פון ענדערען? אין פייער; דאָרט וואו עס איז דאָ פייער דאָרט געהט אַן ענדערונג — דאָס וואָס ברענט האַלט זיך אין איין ענדערן. פייער מוז אַלזאָ זיין אַ שטאָף וואָס האָט שוין עקזיסטירט אין בראשית און וואָס איז דער מקור פון אַלץ וואָס ענטשטעהט און פאַרגעהט.

ווען איז געווען דער דאָזיגער בראשית? עס האָט זיך ניט געקענט אָנפאַנגען אין אַ באַשטימטער צייט, מחמת דאַן וואָלט דאָך פאַר דער דאָזיגער צייט קיין ענדערען־זיך ניט עקזיסטירט און ענדערונג וואָלט געמוזט אויפגענומען ווערען אַלס ענטשטאַנען (וועלכעס איז באַוויזען געוואָרען אַלס אוממעגליך צוליב דעם וואָס ענדערונג מוז זיין די מוטער פון ענטשטעהונג); עס קען אויך ניט אויפגענומען ווערען אין אַן אומבאַשטימטער צייט, מחמת דאַן וואָלט דאָס וואָס עקזיסטירט אין הוה געמוזט איבערגערוקט ווערען אין אַן אומבאַשטימטען עבר (אַזוי ווי עס איז באַוויזען געוואָרען אין פריהערדיגען קאַפּיטעל). העראַקליטוסעס ענטפער אויף דעם איז געווען די רונדע עוואָלוציע, וועלכע האָט ניט קיין אָנפאַנג.״ אין דער רונדער ליניע פון אַ קרייז פאַלען צוזאַמען דער אָנפאַנג און דער סוף.״ *

און אַזוי קומט אויס, אַז פייער איז לויט העראַקליטוסען סיי דער אָנפאַנג און סיי דער סוף פון אַלע זאַכען, וואָס ענדערען זיך — פון פייער מוזען

* דער דאָזיגער ציטאַט, ווי אויך די אַלע אַנדערע ציטאַטען פון העראַקליטוסען, זיינען גענומען פון "Source Book in Ancient Philosophy," By Ch. M. Bakewell.

זיי קומען און צו פייער מוזען זיי זיך אומקערען. און היות ווי אַלע זאַכען ענדערען זיך, „אַלע זאַכען פליסען, קיין זאַך בלייבט ניט,״ מוז פייער זיין דער אָנפאַנג און דער סוף פון אַלע זאַכען. „ווערען אַלע זאַכען אויסגעביטען פאַר פייער און פייער פאַר אַלע זאַכען אַזוי ווי סחורות ווערען אויסגעביטען פאַר גאָלד און גאָלד פאַר סחורות.״ *

ג.

די שווערינקייט מיט ענטשטעהן און פאַרגעהן פאַלט דאָ אַלזאָ אַוועק ממילא, ווייל ווען ענדערונג איז אַ פּרינציפּ און עס נויטיגט זיך ניט אין קיין אורזאַך מוז עס אָנגעהן ממילא און כסדר, מוזען זאַכען ממילא און כסדר ענטשטעהן און פאַרגעהן, „קען מען אין דעם זעלבען טייך צוויי מאָל ניט טרעטען.״ אָבער דאָ קומען אונטער אַנדערע שווערינקייטען — וואָס זיינען זיי?

קודם איז שווער צו פאַרשטעהן די גאַנצע מעשה פון אַזאַ ענדערונגס פּרינציפּ: לאָמיר נאָכגעבען הערעקליטוסען, אַז די אָריגינעלע שטאָף האָט טאַקע געהאַט אַן אייגענשאַפט זיך צו ענדערען. אָבער ווי נאָר עס האָט זיך געענדערט האָט דאָך עס געמוזט ווערען אַן אַנדער שטאָף מיט אַנדערע אייגענשאַפטען, האָט דאָך עס באַדאַרפט פאַרלירען דער אייגענשאַפט פון ענ־דערען־זיך צוזאַמען מיט די אַלע אַלטע אייגענשאַפטען — טאָ פאַר וואָס זאָל דער אָריגינעלער ענדערעןזיך מוזען אָנגעהן אויך ווייטער? פאַר וואָס זאָל ער פאַרבלייבען אַן אייביגע אייגענשאַפט פון אַלע עקזיסטירענדע זאַכען?

האָט ווייזט אויס הערעקליטוס אַליין דערפיהלט די דאָזיגע שווערינקייט און ער פּרואווט דערפאַר דרעהען דעם דישעל אַביסעל אויף צוריק. טענה׳ט ער, אַז דער ענדערען־זיך איז ניט אַזאַ וואָס רירט אָן דעם עצם פון דער אָריגינעלער שטאָף: „דער דאָזיגער אוניווערס, דאָס זעלבע ווי אַלע־־־ איז שטענדיג געווען און איז און וועט שטענדיג זיין אַן אייביג־לעבענדער פייער.״ עס רירט אָן נאָר די פאַרהעלטענישען אָדער די פאָרמען פון דאָס שטאָף — ווי אַזוי?

* דער קרייז פון ענדערונגען געהט ביי הערעקליטוסען פון פייער אַרונטער צו לופט, וואַסער, ערד, שטיין, אד״ג און פון שטיין צוריק צו ערד, וואַסער, לופט און פייער. דעם דאָזיגען גאַנג האָט ער אודאי באַמערקט אין דער ערפאַרונג. נעמט אַן אָנגעצונדענע ליכט. זעהט איר ווי חלקימלאך חלב ווערען כסדר שיטערער און לופטיגער ביז זיי ווערען פאַר־וואַנדעלט אין פייער, בעת דאָס פייער ווערט ניט גרעסער צוליב דעם וואָס טיילען פון דעם ווערען גלייכצייטיג פאַרוואַנדעלט אין לופט. אויך די וואָלקענס ווייזען ווי טייל לופט ווערט וואַסער און טייל ווערט פייער. נאָר פונדעסטוועגען קען ניט פאַרזעהן ווערען דער פאַקט וואָס אין דער מאָדערנער וויסענשאַפט ווערט וואַרעמקייט אידענטיפיצירט מיט ענערגיע און אַזוי אַרום האָט הערעקליטוס פאַרלאָפען דעם וועג די וויסענשאַפטסלייט וועלכע נעמען אָן ענערגיע אַלס דעם מקור פון אַלץ וואָס עקזיסטירט.

קודם בנוגע דער ענדערונג וועלכע נעמט אַריין די חילוקים פון שעהן און מיאוס, גוט און שלעכט, ריכטיג (דאָס וואָס דאַרף זיין) און ניט ריכטיג. איז זעהר לייכט צו באַווייזען, אַז די דאָזיגע חילוקים זיינען ניט מער ווי חילוקים אין פאַרהעלטעניש, מחמת דאָס וואָס איז שעהן צו איינעם קען זיין מיאוס צו אַן אַנדערען און איינעמס גוטס קען זיין דעם אַנדערענס שלעכטס: צו ג־ט זיינען אַלע זאַכען שעהן און גוט און ריכטיג; מענשען מיינען אַז מאַנכע זאַכען זיינען ניט ריכטיג און מאַנכע ריכטיג".

דאַן בנוגע דער ענדערונג וועלכע נעמט אַריין די חילוקים פון ענטשטעהן און פאַרגעהן — פון געבורט און טויט. טענה'ט הערקליטוס, אַז אויך די דאָזיגע חילוקים זיינען ניט מער ווי אין פאַרהעלטעניש, מחמת דאָס וואָס איז טויט לגבי איין זאַך איז געבורט און לעבען לגבי אַן אַנדער זאַך: „פייער לעבט דעם טויט פון לופט און לופט לעבט דעם טויט פון פייער; וואַסער לעבט דעם טויט פון ערד און ערד לעבט דעם טויט פון וואַסער." אין דער עצם שטאָף איז אַלזאָ ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען טויט און לעבען — טויט איז דאָרט בעצם אויך לעבען און לעבען איז דאָרט בעצם אויך טויט.

און אויב עס פאַלען אַוועק די חילוקים פון ענטשטעהן און פאַרגעהן פאַלען ממילא אויך אַוועק די חילוקים צווישען די פאַרשיידענע צושטאַנדען און פאַרשיידענע געשעענישען: „איין און די זעלבע זאַך זיינען די לעבעדיגע און די טויטע, די וואַכעדיגע און די שלאָפעדיגע, די יונגע און די אַלטע; די ערשטע טוישען זיך איבער און זיינען די צווייטע, די צווייטע טוישען זיך איבער און זיינען די ערשטע." און ווייטער: „ג־ט איז טאָג און נאַכט, ווינטער און זומער, קריג און פרידען, זעט און הונגער. ער נעמט נאָר אַן פאַרשיידענע פאָרמען. פונקט ווי פייער ווען עס איז געמישט מיט פאַר־שיידענע סאָרטען בשמים ווערט עס אָנגערופען לויט דעם געשמאַק פון יעדען."

ד.

דאָ האָבען מיר אַלזאָ אַן ענטפער פאַר וואָס די אייגענשאַפט פון ענדע־רען־זיך מוז בלייבען אייביג, מחמת די דאָזיגע אייגענשאַפט איז פאַרבונדען מיט דעם עצם פון דער אָריגינעלער שטאָף — אַן עצם וועלכער בלייבט אַלע מאָל דער זעלבער און דערפאַר מוז ער אַלע מאָל באַהאַלטען די זעלבע אייגענשאַפטען. ווערט אָבער דער דאָזיגער ענטפער אָבגעפרעגט מיניה וביה:

אויב דער ענדערען זיך איז אַן אייגענשאַפט פאַרבונדען מיט דעם עצם פון דער אָריגינעלער שטאָף דאַרף די ענדערונג אָנגעהן אין דעם דאָזיגען עצם און ניט בלויז אין די פאָרמען פון דעם, דאַרף דאָס שטאָף ווערען בעצם אַנדערש און עס דאַרף ממילא פאַרלירען איר עצמ'דיגע אייגענשאַפט

פון ענדערען־זיך. אָבער אויסער דעם זיינען דאָ גרויסע שוועריגקייטען מיט הערַאקליטוסעס ענדערונגס פּרינציפּ אפילו מיר זאָלן צוגעבען, אַז דער דאָזיגער פּרינציפּ רירט ניט אָן דעם עצם פון דער אָריגינעלער שטאָף נאָר די פאָרמען פון דעם, מחמת לויט דעם דאָזיגען פּרינציפּ וואָלטען באַדאַרפט זיין אוממעגליך אַלע אונזערע גייסטיגע אייגענשאַפטען — פאַר וואָס?

ווייל אויב מיר נעמען אָן, אַז אַלץ האַלט זיך אין איין ענדערען און דאָס וואָס האָט עקזיסטירט אין איין מאָמענט מוז שוין אין צווייטען מאָמענט האָבען פאַרשוואונדען, איז ווי אַזוי וועלען מיר דערקלערען זעלבסטבאַוואוסטזיין, וועלכעס מוז דאָך מיינען, אַז דער זעלבער איך האַלט אָן זיין עקזיסטענץ פאַר אַ צייט וואָס נעמט אַריין פיל מאָמענטען?

און ווי אַזוי זאָלן מיר פאַרשטעהן די עקזיסטענץ פון זיכרון, אין וועלכען די זעלבע פאַרשטעלונגען און די זעלבע אידייען מוזען כסדר אָנגעהאַלטען ווערען?

און ווי אַזוי זאָל מעגליך זיין די דערגרייכונג פון אַ וואונש, וועלכעס פאָדערט דאָך, אַז דער זעלבער אָביעקט וואָס עקזיסטירט איצט פאַר דער פאַרשטעלונג זאָל אויך עקזיסטירען שפּעטער, בשעת׳ן דערגרייכען?

און ווי אַזוי זאָל איבערהויפּט מעגליך זיין געדאַנק, וועלכעס באַשטייט דאָך פון פיל טיילכעלעך וואָס פאָלגען זיך נאָך — ווערען די דאָזיגע טיילכעלעך געדענקט פון באַזונדערע דענקערס, פון דענקערס וואָס זיינען געשטאַרבען און געבאָרען געוואָרען ווערענד דער צייט פון דענקען דעם געדאַנק?

אָט די דאָזיגע קשיות קעגען הערַאקליטוסעס פּרינציפּ פון ממילא׳דיגער ענדערונג זיינען ניט דאָ ערשט אויסגעפונען געוואָרען, מען ווייס שוין פון זיי זינט פלאַטאָ האָט דער דאָזיגער טעאָריע גענומען אויפן צימבעל אין זיין „טעהעטעטוס" און „קראַטילוס". יעדערער וואָס האָט געלייענט פלאַטאָס דיאַלאָגען האָט אַלזאָ געמוזט פון זיי וויסען. און דאָך געפינט מען ניט עפּעס אַ תירוץ אויף די דאָזיגע קשיות אין די אַלע פילאָזאָפיעס, וואָס האָבען אין איין פאָרמע אָדער אין אַן אַנדערער אַדאַפּטירט דער טעאָריע פון ממילא׳דיגער ענדערונג.*

נאָר גאָר אין דער לעצטער צייט האָט דער באַרימטער העברי בערגסאָן געפּרוואווט געבען אַ תירוץ אויף די דאָזיגע קשיות. וועלען מיר אין קומענדען קאַפּיטעל זעהן וואָס בערגסאָן האָט וועגען דעם צו זאָגען און צי איז זיין תירוץ אַ תירוץ מספּיק.

---

* מען מוז צוגעבען אַז פלאַטאָס אַרגומענטען זיינען ניט געפאַלען אין גאַנצען אויף טויבע אויערען, מחמת פאַר פלאַטאָן איז הערַאקליטוסעס טעאָריע, ווייזט אויס, געווען די הויפּט־טאָן־געבערין ביי די אַלטע גריכישע וויסענשאַפטליט. אין „קראַטילוס" ווערט געבראַכט סאָקראַטעסעס אַ דערקלערונג, אַז די נעמען פון די העכסטע באַגריפען זיינען דורך די אַלטע וויסענשאַפטליט באַצייכענט געוואָרען אין איינקלאַנג מיט דער טעאָריע פון אַלגעמיינעם פלוקס.

פופצענטער קאַפּיטעל

די שאַפענדע עוואָלוציע—הענרי בערגסאָן

בערגסאָן נעמט איבער העראַקליטוסעס טעאָריע פון כסדר'דיגער ענדערונג. — די קשיות אויף העראַקליטוסען פּרואווט ער צו פאַרענטפערען מיט דעם וואָס אונזער שכל און אונזערע באַגריפען קענען ניט תופס זיין דאָס וואָס ענדערט זיך כסדר. — דאָס וואָס האָט די אייגענשאַפט כסדר זיך צו ענדערען און פּראָגרעסירען איז לעבען. — דער שכל און דער אינסטינקט ווערען גענוצט דורך לעבען פאַר פּראַקטישע צוועקען, ד"ה, אַלס אינסטרומענטען מיט וועלכע צו האַלטען ביים לעבען דאָס טויטע שטאָף. — דער אונטערשייד צווישען אינסטינקט און שכל איז דאָס וואָס מיטן אינסטינקט געפינט מען דעם אָביעקט דירעקט בעת מיטן שכל מוז מען דעם אָביעקט אונטערזוכען און אויסוועהלען. — דערפאַר איז דער שכל גוט נאָר פאַר עפּעס וואָס איז סטאַביל און דערפאַר קען מען מיט אים ניט תופס זיין דעם לעבענס־פלוס, וועלכעס האַלט זיך אין איין ענדערען און פאַרשווינדען בשעת'ן אונטערזוכען. — צווישען אונזערע דערקענטענישען פון דער פאַרגאַנגענהייט ווערען איינגעהאַלטען אין זכרון נאָר די וואָס קענען ברענגען פּראַקטישע נוצען. — אונזערע באַגריפען, וועלכע זיינען אויך אַזוינע קענטענישען, טויגען זיך דערפאַר נאָר פאַר פּראַקטישע נוצען. — אַ באַגריף איז דאָס וואָס איז דאָס זעלבע אין פיל קענטענישען און דערפאַר פּאַסט ער זיך ניט פאַר'ן לעבענס־פלוס, וואָס איז קיין מאָל ניט דאָס זעלבע. — בערגסאָנס טעאָריע באַזייטיגט די שוועריגקייטען וואָס מיר האָבען געפונען אין העראַקליטוסעס כסדר'דיגען פלוס אָבער זי האָט אירע אייגענע שוועריגקייטען. — בערגסאָנס „כסדר'דיגער פלוס" לאָזט זיך ניט דערקלערען, ווייל עס פעלט אונז פאַר דעם באַגריפען. — עס לאָזט זיך ניט דערקענען און מיר קענען פון דעם גאָר ניט ויסען, ווייל מיר קענען עס ניט האַלטען אין זכרון. — עס עקזיסטירט ניט פאַר אונז ווייל מיר ווייסען פון דעם גאָר ניט. — אַלענפאַלס קען מען ניט וויסען צי עס איז אַ פּרינציפּ אָדער אַ פאָלגע פון עפּעס אַנדערש. — בערגסאָן האָט אַ שוועריגקייט מיט דערקלערען דעם שייכות צווישען דעם „עלאַן וויטאַל" און דאָס לעבלאָזע שטאָף. — אַ דואַליזם שטימט ניט מיט דעם כלל פון „קאָנסערוואַציע פון ענערגיע." — בערגסאָנס טעאָריע, אַז לעבען ווערט פאַרוואַנדעלט אין לעבלאָזע שטאָף רופט אַרויס די פּראַגע, פאַר וואָס ווערט לעבען לעבלאָז? — בערגסאָנס הנחה, אַז דאָס שטאָף פאַראורזאַכט עס, קען ניט דערקלערען דער ערשטער פאַרוואַנדלונג פון לעבען אין שטאָף. — בערגסאָנס טעאָריע איז דער היפוך פון פשטות, ווייל דער שכל קען איר ניט תופס זיין.

אמונה און אפיקורסות

א.

דער נאָמען העברי בערגסאָן איז נאָך ביי אונז אין זיכרון זעהר פריש. נאָך גאָר ניט לאַנג האָט אין דער פילאָזאָפישער וועלט ממש געשטורעמט מיט העברי בערגסאָן. ער האָט געפּראוואוט עפּעפען אַ פרישען קוואל אין דער פילאָזאָפיע און פאַר אַ געוויסער צייט איז ער געווען פאַררעכענט פאַר דעם גרעסטען צווישען די מאָדערנע פילאָזאָפען. עס וועט דערפאַר ניט זיין איבעריג צו דערלאַנגען דעם אידישען לייענער עפּעס אַ קיצור פון בערגסאָנס טעאָריע, וועניגסטענס אויף אַזוי ווייט ווי עס איז נוגע אונזער אָביעקט פון כסדרדיגער ענדערונג, אָדער — ווי עס איז מער באַקאַנט אונטער דעם נאָמען — פון כסדרדיגען פלוס.

בערגסאָן לייקענט ניט, אַז די טעאָריע פון כסדרדיגען פלוס לעגט זיך ניט אויפן שכל. די שולד פון דעם האָט ער אָבער אַרויפגעוואָרפען אויפן שכל — דער שכל איז אַליין ניט דערוואקסען צו דערקענען דאָס ווירקליכע לעבען און ער באַזיצט אויך ניט די נויטיגע כלים פאַר אַזאַ דערקענטעניש; די באַגריפען מיט וועלכע דער שכל באַנוצט זיך תופס צו זיין דערקענטענישען זיינען ניט גענוג ראַפינירט פאַר אַזאַ דערקענטעניש.

דאָס פּרואווט בערגסאָן באַווייזען דורך אַן אונטערזוכונג פון דער נאַטור, געשיכטע און אויפגאַבע סיי פון אונזער שכל און סיי פון אונזערע באַגריפען.

ב.

קודם בנוגע אונזער שכל — וואָס איז דער שכל? פונוואַנעט קומט ער? און וואָס איז זיין אויפגאַבע?

ער איז אַן אינסטרומענט געשאַפען פון לעבען כדי מיט אים אָנצופירען דעם לעבענס קאַמף — דעם קאַמף וואָס לעבען פירט אַן צו באַהערשען דאָס טויטע שטאָף און צו באַקליידען עס מיט איר נאַטור. וואָס איז עס פאַר אַ קאַמף און ווי אַזוי ווערט ער אָנגעפירט?

לעבען איז פון דער נאַטור כסדר צאַפּעלדיג, כסדר אימפּולסיוו און כסדר זוכט עס צו פּראָגרעסירען, צו איבעריאָגען זיך זעלבסט. לעם לעבען איז אָבער דאָ דאָס טויטע שטאָף, וועלכעס איז, פאַרקערט, אומבאַוועגליך, פלעג־מאַטיש. זוכט לעבען אַריינצודרינגען אין דאָס טויטע שטאָף כדי עס צו באַלעבען, מיטרייסען מיט איר אימפּולס.

האָט זיך לעבען געשאַפען פאַרשיידענע אינסטרומענטען פאַר דעם דאָזיגען צוועק. איין אינסטרומענט אַזאַ איז דער אינסטינקט, וועלכען מיר טרעפען ביי די אַרטראָפּאָדען און וועלכער קומט צום העכסטען אויסדרוק ביי די אינסעקטען. אַן אַנדער אינסטרומענט אַזאַ איז דער שכל, וועלכען

לעבען האָט אָנגעפאַנגען צו נוצען שפּעטער, אין דער פּעריאָדע פון די ווערטעבראַטען, און וועלכער קומט צום העכסטען אויסדרוק ביים מענש.

פאַר וואָס האָט לעבען פריהער געפּרואווט געברויכען דעם אינסטינקט און דערנאָך דעם שכל?

דאָס איז ווייל דער אינסטינקט האָט סיי אַ מעלה און סיי אַ חסרון: די מעלה פון אינסטינקט איז דאָס, וואָס מיט אים געהט מען צו דירעקט צו די מיטלען, וועלכע נוצען געוועהנליך אין לעבענס קאַמף. די גאַנצע קערפּערליכע מאַשין פון בעל־האינסטינקט איז אַזוי איינגעשטעלט אַז ער זאָל זיך באַנוצען מיט דעם און דעם מיטעל אין דער און דער לאַגע. דאָס פאַרשפּאַרט דעם בעל־האינסטינקט די מיה פון זוכען דעם ריכטיגען מיטעל און דאָס איז אים אויך מציל פון טעות'ען און אומפּינקטליכקייטען ביים באַנוצען דעם מיטעל. די דאָזיגע מעלה ווערט אָבער אַריבערגעוואויגען דורך דעם חסרון וואָס דער אינסטינקט לאָזט צו בלויז איין מיטעל זיך צו באַנוצען אין אַ באַשטימטער לאַגע — פאַר וואָס?

ווייל היות ווי די גאַנצע קערפּערליכע מאַשין פון בעל־האינסטינקט איז איינגעשטעלט פאַר דער באַנוצונג פון דעם און דעם מיטעל אין דער און דער לאַגע איז זי גוט נאָר פאַר דעם דאָזיגען באַשטימטען מיטעל אין דער דאָזיגער באַשטימטער לאַגע; די באַנוצונג פון אַן אַנדער מיטעל וואָלט געפאָדערט אַן איבערשטעלונג פון דער דאָזיגער מאַשין, ד"ה אַן איבער־ענדערונג פון דעם בעל האינסטינקטס קערפּער. און צולאָזענדיג בלויז איין מיטעל בלייבט דער אינסטינקט נוצלאָז אין פאַל, ווען די לאַגע ווערט אומ־געוועהנליך, ווען זי ענדערט זיך אַזוי, אַז דער אַלטער מיטעל פּאַסט זיך ניט מער פאַר איר.

האָט דערפאַר לעבען שפּעטער געפּרואווט דעם שכל, וועלכער איז אַן אינסטרומענט פון אומדירעקטען דערקענען די ריכטיגע מיטלען פאַרן לעבענס קאַמף — פון דערקענען די דאָזיגע מיטלען דורך זוכען, דורך איבערטאַפּען פאַרשיידענע מיטלען ביזן צוקומען צו די ריכטיגע. דאָס האָט די מעלה וואָס עס גיט דעם שכל אַ געלעגענהייט איבערצובייטען די מיטלען ווען די לאַגע פאָדערט עס, דערפאַר האָט עס אָבער דעם חסרון, וואָס עס נעמט פון אים אָוועק דעם אינסטינקטס ווירקזאַמקייט און גענויקייט — דער שכל מוז פאַרשווענדען איבעריגע מיה צו זוכען די ריכטיגע מיטלען און ער מוז אויך ליידען פון טעותען און אומפּינקטליכקייטען, פון אָבשטעלען זיך אַמאָל אויף אַ ניט־ריכטיגען מיטעל אָדער פון נוצען אַ מיטעל ניט אין דער ריכטיגער מאָס און ניט אויפן ריכטיגען שטייגער.

ג.

דאָס איז די געשיכטע פון שכל. פון דעם פאָלגט, ערשטענס, אַז דער שכל איז געמאַכט ניט פאַר טעאָרעטישע צוועקען נאָר פאַר פּראַקטישע, צו געפינען דאָס וואָס איז נוצליך אין לעבענס קאַמף. פון דעם פאָלגט צוויי־טענס, אַז די דערקענטעניש פון שכל קומט צושטאַנד בלויז דורך ישוב הדעת — פונקט ווי דער הונט מיט זיינע לאַפּקעס און שנוצעל אַזוי אויך מיר מיט אונזער פאַרשטאַנד און שכל נעמען מיר אַן אַביעקט און דרעהען אים אַרום אויף אַלע זייטען כדי צו באַטראַכטען זיין נוצליכקייט און צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי אים איינצובייסען.

פון דעם פאָלגט ווידער, אַז מיטן שכל זיינען מיר תופס נאָר דאָס וואָס בלייבט, וואָס ענדערט זיך ניט בשעת מיר נעמען עס אַרום צו באַטראַכטען. דאָס אָבער וואָס איז פליסענד, וואָס האַלט זיך אין איין באַוועגען און אין איין ענדערען קענען מיר דעריבער מיטן שכל קיין מאָל ניט תופס זיין.

דערפאַר קענען מיר מיטן שכל קיין מאָל ניט תופס זיין דער נאַטור פון באַוועגונג. פאַר אונז איז באַוועגונג אַ רוהען אין פיל פלעצער; ווען מיר זאָגען, אַז עפּעס האָט זיך באַוועגט, מיינען מיר, אַז עס איז געוועזען אָדער גערוהט אין אַלע פלעצער פון אַ געוויסען שטח — אָבער ווי אַזוי איז מעגליך, אַז רוהונגען זאָלען אויסמאַכען באַוועגונג? *

דערפאַר קענען מיר מיטן שכל אויך קיין מאָל ניט תופס זיין דער נאַטור פון לעבען, וועלכעס האַלטענדיג אין איין אַנגעהן אין דער צייט איז עס אויך אַזוי פליסענד און אַזוי ענדערליך ווי באַוועגונג. און אַ חוץ דעם טאָר מען אויך ניט פאַרגעסען, אַז דער שכל איז „באַשאַפען געוואָרען דורך לעבען צו אַקטען אויף באַשטימטע זאַכען אין באַשטימטע אומשטענדען — איז ווי אַזוי זאָל ער קענען אַרומנעמען לעבען, פון וועלכעס ער איז בלויז אַן עמאַ־נאַציע אָדער אַן אַספּעקט?" **

און דערפאַר קענען מיר מיטן שכל אויך קיין מאָל ניט תופס זיין דער נאַטור פון אונזער זעלע, וועלכע איז אַ פּערזאָניפיקאַציע פון לעבן, אַ פונק לעבען וואָס האָט זיך אָבגעלעגט אויף דאָס ביסעל שטאָף פון וועלכעס אַ מענשליכער קערפּער באַשטעהט און וואָס טוט אויף אַ באַ־שטימטען אופן מיטרייסען דאָס דאָזיגע שטאָף אין איר אימפּולסיווען גאַנג.

דאַגעגען, פיהלט זיך דער שכל אין דער היים בנוגע דאָס לעבלאָזע שטאָף, וועלכעס לאָזט זיך אַרומנעמען און באַטראַכטען — דערפאַר איז ער

* זעה צענאָס פּערטען אַרגומענט, וועלכער ווערט געבראַכט אין נײַנטען קאַפּיטעל פון דער דאָזיגער אָפּהאַנדלונג.

** זעה די איינלייטונג צו "La Evolution Creatrice" איבערזעצט אין ענגליש דורך אַרטור מיטשעל, אונטער דעם נאָמען "Creative Evolution."

אַזוי שטאַרק מצליח אין די וויסענשאַפטען וואָס האָבען צו טאָן מיט אומ־אָרגאַנישען שטאָף. און דאָס איז דאָך טאַקע זיין פונקציע, אויסצופאָרשען דער נאַטור פון דאָס לעבלאָזע שטאָף כדי צו וויסען ווי אַזוי צו קירעווען איר אין דינסט פון לעבען. מיט אַנדערע ווערטער: די וויסענשאַפטען זיינען אויך בלויז אינסטרומענטען פאַר פּראַקטישע צוועקען, און אַלץ וואָס דער וויסענשאַפטסמאַן טוט איז בלויז אויסצו'חשבונ'ען אין פאָרויס ווי אַזוי שפּעטער צו טאָן דאָס וואָס איז נוצליך.

ד.

דאָס איז בנוגע דעם שכל. דאָס זעלבע איז מיט אונזערע באַגריפען — אַן אונטערזוכונג פון אונזערע באַגריפען ווייזט, אַז אויך זיי זיינען דאָ בלויז פאַר פּראַקטישער דערקענטעניש און אַז אויך זיי פּאַסען זיך ניט פאַר דאָס וואָס איז בלויז ענדערונג.

קודם בנוגע דעם פּראַקטישען כאַראַקטער פון די באַגריפען. דאָס געפינען מיר אויספאָרשענדיג זייער געשיכטע. ווען מיר גיבען אַ טאַפּ דעם יחוס פון די באַגריפען זעהען מיר, אַז זיי זיינען אַ קליינער טייל פון אונזער דערפאַרונג איינגעהאַלטען דורך דעם זיכרון: מיר האָבען געזעהן פיל ביכער און אין יעדען בוך האָבען מיר באַמערקט פיל איינצעלהייטען, איז אונז פון דעם אַלעמען פאַרבליבען אין זיכרון בלויז די אַלגעמיינע פאָרמע פון אַ בוך, מיט וועלכער מיר מעסטען אונזער צוקונפטיגער דערפאַרונג — דאָס וואָס לאָזט זיך אַנקליידען דער דאָזיגער פאָרמע איז אַ בוך.

מיט וואָס אַזוינס האָט די דאָזיגע פאָרמע זוכה געווען וואָס זי אַליין איז אונז פאַרבליבען אין זיכרון? אָט דאָס האָט אין גאַנצען צו טאָן מיט איר נוצליכקייט — ווי אַזוי?

אייגענטליך וואָלטען מיר באַדאַרפט געדענקען אונזער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט: יעדער איינדרוק וואָס איז ווען עס איז דורכגעגאַנגען אונזער געדאַנק וואָלט דאָרט באַדאַרפט פאַרבלייבען כל זמן מיר לעבען — פאַר וואָס? ווייל כל זמן מיר לעבען דויערען מיר, און אין דויערונג קען די פאַרגאַנגענהייט ניט אָבגעבראָכען ווערען פון דער געגענוואָרט: „ריינע דויערונג איז די פאָרמע וועלכע די נאָכפאָלגונג פון אונזערע באַוואוסטזיניגע צושטאַנדען נעמט אָן ווען אונזער עגא לאָזט זיך לעבען בעת ער האַלט זיך צוריק פון אָבטיילען זיין געגענוואַרטיגען צושטאַנד פון זיינע פריערדיגע צושטאַנדען." *

נאָר פאַר וואָס געדענקען מיר בלויז אַ קליינעם טייל פון אונזער

---

* גענומען פון בערגסאָנס (זייט 100) "Time and Free Will" איבערזעצט דורך F. Z. Pogson.

פאַרגאַנגענהייט און דעם גרעסטען טייל פאַרגעסען מיר געוועהנליך? ווייל אונזער באַוואוסטזיין באַלייכט נאָר דאָס וואָס קען אונז ברענגען נוצען, מחמת „די הויפט־פונקציע פון באַוואוסטזיין איז אויפצופאַסען איבער טוהונג און צו באַלייכטען בחירה". און נוצען קען אונז ברענגען נאָר אַ קליינער טייל פון אונזער דערפאַרונג — נוצען קענען אונז ברענגען די אידייען פון דער נאָהנטער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע מען מוז מצרף זיין מיט דער אידייע פון דער געגענוואַרט כדי צו בילדען אַ גאַנצען געדאַנק, ווי למשל, כדי צו וויסען דעם מיין פון אַ זאַץ מוזען מיר וויסען אויך די ערשטע ווערטער פון זאַץ; און נוצען קענען אונז ברענגען די אַלגעמיינע פאָרמען, וועלכע דערגענצען אונזערע טיילווייזע דערקענטענישען, ווי למשל, ווען מיר זעהן נאָר דעם איבערפלאַך פון בוך גיט אונז שוין אונזער זיכרון אַ בילד פון גאַנצען בוך. „דערפאַר וואַרפט עס ליכט אויף דעם וואָס קומט דירעקט פאַר דעם שלוס און אויף יענע עראינערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע קענען נוצליך קאָמבינירען מיט דעם. אַלעס איבעריגע בלייבט אין שאָטען."

עס בלייבט אין שאָטען צוליב דעם וואָס עס קען אונז ברענגען גיכער שאָדען ווי נוצען — ווייל „פון וואָס פאַר אַ נוצען זיינען די דאָזיגע זיכרון־בילדער? אויפבאַוואַרט אין זיכרון און רעפּראָדוצירט אין באַוואוסטזיין וועלען זיי דען ניט צודרעהען דעם פּראַקטישען כאַראַקטער פון לעבען, מישענדיג חלום מיט ווירקליכקייט? זיי וואָלטען עס אודאי געטאָן ווען אונזער אַקטועלער באַוואוסטזיין — אַ באַוואוסטזיין וועלכער שטעלט פאָר די ריכטיגע צופּאַסונג פון אונזער נערוועז סיסטעם צו דער געגענווערטיגער לאַגע — וואָלט ניט באַזייטיגט די אַלע צווישען די פאַרגאַנגענע בילדער, וועלכע קענען זיך ניט צוזאַמענפּאַסען מיט דער געגענווערטיגער באַמערקונג און זיינען ניט אומשטאַנד צו בילדען מיט איר אַ נוצליכע קאָמבינאַציע."*

* די לעצטע דריי ציטאַטען קומען פון בערגסאָנס "Matter and Memory" 182-96 ז. איבערזעצט פון פּאול און פּאַלמער. אַ קיצור פון דעם גיט בערגסאָן אין אָנפאַנג פון זיין „שאַפּענדער עוואָלוציע" וואו עס לייענט זיך: „אין דער ווירקליכקייט איז די פאַרגאַנגענהייט אופבעוואַרט דורך זיך זעלבסט, אויטאָמאַטיש. אין איר גאַנצקייט פאָלגט עס אונז נאָך, וואַרשיינליך, אין יעדען מאָמענט; אַלץ וואָס מיר האָבען געפיהלט, געדענקט און געוואָלט פון אונזער פריהסטער קינדהייט אָן איז דאָרט דאָ, אָנלעהנענדיג זיך איבער דער געגענוואַרט, וועלכע טהוט כסדר זיך צוזאַמענעמען מיט דעם, און דריקענדיג אַנטקעגען די אַריינגענג פון באַוואוסטזיין, וועלכער איז אָבער גענייגט צו לאָזען עס אין דרויסען. דער מעכאַניזם פון מאַרך איז אַזוי איינגעאָרדענט, אַז עס זאָל צוריקיאָגען אין דעם אומבאַוואוסטזיין כמעט דאָס גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און אַריבערלאָזען איבערן שוועל בלויז דאָס וואָס קען וואַרפען ליכט אויף דער געגענווערטיגער לאַגע אָדער ברענגען ווייטער די טואונג וואָס ווערט איצט צוגעגרייט — בקיצור נאָר דאָס וואָס קען געבען נוצליכע אַרבייט."

די חילוקים וואָס בערגסאָן מאַכט צווישען דעם דאָזיגען „אויטאָמאַטישען זיכרון" און

דער פועל יוצא פון דעם איז, אַז די באַגריפען האָבען דעם זכות הקיום זייערען צו פאַרדאַנקען בלויז זייער נוצליכקייט; ווען ניט דאָס וואָלטען זיי געבליבען אין שאָטען, ד"ה אין אומבאַוואוסטזיין, צוזאַמען מיט דעם גאַנצען פאַק ערפאַרונג פון דער פאַרגאַנגענהייט. און נוצען איז טאַקע די איינציגע זאַך וואָס מיר זוכען צו ציהען פון די באַגריפען: „צו פרואווען אָנפאַסען אַ באַגריף אויף אַן אָביעקט איז איינפאַך צו פרעגען, וואָס מיר קענען טאָן מיט דעם אָביעקט און וואָס דער אָביעקט קען טאָן מיט אונז." *

ה.

פון דעם פאָלגט אויך, אַז אונזערע באַגריפען פאַסען זיך ניט פאַר דאָס וואָס איז כסדר ענדערונג, ווייל קומענדיג פון זיכרון מוזען דאָך אונזערע באַגריפען מיט זיך פאַרשטעלען עפּעס וואָס איז שוין דערקענט געוואָרען אין דער פאַרגאַנגענהייט און ממילא קענען זיי זיך ניט פאַסען פאַר עפּעס, וואָס איז כסדר ענדערונג, וואָס מוז זיין אין דער געגענוואַרט אַנדערש ווי דאָס וואָס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

נאָך מער, היות ווי די באַגריפען שטעלען דאָך פאַר די אַלגעמיינע פאָרמע פון זאַכען קענען זיי אויפנעמען נאָר דאָס וואָס איז גלייך אין די דאָזיגע זאַכען — און ניט דאָס וואָס איז אין זיי פאַרשיידען. אַזוי, למשל, קען דער באַגריף בוך אויפנעמען נאָר דאָס וואָס איז גלייך אין אַלע ביכער, אָבער ניט זייערע פאַרשיידענהייטען אין גרויס, שפּראַך און אינהאַלט; פּונקט ווי דער באַגריף מענש קען אויפנעמען נאָר דאָס וואָס איז גלייך אין מענשען, אָבער ניט זייערע פאַרשיידענהייטען פון געשלעכט, ראַסע און קאָליר. דערפאַר קענען אונזערע באַגריפען ניט אויפנעמען דער אמתער נאַטור פון לעבען, וועלכעס איז כסדר ענדערונג, און דערפאַר קענען מיר דער דאָזיגער נאַטור קיין מאָל ניט באַגרייפען.

כדי צו באַגרייפען דער אמתער נאַטור פון לעבען וואָלטען מיר באַדאַרפט האָבען אין גאַנצען אַן אַנדער סאָרט באַגריפען, מיר וואָלטען באַדאַרפט האָבען באַגריפען, וואָס זאָלן זיין באַשטעלט פאַר יעדען קענטעניש אָביעקט באַזונדער — באַגריפען וואָס יעדער איינער זאָל זיך פאַסען ניט מער ווי פאַר איין קענטעניש אָביעקט און וועלכער זאָל אונז דערפאַר געבען דער ספּעציפישער נאַטור פון דעם דאָזיגען אָביעקט.

דעם „מאָטאָר־זיכרון" — דער זיכרון, וועלכער קומט צושטאַנד דורך איינ׳חזר׳ען — קענען אודאי ניט שאַדען דעם פּראַקטישען כאַראַקטער פון זיכרון, מחמת דער מאָטאָר־זיכרון קומט דאָך געוויס נאָר צוליב נוצליכקייט, מיר חזר׳ען איין בלויז עפּעס וואָס זעהט אונז אויס צו נוצען.

* גענומען פון בערגסאָנס "An Introduction to Metaphysics" ז. 14, איבערזעצט דורך T. H. Hulms.

אמונה און אפיקורסות

ו.

אין בערגסאָנס נוסח האָט אַלזאָ די טעאָריע פון כסדרדיגער ענדערונג געפונען איר תיקון — דאָ האָבען מיר אַן ענטפער אויף אַלע אונזערע טענות געגען דער דאָזיגער טעאָריע.

קודם האָבען מיר דאָ אַן ענטפער אויף דער טענה, פאַר וואָס די ענדערונג האַלט אָן כסדר, פאַר וואָס עס ענדערט זיך ניט אַזוי, אַז עס זאָל פאַרלירען דער אייגענשאַפט פון ענדערען־זיך. דער ענטפער איז, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט דער נאַטור פון צייט, וועלכעס איז כסדר ענדערונג, כסדר וואוקס — די געגענוואַרט וואַקסט כסדר אַרויף אויף דער פאַרגאַנגענהייט. אַלץ וואָס איז אַקטיוו אין דער צייט — אַלץ וואָס לעבט — מוז דערפאַר אויך האַלטען אין איין וואַקסען, אין איין זיך פאַרגרעסערען דורך דעם וואָס די אַקטיוויטעט פון דער געגענוואַרט קומט צו צו דער אַקטיוויטעט פון דער פאַרגאַנגענהייט.

דאַן האָבען מיר דאָ אַן ענטפער אויף אונזערע טענות, ווי אַזוי שטימט כסדרדיגע ענדערונג מיט דער איינהייט, וועלכע מוז אויפגענומען ווערען מיט אונזערע גייסטיגע אייגענשאַפטען פון באַוואוסטזיין, זיכרון, ווילען, געדאַנק אד"ג. דער ענטפער איז, אַז די ענדערונג וועלכע געהט אָן כסדר אין דער צייט האָט דער אייגענשאַפט פון דויערונג, וועלכעס איז אַן איינהייט פער עקסעלענס, מחמת די פאַרגאַנגענהייט וואַקסט דאָ אַריין אין דער געגענוואַרט, אַזוי, אַז די געגענוואַרט האָט אין זיך דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס איז אַפילו ניט אַזוי לייכט צו פאַרשטעהן. אָבער איר ווייסט דאָך שוין, אַז שולדיג אין דעם איז אונזער שכל, וועלכער איז צוליב פּראַקטישקייט אַריינגעטאָן אין גאַנצען אין חמריות, וועלכעס באַזיצט ניט דער דאָזיגער אמת'ער איינהייט, מחמת אין שטאָף עקזיסטירען די טיילען גלייכצייטיג, איינער אויסער דעם אַנדערען. דאָרט. איז דערפאַר די איינהייט בלויז אַ צונויפגעשטוקעוועטע, אַן אַסאָסאַציע — אָט ווי למשל, זאַכען וואָס האָבען מאַנכע גלייכע אייגענשאַפטען ווערען צונויפגענומען אונטער איין באַגריף. אַזוינע אַסאָסאַציעס העלפען דעם שכל זיך פונאַנדערצוקלייבען אין דער נאַטור פון שטאָף און דערפאַר ליגט אין זיין אויפגאַבע זיך מיט זיי צו באַנוצען. דאַגעגען קען דער שכל ניט ציהען קיין פּראַקטישען נוצען פון דער אמת'ער נאַטור פון איינהייט און דערפאַר קען ער עס ניט פאַרשטעהן.

דאָ האָבען מיר אַלזאָ אויך אַן ענטפער אין פאָרויס אַפילו אויף שוועריגקייטען וואָס מען קען ווען עס איז געפינען געגען דער דאָזיגער טעאָריע — מחמת וואָס איז אַ שוועריגקייט? עפּעס וואָס איז אונז שווער תופס צו זיין מיטן שכל — ווייסען מיר דאָך שוין אָבער, אַז אונזער שכל דאַרף אַלץ ניט תופס זיין, אַז ער איז ווי אַ זיפּ אין וועלכער עס האַלטען זיך נאָר די מעליגע קערענדלעך פון האַרטען שטאָף, בעת די פליסיגע ווירקליכקייט רינט פון דאָרט אַרויס.

ז.

דוכט זיך אלץ גוט, אלץ באווארענט. זיינען פונדעסטוועגען דא שוועריגקייטן געגען דער דאזיגער טעאריע וועלכע לאזן זיך ניט באזייטיגן אפילו דורך אזא באווארעניש — שוועריגקייטן וועלכע דערמאנען אן די טענות פון דעם סאפיסט גארגיאס: (1) בערגסאנס פליסיגעווירקליכקייט עקזיסטירט ניט; (2) אויב עס זאל עקזיסטירן וואלט מען עס ניט געווען אומשטאנד צו דערקענען; (3) און אויב מען זאל עס דערקענען וואלט מען ניט געווען אומשטאנד מיטצוטיילן אנדערע דער דאזיגער דערקענטעניש.

כדי צו געהן מן הקל אל הכבד וועלען מיר אנפאנגען מיט דער דריטער טענה, אז א קענטעניש פון דער פליסיגער ווירקליכקייט קען ניט מיטגעטיילט ווערען. זוכען דאס צו באווייזען וועט הייסען זיך ברעכען אין אפענע טירען, מחמת בערגסאן אליין גיט צו, אז ניט נאר קען אזא דערקענטעניש ניט איבערגעטראגען ווערען צו אנדערע נאר אפילו פאר זיך אליין קען מען עס ניט פארמולירען, ד"ה זיך מאכען פון דעם באשטימטע אידייען.* און דאס איז באמת אלף־בית אין בערגסאנס טעאריע, מחמת כדי זיך צו מאכען פון דעם באשטימטע אידייען דארפען מיר דאך עס באגרייפען, דארפען מיר דאך באזיצען באגריפען, וואס זאלן זיך פאסען פאר אזא סארט דערקענטעניש — אבער בערגסאן האלט דאך אין איין איינקנעלען מיט אונז, אז אונזערע באגריפען פאסען זיך ניט פאר א דערקענטעניש פון דאס וואס איז כסדר פליסיג.

פון דער דריטער טענה וועלען מיר ווידער געהן צו דער צווייטער טענה, אז אפילו אויב אזא זאך זאל עקזיסטירן וואלטען מיר ניט געווען אומשטאנד עס צו דערקענען. און אויך מיט דער דאזיגער טענה וועלען מיר זיך שטיצען אויף בערגסאנס אייגענע ווערטער — זאגט דאך בערגסאן אליין, אז מיטן שכל, פונקט ווי מיט די אנדערע כלים פון אונזער אינטעלעקטועלען פאקולטעט, זיינען מיר ניט אומשטאנד צו דערקענען אזא סארט דערקענטעניש. און דאס זעלבע איז מיט אונזערע חושים, וועלכע זיינען אודאי אויך געמאכט געווארען (ווי דער שנוצעל און די לאפקעס פון הונט) בלויז פאר פראקטישער דערקענטעניש.

די איינציגע טירעלע וואס בערגסאן לאזט אפען פאר אזא סארט דערקענטעניש איז דורך אן אינטואיציע (עפעס א מין אינערליכער חוש אדער

---

* זעה דעם סוף פון זיין "An Introduction to Metaphysics" דארט, וואו ער רעדט וועגען דעם ווי אזוי די צורה פון א מעטאפיזישער טעאריע ווערט איבערגעפירט ווען די דאזיגע טעאריע ווערט איבערגענומען דורך תלמידים. און דאן פירט ער אויס (ז. 89): „און דער רבי, אויף אזוי וויט ווי ער פארמולירט, ענטוויקעלט, זעצט איבער אבסטראקטע אידייען וואס ער ברענגט (אינטואיטיוו) איז שוין אין א וועג זיין אייגענער תלמיד."

אַן אינסטינקטיווע עמפינדונג), וואָס מען וואָלט געקענט אויסבילדען פאַר אַזעלכע דערקענטעניש, ווען מען זאָל פאַר אירטוועגען גוט אויסקראַבען פון זיך דעם פראַקטישען חמץ; מען זאָל זעהן, אַז בעת די דאָזיגע אינטואי־ציע שטעלט אַן די אויערען זאָל מען דאַן זיין פאַראינטערעסירט בלויז אין קענטעניש לשמה, אין קענטעניש לשם קענטעניש, און ניט לשם מעשים. איז אָבער באמת די דאָזיגע אינטואיציע אויך ניט מער ווי אַ לעכערדיגער זאַק, אין וועלכער קיין ריין טעאָרעטישע דערקענטעניש דאַרף זיך ניט קענען איינהאַלטען — פאַר וואָס

ווייל כדי איינצוהאַלטען אַ דערקענטעניש מוז מען דאָך איינהאַלטען דאָס וואָס מען האָט דערקענט אין דער פאַרגאַנגענהייט, ד"ה מען מוז האָבען זיכרון. אָהן זיכרון וועלען מיר האָבען בלויז אַזוי פיל קענטעניש, וואָס קען אונז געבען אַ מאָמענט פון דער געגענוואַרט — אַ מאָמענט וועלכער דאַרף מיט זיך פאָרשטעלען דעם קלענסטען טייל פון דער אומענדליך־טיילבאַרער צייט און דאַרף דערפאַר זיין אומבאַמערקבאַר. זאָגט דאָך טאַקע בערגסאָן אַליין: „אין דער אמת'ען איז שוין יעדע באַמערקונג זיכרון." * און זיכרון איז דאָך, לויט בערגסאָנען, קאָנטראָלירט פון אונזער באַוואוסטזיין, וועלכער דער־לויבט עס צו באַנוצען בלויז פאַר פראַקטישער דערקענטעניש. דערפאַר מוז אויסקומען, אַז אַפילו ווען אַ פריוועליגירטע אינטואיציע זאָל האָבען אַ צוטריט צו ריינער טעאָריע דאַרף זי אויך פון דאָרט קיין דערקענטעניש ניט קענען אָוועקטראָגען, ווייל אין דעם מאָמענט וואָס זי דערקענט עפּעס מוז זי קריגען אַ שנעל אין נאָז פון באַוואוסטזיין און זי מוז עס גלייך פאַרגעסען.

און דאָס פירט אונז ווידער צו דער ערשטער טענה: אויב מיר זיינען ניט אומשטאַנד צו דערקענען דאָס, וואָס איז כסדר פליסענד, האָבען מיר ניט קיין גרונד אָנצונעמען, אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט, ווייל כדי אָנצונעמען אַז עפּעס עקזיסטירט, מוזען מיר דאָך דענקען איבער עפּעס, מוזען מיר דאָך דאָס תופס זיין מיט אונזער געדאַנק — אַנדערש וועלען מיר דענקען פון עקזיסטענץ אָהן אַן אָביעקט, פון עקזיסטענץ פון גאָרניט.

דאָס מיינט ניט צו זאָגען אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט מוזען מיר זיין אומ־שטאַנד צו דערקענען — אין געגענטייל, עס לעגט זיך גיכער אויפן שכל, אַז אונזער דערקענטעניש ספערע איז באַגרענעצט און אַז עס עקזיסטירען זאַכען וואָס מיר קענען אַפילו ניט משיג זיין, פונקט ווי אַ בלינדער קען ניט משיג זיין קאָליר. נאָך מער, ווי עס איז באַוויזען געוואָרען אין אָנפאַנג פון דער דאָזיגער אָבהאַנדלונג דערקענען מיר גאָר בפירוש דער עקזיסטענץ פון אַ

---

* זעה Matter and Memory, זייט 194. זעה אויך דאָרט זייט 96, וואו עס ווערט געזאָגט: „למעשה באַמערקען מיר בלויז דער פאַרגאַנגענהייט; די ריינע גע־גענוואַרט איז דער אומזעהבאַרער פראָגרעס פון דער פאַרגאַנגענהייט גריזשענדיג דער צוקונפט."

כח, וואָס מיר זיינען ניט אומשטאַנד משיג צו זיין. אָבער דאָרט האָט מען אויך געזעהן, אַז טאַקע דערפֿאַר וואָס דער דאָזיגער כח איז איבער אונזער השגה האָבען מיר ניט קיין רעכט צו באַשטימען זיין נאַטור, צו זאָגען אַז ער איז פּליסיג אָדער שטייף, אָדער אַז ער איז אַ פּרינציפּ אָדער אַ פּאָלגע אַד״ג. און פּונקט אַזוי האָט בערגסאָן קיין רעכט ניט צו באַשטימען דער נאַטור פֿון דער אומבאַקאַנטער ווירקליכקייט דורך באַצייכענען איר אַלס כסדר פּליסיג.*

ח.

נאָר לאָמיר שוין אַפּילו אָננעמען, אַז בערגסאָן דערשלאָגט זיך מיט זיין אינטואיציע צו דער ריין־טעאָרעטישער ווירקליכקייט און עס געלינגט אים דאָרט אַפּילו אַרומצונעמען דער נאַטור פֿון כסדר׳דיגען פּלוס, קען ער דאָך נאָך אָבער אַלץ ניט וויסען צי ער האָט דאָרט דערגרייכט דעם סאַמע דעק, צי איז איבער דער דאָזיגער ווירקליכקייט ניטאָ עפּעס אַנדערש וועלכעס איז די אורזאַך אָדער דער באַשעפֿער פֿון דעם. מיט אַנדערע ווערטער, אונזערע אַ דערקענטעניש קען אונז נאָר ווייזען אַז אַ באַשטימטע זאַך עקזיסטירט, אָבער ניט אַז דאָס דאָזיגע זאַך איז אַלץ וואָס עקזיסטירט אָדער אַז דאָס איז דער פּרינציפּ פֿון אַלץ.

דאָס דערמאָנט אָן דער מעשה׳לע מיט די בלינדע וועלכע מען האָט אַמאָל דערלויבט אַ טאַפּ צו טאָן אַן עלפֿאַנט. האָט איינער אָנגעטאַפּט אַ פֿוס פֿון עלעפֿאַנט, האָט ער אָנגענומען אַז דער עלעפֿאַנט איז ווי אַ סלופּ;

* אין אָנפֿאַנג פֿון זיין „שאַפֿענדער עוואָלוציע״ פּראָוווט אַפּילו בערגסאָן באַווייזען כסדרדיגע ענדערונג אַלס פֿאַקט, און אָט זיינען זיינע ווערטער: „לאָמיר נעמען אַן אינערליכען צושטאַנד וואָס איז אַם מערסטען סטאַביל — דער זעהענדער באַמערקונג פֿון אַן אומבאַוועגליכען אויסערליכען אָביעקט. מעג דער אָביעקט בלייבען דער זעלבער און מעג איך קוקען אויף אים פֿון דער זעלבער זייט, אין דעם זעלבען ווינקעל און אין דער זעלבער ליכט, וועט פֿונדעסטוועגען די זעהונג וואָס איך האָב איצט זיין אַנדערש ווי די זעהונג וואָס איך האָב געהאַט אַ מאָמענט פֿריהער — שוין צוליב דעם אַליין וואָס זי איז אַ מאָמענט עלטער פֿון יענער; דאָרט איז דאָ מיין זיכרון, וועלכער פֿירט איבער עפּעס פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט אין דער געגענוואַרט.״

מוז איך זיך מודה זיין, אַז איך קען ניט איינזעהן ווי אַזוי אין אַזאַ פֿאַל איז מיין זעהונג אין איין מאָמענט אַנדערש ווי אין אַן אַנדער מאָמענט. מיר דוכט גאָר פֿאַרקערט, אַז מיין זעהונג בלייבט די זעלבע אַפּילו ווען איך קוק אויף אַן אָביעקט פֿון פֿאַרשיידענע ווינקלען און אין פֿאַרשיידענער ליכט, אויב נאָר די פֿאַרשיידענקייט איז ניט צו שטאַרק. אַזוי, למשל, קוקט מיר אויס די גרינע גראָז אין גאַנצען און צו יעדער צייט פֿון זעלבען קאָליר, כאָטש ניט אויף יעדען פּלאַץ און ניט צו יעדער צייט פֿאַלט אויף דעם די זעלבע ליכט. אָנשטאָט פֿאַרשיידענהייט טוט אַלזאָ דער זיכרון גאָר אַריינפֿירען גלייכהייט אין מיין אינערליכען צושטאַנד. און איך גלויב, אַז דאָס איז די דערפֿאַרונג פֿון דער מערהייט מענשען, צווישען וועלכע עס געפֿינען זיך אַלענפֿאַלס ראָסעל, בראָד און אַנדערע מאָדערנע פּילאָזאָפֿען. זעה The Problems of Philosophy, by B. Russel ווי אויך Mind and Its Place in Nature, by C. D. Broad.

האָט אַ צווייטער אַנגעטאַפּט אַ זייט פון עלעפאַנט, האָט ער אַנגענומען, אַז דער עלעפאַנט איז ווי אַ וואַנט; האָט אַ דריטער אַנגעטאַפּט אַ צאָן פון עלעפאַנט, האָט ער אַנגענומען, אַז דער עלעפאַנט איז ווי אַ שפּיז; האָט אַ פערטער אַנגעטאַפּט דעם נאָז פון עלעפאַנט, האָט ער אַנגענומען, אַז דער עלעפאַנט איז ווי אַ שלאַנג; האָט אַ פינפטער אַנגעטאַפּט דעם עק פון עלע־פאַנט, האָט ער אַנגענומען, אַז דער עלעפאַנט איז ווי אַ שטריק. און אַזוי האָט יעדער איינער פון זיי אָװעקגעטראָגן אַן אַנדער פאָרשטעלונג פון דעם עלעפאַנטס אויסזעהן.

קיין פּירוש אויף דער דאָזיגער מעשה׳לע איז ניט נויטיג — יעדערער פאַרשטעהט דעם שייכות פון דעם מיט די גנאָסטיציזמען וועלכע געהען אונטער די נעמען פון געטשען־דינסט, מאַטעריאַליזם, פּאַנטעאיזם, דעאיזם, וויטאַליזם אד״ג. וואָס דאָ פאָדערט זיך אָבער איז צוצוגעבען עפּעס אַ הוספה צו דער דאָזיגער מעשה׳לע — אַ הוספה וואָס זאָל אָבשפּיגלען אַביסעל בעסער דעם דאָזיגען שייכות — דאָ פאָדערט זיך צוצוגעבען אַז עס איז מעגליך דאָס די בלינדע זאָלן גאָר ניט צוקומען צום עלעפאַנט גופא, נאָר זיי זאָלן בלויז באַרירען דאָס וואַסער, וואָס ער לאָזט אַרויס דורכן נאָז, אָדער זיי זאָלן דערפילען זיין וואַרעמען אָטעם.

ט.

אָבער דאָ קומט ווידער אונטער די פראַגע פון פשטות — ווי אַזוי? פשטות פאָדערט, אַז אויב אַ זאַך קען דערקלערט ווערען דורך ווייניגער הנחות זאָל מען ניט זוכען פאַר דער דערקלערונג מער הנחות; אויב אַלזאָ בערגסאָנס „עלאַן וויטאַל״ זאָל זיין אומשטאַנד פולשטענדיג צו דערקלערען דעם גאַנג פון דער נאַטור דאַרף מען זיך מיט דעם אַליין צופרידענשטעלען און מען דאַרף דערפאַר אַננעמען, אַז דאָס איז דער פּרינציפּ פון אַלץ — מחמת צו וואָס זאָל מען זיך אָנהענגען אַן דער איבעריגער הנחה, אַז איבער דעם איז דאָ אַ העכערער פּרינציפּ?

איז אָבער דער אמת, אַז בערגסאָנס טעאָריע איז ניט אומשטאַנד צו דערקלערען דעם גאַנג פון זאַכען אין דער נאַטור. זי הינקט אונטער שוין ביים דערקלערען דעם שייכות צווישען די אַלגעמיינסטע עלעמענטען אין דער נאַטור — דער לעבענס פלוס און דאָס מאַטעריעלע שטאָף.

וואָס איז דער שייכות צווישען די דאָזיגע צוויי עלעמענטען — שטעלען זיי פאַר יעדער איינער אַ באַזונדער פונדאַמענטאַלען פּרינציפּ אָדער שטאַמען זיי אָב איינער פון דעם אַנדערען?

די ערשטע פון די דאָזיגע צוויי הנחות דערמאַנט אונז אַפילו אַן דעם אַלטען אָבגעבליאַקעװעטען דואַליזם, וועלכער איז ניט מער מאָדערן. אָבער פונדעסטוועגען וואָלט זיך די דאָזיגע הנחה גיכער געפּאַסט פאַר בערגסאָנס

טעאָריע — פאַר וואָס? ווייל היות ווי די דאָזיגע צוויי עלעמענטען זיינען ביי בערגסאָנען אַזוי פאַרשיידען — דער איינער איז כסדר אַקטיוו און דער אַנדערער איז פּאַסיוו — שיקט זיך ניט אַז איינער זאָל אָבשטאַמען פון אַנדערען.* האָט אָבער בערגסאָן געהאַט פאַר זיך אַ שווערigkeit — וועלכעס אַ פונדאַמענטאַלער דואַליזם איז ניט בכח צו באַזייטיגען — וואָס איז עס פאַר אַ שווערigkeit?

דער פּרינציפּ פון אַקטיוויטעט מוז דאָך זיין דער קוואַל פון עקזיסטירענדער ענערגיע; און ווען מען זאָגט, אַז עס האָט אין זיך די אייגענשאַפט כסדר צו וואַקסען מוז דאָך עס מיינען, אַז ענערגיע האַלט אין איין וואַקסען, אַז די מאָס פון דעם ווערט כסדר פאַרגרעסערט — איז ווי אַזוי שטימט עס מיט דעם אָנגענומענעם כלל, אַז די מאָס פון ענערגיע בלייבט אַלע מאָל די זעלבע?

דעם איינציגען ענטפער וואָס בערגסאָן האָט געקענט געפינען אויף דער דאָזיגער קשיה איז, אַז ענערגיע ווערט פאַרוואַנדעלט אין עפּעס אַנדערש. און אַזוי ווי אויסער ענערגיע עקזיסטירט דאָך בלויז שטאָף, איז ביי אים געבליבען, אַז ענערגיע ווערט פאַרוואַנדעלט אין שטאָף, ד״ה שטאָף שטאַמט אָב פון ענערגיע. דער שייכות צווישען ענערגיע און שטאָף, איז אַלזא, ביי בערגסאָנען אין גאַנצען אַנדערש ווי ביי העראַקליטוסען — אַנשטאַט ענערגיע זאָל זיין אַן אייגענשאַפט פון שטאָף איז עס ביי בערגסאָנען דער פּרינציפּ פון וועלכען שטאָף שטאַמט אָב.

י.

דאָס מאַכט שוין בערגסאָנס טעאָריע ווייט פון פּשטות — אודאי איז אונז שווער צו פאַרשטעהן ווי אַזוי אוממאַטעריעלער כח פאַרוואַנדעלט זיך אין מאַטעריעלער שטאָף. אָבער דאָס וואָלט נאָך ניט אויסגעמאַכט. די הויפּט־

* פּראָפעסאָר פּערי האָט טאַקע אָנגענומען אַז בערגסאָנס טעאָריע איז בעצם אַ דואַליזם: „בערגסאָנס גאַנצע פילאָזאָפיע איז אַדורכגעדרונגען דורך אַ פונדאַמענטאַלען דואַליזם, וועלכער דערשיינט אין פיל פאָרמען, אַזוי ווי גייסט און שטאָף, לעבען און מעכאַניזם, צייט און שטח, פרייהייט און דעטערמיניזם...״ זעה History of Philosophy, by Alfred Weber, Philosophy Since 1860, by R. B. Perry. דער דואַליזם האָט אַפילו שוועריגקייטען מיט דער איינהייטליכער אָרדנונג וואָס מיר באַמערקען אין דער נאַטור — דער איינהייטליכער אָרדנונג וואָס מיר באַמערקען, למשל, אין בעלי חיים, ביי וועלכע ביז אין די מיטעלע יאָרען האַלט לעבען אין איין זיגען איבער דאָס שטאָף און פון דאַן אָן האַלט עס פאַרקערט אין איין באַזיגט ווערען, אין איין שוואַכער ווערען. אָבער די דאָזיגע שוועריגקייט לאָזט זיך פאַרענטפערען דורך אַ פּראָפּאָרציע פון כוחות, ווען דורך כסדר׳דיגען וואוקס טוט לעבען זיך אויסשפּרייטען איבער צופיל שטאָף, דאַן מוז עס אָנפאַנגען באַזיגט צו ווערען פון דער גרעסערער מאַסע שטאָף און עס מוז פון דאַן אָנפאַנגען כסדר צו פאַרלירען.

שווערינקייט נעמט זיך דאָ פון אַן אַנדער חילוק צווישען הערעקליטוסען און בערגסאָנען: ביי הערעקליטוסען איז ענערגיע בלויז אַ כח פון ענדערען זיך — אַן ענדערן זיך וואָס געהט אַן פון אויבען נאָך אונטען פונקט אַזוי גוט ווי פון אונטען נאָך אויבען; עס קען פירען צו רעגרעס אַזוי גוט ווי צו פּראָגרעס, צו איינשרומפּפונג אַזוי גוט ווי צו וואוקס — בעת ביי בערגסאָנען איז עס אַ כח וואָס מוז פירען צו וואוקס, מחמת עס גיט כסדר צו געשאַפענעם לעבען פון געגענוואָרט צו עקזיסטירענדען לעבען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער אויב אַזוי, פרעגט זיך די פראַגע: ווי קומט עס וואָס ענערגיע גיט גאָר מיט אַמאָל אַ פאַל אַרונטער און עס פאַרוואַנדעלט זיך אין טויטען שטאָף? ווי קומט עס וואָס דער נאַטירליכער כסדר'דיגער גאַנג אַרויף פון ענערגיע ווערט מיט אַמאָל איבערגעהאַקט און אַנשטאָט צו ווערען מער לעבען זאָל דאָס גאָר אין גאַנצען אָבשטאַרבען?

אַט די דאָזיגע פראַגע האָט געמוזט שטויסען בערגסאָנען נאָך מער אויף דעם וועג פון איינהייט. זוכט ער דאָס צו פאַרענטפערען דורך דער הנחה, אַז לעבען איז ניט פיל אַנדערש פון שטאָף — ביידע זיינען באַוועגונגען: „לעבען איז אַ באַוועגונג, שטאָף איז אַ פאַרקערטע באַוועגונג",* אָדער, „לעבען איז אַנגעצויגענקייט און שטאָף איז אויסגעצויגענהייט."

גוט. אָבער פאַר וואָס זאָל לעבען פּלוצלינג איבערגעהן פון דער נאַטירליכער באַוועגונג צו אַ פאַרקערטער באַוועגונג? דאָ האָט שוין בערגסאָן ווייזט אויס ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר אַנצוקומען צו דער הנחה פון ווידערשטאַנד — די נאַטירליכע באַוועגונג פון לעבען ווערט פאַרהאַלטען דורך עפּעס אַ ווידערשטאַנד. און היות ווי אויסער לעבען עקזיסטירט דאָך נאָר שטאָף מוז טאַקע שטאָף זיין דאָס וואָס פאַרהאַלט דעם נאַטירליכען גאַנג פון לעבען: „דער אימפּעט פון לעבען באַשטעהט אין אַ באַדערפעניש צו שאַפען. עס קען אָבער ניט שאַפען אַבסאָלוט צוליב דעם וואָס עס האָט געגען זיך שטאָף, ד"ה די באַוועגונג וואָס איז פאַרקערט פון דער איינענער."

אָבער דאָ מוז ווידער אַרויפקומען אַזאַ פראַגע: אויב שטאָף ווערט געשאַפען דורך דעם וואָס לעבען ווערט פאַרהאַלטען און אַראָבגעפירט פון נאַטירליכען דרך הישר, און אויב שטאָף איז ווידער דאָס וואָס פאַרהאַלט דעם נאַטירליכען גאַנג פון לעבען, האָט דאָך שטאָף קיין מאָל ניט באַדאַרפט אָנהויבען געשאַפען צו ווערען, מחמת איידער עס האָט אָנגעהויבען געשאַפען צו ווערען האָט דאָך דאָס נאָך ניט עקזיסטירט און עס האָט נאָך ממילא ניט געקענט פאַרהאַלטען דעם נאַטירליכען גאַנג פון לעבען — טאָ ווי אַזוי זאָל דערקלערט ווערען דער בראשית און די ווייטערע שאַפונג פון שטאָף?

---

* זעה Creative Evolution, 249 ז. דער טייטש פון דעם איז, אַז לעבען איז וואוקס און ענדערונג, וועלכעס קען זיך בלויז נאָכפאָלגען, בעת שטאָף האַלט זיך אין איין באַוועגען, נאָר עס עקזיסטירט גלייכצייטיג. די ווייטערדיגע ציטאַטען קומען אויך פון דאָרט פון דעם זעלבען קאַפּיטעל, וועלכער רעדט וועגען דער שאַפונג פון שטאָף.

בערגסאָנס טעאָריע איז אַלזאָ ווייט פון זיין בכח צו דערקלערען אַלץ. נאָר אַפילו ווען זי זאָל עס זיין בכח וואָלט זי אויך ניט געווען צופרידענ־שטעלענד פון דעם שטאַנדפּונקט פון פשטות, מחמת זי איז דער היפּוך פון דעם וואָס מיר זוכען הויפּטזעכליך אין פשטות — פּאַר וואָס?

דאָס וואָס מיר זוכען הויפּטזעכליך אין פשטות איז די הסכמה פון שכל. און היות ווי בערגסאָן אַליין גיט צו, אַז דער „עלאַן וויטאַל" לאָזט זיך ניט תופס זיין דורכן שכל קען ממילא דער שכל אויף דעם זיין הסכמה ניט געבען — ווייל ווי אַזוי קען דער שכל געבען זיין הסכמה אַז עפּעס איז אַזוי, בעת ער ווייס ניט ווי אַזוי?

אַזוי זעהט מען ווי דער פּרואוו צו געווינען פשטות דורך באַזייטיגען די אידייע פון אַן אומבאַוואוסטען פּרינציפּ האָט אונז אויפן טעאָרעטישען געביט צו קיין גוטס ניט דערפירט. אין קומענדיגען קאַפּיטעל וועלען מיר זעהן, אַז אויפן פּראַקטישען געביט האָט אונז דער זעלבער פּרואוו אויך גע־בראַכט פיל שאָדען — ער האָט גערדינט איבערצופירען אונזער מאָראַל.

זעכצענטער קאַפּיטעל

פּשטות אין מאָראַל — עטיקס פון די מאַטעריאַליסטען

די נייגונג צו פּשטות פירט צו באַזירען מאָראַל בלויז אויף פיזישען גענוס. — אַזאַ מאָראַל מוז כסדר אונטערגעשפּאַרט ווערען מיט אַלץ נייע הנחות. — עפּיקור זעהט איין, אַז צופיל נאָכגעבען די תאוות לוינט זיך ניט אַפילו פון שטאַנדפּונקט פון פיזישען גענוס. — אַז וויסענשאַפט איז אַ וויכטיגער עלעמענט אין מאָראַל. — אַז ליידען איז אַ גרעסערער פאַקטאָר ווי פאַרגעניגען. — אַז גייסטיגע ליידען פאַרנעמען אַ גרעסערען פּלאַץ ווי פיזישע ליידען. — אַז דער גרעסטער טייל פון גייסטיגע ליידען נעמט זיך פון פאַלשען פאָראורטייל. — אַז פריינדשאַפט און ניט באַגעהן פאַרברעכענס זיינען מיטלען פון באַזייטיגען גייסטיגע ליידען. — עפּיקורס מאָראַל איז ניט בכוח צו דעקען דעם פאַרנעם פון אונזער מאָראַלישען פיהלען. — עס איז אין איר ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אונזער געפיהל פון גערעכטיגקייט. — לויט האָבבעסען דאַרף אין איר ניט זיין קיין פּלאַץ אויך פאַר דער טוגענד פון פריינדשאַפט. — האָבעסעס לאָטעס. — רחמנות נעמט זיך פון דער פאָרשטעלונג, אַז מען קען אַליין אויך ליידען פון דער זעלבער צרה. — פריינדשאַפט נעמט זיך פון אַ לוינענדער פאַרבינדונג צווישען מענשען פאַר געגענזייטיגער הילף. — גערעכטיגקייט נעמט זיך פון אַזאַ סאָרט פאַרבינדונג צו בילדען אַ געזעלשאַפט־ליכע אָרדענונג און פון אַ פאַרפליכטונג צו פאָלגען די געזעצען פון די אָרדנונגס־היטער. — פון דער נאַטור האָט יעדערער אַ רעכט צו טאָן אַלץ וואָס ער קען פאַר זיין קיום און דאָס גיט דער מלוכה אַ רעכט צו פאַרניכטען אַלע וואָס זיינען ניט פאַרפליכטעט צו היטען אירע געזעצען. — דאָס גיט אַ הכשר אויף דער נאַצישער באַהאַנדלונג פון פרעמדע. — דער בירגער דאַרף קענען חרטה האָבען אויף זיין פאַרפליכטונג אויב עס לוינט זיך אים. — האָבעסעס דערקלערונג פון פריינד־שאַפט שטימט ניט מיט אונזערע געפיהלען פאַר פריינדשאַפט און ליבע. — זיין דערקלערונג פון רחמנות דעקט אויך ניט אַלע פאַלען פון רחמנות. — די טעאָריע אַז מאָראַלישע גוטס באַשטעהט אין גוט פיהלען, איז פונדאַמענטאַל פאַלש, ווייל ווען מען טוט אַ מאָראַלישען טהאַט צוליב פערזענליכען נוצען, ווערט עס אויס מאָראַליש. — די הנחה אַז מאָראַל נעמט זיך פון אַן אינסטינקטיווען געזעל־שאַפטליכען חוש שטימט ניט מיט דער מעטאַפיזישער אויפפאַסונג פון די מאַטעריאַליסטען.

פשטות אין מאָראַל — עטיקס פון די מאַטעריאַליסטען

א.

פשטות אין לאָגיק האָט איין מיינונג — אַ דערקענטעניש איבער וועלכער מען דאַרף ניט פיל טראַכטען איז פשוט.* די פשוטסטע דערקענטעניש זיינען דערפאַר די וועלכע מיר באַקומען דירעקט דורך אונזערע עמפּינדונגען פון זעהן, טאַפּען, פיהלען קערפּערליכע הנאות און וועהטאָגען אד"ג.

פאַרשטעהט זיך, אַז ניט טראַכטען קומט אונז אָן לייכטער ווי טראַכטען און דערפאַר האָבען מיר אַ ספּעציעלע נייגונג פאַר פשטות, עס ווילט זיך גלויבען, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט מוז זיין עפּעס וואָס איז פאַר אונז פשוט; דערפאַר זיינען מיר גיכער גענייגט אָנצונעמען, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט מוז זיין עפּעס וואָס מען קען זעהן אָדער טאַפּען און דערפאַר זיינען מיר אויך גיכער גענייגט אָנצונעמען, אַז אַלץ וואָס איז גוט און שלעכט האָט צו טאָן מיט קערפּערליכע הנאות און וועהטאָגען.

זעהען מיר טאַקע דערפאַר ווי האַנד אין האַנד מיטן מאַטעריאַליזם געהט געוועהנליך אויך אַ נידעריגערע טעאָריע פון מאָראַל, אַ טעאָריע וועלכע באַזירט מאָראַל אויף געפיהלען מיט וועלכע מיר אונטערשיידען זיך ניט פון די נידעריגערע בעלי־חיים. אָבער ווי ווייט די דאָזיגע פשוטע מאָראַל איז הינקעדיג קען מען זעהן פון דעם אַליין, וואָס די מאַטעריאַליסטען גופא מוזען איר האַלטען אין איין אונטערשפּאַרען מיט אַלץ נייע הנחות — הנחות דורך וועלכע זיי טוען כסדר צוריקטרעטען פון זייער פריהערדיגער פּאָזיציע.

אַזוי האָט עפּיקור שוין געמוזט פאַרוואַרפען דעם נאַאיוּוען העדאָניזם פון די קורענייאיקער.** ער האָט געמוזט איינזעהן, אַז פרעסען און זויפען און נאָכגעבען זיך תאוות אָהן אַ שיעור לוינט זיך ניט אַפילו פון שטאַנדפּונקט פון פיזישען גענוס, מחמת עס ברענגט מער ליידען ווי פאַרגעניגען. אַלץ מוז אַלזאָ געטאָן ווערען אין דער ריכטיגער מאָס און מען מוז דערפאַר וויסען די ריכטיגע מאָס פון אַלץ. און דאָס פירט ווידער צו דער מסקנא, אַז וויסען איז אַן עלעמענט, וועלכער דאַרף באַגלייטען אַלע מעשים

---

* ניט אויף דעם לאָגישען געביט האָט פשטות אויך אַן אַנדער מיינונג; ווען מיר זאָגען פשוטע מענשען אָדער פשוטע סחורה מיינען מיר, אַז די מענשען אָדער די סחורה זיינען פון אַ נידעריגערער קוואַליטעט. עס שיינט אָבער, אַז די דאָזיגע מיינונג איז ניט מער ווי אַן אָפּשטאַמענדע. איבערהויפּט זעהט מען עס ביי מענשען, מחמת אַ פשוטער מענש מיינט דאָך אַ דורכשניטליכער, איינער וועמענס מהות לאָזט זיך לייכט דערקענען און דערפאַר איז פון דעם אויסגעשלאָסען ניט נאָר דער גאון, נאָר אויך דער משוגענער. פון מענשען איז דער נוצען פון דעם דאָזיגען באַגריף מסתמא איבערגעטראָגען געוואָרען אויף אַנדערע געגענשטאַנדען.

** העדאָניזם איז די טעאָריע וועלכע באַזירט מאָראַל בלויז אויף פיזישען גענוס.

אונזערע, ד"ה אַז וויסען אָדער פאַרשטען איז עפּעס וואָס מען דאַרף מער פון אַלץ, איז דער וויכטיגסטער מאָראַלישער פאַקטאָר.

וויסען באַקומט מען דורך באַקענען זיך מיט פאַקטען פון אייגענער און פרעמדער דערפאַרונג. און די דערפאַרונג לערענט אונז, אַז אַן אָרעמאַן עסט מיט מער אַפּעטיט און האָט ממילא מער הנאה פון זיין אָרעמער סעודה ווי דער גביר פון זיין רייכער סעודה. לוקסוס פאַרשאַפט ניט אַלזאָ קיין פאַרגעניגען פאַר דעם, וואָס איז געוואוינט צו דעם. פון דער צווייטער זייט, איז אָבער אַזאַ געוואוינשאַפט עלול צו פאַרשאַפעןליידען, ווייל ווען מען ווערט געוואוינט צו עפּעס אַ לוקסוס קען מען זיך שוין אָהן דעם ניט באַגעהן און ווען עס פעהלט אַמאָל פאַרשאַפט עס ליידען.

אויך לערנען מיר פון דערפאַרונג, אַז בנוגע פיהלען גוט אָדער שלעכט איז ליידען אַ גרעסערער פאַקטאָר ווי פאַרגעניגען: ווען אַ מענש ליידט ווערהטאָגען קען אים קיין פאַרגעניגען ניט צופרידענשטעלען. פאַרקערט, ווידער, ווען אַ מענש איז געזונד און ער האָט אויך ניט קיין דאגות אויפן קאָפּ (גייסטיגע ליידען) דאַן איז ער ממילא צופרידען און פרעהליך.*

אויך דערוויסען מיר זיך, אַז די גייסטיגע ליידען פאַרנעמען אַ גרעסערען פלאַץ ווי די פיזישע ליידען, מחמת גייסטיג ליידען מיר אַ צייט פריהער איידער די אמתע ליידען קומען. אַזוי, למשל, ווען מיר דאַרפען דורכמאַכען אַן אָפּעראַציע ליידען מיר שוין גייסטיג מיט וואָכען און וואָכען פריהער, דערוואַרטענדיג די אָפּעראַציע, בעת פיזיש ליידען מיר נאָר בשעת דער אָפּעראַציע; גייסטיג שטעלען מיר זיך פאַר אין יעדען מאָמענט די גאַנצע ליידען פון דער אָפּעראַציע, בעת פיזיש האָבען מיר אין יעדען מאָמענט פון דער אָפּעראַציע נאָר איין מאָמענט פון ליידען, מחמת די ליידען פון דער פאַרגאַנגענהייט זיינען דאָך שוין פאַרבייגעגאַנגען און די ליידען פון דער צוקונפט זיינען נאָך ניטאָ", העבר עבר והעתיד עדיין."

דער זעלבער משל ווייזט אונז אויך גאַנץ קלאָר, אַז דער גרעסטער טייל פון אונזערע גייסטיגע ליידען נעמט זיך פון אַ פאַלשען פאָראורטייל, מיר שטעלען זיך פאַר ליידען, וואָס אין אמתען וועלען מיר איבערטראָגען בלויז אַ גאַנץ קליינעם טייל פון דעם. דאָס איז נאָך ניט אַלץ. פיל מאָל פאַרשאַפט אונז עגמת נפש די מורא פאַר ליידען וואָס וועלען איבערהויפּט ניט קומען. אַזאַ עגמת נפש פאַרשאַפט אונז די מורא פאַרן טויט, וועלכעס קען אונז באמת גאָר קיין ליידען ניט ברענגען, ווייל ווען מיר זיינען אומשטאַנד

---

* זעה די מאַקסימס פון עפּיקור, איבערזעצט דורך היקס, פון דיאגנעס ליירטוס, אין "Source Book in Ancient Philosophy," by Ch. M. Bakewell: „די גרויסקייט פון פאַרגעניגענס דערגרייכט דעם גרענעץ ווען וועהטאָג ווערט באַזייטיגט." דאָ וואָלט מען אָבער באַדאַרפט דערמאָנען עפּיקורען, אַז גראַד ווען אַ מענשען פעלט גאָר ניט ליידט ער פון לאַנגווייליגקייט.

צו לײדען איז נאָך דער טויט ניטאָ און װען דער טויט איז דאָ זײנען מיר שוין ניט אומשטאַנד צו לײדען.

װען מיר זאָלן אַלזאָ לויז װערען פון אונזערע פאַלשע פאַראורטײלען, מיר זאָלן האָבען אמתען װיסען, װאָלטען מיר פּטור געװאָרען פון דעם גרעסטען טײל־לײדען אונזערע. אַזאַ אמתען װיסען איז אָבער שװער בשעת מעשׂה אַלײן אַרױפצוברענגען אויפן געדאַנק, װײל װען דער געדאַנק איז פאַרנומען מיט דער פאַרשטעלונג פון לײדען איז ער ניט בכח צו דענקען עפּעס אַנדערש. עס איז דערפאַר גוט פאַר אַ מענשען צו האָבען פרײנד פאַר װעמען ער זאָל קענען פאַרטרויען זײנע לײדען און װעלכע זאָלן אים טרײסטען, זאָלן אים העלפן אָבצושאַצען דעם אמתען פאַרנעם פון זײנע דערװאַרטעטע לײדען.

אַן אַנדער מיטעל װי אַזוי זיך אויסצוהיטען פון איבעריגע גײסטיגע לײדען איז ניט צו באַגעהן קײן פאַרברעכענס, מחמת פאַרברעכענס מוזען אָנפילען דעם געדאַנק מיט זאָרג און מורא: אײנער װאָס באַגעהט אַן אָפּעניעם פאַרברעכען מוז האָבען אויף זײן געדאַנק די לײדען פון דער שטראָף װאָס ער װעט דערפאַר באַקומען; אײנער װאָס באַגעהט אַ באַהאַלטענעם פאַרברעכען מוז האָבען אויף זײן געדאַנק די לײדען פון דער מורא טאָמער װעט מען עס אויסגעפינען.

די הויפּט פאָדערונגען פון עפּיקורס מאָראַל זײנען אַלזאָ: אויסצומײדען דער געװױנשאַפט צו לוקסוס, אויסצומײדען פאַרברעכען, אויסצואָװאַרצלען פאַלשע פאַראורטײלען, נעמען זיך די מיה צו לערנען כדי זיך אײנצושאַפען װאָס מער װיסען, און ועל כולם זיך אײנצושאַפען פרײנד.*

די דאָזיגע פאָדערונגען זײנען אַפילו גאַנץ װײט פון דעם װאָס די קורענײאיקער האָבען געהאַלטען אַז אַ מענש דאַרף טאָן. אָבער בעיקר זײנען בײדע מאָראַלישע טעאָריעס די זעלבע, װײל אויך עפּיקור האַלט, אַז אַלץ װאָס אַ מענש דאַרף טאָן איז זיך צו פאַרשאַפען װאָס מער פאַרגעניגען און װאָס װעניגער לײדען. ניט מער, פירענדיג אַ בעסערער בוכהאַלטעריע הײסט ער אָמאָל פאַרבויגען אַ פאַרגעניגען, װען עס קען אונז באַרויבען פון מער פאַרגעניגען אָדער עס קען אונז ברענגען מער לײדען װי פאַרגעניגען, פונקט װי ער הײסט אונז נעמען לײדען װען זײ זײנען עלול אונז צו פאַרשפּאַרען גרעסערע לײדען אָדער זײ װעלען אונז מיטברענגען מער פאַרגעניגען װי לײדען.

---

* דאָס איז אויך עפּיקורס אַ מאַקסים, װעלכען מיר געפינען אויף דעם זעלבען פּלאַץ: „די דערװערבונג פון פרײנד איז דער װיכטיגסטער מיטעל דורך װעלכען מען קען זיך דורך חכמה פאַרזיכערען גליק איבער דעם גאַנצען לעבען.״

ב.

איז איבעריג צו זאָגען אַז עפּיקורס מאָראַלישע לערע שטעהט גאָר ניט דער ערך העכער פון אַריסטיפּס. און דערפאַר האָט זי טאַקע אויך געהאַט פיל מער הצלחה; פאַר איבער זעקס הונדערט יאָר האָט זי געגאָלטען אַלס שולחן־ערוך פאַר גאַנץ היבשע גרופּען פון מאַטעריאַליסטען (כאָטש גע־פּרואווט מקיים זיין האָט מען נאָר אַ טייל פון דעם, לערנען האָט מען זיך געפּוילט). אָבער צום סוף האָט מען זיך געמוזט אַרומזעהן, אַז אויך די דאָזיגע מאָראַל האָט גרויסע לעכער און מען האָט געמוזט לעגען נייע לאַטעס — וואָס זיינען די לעכער?

ערשטענס איז די דאָזיגע מאָראַל ניט בכח צו דעקען דעם פאַרנעם פון אונזער מאָראַלישען פיהלען: אָט פיהלען מיר, אַז מען דאַרף העלפען אַן עלענדען מענשען אפילו ווען ער האָלט שוין ביים שטאַרבען און עס איז ניטאָ וואָס צו האָפען, אַז מיר זאָלען פון דער דאָזיגער הילף עפּעס געווינען פאַר זיך; פּונקט ווי מיר פיהלען אַז מען דאַרף אַזאַ מענשען ניט אַנטאָן קיין צער כאָטש מיר אַליין קענען פון דעם גאָר ניט פאַרלירען — איז פונ־וואַנעט נעמט זיך אַזאַ דאַרפען? וואו איז דאָ אין עפּיקורס עגאָאיסטישער מאָראַל אַ פּלאַץ פאַר רחמנות?

צווייטענס דאַרף אין דער דאָזיגער מאָראַל ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר אונזער געפיהל פון גערעכטיגקייט: אויב אַלץ וואָס אַ מענש דאַרף טאָן איז בלויז דאָס וואָס לוינט זיך אים פון סענסועלען שטאַנדפּונקט (דירעקט אָדער אומדירעקט) איז ניטאָ קיין גרונד פאַר וואָס אַ שטאַרקערער זאָל ניט אַוועק־רויבען פון אַ שוואַכערען אַן אָביעקט אין וועלכען ער נויטיגט זיך. אמת, דער שטאַרקערער קען אַליין אויך ליידען פון אומגערעכטיגקייט, מחמת מען קען אויך אים באַ'גזל'ענען. אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אַז דערפאַר לוינט זיך אים ניט צו טאָן אומרעכט, ווייל ער קען דאָך פּונקט אַזוי גוט ליידען פון אומרעכט אַפילו ער זאָל עס אַליין ניט באַגעהן.

זועט מען פילייכט זאָגען, אַז דאָס האָט עפּיקור פאַרוואָרענט מיט דעם, וואָס ער האָט באַוויזען, אַז עס לוינט זיך ניט באַגעהן קיין פאַר־ברעכען מחמת די ליידען פון דער מורא פאַר שטראָף. אָבער אויב אַפילו עפּיקור זאָל דאָ זיין פאָלשטענדיג גערעכט קען עס אויך ניט פאַרענטפערען אונזערע געפיהלען פון גערעכטיגקייט, ווייל אויף אַזאַ אופן איז די פאַר־העלטעניש צווישען אומרעכט און שטראָף פּונקט פאַרקערט ווי מיר פיהלען עס: מיר פיהלען אַז די שטראָף קומט ווייל עס איז געטאָן געוואָרען אַן אומרעכט, בעת לויט עפּיקורען איז געטאָן געוואָרען אַן אומרעכט ווייל די שטראָף קומט.

און עס איז איבעריג צו זאָגען אַז צווישען די צוויי איז דאָ אַ גרויסער חילוק, מחמת מען קען דאָך אַמאָל אָבטאָן די גרעסטע רשעות אָהן מורא פאַר

אַ שטראָף. געגגיס כאָן האָט אודאי ניט דערוואַרטעט צו ווערען באַשטראָפט פאַר זיינע גרויזאַמקייטען. אויך די גרעסטע רשעים אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, די נאַציס, זיינען ביי זיך געווען זיכער, אַז זיי וועלען באַהערשען די גאַנצע וועלט און זיי וועלען דערפאַר קיין מאָל ניט דאַרפען אָבגעבען אַ דין וחשבון פאַר זייערע מעשים תעתועים. עפּיקורס מאָראַל האָט זיי אַלזאָ באַדאַרפט געבען אַ הכשר אויף אַלע זייערע שרעקליכע פאַר־ברעכענס.

נאָך מער, האָבענדיג אַ הכשר אויף די דאָזיגע פאַרברעכענס דאַרף מען זיי שוין דערפאַר אויך ניט קענען באַשטראָפען — ווייל ווי אַזוי קען מען איינעם באַשטראָפען פאַר אַ זאַך וואָס ער האָט געמעגט טאָן? מען טאָר אויך ניט פאַרגעסען, אַז לויט עפּיקורען איז דער איינציגער גרונד פאַר שטראָף דאָס, וואָס עס איז עלול צו פאַרהיטען דער איבער׳חזר׳ונג פון פאַר־ברעכענס: „נאַטירליכע גערעכטיגקייט איז אַ סימבאָל אָדער אַן אויסדרוק פון דאָס וואָס טויג זיך אויס צו פאַרמיידען איין מענש פון שעדיגען אָדער ווערען געשעדיגט דורך אַן אַנדערען.״* און אויב אַזוי איז ניטאָ קיין גרונד פאַר דער שטראָף פון דעם סאָרט פאַרברעכענס פאַר וועלכע מען גלויבט געוועהנליך ניט, אַז מען וועט באַשטראָפט ווערען, ווייל אַנגעמענדיג די שטראָף פאַר אַן אויסערגעוועהנליכען צופאַל וועט דאָך עס ניט פאַרמיידען דער איבער׳חזר׳ונג פון פאַרברעכען.

נאָר איבעריגענס איז אין דעם מודה איינער פון די שטאַרקסטע אָנ־הענגער פון עפּיקורס מאָראַל. דער ענגלישער עפּיקורעער, טהאָמאַס האָבבעס, זאָגט בפירוש, אַז לויט דעם נאַטירליכען עגאָאיסטישען כאַראַקטער פון מענשען „קען קיין זאַך ניט זיין אומגערעכט.״** האָבבעס געהט נאָך ווייטער. ער האַלט, אַז אין אַנקלאַנג מיט דעם דאָזיגען מענשליכען כאַראַקטער דאַרף אַפילו חבר׳שאַפט זיין גיכער אַ חסרון ווי אַ מעלה, מחמת אין אַ קאָמפּאַניע קענען גיכער פאַרקומען צוזאַמענשטויסען דורך געגענזייטיגע באַליידיגונגען און תרעומות: „מענשען האָבען ניט קיין פאַרגעניגען, נאָר, אין געגענטייל, גרויס עגמת נפש, פון זיין אין קאָמפּאַניע.״

דאָס מיינט, אַז לויט האָבבעסען דאַרף אין עפּיקורס עגאָאיסטישער מאָראַל ניט זיין קיין פּלאַץ אויך פאַר דער טוגענד פון פריינדשאַפט, וועלכעס האָט געהאַט צוגעגעבען אַ היבש ביסעל עטישען קאָליר צו דער דאָזיגער מאָראַל און וועלכער עפּיקור צורייסט זיך דערפאַר לויבענדיג.

---

* עפּיקורס אַ מאַקסים, דאָרט, אויף דעם זעלבען פּלאַץ.

** דער דאָזיגער ציטאַט און דער פאָלגענדער קומען פון דרייצענטען קאַפּיטעל אין האָבבעסעס "Leviathan".

ג.

פאַרשטעהט זיך, אַז האבבעס דער עפּיקורעער האָט ניט געזוכט גלאָט אַזוי צו וואַרפען שטיינער אין עפּיקורס מאַראַל. דאָס האָט ער אודאי געטאָן מיט דער דעה דאָרט עפּעס צו פאַרריכטען, צו לעגען לאָטעס אויף די געפּו־נענע לעכער — איז וואָס זיינען די לאָטעס?

קודם בנוגע דער פראַגע פון רחמנות. דאָ גיט זיך האבבעס לייכט אַן עצה, דערקלערענדיג רחמנות אַלס אַ מענשענס מורא, אַז יענעמס צרה זאָל אויף אים ניט באַפאַלען: „רחמנות איז עגמת נפש פון אַן אַנדערענס אַ צרה; און עס ענטשטעהט פון דער פאַרשטעלונג אַז מען קען אַליין אויך ליידען פון דער זעלבער צרה.״ * דאָס מיינט, אַז רחמנות שטימט מיט עגאָאיזם — מיר האָבען אַלע מורא פאַר די זעלבע צרות און דורך דער שותפישער מורא ווערען מיר ממילא אַלע שותפים אין באַקעמפען די דאָזיגע צרות.

בנוגע די פראַגען וועגען גערעכטיגקייט און פריינדשאַפט, איז שוין האבעסעס ענטפער ניט אַזוי קורץ און פשוט. דאָ מוזען מיר זיך שוין באַ־קענען מיט זיין טעאָריע וועגען געגענזייטיגע אָבמאַכען און אבסאָלוטער מלוכה רעכט — אַ טעאָריע וועלכער ער לעגט אויס מיט גרויס אריכות. אויף אַזוי וויט ווי עס איז אונז דאָ נוגע קען די דאָזיגע טעאָריע בקיצור אַזוי דערקלערט ווערען:

די נאַטור פאָדערט פון יעדען מענשען צו טאָן נאָר דאָס וואָס פאַרהיט און שטאַרקט זיין קיום, און זי באַוועגט אים דערפאַר צו באַנוצען די מיטלען וואָס פירען צו דעם. די דאָזיגע מיטלען געפינט אויס דער מענש אויף צוויי וועגען: דירעקט, דורך זיינע סענסועלע געפיהלען; אומדירעקט, דורך פאַר־אויסזעהן מיטן שכל. דער שכל זאָגט אים (לערנענדיג פאַרשטעהט זיך דורך דערפאַרונג) אַז מער פון אַלץ קען זיין קיום ליידען דורך דער האַנד פון אַן אַנדער מענשען, וועלכער זוכט אים צו באַנוצען פאַר דעם צוועק פון זיין אייגענעם קיום. איז ווי אַזוי זאָל ער זיך אַן עצה געבען מיט דעם דאָזיגען שונא?

די עצה קען זיין אויף צוויי וועגען: אויף דעם וועג פון מלחמה און אויף דעם וועג פון שלום; מען קען דעם שונא באַזיגען און פאַרניכטען, אָדער מען קען שליסען מיט אים אַן אָבמאַך זיך געגענזייטיג ניט צו שע־דיגען. איז די ברירה פון מלחמה און באַזיגען דעם שונא אויסגעשלאָסען, ווייל אויף אַזאַ אופן וואָלט דאַך יעדער איינער באַדאַרפט פירען מלחמה מיט אַלע מענשען און אַלעמען באַזיגען — אַ זאַך וואָס איז אודאי אוממעגליך. בלייבט אַלזאָ ניט מער ווי די ברירה פון שלום.

---

* דער דאָזיגער ציטאַט קומט פון פערטען קאַפּיטעל אין דעם זעלבען בוך.

אַזוי קומט אויס, אַז שלום איז אַ וויכטיגער מיטעל צו פאַרהיטען דעם אייגענעם קיום און די נאַטור מוז פאָדערען פון מענשען צו באַנוצען דעם דאָזיגען מיטעל, פונקט ווי זי פאָדערט פון אים צו באַנוצען די אַנדערע מיטלען פאַר דעם דאָזיגען צוועק. דאָ האָבען מיר שוין ממילא דעם גרונד פאַר וואָס די נאַטור פאָדערט אַז מען זאָל שליסען פריינדשאַפט, מחמת פריינדשאַפט איז דאָך אויך אַ מין שלום, נאָר מיט אַ פּאָזיטיווען אונטער־שלאַג — שלום איז אַן אָבמאַך אין וועלכען מען פאַרפליכטעט זיך בלויז ניט צו שעדיגען איינע די אַנדערע, בעת פריינדשאַפט איז אַן אָבמאַך אין וועלכען מען פאַרפליכטעט זיך אויך צו העלפען איינע די אַנדערע.

אַ פאַרפליכטונג קען אָבער האָבען אַ ווערט נאָר ווען דער צד וואָס פאַרפליכטעט זיך זאָל מוזען נאָכקומען זיין פאַרפליכטונג, ער זאָל עס אָהן דער צושטימונג פון די אַנדערע צדדים ניט קענען אָבוואַרפען. כדי אַן אָבמאַך זאָל גילטען מוז שוין דערפאַר זיין אַ מאַכט, וואָס זאָל צווינגען יעדען איינעם פון די צדדים צו האַלטען זיין פאַרפליכטונג, און איינע פון די נויטיגע מיטלען פאַר אונזער קיום איז ממילא צו שאַפען אַזאַ מאַכט. אַזאַ מאַכט ווערט געשאַפען ווען מערערע מענשען לעגען זייערע כחות צוזאַמען און בילדען אַ שותפישען כח. אַט דער דאָזיגער כח איז די מלוכה, וועלכע ווערט פאַרטראַטען דורך אַ קעניג אָדער אַ פאַרלאַמענט. און די מלוכה גיט אונז שוין ווידער דעם גרונד פון רעכט און אומרעכט — ווי אַזוי?

יעדער איינער האָט אַ כח זיך צו באַשטימען צו טאָן דאָס וואָס ער דענקט אַלס גוט פאַר זיין קיום. ווען ער גיט איבער דעם דאָזיגען כח דער מלוכה שטימט ער ממילא איין, אַז די מלוכה זאָל האָבען דעם כח אים צו באַשטימען צו טאָן דאָס וואָס זי נעמט אָן אַלס גוט פאַר זיין קיום, און מיט דעם פאַרפליכטעט ער זיך דאָך ממילא צו טאָן אָדער ניט צו טאָן וואָס די מלוכה וועט אים הייסען. אַזוי קומט אויס, אַז ווען אַ בירגער איז עובר אויף די געזעצען פון דער מלוכה איז ער ניט מקיים .זיין פליכט און ער טוט אַן אומרעכט.

דאָס גיט נאָך אַפילו ניט דער מלוכה אַ רעכט צו באַשטראָפען פאַר עובר זיין אויף אירע געזעצען, ווייל דעם כח זיך צו באַשטראָפען (צו טאָן עפּעס געגען דעם אייגענעם קיום) האָט קיינער אַליין ניט און אַזאַ כח האָט דער בירגער ממילא ניט געקענט איבערגעבען אין די הענד פון דער מלוכה. אָבער די דאָזיגע רעכט דאַרף די מלוכה ניט איבערנעמען פון די בירגער, ווייל זי האָט עס ממילא, אַלס נאַטירליכע רעכט — ווי אַזוי?

פון דער נאַטור האָט יעדער איינער אַ רעכט צו טאָן אַלץ וואָס איז נויטיג פאַר זיין קיום, אַפילו צו טויטען יענעם אויב דאָס איז גוט פאַר זיין אייגענעם קיום. ניט מער וואָס, איבערגעבענדיג זיין כח צו דער מלוכה זאָגט זיך ממילא אַ בירגער אָב פון דער דאָזיגער נאַטירליכער רעכט, אויף אַזוי

ווייט ווי די מלוכה פאָדערט עס פון אים. די מלוכה אַליין זאָגט זיך אָבער ניט אָב פון דער דאָזיגער רעכט און זי געברויכט עס צו צווינגען די בירגער אָבצוהיטען אירע געזעצען.

די זעלבע נאַטירליכע רעכט האָט די מלוכה ווען זי באַשטראָפט פרעמדע אָדער רעוואָלוציאָנערען, וועלכע שטימען ניט איין איבערצוגעבען זייערע רעכט אין די הענד פון דער מלוכה. קעגען די דאָזיגע מענשען האָט זי ניט קיינע התחייבותען און זי מעג זיך דערפאַר מיט זיי באַגעהן אַזוי ווי דער פרימיטיוו פלעגט זיך באַגעהן מיט זיין שונא, ווען ער האָט אים באַזיגט. דאַגעגען, קעגען דעם בירגער איז אויך די מלוכה באַגרענעצט אין אירע האַנדלונגען. זי טאָר, למשל, ניט באַשטראָפען אַן אומשולדיגען, ווייל באַקומענדיג די מאַכט האָט זי אויף זיך גענומען צו באַנוצען עס פאַר דעם גוטס פון דער מלוכה און אין באַשטראָפען אַן אומשולדיגען איז ניטאָ קיין גוטס פאַר דער מלוכה.*

ד.

וועט מען אודאי באַמערקען, אַז דער דאָזיגער לעצטער פונקט גיט אַ הכשר אויף דער נאַצישער באַהאַנדלונג פון פרעמדע, און דאָס אַליין ווייזט שוין ווי ווייט האָבבעסעס טעאָריע שטימט ניט מיט אונזערע געפיהלען פאַר גערעכטיגקייט. אָבער ניט פיל בעסער איז אויך זיין יסוד פון גערעכטיגקייט אין באַשטראָפען אַ בירגער; אונזערע געפיהלען אין באַצוג צו אַ גערעכטער שטראָף פאָדערען אַז עס זאָל זיין באַגרינדעט אויף עפּעס אַנדערש ווי אויף דער מעגליכקייט צו טאָן יענעם שלעכטס. כדי דאָס צו באַווייזען וועט זיין גענוג פאָלגענדע באַמערקונג:

אויב די גערעכטיגקייט פון שטראָף זאָל זיין באַזירט בלויז אויף דער מעגליכקייט צו טאָן יענעם שלעכטס דאַרף עס ניט פאַרפליכטען דעם באַשטראָפטען אַנצונעמען אַפילו אַ פאַרדינטער שטראָף. אין געגענטייל, ער דאַרף זיין פאַרפליכטעט פון דער נאַטור זיך צו פאַרטיידיגען, זיך געגענצושטעלען דער באַשטראָפונג מיט אַלע מעגליכע מיטלען. דאָס מיינט, אַז אויב אַ צום־טויט־פאַראורטיילטער זאָל דענקען, אַז דורך טויטען אומשולדיגע מענשען קען ער האָבען אַ שוואַכע מעגליכקייט זיך אַליין צו ראַטעווען פון טויט דאַרף ער זיין באַרעכטיגט און אַפילו מאָראַליש פאַרפליכטעט דאָס צו טאָן (ווייל לויט האָבבעסען איז דאָך אַ מענש פאַרפליכטעט צו טאָן נאָר דאָס וואָס איז גוט פאַר אים אַליין) — טאָ פאַר וואָס נעמען מיר עס ניט אויף אַזוי? פאַר וואָס פיהלען מיר פונקט פאַרקערט, אַז מיט אַזאַ טהאַט באַגעהט דער פאַראורטיילטער אַ נייעם פאַרברעכען געגען מאָראַל?

---

* זעה די קאַפּיטלען 27 און 28 אין לויתן, וועלכע רעדען וועגען רעכט און שטראָף.

וועט מען פיליכט זאָגען, אַז דאָס האָט האָבבעס פאַרוואָרענט מיט זיין הנחה פון מלוכה־קאָנטראַקט, וועלכער פאַרפליכטעט יעדען בירגער אָבצוהיטען די געזעצען פון דער מלוכה און ממילא ניט צו טויטען אומ־שולדיגע מענשען. אָבער דער דאָזיגער ענטפער קען דאָ ניט גילטען, ווייל די גאַנצע מעשה פון מלוכה־קאָנטראַקט, פונקט ווי די גאַנצע מעשה פון דאַרפען נאָכקומען פאַרפליכטונגען, זאָל זיך דאָך נעמען נאָר פון דעם וואָס עס איז גוט פאַרן קיום פון בירגער און עס ווערט דערפאַר פון אים געפאָ־דערט דורך דער נאַטור; ווען אָבער עס לאָזט זיך אויס שלעכט פאַר זיין קיום דאַרף די נאַטור פון אים פאָדערען זיך ניט צו רעכענען מיט דעם אַלעמען, פונקט ווי אין אורשפּרונג פאָדערט זי פון אים צו טאָן אַלע מעגליכע זינד וועלכע ברענגען נוצען זיין קיום.

און עס דאַרף גלייך באַמערקט ווערען, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען אַן איינצעלהייט, נאָר וועגען אַ עיקר גדול — האָבבעסעס גערעכטיגקייט איז בעצם אַנדערש ווי מיר נעמען עס אויף: מיר נעמען אויף גערעכטיגקייט אַלס אַבסאָלוט; דאָס וואָס איז גערעכט פאַר מיר דאַרף זיין גערעכט פאַר אַלעמען און דאָס וואָס איז דער היפּוך פון דעם דאַרף ממילא פאַר אַלעמען זיין אומגערעכט.* ביי האָבבעסען, דאַגעגען, איז גערעכטיגקייט רעלאַטיוו — די מלוכה טוט גערעכטיגקייט ווען זי באַשטראָפט מיר און איך טו אויך גערעכטיגקייט ווען איך ווענד אָן אַלע מעגליכע מיטלען צו שטערען דער באַשטראָפונג.

וואָס ווייזט דאָס אַלץ? דאָס ווייזט אַז האָבבעסעס מאָראַל איז נישט בכח צו דעקען אונזערע געפיהלען פאַר גערעכטיגקייט און אַז דערפאַר מוזען די דאָזיגע געפיהלען פליסען פון עפּעס אַן אַנדער קוואַל. פונקט אַזוי איז זיין טעאָריע ניט בכח צו דעקען אונזערע פאָדערונגען בנוגע פריינד־שאַפט — פאָדערונגען וואָס שטייגען ווייט אַריבער דאָס וואָס עס קען אונז

---

* עס זיינען דאָ פאַרשיידענע טעאָריעס בנוגע דעם פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט. עס זיינען אויך דאָ חילוקי דעות ווי אַזוי אויסצוטייטשען דעם דאָזיגען פּרינציפּ, אָט, ווי, למשל, ווען מען נעמט אָן אַז דער פּרינציפּ פון גערעכטיקייט איז גלייכהייט פאַר אַלע־מען קען מען פונדעסטוועגען זיין מחולק ווי אַזוי די דאָזיגע גלייכהייט דאַרף זיך אויס־דריקען — צי אין גלייכע געזעצען פאַר אַלעמען, צי אין געבען יעדען איינעם אַ גלייכען חלק אין דער וועלטס פּראָדוקציע, אָדער נאָר אין פּראָפּאָרציע פון דעם וואָס ער האָט דאָרט אַריינגעלעגט. פונקט אַזוי קענען אויך זיין קלענערע חילוקי דעות בנוגע אויסטייטשונג, אָט ווי עס פלעגען פאָרקומען אַמאָל אין אונזער סנהדרין, אָדער היינט דאָ אין סופרים־קאָרט. פאַר די אָבער וואָס נעמען אָן דעם זעלבען פּרינציפּ און דער זעלבער אויסטייטשונג דאַרף די זעלבע זאַך זיין גערעכט אָדער אומגערעכט, ד״ה אַז אַפילו דער צד וואָס איז אומגערעכט וואָלט עס באַדאַרפט אָנערקענען אויב ער זאָל נאָר געהן מיטן אמת און זאָל זיין בכוח צו זעהן דעם אמת. פונדאַנען נעמט זיך דער מאמר אין דער גמרא (בבא בתרא נח): „יעדער ריכטער וואָס ווערט גערופען צום דין און מען נעמט פון אים אַרויס געלט מיטן דין איז נישט קיין ריכטער.״

געבען אַ געשעפטס־מעסיגער פריידענס אָבמאַך צווישען נאַטירליכע שונאים.

נעמט ליבע, וועלכעס איז בלויז אַ העכערער גראַד פריינדשאַפט. איז קיין ספק ניט אַז אַ געליבטע וועט זיך ניט צופרידענשטעלען מיט דעם, וואָס דער ליבהאָבער וועט אַרויסווייזן צו איר אַ געשעפטסמעסיגען אינ־טערעס — עס לוינט זיך אים צו זיין מיט איר פאַרבונדען צוליב לײדענשאַפט אָדער גאָר צוליב געלט. וואָס זי פאָדערט איז אַן אַלטרואיסטישער אינטערעס, אַז דער ליבהאָבער זאָל ווינשען איר קיום אויף דעם זעלבען אופן ווי אַ מוטער ווינשט דעם קיום פון איר קינד, ד"ה אַפילו אַז ער געפינט זיך גאַנץ ווייט פון איר און זי קען גאָר ניט האָפען פון דעם עפּעס צו באַקומען.*
וואו איז אָבער דאָ פּלאַץ פאַר אַזאַ דירעקט אַלטרואיסטישען אינטערעס, ווען אַלע אונזערע געפיהלען זיינען קאָנצענטרירט אַרום די ענגע דלד אמות פון אייגענעם קיום, אַזוי באַגרענעצט ווי ער איז אין האבבעסעס טעאָריע?

די דאָזיגע טעאָריע איז אויך ניט בכח צו געבען אַ גענינגענדען ענט־פער אויף דער פראַגע פון רחמנות. אודאי קען מען ניט אָבלייקענען אַז אין אונזערע געפיהלען פון רחמנות איז דאָ אַ היבשער חלק פון אַסאָסאַציע מיט דער פאָרשטעלונג פון אייגענע ליידען. אָבער אַז דאָס איז ניט אַלץ קען באַווייזען ווערען דורך האָבבעסעס אַן אייגענעם אַרגומענט: זאָל דאָס זיין אַלץ וואָלטען מיר ניט באַדאַרפט פיהלען קיין רחמנות איבער ליידען וועלכע מיר האָבען אַליין קיין מאָל ניט געהאַט און וועלכע מיר קענען קיין מאָל ניט האָבען; וואָלטען די ווייסע מענשען פון אונזערע נאָרד־שטאַטען ניט באַדאַרפט אַזוי גערירט ווערען פון די שילדערונגען אין בוך „אָנקעל־טאָמס קאָבינע", און זיי וואָלטען ניט באַדאַרפט געהן פאַרגיסען זייער בלוט פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגערס.**

---

* דאָ וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען אַן אויסצוג פון עפּיקורס אַ בריף, וועלכער ווערט דאָ איבערגעזעצט פון פינפטען קאַפּיטעל אין בוך "The Art of Happiness or The Teaching of Epicures," by Henry Dwight Sedgwick.
„מיר קענען ניט אָנהאַלטען פריינדשאַפט סיידען מיר ליבען אונזערע פריינד אַזוי ווי מיר ליבען זיך אַליין... מיר פרייען זיך מיט דעם גליק פון אונזערע פריינד אַזוי ווי מיט אונזער אייגענעם, און מיר ליידען פון זייערע צרות אַזוי ווי פון אונזערע אייגענע... אַ קלוגער מענש וועט שטענדיג האָבען פאַר זיינע פריינד די זעלבע געפיהלען און ער וועט זיך נעמען די זעלבע מיה צו פאַרשאַפען פאַרגעניגען פאַר זיינע פריינד פונקט ווי פאַר זיך אַליין... אַ קלוגער מענש וועט אַוועקגעבען זיין לעבען פאַר זיינע פריינד."

** ווי געזאָגט, זוכט האבבעס אַליין צו באַווייזען זיין טעאָריע איבער רחמנות מיט דעם, וואָס ליידען וועלכע קענען אונז ניט טרעפען זאָלען אונז קלוימערשט ניט אָנגעהן, „און דערפאַר האָבען די בעסטע מענשען ווענינ וואָס רחמנות אויף צרות וואָס קומט פון גרויס רשעות." איז אָבער ניט שווער צו געפינען אַ פּשוטערען טעם פאַר וואָס גוטע מענשען האָבען ניט קיין רחמנות אויף צרות וואָס קומט פון רשעות, ווייל מען נעמט אָן אַז אַזוינע צרות דאַרפען קומען און אין דעם איז גאָר קיין שלעכטס ניטאָ. דער פאַקט איז, אַז גוטע מענשען ווינשען לכתחילה אַז דער רשע זאָל באַשטראָפט ווערען פאַר זיינע זינד, מחמת זיי נעמען אָן אַז די דאָזיגע באַשטראָפונג שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאָראַלישע גוטס.

ח.

אַזוי זעהט מען ווי האַבבעסעס מעדיצין האָט ניט באַוויזען צו באַזייטיגען קיינע פון די שוואַכקייטען פון עפּיקורס מאָראַל. דאָס איז צוליב דעם, וואָס די שוואַכקייטען נעמען זיך דאָרט ניט פון אַ מחלה אין דעם אָדער יענעם אבר, נאָר פון אַ פעלער אין האַרץ פון דער דאָזיגער מאָראַל — די פונדאַמענטאַלע הנחה אויף וועלכער עפּיקור האָט געבויט זיין מאָראַל איז בעצם פאַלש. וואָס איז דאָרט די פונדאַמענטאַלע הנחה און פאַר וואָס איז זי פאַלש?

די פונדאַמענטאַלע הנחה אין עפּיקורס מאָראַל איז, אַז מאָראַלישע גוטס באַשטעהט אין גוט פיהלען. דאָס איז אָבער אַ טעות — עס באַשטעהט ניט אין גוט פיהלען נאָר אין גוט זיין: אַ מענש וועט ניט זיין מאָראַליש מיט דעם וואָס ער וועט עסען עוף מיט יוך, אַפילו ער זאָל עס האָבען צו עסען זיין גאַנצען לעבען און ער זאָל פון דער דאָזיגער אכילה שטענדיג הנאה האָבען און עס זאָל אים אויך קיין מאָל ניט פאַרשאַדען. כדי צו זיין מאָראַליש מוז ער אַלזאָ זיין אַזוי, וואָס זאָל אויפגענומען ווערען אַלס גוט פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט ווי פון גוט פיהלען.

נאָך מער. זעהר אָפט איז גוט פיהלען, אָדער פּערזענליכער נוצען, גאָר סם־המות פאַר מאָראַל און וואו נאָר דער באַציל פון דאָס ערשטע באַווייזט זיך ווערט גלייך אָבגעטויט דאָס צווייטע. אַזוי למשל, איז ראַטעווען אַ מענשען וואָס טרינקט זיך אודאי אַ מאָראַלישער טהאָט; דאָס פאַרלירט אָבער דעם מאָראַלישען כאַראַקטער ווען מען טוט עס צוליב געלט, מחמת די אַרבעט פון אַ לייף־גאַרד ווערט דורך אונז ניט אויפגענומען אַלס מער מאָראַליש ווי שוסטעריי אָדער שניידעריי.

דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אַז יעדער מאָראַלישער טהאָט ווערט פּסול, ווען מען האָט פון אים אַ פּערזענליכען פאַרגעניגען. אין געגענטייל, פיל מאָל איז דער פאַרגעניגען גופא אַ מאָראַלישע גוטס. אַזוי למשל, איז גוט די שמחה וואָס מען האָט זיך דערוויסענדיג, אַז אַ פריינד איז פטור געוואָרען פון אַ צרה, פּונקט ווי עס איז גוט דער פאַרגעניגען וואָס מען האָט אַמאָל פון טאָן גוטע מעשים אָדער פון אַ גייסטיגער דערגרייכונג. אָבער עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישען דעם דאָזיגען פאַרגעניגען און דעם פּערזענליכען נוצען, וואָס זאָל זיין דער מאָטיוו פון גוטע מעשים אין עפּיקורס און האָבבעסעס מאָראַל — וואָס איז דער אונטערשייד?

דער אונטערשייד איז דאָס, וואָס דער דאָזיגער פאַרגעניגען פאָלגט פון אַ גוטען פּרינציפּ — פאַר וואָס האָבען מיר פאַרגעניגען פון טאָן גוטע מעשים? ווייל דאָס האָבען מיר געוואונשען און עס איז דערפילט געוואָרען דער דאָזיגער גוטער וואונש; דער פאַרגעניגען טוט דאָ אַלזאָ אויסדריקען בלויז דעם גוטען וואונש. דער זעלבער וואונש ווערט אויסגעדריקט דורך די גוטע מעשים גופא און אַזוי אַרום זיינען די מעשים און דער פאַרגעניגען פון די

מעשים ממש די זעלבע זאַך. דאַגעגען, אין דער עגאָאיסטישער מאָראַל פון עפּיקור און האָבבעס זאָלן סיי די גוטע מעשים און סיי דער פאַרגעניגען פאָלגען פון אַ וואונש בלויז אַליין גוט צו פיהלען — אַ וואונש וועלכער רופט אין אונז ניט אַרויס דעם רעספּעקט און די סימפּאַטיע וואָס אַ מאָראַלישער פאַקטאָר רופט אַרויס.

האָבען דערפאַר די שפּעטערדיגע מאַטעריאַליסטען געמוזט זיך נעמען ווידער אויף אַן אַנדער וועג. אַט וואָס בוכנער זאָגט וועגען מאָראַל: „וואָס מיר רופען מאָראַלישער פיהלען שטאַמט אָב פון די געזעלשאַפטליכע אינסטינקטען אָדער געוואוינהייטען, וועלכע יעדע מענשליכע (אָדער חיה'שע) געזעלשאַפט ענטוויקעלט, און מוז אין זיך ענטוויקלען, אויב עס זאָל ניט פאַרלאָרען געהן דורך דער אייגענער אומפעהיגקייט.״ *

וואָס מיינט אַ געזעלשאַפטליכער אינסטינקט? דאָס מיינט, אַז פון דער נאַטור זיינען מיר גענייגט דירעקט מיטצופיהלען יענעמס פריידען און ליידען און צו האַנדלען אין אנקלאַנג מיט דעם דאָזיגען מיטפיהלען. דאָס איז שוין אמתער אַלטרואיזם, וועלכעס איז פונקט דער היפּוך פון עפּיקורס און האָבבעסעס עגאָאיזם און וועלכעס איז טאַקע איבערגענומען געוואָרען פון האָבבעסעס געגנער, לאָרד שעפּטעסבורי. איז אָבער דער שידוך צווישען מאַטעריאַליזם און אַלטרואיזם ניט זעהר געראָטען — פאַר וואָס?

ווייל לויט מאַטעריאַליזם איז דאָך באַוואוסטזיין נישט מער ווי אַן אייגענשאַפט פון געוויסע קערפּערס זיך אָבצושפּיגלען און דערפאַר דאַרף יעדער קערפּער האָבען אַ באַוואוסטזיין נאָר פון זיך זעלבסט. דאָס שטימט מיט דער טעאָריע פון עגאָאיזם, לויט וועלכער יעדערענס געפיהלען דריקען אויס בלויז דעם צושטאַנד און די פאָדערונגען פון זיין אייגענעם קערפּער. אַלטרואיזם פאָדערט אָבער, אַז איינעמס געפיהלען זאָלען אויסדריקען דעם צושטאַנד און די פאָדערונגען פון יענעמס קערפּער — אַט אַזוי ווי אַ מאַמע ליידט דורך דעם, וואָס דער צושטאַנד פון איר קינד'ס קערפּער איז ניט אין אָרדנונג — איז פונוואַנעט זאָלן זיך לויט דעם מאַטעריאַליזם נעמען די דאָזיגע געפיהלען?

וועט מען אודאי זאָגען אַז די דאָזיגע געפיהלען שפּיגלען ניט אָב דעם צושטאַנד אין יענעמס קערפּער, נאָר דעם באַוואוסטזיין וואָס דער מיטפּיהלענדער באַקומט דורך דעם אופן וואָס זיין קערפּער איז באַווירקט געוואָרען פון דעם ליידענדענס קערפּער. איז דאָס געוויס אמת. עס איז אָבער אויך אמת, אַז דער געפיהל פון מיטליידען דריקט ניט אויס דעם אומבאַדייטענדען עפעקט וואָס די שטאָף פון איין קערפּער האָט פאַראורזאַכט אין דער שטאָף פון אַנדער קערפּער, נאָר עס האָט צו טאָן דירעקט מיט דעם באַוואוסטזיין פון יענעמס ליידען. ווען די קאַץ שטעלט איין איר לעבען צו ראַטעווען איר

* זעה דעם קאַפּיטעל איבער מאָראַל אין דעם דערמאָנטען בוך „שטאָף און קראַפט.״

קעצעלע פון אָדלערס נעגעל איז עס ניט צוליב אַ וועהטאָג, וואָס דער דאָזי־גער בילד האָט פאַראורזאַכט אין איר אויג, נאָר צוליב דעם וואָס דער באַוואוסטזיין פון איר קינד'ס געפאַר רופט אַרויס אין איר געפיהלען — גע־פיהלען וועלכע באַפעלען איר צו נעמען אויף זיך אַלע ליידען אַבי נאָר צו ראַטעווען איר קינד.

דאָס איז נאַטירליך שווער צו פאַרשטעהן אין אנקלאַנג מיט דער מאַטע־ריאַליסטישער הנחה, אַז געדאַנק איז בלויז אַ באַוועגונג פון שטאָף. נאָך שווערער ווערט די דאָזיגע הנחה ווען מיר נעמען אין באַטראַכט אַז די דאָזיגע אַלטרואיסטישע געפיהלען האָבען אַליין בכח צו באַוועגען שטאָף, מחמת דער מיטפיהלענדער איז דאָך טעטיג אין אנקלאַנג מיט זיינע געפיהלען. אָבער דאָס פירט אונז צו דער פראָבלעמע פון אינטעראַקציע צווישען קער־פער און באַוואוסטזיין, וועלכע וועט באַהאַנדעלט ווערען אין קומענדען קאַפיטעל.

זיבעצענטער קאַפּיטעל.

די באַציהונג צווישען אונזער קערפּער און אונזער געדאַנק

מיר באַמערקען ווי אונזערע אַן אידייע עפּעס צו טאָן באַוועגט אונזער קערפּער און ווען דער קערפּער באַוועגט זיך באַקומען מיר דערפון אַן אידייע. — אַלע האָבען אַמאָל דערפאַר געגלויבט אין אינטעראַקציע, ד״ה אַז אונזער געדאַנק און אונזער קערפּער טוען זיך געגענזייטיג באַווירקען. — זיבען אורזאַכען, פאַר־וואָס שפּעטער האָבען מאַנכע אָפּגעוואָרפען אינטעראַקציע. — אַ קערפּערליכע באַוועגונג זאָל פאָלגען נאָר פון אַ קערפּערליכער באַוועגונג. — פאַרשיידענע דער־קלערונגען, פאַרוואָס אונזערע קערפּערליכע באַוועגונגען ווערען באַגלייט דורך אידייען אַזוי זיך צו באַוועגען. — עפּיפענאָמענאַליזם און פּאַראַלעליזם. — דער ערשטער נוסח פון עפּיפענאָמענאַליזם, אַז געדאַנק איז אַ באַוועגונג פון שטאָף. — די דאָזיגע טעאָריע פון די פריהערדיגע מאַטעריאַליסטען פאַרקוקט אין גאַנצען דעם עלעמענט פון באַוואוסטזיין. — דער צווייטער נוסח פון עפּיפענאָ־מענאַליזם, אַז געדאַנק איז אַן עקר׳דיגער עפעקט פון קערפּערליכער באַווע־גונג. — די דאָזיגע טעאָריע פון די נעאָ־מאַטעריאַליסטען האָט געגען זיך אונזער דירעקטע אינערליכע דערפאַרונג, דאַרווינס טעאָריע פון אָרגאַנישער עוואָלוציע, דעם כלל פון קאָנסערוואַציע פון ענערגיע, די לאָגיק פון אורזאַכליכקייט און איז אויסער דעם זעהר אומוואַרשיינליך. — שפּינאָזעס טעאָריע פון אידענטישען פּאַראַלעליזם איז עהנליך צום ערשטען נוסח פון עפּיפענאָמענאַליזם און זי האָט דעם זעלבען חסרון. — לייבניצעס טעאָריע פון פּאַראַלעליזם דורך „אַ פאָראויס איינגעשטעלטער האַרמאָניע״ קען נאָר אויסגעטייטשט ווערען אַז די אידייען זיי־נען אויסגעשטעלט געוואָרען אַזוי, אַז זיי זאָלען אָפּשפּיגלען די באַוועגונגען אין קערפּער, וועלכע זאָלען אָנגעהן מעכאַניש און אומאָפּהענגיג פון די אידייען. — דאָס איז עהנליך צום עפּיפענאָמענאַליזם אין זיין צווייטען נוסח, און דאָס האָט אומגעפער די זעלבע שוועריגקייטען. — די אידעאַליסטען־פּאַראַלעליסטען דערקלע־רען די קערפּערליכע באַוועגונגען בלויז אַלס אופנים ווי אַזוי די אידייען דער־שיינען פאַר אונזערע אויסערליכע חושים. — דאָס קען אָבער ניט דערקלערען דעם שטח און די צייט וואָס נעמט ווען איין באַוואוסטזיין קומט אין באַרירונג מיט אַן אַנדערען. — דאָס קען אויך ניט דערקלערען, ווי אַזוי אַ קלענערער באַוואוסט־זיין דערדריקט אַ גרעסערען. — און דאָס דערפירט אויך צו סאָליפּציזם. — אינ־טעראַקציע האָט אַ וויכטיגע מעלה מיט דעם וואָס עס שטימט מיט אונזער דירעקטער דערפאַרונג. — די שוועריגקייטען מיט אינטעראַקציע נעמען זיך אַלע פון פאָראורטיילען און פאַלשער לאָגיק. — אינטעראַקציע איז די איינציגע טע־אָריע וואָס לאָזט צו דער מעגליכקייט פון פרייען ווילען. — דערפאַר מוז אונזער אמונה אָננעמען די טעאָריע פון אינטעראַקציע.

די באַציאונגען צווישען אונזער קערפּער און אונזער געדאַנק

א.

אונזערע דערקענטעגישען און אונזערע האַנדלונגען ווייזען אויף אַ צוזאַמענאַרבעט פון צוויי פאַקטאָרען, אונזער קערפּער און אונזער געדאַנק. נעמט וועלכע דערקענטעניש איר ווילט — פאַנגט זי זיך אָן מיט אַ באַרירונג פון קערפּער און זי ווערט אויסגעפאַרטיגט דורך אַ פאַרשטעלונג אין געדאַנק. אַ האַנדלונג, ווידער, פאַנגט זיך געוועהנליך אָן מיט אַ מחשבה און ענדיגט זיך מיט אַ באַוועגונג פון קערפּער.

אויך קוקט אויס, אַז די דאָזיגע צוויי פאַקטאָרען טוען זיך געגענזייטיג באַווירקען, דער קערפּער פאַראורזאַכט עפעקטען אין געדאַנק און דער גע־דאַנק פאַראורזאַכט עפעקטען אין קערפּער. אַט בין איך פאַרטיפט אין אַ מחשבה, ווען איך הער פּלוצלינג אימיצען רופען מיין נאָמען און איך דרעה זיך אויס צו זעהן, ווער עס האָט מיר גערופען. אין דעם דאָזיגען פאַל האָט אין אָנפאַנג אַ באַרירונג אויף מיין קערפּער (אַ שטויס פון אַ ספּעציעלען סאָרט לופט־כוואַליעס אויף מיין אויער) באַווירקט מיין געדאַנק איבערצורייסען דער מחשבה און זיך נעמען אויסצומאַכען אַן אידייע פון דעם וואָס דער מאַרך האָט דאָ ערשט פאַרצייכענט; צום סוף האָט ווידער דער געדאַנק באַווירקט דעם קערפּער זיך אויסצודרעהען צו דער זייט פונוואַנען דער רוף איז געקומען.

דאָס איז וואָס מען רופט „אינטעראַקציע" צווישען קערפּער און גע־דאַנק, דער קערפּער מאַכט אַרבעטען דעם געדאַנק און דער געדאַנק מאַכט אַרבעטען דעם קערפּער. געהט טאַקע באמת אָן אַזאַ אינטעראַקציע צווישען קערפּער און געדאַנק, אָדער אונז דוכט זיך נאָר אַזוי? וועגען דעם זיינען היינט דאָ חילוקי דעות:

ביז מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר צוריק האָט קיינער אין דעם ניט גע־צווייפעלט. פילאָזאָפען, וויסענשאַפטסלייט און מענשען פון גאַס האָבען אַלע גלייך געגלויבט, אַז זייערע דערקענטעגישען און האַנדלונגען זיינען אַ רע־זולטאַט פון אַזאַ אינטעראַקציע. נאָר אין די לעצטע צייטען האָט זיך דער דאָזיגער גלויבען אָנגעהויבען צו וואַקלען און מען האָט אָנגעהויבען צו זוכען אַנדערע וועגען ווי אַזוי צו דערקלערען אונזערע דערקענטעגישען און האַנדלונגען.

ב.

וואָס איז געשעהן? פאַר וואָס האָט מען פּלוצלינג געוואָרפען אַן אומחן אויף דער הנחה פון אינטעראַקציע, וועלכע שטימט דאָך אַזוי גוט מיט יעדען איינעמס אינערליכער דערפאַרונג און וועלכע דערקלערט דאָך אונזערע דערקענטעגישען און אונזערע האַנדלונגען אויף אַזאַ פּשוטען אופן? זיינען דאָ אויף דעם מערערע טעמים:

(1) ערשטענס האָט די דאָזיגע הנחה געמוזט לײדען פון דעם אַלגע־מײנעם פּאַראורטײל געגען די אַלטע אמונות, אַ פאַראורטײל וואָס האָט באַהערשט דער אינטעליגענץ פון דער רענעסאַנס עפּאָכע. דער פאַקט, וואָס פיל זאַכען וועלכע האָבען געהאַט געגאַלטען אַלס אמתען האָבען זיך אַרויסגעוויזען צו זײן פאַלש, האָט נאַטירליך געפירט צו דעם, אַז מען זאָל אָנהויבען צו צוויפלען אין אַלץ, וואָס מען האָט געהאַט געגלויבט ביז דאַן און דער דאָזיגער אַלגעמײנער צווײפעל האָט אויך ניט אויסגעמיטען דער הנחה פון אינטעראַקציע — האָט דאָך אויך אינטעראַקציע קײנער קײן מאָל ניט געזעהן מיט זײנע פלײשיגע אויגען.

(2) צווייטענס האָט די דאָזיגע הנחה געמוזט לײדען פון דעם גוואַלטיגען פרעסטיזש וואָס מעכאַניק האָט דאַן מיט אַמאָל באַקומען. דער פאַקט, וואָס מען האָט געפונען דער הערשאַפט פון די מעכאַנישע געזעצען אין אַזוינע געגענטען פון אוניווערז, וואו מען האָט זיי ניט דערוואַרטעט, האָט געפירט צום גלויבען, אַז אַלץ איז אונטערוואָרפען בלויז די דאָזיגע געזעצען — אַלץ און ממילא אויך דאָס אָרגאַנישע שטאָף. דאָס האָט זיך אויך געוואָלט גלויבען, ווײל אַזוי אַרום וועט דער גאַנצער אוניווערז זײן פאַר אונז אַן אָפענער בוך.

(3) דער דאָזיגער גלויבען איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען דורך דעם פאַקט, וואָס די עלעמענטען אין דער אָרגאַנישער שטאָף זײנען די זעלבע ווי אין דער אומאָרגאַנישער שטאָף; דער אונטערשײד צווישען די צוויי ליגט נאָר אין פּראָפּאָרציע, ד״ה אין כמות — אַן אונטערשײד וועלכער דאַרף ניט באַרירען די געזעצען וועלכע האָבען צו טאָן מיט יעדען כמות פון שטאָף. אויך איז דאָס אָרגאַנישע שטאָף בלויז אַ קלײנער חלק פון דאָס גאַנצע שטאָף וואָס מיר באַמערקען אין אוניווערז — איז פאַר וואָס זאָל דער דאָזיגער חלק ניט זײן אונטערוואָרפען די זעלבע געזעצען וועלכע באַהערשען דאָס גאַנצע?

(4) אַגב האָט טאַקע אַמאָל מודה געווען אײנער פון די פּראָמינענטסטע אינטעראַקציאָניסטען — דער פראַנצויזישער פילאָזאָף רענאַרד דעקאַרט — אַז דער גרעסטער טײל פון דאָס אָרגאַנישע שטאָף איז אין דעם דאָזיגען היגזיכט ווירקליך ניט אַנדערש פון דאָס אומאָרגאַנישע שטאָף; דעקאַרט איז גראָד געווען דער ערשטער פאָרצולעגען דער טעאָריע, אַז די האַנדלונגען פון די בעלי חיים, אויסערן מענשען, געהען אַן אויף אַ מעכאַנישען אופן. אין נײנצענטען יאָר־הונדערט איז ווידער געקומען דאַרווין און האָט אַוועקגענומען דער מחיצה צווישען מענשען און די אַנדערע בעלי חיים. הײסט עס, אַז פונקט ווי די האַנדלונגען פון די אַנדערע בעלי־חיים דאַרפען אויך זײן די האַנדלונגען פון מענשען בלויז אַ רעזולטאַט פון מעכאַנישע געזעצען.

(5) אין דעם זעלבען יאָר־הונדערט האָבען די פיזיקער פאָרמולירט דעם כלל פון „קאָנסערוואַציע פון ענערגיע״, אַז ענערגיע קומט קײן מאָל

ניט צו און קיין מאָל ניט אָב, נאָר עס ווערט בלויז איבערגעטראָגען פון איין פיזישער סובסטאַנץ צו אַן אַנדערער. און אַט דער דאָזיגער כלל זאָל זיין געגען דער הנחה פון אינטעראַקציע, ווייל אויב געדאַנק זאָל זיין בכח צו באַוועגען דעם קערפּער דאַן מוז באַוועגונג, ד"ה פיזישע ענערגיע, קומען אויך פון אַ ניט־פיזישען קוואַל און אַזוי אַרום מוז אין דער פיזישער סובסטאַנץ צוקומען ענערגיע, וואָס איז דאָרט פריהער ניט געווען.

(6) אויסער דעם איז אויך דאָ אַ לאָגישע שוועריגקייט מיט אינטער־אַקציע — מיר קענען ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי זאַכען פון אַזוינע צוויי פאַר־שיידענע נאַטורען ווי קערפּער און געדאַנק זאָלן זיך קענען געגענזייטיג באַווירקען. אודאי ווערט קיינעם ניט איינפאַלען צו דענקען, אַז זיין בלויזער וואונש פאַר וואַרעמקייט זאָל זיין בכח אָנצוצינדען קוילען אָדער באַוועגען די קוילען אַריינצוקריכען אין אויוועלע; און פּונקט אַזוי דאַרף אַ וואונש ניט זיין בכח צו באַוועגען אַ נערוו אָדער אַ מוסקול פון אַ מענשענס קערפּער.

(7) נאָר מער פון אַלץ שטעלט מען זיך אָב אויף די עקספּערימענטאַלע אַרבעטען אין די לאַבאָראַטאָריעס און אויף די מעדיצינישע דערפאַרונגען, וועלכע ווייזען, אַז די פונקציעס וואָס מען האָט געהאַט צוגעשריבען צום געדאַנק ווערען גאָר געטאָן דורכן מאַרך. מען האָט אויסגעפונען, אַז אַפילו ווען עס געהט אַן ריינער לאָגישער דענקען מוז דער מאַרך אַרבעטען, מחמת די טעמפּעראַטור פון מאַרך שטייגט דאַן. אויך האָט מען אויסגעפונען, אַז ווען עס ווערט באַשעדיגט דער מאַרך רופט זיך עס אָב אויף דעם כח פון דענקען און ווען די באַשעדיגונג ווערט באַזייטיגט ווערט דער כח פון דענקען צוריק נאָרמאַל. הייסט עס, אַז מיר מאַכען אַ טעות, ווען מיר שרייבען צו צום געדאַנק די אַרבעט פון דענקען; און אויב אַזוי מאַכען מיר אויך אַ טעות, ווען מיר שרייבען צו צום געדאַנק די אַרבעט פון באַווירקען דעם קערפּער צו טאָן דאָס וואָס ער טהוט — אַן אַרבעט וועלכעס איז דאָך אויך ניט מער ווי אַ דענקען.

ג.

אָבער אויב ניט דער געדאַנק, טאָ וואָס פאַראורזאַכט די האַנדלונגען פון מיין קערפּער? פאַר וואָס האָב איך זיך פּלוצלינג אויסגעדרעהט ווען אימיצער האָט מיר גערופען?

איז דער תירוץ, אַז די דאָזיגע האַנדלונגען ווערען פאַראורזאַכט מעכאַ־ניש, דורך באַוועגונגען וועלכע האַלטען אין איין אַנגעהן אין מיין קערפּער, אָדער וועלכע ווערען דאָרט פאַראורזאַכט דורך אַ שטויס פון דרויסען. אַזוי למשל, איז דער אויסדרעהען־זיך פון מיין קערפּער צו דער ריכטונג פונ־וואַנען דער רוף פון מיין נאָמען איז געקומען נישט מער ווי אַ רעזולטאַט פון רייצונגען און באַוועגונגען פון נערווען און מוסקולען — רייצונגען און

באַוועגונגען וועלכע זיינען געלאָזען געוואָרען אין גאַנג דורך דעם שטויס פון די ספּעציעלע קלאַנג־כוואַליעס אויף דעם באַראַבאַן פון מיין אויער.

אָבער פיהל איך דען ניט באַשיינפּערליך, אַז איך האָב זיך אויסגע־דרעהט, ווייל איך האָב געוואָלט זיך אויסדרעהען און אַז ווען איך זאָל ניט וועלען וואָלט איך דאָס ניט געטאָן — און פּאַסירט טאַקע אַמאָל ווען עס לוינט זיך מיר ניט דאָס צו טאָן און איך טו דאָס טאַקע ניט — טאָ ווי אַזוי גיט מען זיך אַן עצה מיט דעם דאָזיגען געפיהל?

זאָגט מען, אַז דער דאָזיגער געפיהל איז ניט מער ווי אַן אויסדאַכטע־ניש: גראָד קומט אויס, אַז ווען עס געהען אַן אין מיין קערפּער באַוועגונגען אים אויסצודרעהען האָב איך דאַן אויך אַ וואונש זיך אויסצודרעהען, פּונקט ווי ווען די באַוועגונגען אויסצודרעהען מיין קערפּער ווערען פאַרהאַלטען דורך געגענגעזעצטע באַוועגונגען האָב איך דאַן'אַ וואונש זיך ניט אויס־צודרעהען, מיין איך דערפאַר, אַז די דאָזיגע וואונשען זיינען די אורזאַכען פון אויסדרעהען זיך אָדער ניט אויסדרעהען זיך. אין אמת'ען איז אָבער נישט אַזוי; די רעזולטאַטען פון אויסדרעהען זיך אָדער ניט אויסדרעהען זיך וועלען פאַרקומען אַפילו ווען מיר וואָלטען אַזוינע וואונשען ניט געהאַט.

אָבער פונוואַנעט נעמט זיך דאָס גופא, וואָס די באַוועגונגען אין מיין קערפּער ווערען אַלע מאָל באַגלייט פון אַ וואונש וואָס שטימט מיט דעם רעזולטאַט פון די באַוועגונגען? — איז דען דאָס אַליין ניט אַן אויסערגע־וועהנליכער וואונדער? און ווערט פאַר דעם גופא ניט געפאָדערט אַן ערקלע־רונג? זיינען דאָ אויף דעם פאַרשיידענע דערקלערונגען:

איין דערקלערונג איז, אַז די באַוועגונגען גופא ברענגען אַרויס דעם וואונש וואָס שטימט מיט זייער רעזולטאַט — דער וואונש זיך אויסצודרעהען ווערט פּראָדוצירט דורך די באַוועגונגען וואָס געהען אַן אין קערפּער בשעתן אויסדרעהען זיך. אויף אַזאַ אופן מוז דער דאָזיגער וואונש באַגלייטען די דאָזיגע באַוועגונגען, ווייל ער ווערט דאָך פון זיי פאַראורזאַכט.

די דאָזיגע דערקלערונג רייסט נאָך נישט איבער אין גאַנצען מיט דער אינטעראַקציאָניסטישער הנחה פון אורזאַכליכקייט צווישען קערפּער און גע־דאַנק, נאָר דאָ ווערט די אורזאַכליכקייט איבערגעקערט — אַנשטאָט וואָס אין אינטעראַקציע איז דער וואונש געווען די אורזאַך און דער אויסדרעהען זיך איז געווען דער עפעקט, איז דאָ פאַרקערט, דער דרעהען זיך איז די אורזאַך און דער וואונש איז דער עפעקט. נאָך מער, אין מאַנכע פאַלען שטימט די דאָזיגע דערקלערונג אין גאַנצען מיט אינטעראַקציע — דאָס איז, ווען אויך אין אינטעראַקציע ווערט דער געדאַנק אויפגענומען אַלס אַן עפעקט פון קער־פּערליכער באַוועגונג. אַזוי שטימען ביידע אין דאָס די אידייע אַז אימיצער האָט מיר גערופען איז בלויז אַן עפעקט פון די באַוועגונגען אין מאַרך, וואָס זיינען דאָרט פאַראורזאַכט געוואָרען דורך דעם שטויס פון די קלאַנג־כוואַליעס אויף דעם באַראַבאַן פון מיין אויער.

די באַציאונגען צווישען אונזער קערפּער און אונזער געדאַנק

דער הויפּט אונטערשייד צווישען די דאָזיגע צוויי דערקלערונגען ליגט אַלזאָ אין דעם, וואָס בעת אין אינטעראַקציע איז געדאַנק אַמאָל אַן אורזאַך און אַמאָל אַן עפעקט פון קערפּערליכער באַוועגונג, איז אָבער אין דער צווייטער דערקלערונג געדאַנק קיין מאָל ניט קיין אורזאַך און שטענדיג אַן עפעקט פון קערפּערליכער באַוועגונג. אויף אַזאַ אופן איז געדאַנק קיין מאָל ניט קיין אורזאַך אַפילו פון געדאַנק, מחמת יעדער דענקען מוז דאָך זיין אַן עפעקט פון קערפּערליכער באַוועגונג. געדאַנק טוט אַלזאָ גאָר ניט; עס איז נישט מער ווי אַ באַוואוסטזיין. אָט דערפאַר ווערט די דאָזיגע טעאָריע באַצייכענט מיט דעם נאָמען „עפּיפענאָמענאַליזם".

אַנדערע דערקלערונגען זיינען דאָ וועלכע רייסען איבער אין גאַנצען מיט דער הנחה פון אינטעראַקציע — נישט קערפּער פאַראורזאַכט עפעקטען אין געדאַנק און נישט געדאַנק פאַראורזאַכט עפעקטען אין קערפּער; אַלע עפעק־טען אין קערפּער פאָלגען פון קערפּערליכע אורזאַכען און אַלע אידייען פאָלגען פון אידייען; דאָס זיינען צוויי שטראָמען וועלכע לויפען זיך פּאַראַלעל, ניט באַרירענדיג איינער דעם אַנדערען אויף קיין פּונקט. די וואָס נעמען אָן די דאָזיגע דערקלערונגען הייסען דערפאַר „פּאַראַלעליסטען".

אָבער אויב בײדע שטראָמען האָבען ניט צווישען זיך קיין שום שייכות, טאָ פונוואַנעט נעמט זיך פּאָרט דאָס וואָס די אידייען שטימען אַזוי גוט מיט די קערפּערליכע באַוועגונגען? פאַר וואָס עפּעס שטענדיג ווען מיין אויער ווערט באַרירט פון אַזוינע לופט־כוואַליעס האָב איך די אידייע אַז מען רופט מיר, אָדער ווען עס געהט אָן אין מיין קערפּער אַ באַוועגונג זיך אויסצודרעהען האָב איך אַ ווונש דאָס צו טאָן? דאָס ווערט דערקלערט אויף פאַרשיידענע אופנים און דערפאַר זיינען דאָ פאַרשיידענע טעאָריעס פון פּאַראַלעליזם.

איין טעאָריע איז, אַז די קערפּערליכע באַוועגונג און די אידייע וואָס ענטשטעהט גלייכצייטיג שטעלען פאָר ממש די זעלבע זאַך — די זעלבע עק־זיסטענץ דריקט זיך אויס סיי דורך שטח און סיי דורך געדאַנק, און ווען עס האָט אין שטח די פאָרמע פון אַזאַ קערפּערליכער באַוועגונג האָט עס אין געדאַנק די פאָרמע פון אַזאַ אידייע. דאָס איז דער אידענטישער, אָדער צוויי־פּנימדיגער, פּאַראַלעליזם, וועלכען שפּינאָזע האָט אָנגענומען און וועמענס שטאַנדפּונקט איז שוין אין דער דאָזיגער אָבהאַנדלונג טיילווייז דערקלערט געוואָרען.

לויט אַ צווייטער טעאָריע זיינען געדאַנק און קערפּערליכע באַוועגונג נישט די זעלבע זאַך, נאָר די בײדע שטראָמען זיינען לכתחילה איינגעאָר־דענט געוואָרען אַזוי, אַז די זעלבע אידייע זאָל שטענדיג אָנגעהן גלייכציי־טיג מיט דער זעלבער קערפּערליכער באַוועגונג. דאָס איז די טעאָריע פון „פאָרויס איינגעשטעלטער האַרמאָניע", וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען פון לייבניץ, שפּינאָזעס אַ צייט־חבר.

אַ דריטע טעאָריע זוכט צו דערקלערן דער האַרמאָניע צווישען די ביידע שטראָמען דורך פענאָמענאַליזם — יעדע אינערליכע אידייע לאָזט זיך דערשיינען פאַר די אויסערליכע חושים אַלס אַ באַשטימטע קערפּערליכע פאָרמע; מיין אינערליכער באַוואוסטזיין דאָס מען רופט מיר, ווערט געזעהן, אָדער קען געזעהן ווערען, פאַרן אויג אַלס אַזאַ גאַנג פון קערפּערליכער באַוועגונג. דאָס ווערט גערופען „אידעאַלער פּאַראַלעליזם," וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען דורך אַ באַשטימטער גרופּע אידעאַליסטען, בעת עפּיפענאָמענאַליזם איז פאַרשטעהט זיך די טעאָריע פון מאַטעריאַליסטען.

ווילען מיר איצט זעהן צי די טעאָריעס פון עפּיפענאָמענאַליזם און פּאַראַלעליזם דערקלערען בעסער ווי אינטעראַקציע דעם באַמערקטען שייכות צווישען קערפּער און געדאַנק.

ד.

קודם וועגען מאַטעריאַליסטישען עפּיפענאָמענאַליזם, וועלכער טיילט זיך אַליין אויף צוויי טעאָריעס: לויט איין טעאָריע איז געדאַנק ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ קערפּערליכע באַוועגונג — „געדאַנק איז אַ באַוועגונג פון שטאָף", זאָגט בוכנער אין נאָמען פון אַ מאַטעריאַליסטישען גדול. לויט אַ צווייטער טעאָריע איז געדאַנק ניט אַליין אַ קערפּערליכע באַוועגונג, נאָר עס איז אַן עקר'דיגער עפעקט פון קערפּערליכער באַוועגונג — אַן עפעקט וועלכער קען פון זיין זייט קיין זאַך ניט פאַראורזאַכען.

איז די ערשטע טעאָריע כמעט אין גאַנצען אויסגערונען ביים אָנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאָר־הונדערט (בלויז די בעהייוויאָריסטען האָבען שפּעטער געפּרואווט, אָהן ערפאָלג, איר ווידער אויפצולעבען). יעדערער האָט דאַן פאַרשטאַנען, אַז כדי צו אידענטיפיצירען געדאַנק מיט קערפּערליכער באַוועגונג מוז מען פאַרקוקען דעם עלעמענט פון באַוואוסטזיין, וועלכעס איז דער יסוד פון געדאַנק.*

די נעאָ־מאַטעריאַליסטען האָבען דערפאַר אָנגענומען דעם צווייטען נוסח פון עפּיפענאָמענאַליזם, אַז געדאַנק איז אַן עפעקט און נישט קיין אורזאַך

* עס איז דאָ איצט ניט נויטיג זיך אָפּצושטעלען אויף דעם, מחמת אין דער דאָזיגער אָפּהאַנדלונג (אין דריטען אָפּשניט פון זיבעטען קאַפּיטעל) איז שוין וועגען דעם גערעדט געוואָרען און דאָרט איז באַוויזען געוואָרען אַז דער געפיהל פון צאָן־וועהטאָג, למשל, איז עפּעס מער אַפילו ווי אַ באַוואוסטזיין פון אַ באַוועגונג. פאַר אַ לעזער וואָס איז מער פאַראינטערעסירט אין דער דאָזיגער פראַגע וועט זיך לוינען איבערקוקען דעם אַרטיקעל וועגען דער „זעלע" אין “An Introduction to Philosophy,” by F. Paulsen (איבערזעצט אין ענגליש דורך פ. טהילי), ווי אויך, “Matter and Spirit,” by J. B. Pratt וועלכע דער מחבר האָט צו פאַרדאַנקען פאַר מערסטע פון די שטאָף אין דעם דאָזיגען קאַפּיטעל.

פון קערפּערליכער באַוועגונג. איז אָבער אויך דער דאָזיגער נוסח פון עפּי־פענאמענאַליזם פאַרבונדען מיט אַזוינע גרויסע שוועריגקייטען אַז אין סך־הכּול איז ער ניט פיל בעסער פון דעם אַלט־מאַטעריאַליסטישען נוסח. די דאָזיגע שוועריגקייטען קענען בקיצור אַזוי פאָרגעשטעלט ווערען:

(1) קודם איז עס אין גאַנצען געגען אונזער דירעקטער אינערליכער דערפאַרונג — מיר פיהלען באַשיינפערליך, אַז אונזער געדאַנק איז ניט גלאַט אַ זייטיגער צושויער, נאָר ער איז אין געגענטייל דער וויכטיגסטער פאַקטאָר פון אונזערע מעשים: אַ גענעראַל פאַנגט אָן אַן אינוואַזיע אויפן שונא נאָך דעם ווי ער האָט עס גוט אויסגעפּלאַנעוועט; אַ מענש נעמט זיך אַמאָל דאָס לעבען בלויז דערפאַר וואָס ער קען ניט אַריבערטראָגען דעם געפיהל פון וועהטאָג. איז דאָס אַלץ אַן אויסדאַכטעניש? וואָלט דער גענעראַל געשריבען די זעלבע באַפעלען אַפילו ווען ער זאָל ניט האָבען קיין באַוואוסט־זיין פון דעם וואָס עס געהט אָן און וואָס ער טוט? אָדער וואָלט דער קראַנקער זיך גענומען דעם לעבען אַפילו ווען ער זאָל קיין וועהטאָג ניט פיהלען *

(2) דאַן שיקט זיך אויך ניט אַז געדאַנק זאָל זיין אין גאַנצען אַ יושב בטל. עס איז אַפילו געגען דאַרווינס טעאָריע פון אָרגאַנישער עוואלוציע, פון וועלכער די מאַטעריאַליסטען האַלטען דאָך אודאי אַן עולם ומלואו. לויט דער דאָזיגער טעאָריע געהט אָן דער גאַנג פון פּראָגרעס אַדאַנק דעם „איבערלעבען פון פּאַסיגסטען“, ד״ה אַדאַנק דעם, וואָס דער וואָס באַזיצט דעם פּראָגרעסיוועדען כאַראַקטער איז גיכער אומשטאַנד צו עקזיס־טירען, צוליב דעם וואָס דער דאָזיגער כאַראַקטער העלפט אים אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ. דער דאָזיגער פּרינציפּ קען אָבער ניט אָנגעווענדעט ווערען בנוגע פּראָגרעס פון געדאַנק, אויב מען זאָל אָננעמען אַז געדאַנק טוט גאָר

---

* אודאי איז אין גאַנצען ניט אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט אַז דאָס אַלץ זאָל זיין בלויז אויסדאַכטעניש — אָט ווי עס האָט זיך אונז אַמאָל אויסגעדאַכט אַז מענשען קענען ניט לעבען אויף דער אַנדער זייט פון דער ערד צוליב דעם וואָס דאָרט וואָלט זיי אויס־געקומען צו שטעהן מיט די פיס אויבען און מיטן קאָפּ אונטען, אָדער ווי עס דאַכט זיך אונז אויס נאָך היינט, אַז די לבנה איז ניט גרעסער פון אַ טעלערעל. אָבער אַזאַ מעגליכ־קייט באַרעכטיגט נאָך ניט זיך אָפּצוזאָגען פון אַווירקליכער דערפאַרונג, „אין ספק מוציא מידי ודאי.“ דאָס איז אייגענטליך דער יסוד פון רעאַליזם, אַז מיר מוזען אָננעמען דאָס וואָס די דערפאַרונג זאָגט אונז, אַזוי לאַנג ווי עס איז נישט באַוויזען געוואָרען אַז זי נאַרט אונז. און די מאַטעריאַליסטען זיינען דאָך רעאַליסטען — זיי זיינען שוין אַביסעל צו גוטע ריאַליסטען, מחמת זיי לאָזען צו נאָר עפּעס וואָס ווערט דערפאַרען, אָדער קען ווערען דערפאַרען אויב אונזערע חושים זאָלען זיין אַביסעל שאַרפער, בעת אַ רעאַליסט וואָס איז ניט קיין מאַטעריאַליסט לאָזט אויך צו עפּעס וואָס מיר קענען ניט דערפאַרען מיט אונזערע חושים, אויב נאָר ער האָט אַ גוטען גרונד עס צוצולאָזען. און אויב אַזאַ מעגליכקייט גיט אונז ניט דאָס רעכט זיך אָפּצוזאָגען פון אַ דערפאַרונג וואָס מיר באַקומען דורך די אויסערליכע חושים, טאָרען מיר זיך צוליב איר אודאי ניט אָפּזאָגען פון דער דאָ־זיגער אינערליכער דערפאַרונג, וועלכע ווערט דאָך אויפגענומען דירעקטער און ממילא זיכערער ווי יענע.

ניט און אַלץ וואָלט אַנגעגאַנגען אָהן געדאַנק פּונקט ווי עס געהט אָן מיט געדאַנק, מחמת אין אַזאַ פאַל העלפט דאָך עס גאָר ניט אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ.*

(3) די דאָזיגע טעאָריע שיינט צו האָבען געגען זיך אויך דעם כלל פון „קאָנסערוואַציע פון ענערגיע", וועלכער פאָדערט אַז ענערגיע זאָל ניט געהן פאַרלאָרען, נאָר אָדער עס זאָל פאַרוואַנדלען די ארבעט אַלס קינעטישע ענערגיע אָדער עס זאָל אויפבעוואָרט ווערען אַלס פּאָטענציעלע ענערגיע — עס זאָל אָדער עפּעס טאָן אָדער קענען עפּעס טאָן. לויט דער דאָזיגער טעאָריע קומט אָבער אויס, אַז די ענערגיע וואָס דער קערפּער לאָדט אויס ביים שאַפען געדאַנק (ווייל בעת דער קערפּער שאַפט געדאַנק טוט ער דאָך עפּעס און טאָן הייסט אויסלאָדען ענערגיע) געהט אין גאַנצען פאַרלאָרען, ווייל דער געדאַנק טוט דאָך גאָר ניט און קען גאָר ניט טאָן.

(4) די דאָזיגע טעאָריע שיינט אויך צו זיין געגען דער לאָגיק פון אורזאַכליכקייט — און אָט פאַר וואָס: אויב מען זאָגט אַז געדאַנק קען ניט פאַראורזאַכען אַ קערפּערליכע באַוועגונג איז דאָך עס נאָר ווייל די אורזאַך קען נאָר אַרויסברענגען דאָס וואָס מען האָט אין זיך (ניט אַ יש מאין); און היות ווי האָבען אין זיך מיינט דאָך האָבען אַלס אַ טייל פון דאָס וואָס מען איז, און היות ווי קערפּערליכע באַוועגונג איז דאָך ניט אַ טייל פון געדאַנק קען עס דערפאַר פון דעם ניט אַרויסגעבראַכט ווערען. אָבער אויב אַזוי דאַרף דאָך קערפּערליכע באַוועגונג אויך ניט קענען פאַראורזאַכען געדאַנק, מחמת געדאַנק איז דאָך אויך ניט אַ טייל פון קערפּערליכער באַוועגונג.**

---

* אויף דעם דאָזיגען אַרגומענט ווערט מען זיך פּילייכט פּרוּווען דינגען; מען וועט זאָגען, אַז כאָטש געדאַנק טוט אַליין גאָר ניט קען פונדעסטוועגען דער פּראָגרעס פון דעם זיך מיטשלעפּען מיט'ן פּראָגרעס פון דער קערפּערליכער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל צופעליג האָבען די נאַטור צו לאָזען פון זיך וויסען. וואָלט דאָס אַלץ גוט געווען, ווען מיר ווייסען אַלץ וואָס עס טוט זיך אין אונזער קערפּער. פּאַקטיש אָבער לאָזט אונז די קערפּערליכע מאַשינעריע וועגען זיך וויסען נאָר דאַן ווען עפּעס איז ניט אין אָרדנונג און מען דאַרף עס פאַרריכטען. אַזוי, למשל, וואָלט אַ געזונטער מענש גאָר ניט געוואוסט פון זיין אינערליכער דערפאַרונג, אַז ער האָט אַ האַרץ, אָדער אַ בלוט־צירקולאַציע, אָדער אַ פאַרדייאונג־סיסטעם. ער דערוויסט זיך וועגען דעם ערשט ווען דאָרט איז עפּעס קאַליע און מען דאַרף זיך וועגען דעם אַרומזעהן. און דאָס דערוויסט ער זיך טאַקע דורך אַ באַפעל, אַז ער זאָל זיך אַרום דעם אַרומזעהן, דורך אַ געפיהל וועלכער לאָזט אים ניט רוהען ביז אַלץ איז צוריק אין אָרדנונג. איז דאָס אַלץ זעהר פאַרשטענדליך ווען דער אַרומזעהן זיך זאָל העלפען צו באַזייטיגען דער אומאָרדנונג, ווען דער געפיהל פון הונגער, למשל, זאָל אונז צווינגען צוצושטעלען די נויטיגע שפּייז. אויב אָבער באַוואוסטזיין זאָל גאָר ניט קענען טאָן דאַרף דאָך עס אויך גאָר ניט קענען העלפען צו באַזייטיגען דער אומאָרדנונג, טאָ פאַר וואָס איז עס גראָד מיט דעם פאַרבונדען?

** דאָס איז טאַקע געווען שפּינאָזעס הויפּט־אַרגומענט געגען אינטעראַקציע. אַזוי לייענען מיר אין דריטען זאַץ פון דעם ערשטען טייל „עטיק": „פון זאַכען וואָס האָבען גישט קיין זאַך געמיינזאַם קען נישט זיין איין זאַך די אורזאַך פון דער אַנדערער." דאָס

(5) אַ חוץ דעם אַלעמען איז נאָך אַ גרויסער ספק צי מעכאַניק אַליין איז גאָר בכח צו שאַפען אַ מאַשין וואָס זאָל אויטאָמאַטיש אויסאַרבעטען אַ תלמוד בבלי, אָדער רש״יס פּירושים אויפן תלמוד און אויף תנ״ך, אָדער דעם רמב״מס יד החזקה און פּירוש המשנה און מורה נבוכים און נאָך ספרים, וואָס יעדער פּסוק פון זיי איז אַ לאָגישער פּערל. דערווייל האָט נאָך קיינער ניט באַוויזען צו שאַפען עפּעס אַ פען וואָס זאָל פון זיך אַליין אויסדענקען אַפילו אַן איינפאַכען בריוועל.* עפּיפענאָמענאַליזם שטעלט דע־ריבער מיט זיך פאָר אַ וויטען ספק־ספיקא — אפשר קען גאָר אַזאַ זאַך קיין מאָל ניט געמאָלט זיין און אויב אַפילו עס קען געמאָלט זיין איז נאָך אַ ספק צי עס איז אַזוי.

די אונטערשטע שורה פון דעם איז אַלזא, אַז די באַציהונג צווישען קער־פּער און געדאַנק לאָזט זיך ניט דערקלערען דורך עפּיפענאָמענאַליזם, סיי אין דעם אַלט־מאַטעריאַליסטישען נוסח און סיי אין דעם נוסח פון נעאָ־מאַטעריאַליזם. וועלען מיר איצט זעהן צי די דאָזיגע באַציהונג לאָזט זיך בעסער דערקלערען דורך פּאַראַלעליזם.

איז געבויט אויף דער לאָגיק, אַז דער עפעקט איז בלויז אַ חיבור פון טיילען וועלכע האָבען שוין אַלע עקזיסטירט באַזונדער אין די אורזאַכען. דער דאָזיגער אַרגומענט פאַלט אָבער אַוועק ווען מען לאָזט צו דער אידייע פון „אימוירדזשענס, אַז דער עפעקט שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס נייעס. אָבער פונדעסטוועגען טוט דער עפּיפענאָמענאַליזם פון דעם קנאַפּ וואָס פאַרדינען, ווייל די פראַגע בלייבט דאָך אַלץ, פאַר וואָס קען געהן די אורזאַכ־ליכקייט פון קערפּערליכער באַוועגונג צו געדאַנק און ניט פון געדאַנק צו קערפּערליכער באַוועגונג? אויב קערפּערליכע באַוועגונג קען געבוירען געדאַנק אַלס אימוירדזשענס דאַרף פונקט אַזוי געדאַנק קענען געבוירען קערפּערליכער באַוועגונג אַלס אימוירדזשענס, און אַ פשיטא שוין אַז געדאַנק דאַרף קענען געבוירען געדאַנק.

* כדי צו באַווייזען אַז אַזאַ זאַך איז מעגליך שטעלט מען פאַר אַ מויז אין אַ פּאַסטקע, וועלכע האָט אין איין אַרומלויפען צו זוכען אַן אַרויסגאַנג און נאָך אַ היבשער צייט פון „פּרואווען און פעלען״ קען זי געפינען כמעט יעדען באַהאַלטענעם אַרויסגאַנג. דאָס זאָל פאָרקומען אויך אין אַ מענשענס מאַרך, ווען ער זוכט אַן אויסגאַנג פאַר אַ פּראָבלעמע; אויספּרואווענדיג פאַרשיידענע ניט־ריכטיגע וועגען, וועלכע זיינען פאַרשפּאַרט דורך „סינאַפּסעס,״ געפינט ער ענדליך דעם אָפענעם ריכטיגען אויסגאַנג. דאַרף אָבער גלייך באַמערקט ווערען אַז דער פאַל מיט דער מויז אין פּאַסטקע איז אויך ניט אַזוי פאַרשטענדליך לויט די מעכאַנישע געזעצען וואָס מיר דערפאַרען. ווען די מויז שטויסט זיך אָן אַן די דראָטען וועלכע פאַרשטעלען דעם אַרויסגאַנג שפּרינגט זי ניט אָפּ גלייך אויף צוריק, אַזוי ווי עס וואָלט פּאַסירט מיט אַ באָל, נאָר זי בייסט און רייסט און ווייזט אַרויס פיל אַנדערע אַקטיוויטעטען וואָס קענען אומדירעקט העלפען דעם אַרויסגאַנג. אויך מוז מען אָנגעמען, אַז די מויז איז באַוואוסטזיניג פון אַלץ וואָס זי טוט און אַז איר באַוואוסטזיין שטימט מיט די פאַקטען, ווען זי ווייסט אַז זי איז צוגעקומען צום וואַנד איז זי דאָרט טאַקע צוגעקומען און ווען זי ווייסט אַז זי לויפט צוריק לויפט זי טאַקע צוריק אד״ג — ווייל אַנדערש קען מען דאָך איר פאַל ניט פאַרגלייכען מיט דעם וואָס עס געהט אָן אין אַ מענשענס מאַרך — האָט אָבער אַ באָל אויך אַזאַ באַוואוסטזיין ווען ער לויפט צו צו אַ וואַנד און ווען ער שפּרינגט פון דאָרט אָפּ צוריק?

ה.

קודם וועגן שפּינאָזעס אידענטישען, אָדער צוויי־פּנים׳דיגען, פּאַראַלעליזם, וועלכער זוכט צו דערקלערען די באַציהונג צווישען קערפּער און געדאַנק דורך אויפנעמען די צוויי אַלס די זעלבע זאַך. דאָס קוקט אויס עהנליך צו דעם אַלט־מאַטעריאַליסטישען נוסח פון עפּיפענאמענאַליזם און פּונקט ווי יענער מוז עס דערפאַר אָבגעוואָרפען ווערען אַלס אַן אומזין — ווייל ווי אַזוי קען מען אָננעמען, אַז די און די קערפּערליכע באַוועגונג זאָל זיין גלייכצייטיג די אידייע פון דער דאָזיגער באַוועגונג? און ווי אַזוי קען מען בכלל אָננעמען, אַז קערפּער און געדאַנק „— זאַכען וואָס האָבן נישט קיין זאַך געמיינזאַם — "זאָלן פאָרשטעלען ממש די זעלבע זאַך?

וועט מען זאָגען, אַז ביי שפּינאָזען שטעלען ניט פאָר קערפּער און געדאַנק ממש די זעלבע זאַך, ווייל זיי זיינען דאָך פאַרשיידענע אויסדרוקען פון דער זעלבער זאַך. אָבער וואָס זאָל עס מיינען? זאָל עס מיינען אַזוי ווי פאַרשיידענע פּרטים דריקען אויס דעם זעלבען כלל?* אָדער אַזוי ווי דער זעלבער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין פאַרשיידענע ווערטער אָדער פאַרשיידענע לשונות? אָבער אויב אַזוי זיינען זיי דאָך פאַרשיידענע זאַכען, וועלכע זיינען בלויז טיילווייז עהנליך, און אַזוינע זאַכען זיינען ניט צוזאַמענגעבונדען אין קיין ממילא׳דיגען פּאַראַלעליזם, ד״ה אַז ווען עס איז דאָ איין זאַך מוז ניט זיין גלייכצייטיג אויך די אַנדערע זאַך — די פּרטים פון אַ כלל מוזען ניט אַלע גלייכצייטיג עקזיסטירען, פּונקט ווי עס קען געמאָלט זיין, אַז איין לשון זאָל גערעדט ווערען און אַן אַנדערער זאָל ניט גערעדט ווערען.

---

* זעהן זעהט אויס אַז דאָס האָט טאַקע שפּינאָזע געמיינט. זיין לאָגיק שיינט צו געהן אויף דעם דאָזיגען וועג: היות ווי יעדע עקזיסטירענדע זאַך מוז דאָך פאָרשטעלען עקזיסטענץ (עקזיסטענץ מוז דערהערט ווערען מיט יעדער עקזיסטירענדער זאַך און עס מוז דערפאַר זיין די סובסטאַנץ פון אַלץ), מוז אויסקומען, אַז ווען עס איז דאָ אַ זאַך מוז זיין עקזיסטענץ. און היות ווי עקזיסטענץ איז דאָך אַ כלל וועלכעס שליסט איין אַלע אויסדרוקען פון עקזיסטענץ, מוז ווידער אויסקומען, אַז ווען עס איז דאָ עקזיסטענץ מוזען זיין אַלע אויסדרוקען פון דעם, ווייל ווען עפּעס אַן אויסדרוק זאָל פעלען וועט דאָך אויסקומען אַז עקזיסטענץ איז דאָ און איז ניט דאָ. דער טעות אין דער דאָזיגער לאָגיק נעמט זיך פון מיספאַרשטעהן דער פאַרהעלטעניש צווישען כלל און פּרט — אַ מיספאַרשטענדעניש וועגען וועלכער עס איז שוין גערעדט געוואָרען אין דער דאָזיגער אָפּהאַנדלונג — דער כלל שליסט ניט איין אַלע זיינע פּרטים, נאָר, אין געגענטייל, ער איז איינגעשלאָסען אין יעדען איינעם פון זיינע פּרטים. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז ווען מאַנכע זאַכען וועלען עקזיסטירען און מאַנכע זאַכען וועלען ניט עקזיסטירען וועט עס ניט מיינען אַז די זעלבע עקזיסטענץ איז דאָ און ניט דאָ, נאָר עס וועט מיינען, אַז איין עקזיסטענץ איז דאָ און אַן אַנדערע איז ניט דאָ, ד״ה אַז עקזיסטענצען זיינען דאָ נאָר אַזוי פיל ווי פיל עס זיינען דאָ זאַכען, און דאָס שטעלט מיט זיך גיט פאָר אַ ווידערשפּרוך אין עקזיסטענץ.

פּראָווען אַנדערע זיך דאָ אַרויסהעלפען מיט אַ פאַרגלייך צו די אינער־ליכע און אויסערליכע זייטען (קאָנקאַוו און קאָנוועקס) פון אַ געבויגענער ליניע — דיזעלבע ליניע זעהט אויס פון איין זייט אַנדערש ווי פון דער אַנדער זייט. וואָס מען פאַרגעסט אָבער דערביי איז, אַז אויך דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דער זעלבער זאַך נאָר וועגען פאַרשיידענע זאַכען — וועגען די פאַרשיידענע שטחים, וועלכע שטעהען אין פאַרהעלטעניש צו די פונקטען פון דער געבויגענער ליניע. די פונקטען פון אַ געבויגענער ליניע שטעהען אין פאַרשיידענע ריכטונגען פון שטח, מאַנכע שטעהען נעהנטער צום מזרח זייט און מאַנכע שטעהען נעהנטער צום מערב זייט; די וואָס שטעהען נעהנטער צום מזרח זייט שטעהען ממילא ווייטער צום מערב זייט, פונקט ווי די וואָס שטעהען נעהנטער צום מערב זייט שטעהען ממילא ווייטער צום מזרח זייט; ווען איר קוקט פון מזרח זייט מוזען דערפאַר אויסקומען די ערשטע אַריינגערוקט און די צווייטע אַרויסגערוקט, פונקט ווי ווען איר קוקט פון מערב זייט מוזען פאַרקערט אויסקומען די צווייטע אַריינגערוקט און די ערשטע אַרויסגערוקט.

אַז צווישען די ביידע איז ניטאָ קיין פאַרגלייך קען מען זעהן פון דעם גופא, וואָס בעת די צוויי זייטען פון דער געבויגענער ליניע שטעלען מיט זיך פאָר אַן אַנאַליטישע איינהייט — דער איינבויג פון איין זייט מוז אויפגע־נומען ווערען אַלס אַן אויסבויג פון דער אַנדער זייט — ווערט דאָ איבער־הויפּט קיין איינהייט ניט צוגעלאָזען; דאָרט טוען דער איינבויג און דער אויסבויג זיך געגענזייטיג פאַראורזאַכען, בעת דאָ „קען גאָר ניט זיין איין זאַך די אורזאַך פון דער אַנדערער.״ מיט אַנדערע ווערטער, דאָרט איז אַן אומזין אויפצונעמען די צוויי אַלס ניט־איינהייט און דאָ איז אַן אומזין אויפ־צונעמען די צוויי אַלס איינהייט.

ו.

דאָס האָט וויזט אויס באַוואויגען לייבניצען צו פאַרבייטען דעם אי־דענטישען פאַראַלעליזם פאַר דעם פאַראַלעליזם פון „פאַרויס איינגעשטעלטער האַרמאָניע, וועלכער פאָדערט ניט דעם אַבסורד פון אויפנעמען פאַרשיידענע זאַכען אַלס איין און די זעלבע זאַך. האָט אָבער דער דאָזיגער פאַראַלעליזם אַנדערע שוועריגקייטען, וועלכע ווייזען זיך אַרויס ווי נאָר מען פּרובירט זיך אויסמאָלען די מעגליכקייטען פון דער „פאַרויס איינגעשטעלטער האַרמאָניע״ צווישען קערפּער און געדאַנק.

די דאָזיגע מעגליכקייטען זיינען פיער: (1) עס זאָל זיין האַרמאָניע סיי צווישען קערפּער און געדאַנק און סיי אין קערפּער און אין געדאַנק גופא, ד״ה, אַז ניט נאָר זאָלן שטענדיג פאַרקומען גלייכצייטיג די זעלבע קער־

פערליכע באַוועגונגען מיט די זעלבע אידייען, נאָר די קערפּערליכע באַ־וועגונגען אַליין זאָלן אויך פאָלגען איינע פון די אַנדערע שטענדיג אין דער זעלבער מעכאַנישער אָרדנונג, פּונקט ווי די אידייען אַליין זאָלן שטענדיג פאָלגען איינע פון די אַנדערע אין דער זעלבער אינטעלעקטועלער אָרדנונג. (2) עס זאָל זיין האַרמאָניע נאָר צווישען קערפּער און גערדאַנק, אָבער ניט אין קערפּער גופא און אין גערדאַנק גופא. (3) עס זאָל זיין האַרמאָניע צווישען קערפּער און גערדאַנק, ווי אויך אין גערדאַנק גופא, אָבער ניט אין קערפּער גופא. (4) עס זאָל זיין האַרמאָניע צווישען קערפּער און גערדאַנק, ווי אויך אין קערפּער גופא, אָבער ניט אין גערדאַנק גופא.

ווייזט אַפילו אויס פון לייבניצעס ווערטער, אַז ער האָט זיך אויסגע־מאָלט דער דאָזיגער האַרמאָניע אין אנקלאַנג מיט דער ערשטער מעגליכ־קייט. דאָס זעהט זיך פון מערערע פּאַראַגראַפען אין זיין „מאָנאַדאָלאָגיע". אַזוי, למשל, זאָגט ער דאָרט אין דעם אכט און זיבעציגסטען פּאַראַגראַף: „די זעלע פאָלגט אירע אייגענע געזעצען, דער קערפּער אויך זיינע אייגענע." דאָס זעהט זיך אויך פון דעם, וואָס ער פאַרגלייכט דער האַרמאָניע צווישען דער זעלע און דעם קערפּער צו דער האַרמאָניע פון צוויי זייגערס, וועלכע געהען זיך יעדער איינער זיין אייגענעם גאַנג.* ווערט אָבער זיין גענוג אין ביישפּיל פון דער ערפאַרונג צו באַווייזען, אַז די דאָזיגע מעגליכקייט איז אויסגעשלאָסען:

לאָמיר זיך פאָרשטעלען ווי איינער געהט פאַרטיפט אין אַ מאַטע־מאַטישער פּראָבלעמע, ווען פּלוצלינג פאַלט אויף אים אַ שטיין. זיינע פרי־הערדיגע מחשבות און זיינע פריהערדיגע שטרעבונגען ווערען גלייך איבער־געריסען דורך אַ געפיהל פון וועהטאָג, וועלכער איז אין גאַנצען פאַרשיידען און וועלכער שיינט אויך צו קומען פון אַן אַנדער מקור, פון אַ שטויס אויפן קערפּער. ווערט לייבניץ אודאי זאָגען, אַז דער דאָזיגער געפיהל קומט ניט פון שטויס אויפן קערפּער נאָר פון דער זעלע אַליין — ווי אַזוי? אויסרע־כענענדיג אין פאָרויס, אַז דער קערפּער ווערט אין דעם מאָמענט באַקומען אַזאַ שטויס האָט דער באַשעפער גלייך געשאַפען דער זעלע אַזוי, אַז אין דעם זעלבען מאָמענט זאָל זי באַקומען דעם דאָזיגען געפיהל פון וועהטאָג, כדי עס זאָל זיין האַרמאָניע צווישען איר און דעם קערפּער. אָבער פונ־דעסטוועגען ווערט ער דאָך מוזען צוגעבען, אַז דער דאָזיגער געפיהל פּאַסט זיך ניט אַריין אין דעם גאַנג פון די פריהערדיגע מחשבות אָדער שטרעבונגען

* זעה זייט 115 אין "The Philosophical Writings of Leibniz, Selected and Translated by Mary Morris".

פון דער זעלע — ווייל וואָס פאַר אַ שייכות איז דאָ צווישען דעם שמערץ פון אַ וואונד מיט דער לעזונג פון אַ מאַטעמאַטישער פּראָבלעמע? *

אין געדאַנק גופא איז אַלזאָ ניטאָ קיין פולשטענדיגע האַרמאָניע. דאַגע־גען, אין קערפּער גופא שיקט זיך, אַז עס איז דאָ פולשטענדיגע האַרמאָניע, ווייל אויב מען נעמט אָן, אַז מאַנכע אידייען אָדער שטרעבונגען שווימען אַרויף אין אַ באַשטימטער צייט צוליב דעם, וואָס עס איז אויסגערעכענט געוואָרען אין פאָרויס, אַז זיי וועלען שטימען מיט די באַוועגונגען פון קער־פּער, מוז מען דאָך ממילא אויך אָננעמען, אַז די באַוועגונגען פון קערפּער לאָזען זיך רעכענען אין פאָרויס, ד״ה, אַז זיי געהען אָן לויט אַ באַשטימטען חשבון, לויט אַ באַשטימטער אָרדנונג. עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז דאָס ווערט אויך באַשטעטיגט דורך דערפאַרונג, וועלכע וויזט אונז באַשיינפּער־ליך, אַז די באַוועגונגען פון קערפּערס פאָלגען זיך נאָך לויט באַשטימטע מעכאַנישע געזעצען.

דאָס איז אַלזאָ די איינציגע מעגליכקייט אין וועלכער די „פאָרויס איינגע־שטעלטע האַרמאָניע“ לאָזט זיך אויפנעמען — אַ קערפּערליכע וועלט אין וועלכער די צושטאַנדען פאָלגען זיך נאָך אין אַ באַשטימטער אָרדנונג און אַ געדאַנקען וועלט אין וועלכער די צושטאַנדען זיינען בלויז אויסגעשטעלט אַזוי, אַז זיי זאָלן האַרמאָנירען אָדער אָבשפּיגלען די צושטאַנדען פון דער קערפּערליכער וועלט. דאָס שמעקט זעהר שטאַרק מיטן עפּיפענאמענאַליזם אין זיין צווייטען נוסח און ממילא האָט עס אויך מאַנכע שוועריגקייטען פון דעם דאָזיגען עפּיפענאמענאַליזם.

קודם איז אונז שווער צו פאַרשטעהן די גאַנצע עובדא פון געדאַנק. אַפילו מען זאָל ניט אָננעמען לייבניצעס הנחה, אַז אַלץ אין אונזער וועלט איז איינגעאָרדענט געוואָרען אויפן בעסט־מעגליכען אופן, קען מען אָבער דאָך ניט אָבלייקענען דעם פאַקט, אַז יעדער אָרגאַן פון די בעלי חיים איז נוצליך, אָדער איז אַמאָל געווען נוצליך, פאַר זייער עקזיסטענץ — איז פאַר וואָס זאָל דער געדאַנק, די „ענטעלעכי“ אָדער דער אָרגאַן פער עקסעלענץ, אויפגענומען ווערען אַלס אַן אומנוצליכע אָבשפּיגלונג פון דעם, וואָס געהט

* דאָס שטעלט פאַר אַ גרויסע שוועריגקייט פאַר לייבניצעס טעאָריע. איבערהויפּט ווען אין דעם צוויי־און־צוואַנציגסטען פּאַראַגראַף פון זיין „מאָנאַדאָלאָגיע“ לייענען מיר בפירוש: „יעדער געגענווערטיגער צושטאַנד פון אַן איינפאַכער סובסטאַנץ פאָלגט נאַ־טירליך פון אַ פריהערדיגען צושטאַנד.“ און היות ווי די זעלע איז דאָך ביי לייבניצען אַן איינפאַכע סובסטאַנץ, מוז לויט אים יעדער צושטאַנד פון דער זעלע פאָלגען נאַטירליך פון אַ פריהערדיגען צושטאַנד אירען. דאָ קען אַפילו ניט העלפען דאָס וואָס מען וועט דער־קלערען קערפּערס און ממילא קערפּערליכע באַוועגונגען בלויז אַלס אידייען, ווייל די אידייען פון שטויס און פון וועהטאָג האָבען דאָך פאָרט ניט צו טאָן מיט דער לעזונג פון אַ מאַטעמאַטישער פּראָבלעמע און ממילא מוז אויסקומען אַז די צושטאַנדען פון דער זעלע פאָלגען ניט נאַטירליך איינע פון די אַנדערע.

אָן אין קערפּער? אויף וועלכע גוטע יאָר האָבען מיר נויטיג די וועהטאָגען און די עגמת־נפשען און די דאגות, וועלכע קענען פאַר אונז גאָר ניט אויפטאָן, מחמת אַלץ וואָלט אָהן זיי אַנגעגאַנגען פונקט ווי מיט זיי?

אויך איז שווער צו פאַרשטעהן פאַר וואָס דער געדאַנק איז אַזוי איבערקלייבעריש — פאַר וואָס מאַנכע זאַכען טוט ער אָבשפּיגלען און מאַנכע זאַכען ניט. אודאי לאָזט זיך זאָגען, אַז אונזער געדאַנק איז באַגרענעצט, אַז ער איז איינגעשטעלט געוואָרען צו דענקען נאָר די אידייען, וועלכע שפּיגלען אָב דאָס וואָס איז נאָהנט פאַרבונדען מיט אונזער קערפּער. אָבער איז דען דער עפעקט אויפן אויג פון אַ הויז אַ האַלבען מייל אַוועק נעהנטער פאַר־בונדען מיט אונזער קערפּער ווי די בלוט צירקולאַציע, וועלכע געהט אָן אין אונזער גאַנצען קערפּער?

אויך איז שווער צו פאַרשטעהן פונוואַנעט נעמט זיך צו אונדז די אידייע פון אינטעראַקציע — פאַר וואָס מאַכען מיר דעם טעות צו דענקען, אַז קער־פּער און געדאַנק טוען זיך געגענזייטיג בעאיינפלוסען, און זאָלען מיר שוין אָפּילו אָננעמען, אַז דער דאָזיגער טעות איז אַ נאַטירליכער, אַז ווען צוויי זאַכען געהען אָן פּאַראַלעל איז אונזער געדאַנק פון זיין נאַטור גענייגט צו דענקען צווישען זיי אַ שייכות פון אורזאַכליכקייט, בלייבט אָבער אַלץ שווער צו פאַרשטעהן פונוואַנעט נעמט זיך די באַשטימטע אָרדנונג אין דעם דאָזיגען אורזאַכליכקייטס שייכות, פאַר וואָס דענקען מיר שטענדיג אין מאַנכע באַ־שטימטע פאַלען, אַז דער קערפּערליכער צושטאַנד טוט פאַראורזאַכען דער אידייע און אין אַנדערע באַשטימטע פאַלען דענקען מיר פאַרקערט, אַז די אידייע טוט פאַראורזאַכען דעם צושטאַנד פון קערפּער.

ז.

בלייבט אַלזאָ ניט מער ווי צו באַטראַכטען דעם אידעאַלען פאַראַלעליזם, וועלכער איז אַ פאַר הונדערט יאָר אינגער פון זיינע ערשטע צוויי ברידער און ער איז שוין דערפאַר אויסגעאַרבעט געוואָרען אין ליכט פון די מאָדערנע וויסענשאַפטען. נאָר פונדעסטוועגען איז אויך אין אים ניט שווער צו געפינען די זעלבע פאַמיליע פעלערען, מען דאַרף נאָר אַ קוק טאָן ווי אַזוי ער טייטשט אויס קאָנקרעטע פאַסירונגען.

לאָמיר נעמען אַזאַ פאַסירונג: איך שטעה און קוק אין אַ שוי פענסטער, ווען פּלוצלינג דערפיל איך אַ האַנד אויף מיין פּלייצע; איך דרעה זיך אויס און דערזעה מיין ברודער. ווען אימיצער זאָל מיר בשעת מעשה אַנקוקען אַפּילו מיטן גרעסטען מיקראסקאָפּ, קאָמבינירט מיט אַ פלוראָסקאָפּ, וועט ער ניט זעהן דאָס, וואָס איז געווען אין מיין באַוואוסטזיין, נאָר אין גאַנצען עפּעס אַנדערש: ער וועט ניט זעהן אין מיר דעם געפיהל פון אַ האַנד אויפן פּלייצע, דעם וואונש זיך אויסצודרעהען כדי צו זעהן וועמענס האַנד עס איז, דעם

בילד פון מיין ברודער און די געפיהלען, וואָס דער דאָזיגער בילד רופט אין מיר אַרויס, — נאָר אַנשטאָט דעם וועט ער גאָר זעהן אַ כוואַליע פון קערפּערליכער באַוועגונג, וואָס ציהט זיך פון פּלייצע ביז צום מאַרך און פון דאָרט צוריק אַרונטער צו באַשטימטע מוסקולען, וועלכע ציהען זיך איין און ציהען זיך אויס און פּאַראורזאַכען אַזוי אַרום די אומדרעהונג פון קערפּער אא"וו.

נעמען מיר געוועהנליך אָן, אַז דער אונטערשייד צווישען די דאָזיגע צוויי סאָרטען דערקענטעניִשען איז אַן אָביעקטיווער, דאָס וואָס איך דערקען אין זיך איז בעצם עפּעס אַנדערש פון דאָס, וואָס דער זייטיגער צושויער קען זעהן אין מיר; אונז קומט אויס, אַז די צוויי סאָרטען דערקענטעניִשען פאַרטרעטען זיך־נאָכפאָלגענדע געשעעניִשען, וואָס זיינען פאַרבונדען אין איין סצענע, פון וועלכע איך זעה איין טייל און דער זייטיגער צושויער זעהט אַן אַנדער טייל. די אידעאַליסטען־פּאַראַלעליסטען נעמען אָבער אָן, אַז די צוויי סאָרטען דערקענטעניִשען פאַרטרעטען די זעלבע געשעעניִשען, — אַז מיין געפיהל פון אַ האַנד אויפן פּלייצע, אָדער מיין וואונש זיך אויסצודרעהען, ווערט דערקענט אויסערליך, פאַרן חוש הראיה, אַלס אַזאַ און אַזאַ קערפּער־ליכע באַוועגונג.

דאָס מיינט דאָך אָבער, אַז געדאַנק איז אַ באַוועגונג פון שטאָף — אַ טעאָריע, וועלכע איז שוין דאָ דערמאָנט געוואָרען אין נאָמען פון אַ מאַטע־ריאַליסטישען גדול און וועלכער די אידעאַליסטען־פּאַראַלעליסטען וואַרפען אַליין אָב אַלס אַן אַבסורד — איז ווי אַזוי ווערט די זעלבע טעאָריע גע'כשר'ט אַלס אידעאַליסטישער פּאַראַלעליזם? מיט אַנדערע ווערטער — אין וואָס באַ־שטעהט דער חילוק צווישען עפּיפענאָמענאַליזם אין זיין ערשטען נוסח און דעם אידעאַליסטישען פּאַראַלעליזם, אַ חילוק צוליב וועלכען די ערשטע טעאָ־ריע איז אַן אַבסורד און די צווייטע ניט?

דער הויפּט חילוק צווישען די דאָזיגע צוויי טעאָריעס באַשטעהט אין דעם, וואָס בעת אין עפּיפענאָמענאַליזם ווערט די פיזישע וועלט אויפגענומען אַלס דער עיקר פון עקזיסטענץ און די פּסיכישע צושטאַנדען בלויז אַלס אַ טפל, ווערט דאָ אויפגענומען פאַרקערט, די פּסיכישע צושטאַנדען אַלס דער עיקר פון עקזיסטענץ און די פיזישע וועלט בלויז אַלס טפל; לויטן עפּיפענאָמענאַליזם האָט זיך עקזיסטענץ אָנגעפאַנגען מיט שטאָף און באַווע־גונג, נאָר מיט דער צייט האָבען מאַנכע קאָמבינאַציעס פון שטאָף אָדער מאַנכע באַוועגונגען אָנגעהויבען צו דערשיינען אויך אַלס צושטאַנדען פון באַוואוסטזיין, בעת דאָ איז פאַרקערט: „דער פּסיכישער געביט שטעלט פאַר דער ווירקליכקייט אַזוי ווי זי איז דורך זיך זעלבסט און פאַר זיך זעלבסט; דאַגעגען, די פיזישע זייט האָט די מדריגה פון בלויז אַן אויסערליכער דער־שיינונג."* און אָט דער דאָזיגער חילוק זאָל שוין דערקלערען פאַר וואָס

* זעה זייט 92 אין טיליס' איבערזעצונג פון פּאָולסענס "An Introduction to Philosophy".

עפּיפענאָמענאַליזם דאַרף אָבגעוואָרפען ווערען אַלס אַן אַבסורד, בעת די עהנליכע טעאָריע פון אידעאַליסטישען פּאַראַלעליזם איז ניט קיין אַבסורד — ווי אַזוי?

ווען שטאָף אָדער באַוועגונג זאָל ווערען באַוואוסטזיין, דאַן וועט עס מיינען, אַז אַ זאַך איז געוואָרען עפּעס אַנדערש ווי עס איז געווען, ד"ה, אַז עס האָט פון זיך אַרויסגעבראַכט עפּעס, וואָס איז אין דעם ניט געווען, אַ יש מאַין. דאַגעגען, ווען באַוואוסטזיין זאָל דערשיינען אויך אַלס קערפּער, וועט עס ניט זיין אַנדערש ווי עס איז, ווייל די דערשיינונג פון קערפּער איז דאָך אויך באַוואוסטזיין — באַוואוסטזיין פון אַזאַ און אַזאַ פאָרמע. דאָס איז די הסברה פון פּאולסענס אַרגומענט: „געדאַנקען קענען ניט באַגריפען ווערען אַלס פּראָדוקטען פון שטאָף, בעת שטאָף קען באַגריפען ווערען אַלס אַ פּראָדוקט פון געדאַנק." *

איז דער דאָזיגער אַרגומענט ניט שלעכט און פון לאָגישען שטאַנדפּונקט וואָלט דערפאַר דער אידעאַליזם־פּאַראַלעליזם זיך געלאָזט לייכט אַראָבשלינגען. די צרות פאַנגען זיך אָבער אָן, ווען עס קומט צו דער ערפאַרונג. אָט וועלען מיר נעמען דעם ביישפּיל מיט מיין געפיהל פון אַ האַנד אויפן פּלייצע. לויט דער דאָזיגער טעאָריע דאַרף אויסקומען, אַז דער געזעהענער פאַקט פון דעם איז בלויז אַ דערשיינונג פון מיין געפיהל — אָבער אויב אַזוי, פונוואַנעט האָט זיך פּלוצלינג צו מיר גענומען דער געפיהל פון אַ האַנד אויף מיין פּלייצע?

מאַטערען זיך די אידעאַליסטען־פּאַראַלעליסטען עס צו דערקלערען דורך „פּאַנפּסיכיזם" — וואָס הייסט? יעדער קערפּער איז בעצם אַ באַוואוסטזיין, וועלכער דערשיינט נאָר פאַר אונזערע אויסערליכע חושים אַלס אַ קערפּער. די האַנד און די פּלייצע זיינען, אַלזאָ, בעצם אויך באַוואוסטזיינס, און ווען מיין ברודערס האַנד באַרירט מיין פּלייצע, טוט באמת איין באַוואוסטזיין באַרירען אַן אַנדער באַוואוסטזיין — אַ באַוואוסטזיין פאַרבונדען מיט מיין ברודער טוט באַרירען אַ באַוואוסטזיין פאַרבונדען מיט מיר — און פון די דאָזיגע באַרירונגען צווישען באַוואוסטזיין קען שוין גאַנץ גוט פאָלגען דער געפיהל פון אַ האַנד אויף מיין פּלייצע.

איז דאָס דערקלערט גאַנץ גוט פאַר וואָס איך נאָר זיך אָב און דענק, אַז מיין געפיהל האָט געפאָלגט פון אַ פיזישער באַרירונג, ווייל דעם אויסערליכען באַוואוסטזיין פון וועלכען עס פאָלגט באמת, קען איך דאָך דערקענען נאָר ווי אַ פיזישע דערשיינונג. דאָס קען נאָך אויך דערקלערען פאַר וואָס מיין ברודער נאַרט זיך אָב און ער מיינט, אַז די פיזישע באַרירונג פון זיין האַנד האָט פאַראורזאַכט דעם געפיהל אין מיר, ווייל דער באַוואוסטזיין, וואָס געהט אָן אינערליך אין זיינע איברים איז פאַר אים אַליין אַזוי

---

* אין דעם זעלבען בוך, זייט 111.

טונקעל, אַז ער איז עס אומשטאַנד צו דערקענען נאָר מיט זיינע אויסערליכע חושים. אָבער אויף דעם דאָזיגען וועג איז אוממעגליך צו פאַרשטעהן דעם אופן ווי אַזוי איין באַוואוסטזיין זוכט צו קומען אין באַרירונג מיט דעם אַנדער באַוואוסטזיין — אַן אופן, וועלכער פּאַסט זיך כּלל ניט פאַר דער נאַטור פון באַוואוסטזיין.

לאָמיר נעמען אַזאַ ביישפּיל: איך זעה מיין ברודער פון דערווייטענס און איך וויל מיט אים רעדען. איז וואָס טוט מיין באַוואוסטזיין כּדי צו פאַרווירקליכען דעם דאָזיגען וואונש? ער גערהט? ער באַוועגט זיך אין שטח? איז דען ניט די גאַנצע מעשה פון באַוועגונג און פון שטח ניט מער ווי אַן ערשיינונג פאַר די אויסערליכע חושים — אַן ערשיינונג, וועלכע איז בלויז דער „עקוויוואלענט” פון אַן אינערליכען באַוואוסטזיין — איז וואָס איז פון דעם דער אינערליכער באַוואוסטזיין? פאַר וואָס פיהלען מיר אויך אינערליך, אַז דער קאָנטאַקט מוז דאָ געמאַכט ווערען דורך אַ דערנענטע־רונג אין שטח און דורך אַ באַוועגונג?

וועט מען פיליכט זאָגען, אַז דאָס אַלץ נעמט זיך פון דעם, וואָס דער הויפּט־באַוואוסטזיין מאַכט ניט אַליין דעם קאָנטאַקט, נאָר ער גיט עס איבער צו זיינע משרתים, די באַוואוסטזיינס, וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדען און וועלכע ער איז אומשטאַנד צו דערקענען נאָר מיט זיינע אויסערליכע חושים און ממילא נאָר אַלס קערפּערס, אַלס הענד, פיס, מויל אד"ג. און היות ווי אויך די טעטיגקייטען פון די דאָזיגע משרתים זיינע דערקענט דאָך דער באַוואוסטזיין נאָר מיט זיינע אויסערליכע חושים, איז ער ממילא אומשטאַנד נאָר צו דערקענען ווי דער געמאַכטער קאָנטאַקט דערשיינט אויף אַ פיזישען אופן. אָבער אויב די באַוועגונג אין שטח איז ניט מער ווי אַ דערשיינונג און באמת קומט דאָ פאַר אַ דירעקטער קאָנטאַקט צווישען באַוואוסטזיינס, טאָ פאַר וואָס מוז עס נעמען אַזוי פיל צייט ביז דער דאָזיגער קאָנטאַקט ווערט געמאַכט? פאַר וואָס מוז מען אַמאָל פאַרען גאַנצע טעג כּדי צו קומען מיט מענשען אין פערזענליכען קאָנטאַקט?

איז אַפילו דאָ אויך אויף דעם אַ פאַרטיגער תירוץ, וועלכען מען גע־פינט אין קאַנט'ס „טראַנסצענדענטאַלען אידעאַליזם”, דהיינו, אַז פּונקט ווי שטח און באַוועגונג אַזוי איז אויך צייט בלויז אַ דערשיינונג. אָבער ווען מען נעמט זיך אויף קאַנט'ס דרך מוז מען מיט אים מיטגעהן ביז צו דער אידייע פון אַן אומבאַוואוסטען „נאָאומען”, ד"ה אַז ניט נאָר שטח און צייט נאָר אויך באַוואוסטזיין און ווילען זיינען ניט מער ווי דערשיינונגען, ווייל באַ־וואוסטזיין און ווילען קענען דאָך נאָר געמאָלט זיין דורך די צייט'ס פאָרמען פון פאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט — ווען איך בין איצט באַ־וואוסטזיניג פון עפּעס מוז דאָך שוין דער עפּעס האָבען עקזיסטירט אַ מאָמענט פריהער און ווען איך ווינש עפּעס מוז איך דאָך עס ווינשען פאַר דער צו־קונפט. און אַזוי ווייט קענען די אידעאַליסטען פאַראַלעליסטען ניט געהן, ווייל

זייער גאַנצער ציל איז דאָך אויסצושיילען דעם אמת פון דערשיינונג, ד"ה צו דערלאַנגען אונז דאָס, וואָס איז שוין רייך פון דערשיינונג.

אַ חוץ דעם זיינען דאָ נאָך פיל זאַכען אין אונזער דערפאַרונג, וואָס קוקען אויס זעהר מאָדנע אין ליכט פון אידעאַליסטישען פּאַראַלעליזם: אַט איז אויף איינעם אַרויפגעפאַלען אַ שטיין און האָט אים דער׳הרג׳עט. דער שטיין איז לויט דער דאָזיגער טעאָריע אַ גאַנץ טונקעלער באַוואוסטזיין; בעת דער מענש שטעלט פאַר פּאַרקערט, אַ הויכען גראַד באַוואוסטזיין. זעהט עס אָבער ניט אויס מאָדנע, אַז דער שוואַכער באַוואוסטזיין זאָל זיין בכח אַרויסצושטופּען פון עקזיסטענץ דעם שטאַרקען באַוואוסטזיין? ווייזען אונז דען ניט די אינערליכע דערפאַרונגען פּאַרקערט, אַז דער שטאַרקערער איינדרוק שטויסט שטענדיג אַרויס דעם שוואַכערען איינדרוק, אָדער אַז דער שטאַרקע־רער ווילען אונטערדריקט שטענדיג דעם שוואַכערען ווילען?

און אַזויבע מאָדנעקייטען וואָלט מען געקענט געפינען פיל — נאָר צו וואָס געהן זוכען פוילע בוימער, ווען דער גאַנצער וואַלד ברענט? איז דאָך אונזער גאַנצע דערפאַרונג אויסגעשפּראָכען געגען דעם דאָזיגען סאָרט פּאַ־ראַלעליזם: זאָגט דאָך אונז אונזער דערפאַרונג בפירוש, אַז עס עקזיסטירען בעצם ניט נאָר ווילענס און באַוואוסטזיינס נאָר אויך שטח, קערפּערס און באַוועגונגען; פּונקט ווי זי זאָגט אונז בפירוש, אַז צווישען קערפּערס און באַוואוסטזיינס אָדער ווילענס זיינען דאָ באַציהונגען פון געגענזייטיגער אורזאַכליכקייט.*

מען זאָגט, אַז אונזער דערפאַרונג איז ניט פאַרלעסליך — והא ראיה, מיר האָבען אויך פאַלשע דערפאַרונגען, ווי חלומות, אילוזיעס אַד"ג. מען פאַרגעסט אָבער, אַז דער פאַקט, וואָס מיר ווייסען דאָס מאַנכע דערפאַרונגען זיינען פאַלש, ווייזט גאָר, פּאַרקערט, אויף דער פאַרלעסליכקייט פון אונזער דערפאַרונג — עס ווייזט, אַז מיר באַזיצען אויך די מעגליכקייט אויסצוזיפען אונזער דערפאַרונג פון פאַלשקייט, פון דאָס וואָס איז בלויז דערשיינונג.

פון דער צווייטער זייט, אויב מיר זאָלען ניט גלויבען אונזער דערפאַ־רונג, מיר זאָלען אָננעמען, אַז די אַלע קערפּערס אַרום אונז זיינען בלויז דער־שיינונגען, פאַלשע בילדער, איז פאַר וואָס זאָלען מיר דענקען, אַז הינטער די דאָזיגע בילדער זיינען דאָ באַוואוסטזיינס? דער איינציגער ענטפער אויף דעם איז „אַנאַלאָגיע" — אַזוי ווי איך בין אַ באַוואוסטזיין און איך דערשיין פאַר מיינע חושים ווי אַ קערפּער, שיקט זיך, אַז אַלע זאַכען וואָס דערשיינען פאַר מיינע חושים ווי קערפּערס זיינען באַוואוסטזיינס. אָבער שטיצענדיג זיך

---

* עס איז אַפילו דאָ אַ סברא אַז די גאַנצע אידייע פון אורזאַכליכקייט שטאַמט פון דער דאָזיגער אינערליכער דערפאַרונג, מחמת אין דער דאָזיגער דערפאַרונג דערקענען מיר עס בפירוש — איך פיהל בפירוש, אַז מיין האַנד האָט זיך באַוועגט וויל איך האָב עס געוואָלט. דאַגעגען, אין די אַנדערע פאַלען פון אורזאַכליכקייט זעהען מיר נאָר אַז איין געשעעניש האָט נאָכגעפאָלגט אַן אַנדערער.

בלויז אויף דער דאָזיגער אַנאַלאָגיע, וואָלט איך באַדאַרפט אָננעמען, אַז אַלע קערפּערס זיינען ניט עפּעס אַנדערש ווי מיין באַוואוסטזיין, ווייל איך ווייס דאָך נאָר, אַז דאָס וואָס דערשיינט פאַר מיינע חושים אַלס קערפּער איז מיין אייגענער באַוואוסטזיין.

די דאָזיגע פאַרלייקענונג פון דערפאַרונג מוז, אַלזאָ, דערפירען צו סאָליפּציזם, — צו דער הנחה, אַז בלויז איך אַליין עקזיסטיר און אַלע אַנדערע עקזיסטענצען זיינען ניט מער ווי דערשיינונגען אין מיין באַוואוסטזיין. ביי סאָליפּציזם וויל זיך אָבער כמעט קיינער ניט אָבשטעלען, ווייל מיט דער דאָזיגער טעאָריע קען מען ניט אַרויסגעהן אויפן מאַרק — אַ סאָליפּציסט קען ניט פּרעטענדירען דאָס זיין טעאָריע איז אַזאַ, אַז אויך אַנדערע דאַרפען איר אָננעמען אַלס אמת, ווייל לויט זיין טעאָריע דאַרפען דאָך קיין אַנדערע גאָר ניט עקזיסטירען און עס דאַרף דערפאַר ניט זיין ווער עס זאָל איר אָננעמען אַלס אמת.*

ח.

אַזוי זעהען מיר, אַז שוועריגקייטען זיינען דאָ ניט נאָר אין אינטעראַקציע, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע טעאָריעס וואָס האָבען צו טאָן מיט די באַציהונגען צווישען קערפּער און געדאַנק. אויך זעהען מיר, אַז אינטעראַקציע האָט אַ וויכטיגע מעלה קעגען די אַנדערע טעאָריעס מיט דעם, וואָס בעת די אַנדערע טעאָריעס זיינען געגען אונזער דירעקטער דערפאַרונג, טוט גראַד אינטעראַקציע שטימען מיט אונזער דירעקטער דערפאַרונג. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ווען מען אונטערזוכט גרינדליך די שוועריגקייטען פון אינטעראַקציע, ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז זיי נעמען זיך פון פאַראורטיילען און פאַלשער לאָגיק — ווי אַזוי?

אָט זיינען דאָ געבראַכט געוואָרען זיבען טעמים צוליב וועלכע אינטעראַקציע איז אָבגעוואָרפען געוואָרען. זיינען די ערשטע צוויי טעמים איבערהויפּט ניט קיין אַרגומענטען: דער ערשטער טעם שטעלט פאַר בלויז אַן איינרעדעניש, אַז אַלץ מוז זיין אַנדערש ווי מיר נעמען עס אויף; דער צווייטער טעם שטעלט פאַר בלויז אַ שטימונג פאַר מעכאַניק — אָבער שטימונג און איינרעדעניש זיינען בעצם ניט עפּעס אַנדערש ווי פאַראורטייל.

דער דריטער טעם איז באַזירט אויף אַ פאַרעלטערטער הנחה, אַז די זעלבע עלעמענטען מוזען בלייבען אין אַלע קאָמבינאַציעס ביי די זעלבע קוואַליטעטען. דאָס ווערט אָבער היינט אָבגעלייקענט דורך דער הנחה פון „אימוירדזענס, וועלכע לויטעט, אַז די זעלבע עלעמענטען, ווען זיי געפינען

---

* די אַנדערע אַרגומענטען וואָס פּראָפעסאָר פּראַט ברענגט געגען דעם אידעאַליסטישען פּאַראַלעליזם זיינען דאָ אויסגעלאָזען געוואָרען דערפאַר, וואָס מען קען זיך אויף זיי שטאַרק דינגען.

זיך אין אַ קאָמבינאַציע, ווייזען זיי אַרויס אַנדערע קוואַליטעטן ווי זיי ווייזען אַרויס, ווען זיי געפינען זיך אויסער דער קאָמבינאַציע, פונקט ווי זיי ווייזען אַרויס פאַרשיידענע קוואַליטעטן, ווען זיי געפינען זיך אין פאַר־שיידענע קאָמבינאַציעס. מען קען דערפאַר ניט דרינגען דער אַליין־הערשאַפט פון מעכאַניק דורך אַ פאַרגלייך צווישען די עלעמענטן. און בפרט, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פאַרגלייך צווישען אומאָרגאַנישער און אָרגאַני־שער שטאָף, וואו מען קען אויך ניט זאָגען, אַז די עלעמענטן זיינען די זעלבע, ווייל אין דער אָרגאַנישער שטאָף קומט דאָך צו דער אומבאַוואוסטער עלעמענט פון לעבען.*

נאָך ווייניגער רעכענט מען זיך היינט מיט דעקאַרט'ס הנחה פון „אַני־מאַל־מאַשין", וועלכע איז די גרונד־הנחה אין דעם פערטען טעם. עס איז היינט ביי קיינעם קיין ספק ניט, אַז די חיה איז עפּעס מער ווי אַ מעכאַנישע מאַשין; אַז פונקט ווי דער מענש באַזיצט זי געפיהלען דורך וועלכע זי ווערט געטריבען צו טאָן אָדער ניט צו טאָן באַשטימטע מעשים; אַז ווען דער הונט, למשל, ווערט פאַרוואונדעט אָדער הונגעריג ליידט ער וועהטאָג און דאָס דאָזיגע ליידען פאָדערט פון אים עפּעס צו טאָן כדי זיך פון דעם צו באַפרייען. דאַרווינס דערנענטערען דעם מענשען צו אַנדערע בעלי חיים, טוט דערפאַר גאָר ניט אויף פאַר דער פּרעטענזיע פון מעכאַנישער אַליין־הערשאַפט, מחמת די דאָזיגע פּרעטענזיע ווערט אָבגעפרעגט בנוגע די אַנדערע בעלי חיים פונקט ווי בנוגע דעם מענשען.

בלייבען אַלזאָ ניט מער ווי די לעצטע דריי טעמים געגען אינטעראַק־ציע — טעמים וועלכע קוקען אויס צו זיין זעהר ערענסטע און ניט איין פילאָזאָף האָט איבער זיי געקנייטשט דעם שטערען. איז אָבער אויך דאָ דער טייוועל ניט אַזוי שרעקליך ווי מען מאָלט אים; ווען מען טראַכט זיך אַריין טיפער אין די דאָזיגע טעמים געפינט מען אויך אין זיי די ווילד־גראַז פון פאַראורטייל, פאַרזייט דורך געוואוינשאַפט: אונזער געוואוינשאַפט צו זעהן ווי קערפּערס ווערען געבראַכט אין באַוועגונג דורך פיזישער באַרירונג (דורך שטויסען אָדער ציהען) שאַפט אין אונז אַן אַסאָסאַציע צווישען די ביידע, אַזוי, אַז יעדעס מאָל, ווען מיר שטעלען זיך פאָר ווי עפּעס ווערט געבראַכט אין באַוועגונג שטעלען מיר זיך אויך פאָר, ווי דאָס וואָלט געשעהן דורך אַ פיזישער באַרירונג און מיר מיינען דערפאַר, אַז בטבע קענען מיר זיך גאָר אַנדערש ניט פאָרשטעלען און אַז בטבע קען גאָר אַנדערש ניט געמאָלט זיין. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג, — ווייל האָבען מיר זיך דען אַלס קינדער ניט פאַרגעשטעלט ווי אַ שטיין קען זיך אָברוקען דורך דעם, וואָס

* אין דער דאָזיגער אָפּהאַנדלונג, אין עלפטען אָפּשניט פון צוועלפטען קאַפּיטעל, איז באַוויזען געוואָרען, אַז די לאָגיק פון „געהן נאָכן רוב" האָט אויך צו טאָן מיט גלייכ־הייט און אַז דאָס וואָס איז בפירוש ניט גלייך איז ממילא ניט אונטערוואָרפען אויך דער דאָזיגער לאָגיק.

מען זאָגט אים „אַלגביש עפּעס זיך ? * און זעהען מיר דען ניט מיט אונזערע אויגען ווי די ערד ציהט צו זיך אַ פאַלענדען שטיין אַפּילו, ווען דער שטח צווישען זיי איז אין גאַנצען לעדיג, אַזוי, אַז זי קען אים פּיזיש אַפּילו אומ־דירעקט ניט באַרירען ?

דאָס איז איין פאַלשער פּאָראורטייל. אַ צווייטער פאַלשער פּאָראורטייל איז דאָס, וואָס מיר דענקען, אַז ווען עפּעס האָט פאַראורזאַכט אַ באַוועגונג אין איין קערפּער, מוז עס אויך פאַראורזאַכען אַ באַוועגונג אין אַן אַנדער קערפּער פון דער זעלבער וואָג. דער דאָזיגער פּאראורטייל איז נאָך פיל שטאַרקער ווי דער ערשטער, ווייל אויסער דער געוואוינשאַפט שטיצט ער זיך אויך אויף פאַלשער לאָגיק — פון דער זעלבער אורזאַך דאַרף פאָלגען דער זעלבער עפעקט. מען פאַרגעסט אָבער דערביי, אַז דאָ האַנדעלט זיך באמת וועגען פאַרשיידענע עפעקטען, מחמת מיין קערפּער איז ניט דאָס זעלבע, וואָס אַן אַנדער קערפּער; ער האָט אַנדערע פאַרהעלטענישען; ער איז אויף אַ געוויסען אופן פאַרבונדען מיט מיין באַוואוסטזיין, בעת אַן אַנדער קערפּער איז מיט מיין באַוואוסטזיין ניט פאַרבונדען.**

אַ דריטער פּאראורטייל איז דאָס, וואָס מיר מיינען, אַז יעדע אורזאַך פון באַוועגונג מוז צוגעבען באַוועגונג און אַז דערפאַר, ווען דער באַוואוסטזיין פאַראורזאַכט אַ באַוועגונג אין קערפּער מוז ער דאָרט אויך צוגעבען באַוועגונג און ער מוז דאַדורך פאַרגרעסערען דעם סטאַק פון פיזישער ענערגיע. דער דאָזיגער פּאראורטייל נעמט זיך אויך סיי פון געוואוינשאַפט

* עס איז איבעריג צו זאָגען אַז דאָס וואָס מען קען זיך באמת ניט פאָרשטעלען קענען דאָס קינדער אויך ניט טאָן — קענען דאָך אויך קינדער זיך ניט פאָרשטעלען אַ זאַך וואָס זאָל ניט פאַרנעמען קיין שטח.

** בנוגע אַ פיזישער אורזאַך פון באַוועגונג מאַכט מען ניט אַזאַ אונטערשייד — פאַר־וואָס ? ווייל דורך אינדוקציע האָט מען אויסגעפונען אַז די פיזישע באַוועגונג איז ניט פאַר־בונדען מיט אַזאַ אונטערשייד — אַז עס איז פאַרבונדען מיט אויסשפּרייטונג, מיט אינערציע און בכלל מיט דאָס וואָס איז אַלגעמיין אין אַלע קערפּערס. דאָס איז אָבער ניט דער פאַל מיט דער באַוואוסטזיניגער אורזאַך פון באַוועגונג. דאָס איז אויך ניט דער פאַל מיט אַ כעמישער אָדער עלעקטרישער אורזאַך פון באַוועגונג: דער זעלבער עלעמענט קען פאַר־אורזאַכען אַ באַוועגונג אין איין עלעמענט און ניט אין אַן אַנדערען, אַפּילו פון אַ לייכטע־רער וואָג; זויער־שטאָף רופט אַרויס אַ רעאַקציע אין קוילען־שטאָף און ניט אין העליום. אודאי, אַז מען זוכט קען מען דאָ אויך געפינען עפּעס אַן אָרדנונג, אַ געזעצליכקייט פון פּאָזיטיוויטעט און נעגאַטיוויטעט און געגענזייטיגען דערגענצען־זיך. אָבער קען מען דען ניט געפינען אַ געזעצליכקייט אויך אין דעם וואָס אינטעראַקציע געהט אָן נאָר צווישען באַוואוסטזיינס און קערפּערס וועלכע זיינען אויף עפּעס אַן אופן פאַרבונדען אין איין פּערזענליכקייט? און איז דען ניטאָ אַן אָרדנונג אין דעם וואָס אַ מענשענס באַוואוסטזיין קען באַוועגען נאָר זיין קערפּער און ניט קיין אַנדערען, וואו עס קען גאָר זיין אַן אַנדער באַוואוסטזיין וועלכער זאָל אים ציהען אין אַנדער ריכטונג? אויסער דעם, איז דאָך מיין באַוואוסטזיין אין יענעמס קערפּער גאָר קיין באַוואוסטזיין ניט און עס איז דערפאַר גאָר ניט שייך צווישען די צוויי אַן אורזאַכליכקייט דורך באַוואוסטזיין.

און סיי פון פֿאַלשער לאָגיק; עס שיינט אונז, אַז היות ווי זיין אַן אורזאַך פון באַוועגונג מיינט באַוועגן, מוז עס ממילא אויך מיינען אַן אַקטיוויטעט פון באַוועגונג, פונקט ווי ווען איינער באַוועגט אַ באַל טוט ער בשעת מעשה אַן אַקטיוויטעט פון באַוועגונג. איז אָבער ניט שווער צו באַווייזן, אַז דער באַוואוסטזיין באַוועגט דעם קערפּער אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן — אויף אַן אופן, וואָס פֿאָדערט ניט אַן אַקטיוויטעט פון באַוועגונג — ווי אַזוי?

ווייל אויב דער באַוואוסטזיין זאָל באַוועגן דעם קערפּער אויף דעם זעלבען אופן ווי איינער באַוועגט אַ באַל, וואָלט ער דאַך באַדאַרפט וויסען, וואָס ער באַוועגט, פונקט ווי דער וואָס באַוועגט דעם באַל וויס, וואָס ער טוט. און היות ווי די באַוועגונג פון אַ קערפּערליכען אבר (אייווער) פאַנגט זיך דאָך ניט אָן פון דעם אבר גופא, נאָר זי איז אַ טייל פון אַ גאַנצען קאָמפּלעקס פון באַוועגונגען פון מוסקולען און נערוועןֹ, וועלכע ציהען זיך ביז צום מאָרך, איז וויסענדיג וואָס ער באַוועגט וואָלט דער באַוואוסטזיין באַדאַרפט האָבען אַ ידיעה פון דעם דאָזיגען קאָמפּלעקס. דאָס מיינט ניט, אַז ער וואָלט באַדאַרפט וויסען פון אַלע נערוועןֹ און מוסקולען, וואָס קומען אַריין אין דעם דאָזיגען קאָמפּלעקס, ווייל היות ווי אונזער קערפּער איז איינגעשטעלט ווי אַ מאַשין, קענען אַלע נערוועןֹ און מוסקולען געלאָזען ווערען אין גאַנג דורך באַוועגען בלויז איינעם פון זיי. אָבער פונדעסטוועגען וואָלט ער דאָך באַדאַרפט קענען דעם נערוו, וועלכער פאַנגט אָן דעם קאָמפּלעקס פון באַ־וועגונגען און דאָס מיינט, אַז ער וואָלט באַדאַרפט קענען אַלע מאָטאָר־נערוועןֹ, וואָס געפינען זיך אין מאָרך — קען אונזער באַוואוסטזיין די דאָזיגע נערוועןֹ?

איז אויף וועלכען אופן טוט דער באַוואוסטזיין באַוועגען דעם קערפּער? דער שכל טראָגט, אַז אויב מיר ווייסען עס ניט פון ערגעץ אַנדערש, דאַרפען מיר אָננעמען דאָס, וואָס דער באַוואוסטזיין אַליין זאָגט אונז וועגען דעם, דהיינו, אַז ער באַוועגט דעם קערפּער בלויז דורך באַפעלען — וואָס הייסט דורך אַ באַפעל פון באַוואוסטזיין צו טאָן אַ געוויסען טהאַט גיט זיך אַ וועק אויף דער מאָטאָר־נערוו, וועלכער לאָזט אין גאַנג דעם גאַנצען קאָמפּלעקס פון נערוועןֹ און מוסקולען, וועלכע נוצען זייערע אייגענע פּאָטענציעלע ענער־גיע, וואָס איז נויטיג פאַר די באַוועגונגען פון דורכפירען דעם באַפעל. אויף אַזאַ אופן איז דאָ ביטאַ קיין צוואוקס פון ענערגיע, נאָר פון פּאָטענציע־לער ענערגיע ווערט קינעטישע ענערגיע. פונקט אַזוי איז, ווייזט אויס, איינגעאָרדענט, אַז ווען די חושים שטעלען אונז צו באַוואוסטזיין זאָל פון דער קינעטישער ענערגיע ווערען פּאָטענציעלע ענערגיע.

ווי אַזוי קען דאָס אַלץ ווערען דורך אַ באַפעל אָדער דורך אַן איינאָרד־נונג? די דאָזיגע פראַגע האָט שוין ניט צו טאָן מיט דעם אַרגומענט פון קאָנסערוואַציע פון ענערגיע, נאָר מיט דעם לאָגישען אַרגומענט, וועלכער שטיצט זיך אויף דער הנחה, אַז אַ פיזישע זאַך קען באַווירקען אָדער באַווירקט ווערען, נאָר דורך אַ פיזישער באַרירונג. דער דאָזיגער אַרגומענט

איז דאָ אַרויסגעשטעלט געוואָרען אַלס דער זעקסטער טעם, פאַר וואָס אינטעראַקציע איז אָבגעוואָרפען געוואָרען, און ער ווערט אָבגעשלאָגען דורך דעם וואָס איז דאָ באַוויזען געוואָרען, אַז די הנחה אויף וועלכער ער שטיצט זיך איז ניט מער ווי אַ פאַלשער פאַראורטייל, אַז באמת ווערט די דאָזיגע הנחה אָבגעלייקענט אין יעדען מאָמענט וואָס מיר זעהען ווי זאַכען פאַלען צו דער ערד אָדער ווי פאָזיטיווע און נעגאַטיווע עלעמענטען זוכען זיך צו פאַראייניגען.*

און פונקט אַזוי איז דער לעצטער טעם געגען אינטעראַקציע נישט מער ווי אַ פאָראורטייל אָדער אַן איינרעדעניש, מען האָט זיך איינגערעדט, אַז לויט אינטעראַקציע דאַרף דער קערפער גאָר ניט טאָן בשעת דער געדאַנק דענקט — אָבער פונוואַנעט ווייס מען אַזוי גענוי ווי אינטעראַקציע דאַרף אַרבעטען? פונוואַנעט ווייס מען, אַז דער געדאַנק דאַרף ניט באַנוצען דעם מאַרך בשעת ער דענקט — אָט לאָמיר זאָגען אויף דעם שטייגער ווי אַ טייפּיסט באַנוצט אַ טייפּרייטער אָדער ווי איינער וואָס חשבונ׳ט, באַנוצט אַ קאָאונטער.

פאַרשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע פאַרגלייכונגען האָבען אַ קנאַפּען ווערט, מחמת זיי זיינען ווי השערות וואָס אַ בלינדער קען זיך מאַכען איבער דער נאַטור פון קאָלירען. אָבער פונקט אַזאַ קנאַפּען ווערט האָבען די אַלע חשבונות איבער די אופנים און באַדינגונגען אין וועלכע קערפער און באַוואוסטזיין זאָלען קענען אָדער ניט קענען מיטאַרבעטען — חשבונות פון וועלכע עס פאָלגען די לעצטע אַרגומענטען געגען אינטעראַקציע. נאָך אַלעמען באַזיצען מיר דאָך ניט אַ פולשטענדיגע וויסענשאַפט אַפילו וועגען דער נאַטור פון קערפער און אַ פשיטא שוין וועגען דער נאַטור פון באַוואוסטזיין — טאָ ווי אַזוי זאָלען מיר זיין אומשטאַנד אויסצו׳חשבונ׳ען אין פאָראויס אַלץ, וואָס די דאָזיגע זאַכען קענען טאָן און וואָס זיי קענען ניט טאָן?

ט.

דאָ וועלען מיר נאָך דערמאָנען איין וויכטיגען חילוק צווישען אינטעראַקציע און די אַנדערע טעאָריעס איבער די באַציהונגען צווישען קערפער און באַוואוסטזיין — אַ חילוק, וועלכער פירט אונז צוריק צו דער פּראָבלעמע פון דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם, וועלכע האָט פאַרנומען אַ חשוב׳ען פּלאַץ אין דער דאָזיגער אָבהאַנדלונג, צוליב דעם וואָס פרייהייט פון ווילען

* גראַוויטעט נויטיגט זיך ניט אין אַ הנחה פון אַן אומבאַמערקטען פיזישען עטהער וועלכעס זאָל פאַרבינדען אַלע זאַכען; און אַזאַ הנחה קען דאָ אויך וועניג וואָס העלפען, ווייל יעדע ממשות אינצווישען דאַרף גאָר פאָרשטעלען אַ הפסקה גיכער ווי אַ פאַרבינדונג — פאַקטיש פאַלט דאָך אַ זאַך גיכער צו דער ערד ווען צווישען איז דאָ וואָס וועניגער ממשות.

פאַרנעמט אַזאַ חשוב'ען פּלאַץ אין אונזער אמונה. נאָר איידער דער דאָזיגער חילוק ווערט אַרויסגעבראַכט, איז נויטיג צו מאַכען פאָלגענדע באַמערקונג.

איך גלויב, אַז עס וועט זיין איבעריג צו באַווייזען דעם פאַקט, אַז די פּראָבלעמע פון דעטערמיניזם און אינדעטערמיניזם רירט אָן נאָר אונזער ווילען, ד"ה אַז אַפילו אינדעטערמיניסטען זיינען מודה, אַז אונזער קערפּער איז אונטערוואָרפען באַשטימטע מעכאַנישע געזעצען (נישט מער, וואָס לויט אינטעראַקציע ווערט אויך אונזער ווילען אַריינגענומען אַלס פאַקטאָר פון מעכאַניק). אַפילו מען זאָל מסכים זיין מיט די, וואָס זאָגען, אַז די האַנד־לונגען פון די באַזונדערע עלעקטראָנען זיינען קאַפּריזנע, אַז אָהן אַ פּאָר וואָס קענען זיי אָנפאַנגען אַרומשטיפּען און שפּרינגען פון איין קרייז אין אַן אַנ־דערען, וועט מען אָבער אַלץ מוזען צוגעבען, אַז די דאָזיגע קאַפּריזנעקייט געהט ניט אַזוי וויט, אַז עס זאָל קענען אַראָבפירען פון געזעצליכען דרך הישר אויך די גרעסערע קערפּערס, מיט וועלכע מיר מענשען האָבען צו טאָן אין דער ערפאַרונג. דאָס מוזען מיר אָננעמען שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אַנדערש וואָלט אַ פיזישע וויסענשאַפט באַדאַרפט זיין אוממעגליך.

פון דעם פאָלגט ממילא, אַז די, וואָס האַלטען דאָס אונזער באַוואוסטזיין, און ממילא אויך אונזער ווילען, קען קיין זאַך ניט פאַראורזאַכען און אַלץ וואָס מיר טוען פאָלגט בלויז פון אונזער קערפּער, מוזען ממילא אויך אָב וואַרפען אין פאַראויס יעדע מעגליכקייט פון אינדעטערמיניזם. די וואָס נעמען אָן עפּיפענאָמענאַליזם, צי אין זיין ערשטען נוסח, צי אין זיין צווייטען, מוזען שוין ממילא אויך אָננעמען דעטערמיניזם.

דאָס זעלבע איז מיט די פּאַראַלעליסטען פון אַלע שאַטירונגען: אויב די צוויי קייטען פון אורזאַכען און עפעקטען, די פון באַוואוסטזיין און די פון קערפּער, געהען זיך אָן פּאַראַלעל אַזוי, אַז קיין איינע אונטערברעכט ניט אויף קיין איין פונקט דער אַנדערער, מוז דאָך די קערפּערליכע קייט אָנ־געהן בלויז אַזוי, ווי עס דאַרף אָנגעהן קערפּערליך, ד"ה בלויז לויט די מעכאַנישע געזעצען און בלויז דעטערמיניסטיש; און אויב די קייט פון אורזאַכען און עפעקטען אין באַוואוסטזיין געהט כסדר פּאַראַלעל צו דער קערפּערליכער קייט, אַזוי, אַז צו יעדען עפעקט אין דער צווייטער קאָרעס־פּאָנדירט אַן עפעקט אין דער ערשטער, מוזען דאָך ממילא די עפעקטען אין דער ערשטער זיין פונקט אַזוי דעטערמינירט ווי אין דער צווייטער.

אַזוי קומט אויס, אַז אינטעראַקציע איז די איינציגע טעאָריע, וואָס לאָזט צו דער מעגליכקייט פון אַ פרייען ווילען. און היות ווי אונזער אמונה איז דאָך פאַר פרייהייט פון ווילען, מוז דערפאַר אין אונזער אמונה אָנגענומען ווערען די טעאָריע פון אינטעראַקציע.

די באַציאונגען צווישען אונזער קערפּער און אונזער געדאַנק

י.

אינטעראַקציע נעמט אַריין צוויי אַקטיוויטעטען: איין אַקטיוויטעט דורך וועלכער אַ באַוועגונג אין קערפּער שאַפט באַוואוסטזיין און אַ צווייטע אַק־טיוויטעט דורך וועלכער באַוואוסטזיין שאַפט אַ באַוועגונג אין קערפּער. זיינען די דאָזיגע צוויי אַקטיוויטעטען ניט גלייך סיי בנוגע דער חשיבות און סיי בנוגע דער קאָמפּליצירטקייט פון זייערע אויפטוהען — די ערשטע שטעלט פאָר אַ פיל גרעסערען אויפטו און זי איז אויך פיל קאָמפּליצירטער ווי די צווייטע.

קודם בנוגע דער חשיבות פון אויפטו: איז די צווייטע בלויז אַ טעטיג־קייט, אַ באַוועגען דעם קערפּער, אָדער, ווי עס איז אין דער דאָזיגער אָבהאַנד־לונג אויסגעטייטשט געוואָרען, אַ באַפעל צום קערפּער, ער זאָל זיך אויף אַזאַ און אַזאַ אַרט באַוועגען. דאַגעגען, דאָס ערשטע שטעלט פאָר אַ שאַפונג פון אַ נייעם וועזען, אַ שאַפונג פון אַ יש מאַין.

דאַן בנוגע קאָמפּליצירטקייט: איז די צווייטע אַקטיוויטעט אַן איינפאַכע טעטיגקייט, אַ טעטיגקייט פון בלויז באַוועגונג. דאַגעגען, די ערשטע שטעלט פאָר מיט זיך אַ דערקענטעניש פון אַ שלל פון פאַרשיידענע אָביעקטען — אָביעקטען פון פאַרשיידענע חושים און אָביעקטען וואָס ווערען אויפגענומען פאַרשיידען דורך יעדען חוש; אָביעקטען פון קערפּער און באַוואוסטזיין, פון שכל און פון געפיהל, פון גוט און פון שלעכט, פון אמת און פון אי־לוזיע אד"ג.

דאָס איז נאָך ניט אַלץ. דער אָביעקט פון דער ערשטער אַקטיוויטעט איז אַפילו זעהר אָפט ווידערשפּרעכליך: די זעלבע זאַך רופט אַרויס ביי איינעם אַ פאַרקערטען געפיהל ווי ביי אַ צווייטען — דאָס וואָס איינער נעמט אויף אַלס גוט, נעמט אויף אַן אַנדערער אַלס שלעכט, וואָס פאַר איינעם איז אמת, איז פאַר אַן אַנדערען אַן אילוזיע. אַפילו דער זעלבער מענש קען אַמאָל אין איין צייט האָבען אַ פאַרקערטע מיינונג, ווי ער האָט געהאַט אין אַן אַנדער צייט.

די ערשטע אַקטיוויטעט פון אינטעראַקציע פאָדערט דערפאַר אַ באַזונ־דער אַנאַליז און אַ באַזונדער אויספאָרשונג — עס דאַרף אַנאַליזירט ווערען דער אָביעקט פון דער דאָזיגער אַקטיוויטעט און עס דאַרף אויסגעפאָרשט ווערען דער גרונד פון זיין פאַרלעסליכקייט און ווי ווייט ער איז פאַרלעסליך, וואָס איז אמת און וואָס איז אילוזיע. דאָס אָבער וועט שוין מוזען וואַרטען אויף אַ ווייטערדיגע אַרבעט.

פון זעלבען מחבר

די אַלט גריכישע פילאָזאָפיע

מיט אַן הקדמה פון

דר. י. שאַצקי

1935

פרינציפען

אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג איבער די קוועלען פון וואונש און מהות פון וועזען, אין ליכט פון די מאָדערנע וויסענשאַפטען און פילאָזאָפיע, און באַלויכטען מיט מאמרי חז״ל

תש״ג — 1942